איטע טאוב



# איך געדענק

איטע טאוב

# איך געדענק

וואַלטור פּרעס

ניו־יאָרק, תשס"א–2001

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

# IKH GEDENK

by

EDA TAUB

Copyright © 2001

by EDA TAUB

VULTURE PRESS

VULTUREPRESS.YAHOO. COM

TEL: (212) 864-1789

Printed in Israel

נדפס בישראל

דפוס צור־אות, ירושלים, טל: 02-5389776

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

# סטידעניצע, מײַן קלײן, אָרעם שטעטעלע

דו גײסט מיר נאָך מײַן פּוסטריט, מאַנסט און פֿאָדערסט פֿון מיר:
דערלאָז נישט מײַן הײם פֿאַרגעסן ווערן. פֿאַרקריץ און פֿאַרצײכן. אויף דײַנע ערשטע טריט זענען טיף אײַנגעקאַרבט אין מיר. אין מיר וואַרצלט נאָך אַלץ דײַן אונטערגעהאַקטער שטאַם. דערלאָז נישט אונדז אַרײַנגע־שלײַדערט ווערן אין תּהום פֿון פֿאַרגעסנקײט. אויף דיר, אויף דיר אַלײן ליגט די אחריות.

# די שריפה

די ערשטע דערמאָנונג אין מײַן זכרון איז דער שאַלנדיקער: "פּאַזשאַר! פּאַזשאַר!!"

דאָס קול פון אונדזער פעטער מאָטל, אַרײַנשרײַענדיק אין אַ קוימען פון אַ סאַמאָוואַר, האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל:

"מאַנצבילן, כאַפּט עמערס, סתם כּלים! ברענגט וואַסער וואָס גיכער און וואָס מער! אונדזער בית־המדרש ברענט! איר ווײַבער נעמט אײַערע קינדער מיטן בעטגעוואַנט און גייט צום עסטער (דניעסטער) נאָענט צום וואַסער, און וואַרט ביז די שרפה וועט זיך אײַנשטילן".

אונדזער בית־המדרש איז פּלוצים אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ העליש פײַער. דאָס פײַער האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די דערבײַיקע שטיבער מיט די שטרויענע דעכער. די פלאַמען האָבן זיך געריסן צו די הימלען, פאַרטריבן דעם בין־השמשות, פאַרשפּרייטנדיק אַ צונטער רויט ליכט אויפן גאַנצן אָרום, אַפילו דער דניעסטער איז געוואָרן אַ צעפלאַמט, פליסנדיק פײַער.

"ווײַבער — האָט זיך דערהערט אויף ס'נײַ דאָס קלאָרע, שטאַרקע קול פון אונדזער פעטער מאָטל — רוקט זיך נישט צונויף אין איין שורה. נאָך יעדע 2–3 משפּחות לאָזט אַ ברייטע סטעזשקע פאַר די פײַער־לעשער! למען השם, פאַרשטעלט זיי נישט דעם וועג צום וואַסער. געדענקט, רוקט זיך פאַנאַנדער און שאַפט אַ ברייטן שטח צווישן אײַך און אײַערע שכנים!"

די מאַמע האָט אויף גיך אָפּגערוקט דאָס איבערבעט פון די שכנים, און מיט אַ שטײַפן טאָן, צו וועלבן מיר זענען נישט געווען

צוגעווינט, באַפוילן: קינדער, גייט שוין שלאָפן. איר דאַרפט זיך אַפילו נישט אויסטאָן. איר מעגט שלאָפן אין אָנטועכץ.

די לעצטע ווערטער זענען דווקא געווען ביי אונדז אָנגעלייגט. אויף דער שאלה פון איר פינעף־יאָריקן בכור: פאַרוואָס אַזוי פרי גיין שלאָפן, איז געקומען אַן ענטפער: אַלע קשיות וועלן פאַרענטפערט ווערן אין דער היים, אם ירצה ה׳. היינט טוען קינדער אַלץ וואָס די מאַמעס הייסן זיי טאָן, אָן שום רייד. זי האָט אונדז איינגעדעקט און באַפוילן פאַרמאַכן די אויגן און איינשלאָפן.

שלאָפן, אַז ס׳איז אַזוי שיין, דער גאַנצער ברעג איז באַלויכטן. דאָס פייער קנאַקט און טרעשטשעט. די פונקען פליען אַרום ווי פייער־פליגן. דאָס אינדזל אַקעגן אונדז איז צעצונדן רויט. די פייגל פליען הין און קריק און זיי טאַנצן אַ קאַראַהאָד. אַפילו דער עסטער איז אַ צעפלאַמטער, פייערדיקער פּלאַס.

מיר איז גוט. מיין ברודער וועמען איך האָב אַזוי ליב, ליגט לעבן מיר. דער אָרום איז צעשטראַלט און צעפינקלט. האַרט לעבן אונדז ציט זיך אַ קייט פון טאַטעס און ברידער וועלכע דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן די פולע עמערס וואַסער. וואָס קאָן זיין פריילעכער? וואָס קאָן זיין בעסער?

פאַרוואָס זשע קלאָגן אַזוי די ווייבער מיט אַזאַ יאָמערדיק געוויין, ברעכן די הענט, און די יללות טראָגן זיך ביז אין די הימלען? גיי פאַרשטיי דערוואַקסענע.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער מאַמעס בעט איז שוין געווען שפּעט אין טאָג. צווישן די דערוואַקסענע איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח. דעם זיידנס טענות זענען געווען: אַט איז יאַקאָוו אויך אַ גוי, נו, איז ער דען נישט געקומען צו לויפן פיל פון בויגן, באַלד ווי ער האָט דערהערט דעם גוואַלד, און געבראַכט מיט זיך דעם פערד־און־וואָגן און אַלע פינעף זין און געהאָלפן לעשן די שריפה גלייך מיט יעדן פון אונדז. נו, קינדער מיינע, וועט איר יאַקאָוון אויך באַצייכענען ווי אַ שונא ישראל?

מיין באָבע איז אָבער נישט פון די וואָס בלייבט שולדיק אַן

ענטפער. לויט איר איז אויסגעקומען אז די געציילטע פאר יאקאווס פארלענגערן דאס יידישע גלות. ניין, ניין, האט דער זיידע פראטעסטירט, נישט די יאקאווס נאר מיר אליין מיט אונדזערע מעשים פארלענגערן דאס גלות. יאקאוו איז א מענטש – א גוטער מענטש. ער פארדינט דרך־ארץ. איר הערט קינדער, דרך־ארץ פאר אים!

דער טאטע אונדזערער האט איינגעזען דעם זיידנס עגמת־נפש און זיך אפגערופן:

"שווער, מיר וועלן נאך רעדן וועגן דעם. איצט, אז די קינדער זענען שוין אויפגעשטאנען, דארף מען זיי געבן עסן און זיך אפגעבן מיט זיי א ביסל".

"גערעכט מענדל, מ'טאר זיך נישט צעפעסן וואס די סיבה זאל נישט זיין. כעס, קינדער מיינע, איז עבודה זרה".

איך ווייס אז דער זיידע איז גערעכט, כאטש איך ווייס נישט און פארשטיי נישט אין וואס ס'האנדלט זיך. אבער מיין טייערער זיידע איז תמיד גערעכט. אז ער גיט א קוק אויף מיר ווערט מיר אזוי ווארעם. ווען ער טוליעט מיך צו צו זיך איז מיר אזוי גוט אז ס'ווילט זיך מיר אזש וויינען. ווי זשע קען ער זיין נישט גערעכט?

"שווער, קומט, זייט מוחל, זיך וואשן און נעמען עפעס אין מויל אריין", זאגט מיין טאטע.

איך האב זיך באלד ארויפגעבאפט אויפן זיידנס שויס, מיין ברודער לעבן אים. אבער עסן האט קיינער נישט געקענט. דער רויך איז געהאנגען איבערן שטעטל ווי א שווערע שווארצע כמארע. ס'האט נעגראבלט, געריסן אין האלדז און געברענט די אויגן.

"מיר וועלן מירצעשעם דאס אויך איבערקומען", האט דער זיידע געזאגט, "א דאנק ה' יתברך, וואס מיר זענען אלע ניצול געווארן. די הייליקייט איז געראטעוועט געווארן. לייזער דער פארבער איז אריינגעשפרונגען אין די פלאמען און ארויסגעבראכט אונטער זיין ברענענדיקן בגד די רייניקייט, א גאנצע, אן א פגימה. א לויב דיר רבונו דעלמא פאר דיין חסד. ער, לייזער, זאל לעבן,

איז נעבעך זייער צעברענט און ליידט שווערע יסורים. אבער ער באקלאגט זיך נישט. אדרבא. ער דאנקט דעם השי"ת פאר געבן אים די זכיה דורכצופירן די הייליקע שליחות. קינדער מיר דארפן אלע בעטן גאט פאר אים, בעטן א רפואה שלימה. ער האט עס כשר פארדינט. מיר דארפן אלע בענטשן גומל".

און אזוי ווי מ'זיצט און מע רעדט עפענט זיך די טיר און ס'באווייזט זיך יאקאוו וואסילס.

"ווי קומסטו, יאקאוו, אהער? כ'האב דיך דאך אליין ארויסבאגלייט אהיים", האט דער זיידע געפרעגט מיט שטוינונג.

"כ'האב זיך געכאפט אז כ'האב דיר נישט געזאגט, מאשקע, אז ווען איר וועט זיך נעמען צוריק אויפבויען אייער סינאגאגע, זאלט איר מיר לאזן וויסן, וועל איך קומען מיט מיינע בנים אייך העלפן. איר וועט זיין צופרידן. האט קיין מורא נישט. זיי קענען די מלאכה".

דער זיידע האט געוואלט עפעס זאגן און ס'האט זיך גארנישט באקומען. יאקאוו האט באלד געפסקנט אז דער רויך האט געשטיקט דעם ייִדן אין האלדז. דערפאר איז אים שווער צו רעדן. געזאגט האט ער:

"דאס איז טאקע די הויפט סיבה, מאשקא, פארוואס איך האב זיך אומגעקערט פון וועג. ביסט, מאשקא, א דוכאוויטשנער (אסטמאטישער). דער רויך איז פאר דיר זייער שעדלעך און אויך פאר די קינדער. האב איך זיך געכאפט אז ס'וואלט געווען בדאי אז איר זאלט זיך ארויפכאפן אויף דער פור און איבערווארטן ביי מיר ביז דער רויך וועט זיך אויפהייבן. צוליב די בערג וואס רינגלען ארום אייער שטעטל קען דער רויך געדויערן א יאר מיט א מיטוואך, און דו, מאשקא, טארסט נישט זיין דא".

דעם ייִדן האט געשטיקט דער "רויך", האט ער אן רייד ארומגעכאפט יאקאוון און אים צוגעטוליעט שטארק צו זיך. און טרערן האבן זיך אראפגעקײקלט פון יאקאווס פלייצעס. מיט א מאל האבן אלע זיך צעהוסט און דער "רויך" האט אלעמען גענומען שטיקן. אבער מער האט מען יאקאוון מיט שונא ישראל נישט באטיטלט.

# די שאַרפֿע נעגל

יעדן פֿרייטיק־צונאַכטס פֿלעגן מיר קינדער אַרויסקוקן מיט גרויס דערוואַרטונג אויף אונדזער זיידן משה וואַלפֿס קומען.

מיטן זיידנס קומען האָבן זיך אַפֿילו די שבת־ליכט דערפֿרייט. זיך העלער צעפֿלאַקערט. ס׳איז ליכטיקער און פֿרײלעכער געוואָרן אין יעדן ווינקעלע.

מיר, מײַן פֿינעף יאָריקער ברודער, אַרקע, און איך האָבן גענומען פֿאַדיען אַרום זיידן. ציט אַרקע אַראָפּ אַ פּוסט (אַ וואַלינקע) פֿון איין פֿוס דעם זיידנס, כאַפּ איך זיך שלעפּן דעם צווייטן. בעט זיך דער זיידע – ״קינדערלעך, שטייענדיק קאָן מען נישט אויסטאָן ביידע פֿיס אויף אַ מאָל. כ׳וועל זיך אַנידערזעצן וועט איר מיך קאָנען העלפֿן״.

דאָס שלעפּן די פּוסטן פֿון זיידנס פֿיס איז באַגלייט געוואָרן מיט פֿריידיקע געשרייען, מיט גרויס התלהבות. פֿאַרענדיקט די עבודה האָט דער ברודער מײַנער מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן דעם זיידנס האַנט און גענומען אים ציען צו זיך. נו, אַזאַ זאַך פֿאַרשווײַגט זיך נישט אַזוי גרינג. האָב איך אָנגעכאַפּט דעם זיידנס צווייטע האַנט און מיטן גאַנצן כּוח פֿון מײַנע דרײַ מיט אַ האַלב יאָר, געצויגן און געשלעפּט דעם זיידן אויף מײַן זײַט.

ס׳האָט זיך באַקומען אַן אמתע הוילדלקע. מיר האָבן זיך געוויגט און געהוידעט הין און קריק, הין און קריק, מיט געפּילדער, מיט געלעכטער, ס׳איז געווען ששון ושמחה. מיט אַ מאָל האָט מײַן ברודער אַרויסגעצויגן זײַן האַנט פֿון זיידנס און אַ פֿאַרכמאַרעטער מיט אַ וויינענדיק קול אַרויסגעבליפּעט:

״זיידע, דו העלפֿסט דעם פּיצווייניק״. פּיצווייניק איז מײַן ברודערס

צונאָמען פֿאַר מיר. ווען איך דערהער דאָס וואָרט ווער איך ווילד און איך בין גרייט דורס צו זײַן.

"כ'האָב אַליין געזען ווי דו האָסט זיך געבויגן צו איר און געצויגן אין איר זײַט אַרײַן", זאָגט מײַן ברודער.

דערהערט דאָס ביטערע וואָרט פּיצווינִיק, געפּאַרט נאָך מיטן בלבול, אַז נישט איך האָב אויסגעהאַלטן דעם הוידלקע־עקזאַמען נאָר דעם זיידנס זכות איז מיר גאָר בײַגעשטאַנען, בין איך געוואָרן צעחושט ווי אַ צעווילדעוועטע קאַץ, אַ שפּרונג געטאָן אויף מײַן ברודער און מיט אַלע עשׂרת־הנעגל זיך אײַנגעגראָבן אין זײַן פּנים. די ווייטיקדיקע געשרייען פֿון מײַן ברודער האָבן באַלד אַרײַנגע־בראַכט אונדזער צעשראָקענער מאַמען מיט אַ — "וואָס איז געשען?"

דערזעענדיק איר בן־יחיד צעגראַבלט פּנים, איז זי אַרויס און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ נאַסן האַנטעך. דער זיידע האָט געהאַלטן דעם שרײַענדיקן אָרקען בײַ די הענט און די מאַמע האָט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צוגעלייגט דעם האַנטעך צו אָרקעס צעווייטיקטן פּנים.

"כאַטש נעם און שנײַד איר אָפּ די נעגל מיט די פֿינגער", האָט די מאַמע געזאָגט מיט צער, "די נעגל אַליין, וועט נישט העלפֿן".

ביידע, סײַ די מאַמע און סײַ דער זיידע זענען געוואָרן טרויד מיט אָרקען. איך בין געשטאַנען אַ צעשראָקענע, אַ פֿאַרלאָזענע, געזוכט מיט געבעט דער מאַמעס אויגן, אָבער איר בליק איז געווען אַ ברוגזער. איר צעשאָקלטער, צעטרייסלטער "נו, נו, נו" פֿינגער, האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט ווי אַ שאַרפֿע שווערד. כ'האָב געוואָלט וויינען. אין מיר האָט זיך געקנאַלט דאָס געוויין, געריסן זיך צום האַלדז אָבער נישט געקענט אַרויס. נאָר איין שאַרפֿן געשריי געטאָן און ווייטער זיך געשטיקט און זיך געוואָרגן אָן אַ קול.

דער זיידע איז צוגעלאָפֿן, מיך אויפֿגעהויבן, געגלעט און געטרייסט מיך. ערשט בײַם זיידן אויף די הענט האָט זיך דאָס שטיקעניש אַ שפּאַר געטאָן און איך בין זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ יאָמערדיק געוויין. די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן:

"ס'קומט נאך איר ארויס".

דער זיידע האט מיט א הויכן שטרענגן קוק א זאג געטאן:

"גענוג טאכטער מיינע! גענוג שוין!" און אויף גויש צוגעגעבן עפעס. די מאמע האט אויף מיר א קוק געטאן:

"נו, גענונג וויינען".

איך האב בשום אופן נישט געקאנט זיך איינשטילן און אויפהערן וויינען. ס'האט זיך געוויינט און געבליפעט.

דער זיידע האט מיר אנגעוויזן אז קליינע קינדער פארשטייען נאך נישט אז מ'קאן אזוי ווי טאן:

"אבער איצט, כאטש ביסט נאך א קליינינקע, ווייסטו דאך שוין אבער יא, ווערסטו דאך זיכער שוין מער דאס נישט טאן. אז דו ווערסט זאגן דיין ברודער אז דו האסט חרטה און בעטן ער זאל דיר מוחל זיין, וועט ער דיר זיכער מוחל זיין".

כ'האב אויסגעהערט דעם זיידן אבער אויפהערן וויינען האב איך נישט געקאנט.

"איז וואס ווינסטו נאך אלץ? דו ווילסט עפעס?"

"יא", האב איך ארויסגערעדט.

"זאג, וואס ווילסטו?"

"איך וויל אז ארקע זאל מיר צעגראבלען דאס פנים. און איך וויל אז די מאמע זאל מיר אפשניידן די נעגל מיט די פינגער". האב איך מיט דער באגלייטונג פון א כליפעריי ארויסגעשטאמלט. דא האט זיך שוין די מאמע צעוויינט און א מורמל געטאן:

"מיר זאל זיין פאר דיר מיין טייער קינר".

דער זיידע האט זיך פארהוסט. אויף מיין פנים האב איך דערפילט צוויי טרערן פון זיידנס אויגן.

# אַ פֿאַרשטערטער פּסח

ס׳איז שוין צוויי וואָכן פאַר פּסח. ס׳שמעקט מיט פרילינג. דער עסטער, וואָס איז ביז איצט געלעגן אין טיפן גליוועך, הייבט זיך שוין אָן רירן, וועקן זיך פונם ווינטערדיקן, אייזיקן שלאָף. דער שניי אויף די שטרויענע און שינדלענע דעכער טאַיעט, צעגייט זיך. פון די ליכטלעך וועלכע הענגען מיט די קנויטן אַראָפּ הערט זיך אַ ריטמיש קאַפּען. אַט, אַט קומט שוין דער פּסח. אַט, אַט קומט שוין דער פּסח. די פאַרפרוירענע רידעס גייען אָפּ, די בלאָטעס ציען זיך איין, און ס׳הייבן זיך אָן באַווייזן סטעזשקעס אויף וועלכע ס׳איז אַזוי גוט אַרומצולויפן באָרוועס אויף דער ווייכער ערד. זאָל נאָר די מאַמע נישט שטערן מיטן, ״ווערסט זיך פאַרקילן. ס׳איז נאָך צו פרי אַרומצושפּרינגען אַ באָרוועסע אויף דער קאַלטע ערד״.

אַט שפּרינגען אַרום די ערשט געבוירענע ציגעלעך, באָרוועסע. זייערע מאַמעס שטערן זיי נישט און זיי פאַרקילן זיך נישט. פאַרוואָס זשע זאָל אונדזער מאַמע אונדז נישט לאָזן? פאַרוואָס?!

פאַרקילט האָט זיך דווקא די מאַמע אונדזערע. זי האָט צעהאַנגען אויף שטריק די קליידער, דאָס בעטגעוואַנט, צום לופטערן לכבוד יום־טוב. ווי ס׳טרעפט אַ מאָל אין דער צייט ווען דער פרילינג האָט זיך נאָך נישט איינגעבירגערט, כאַפּט פלוצים אַ פרעסטל מיט אַ ווינטל דערצו און זיי ביידע האָבן פאַרקילט דער שיינער זיבן און צוואָנציק יאָריקער מאַמען אונדזערער.

די קופּע ליים וועלכע ליגט פאַר דער פריזבע האָט געזאָלט דינען אויסצוטינקעווען די שטוב פאַרן אויסקאַלכן זי לכבוד יום־טוב. ליגט אָבער די מאַמע אַ פאַרטראַגענע, אַ פיבערדיקע. האָט זיך דער ערב יום־טוב איינגאַנצן אָפּגעטאָן פון אונדזער שטוב. מ׳האָט נישט

געקאלכט, נישט געגליט, נישט געבשרט קיין כּלים. דער חמץ איז געבליבן ליגן. אַ טיפער אומעט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ געדיכטע כמאַרע אויף אונדזער הויזגעזינד.

דער טאַטע האָט זיך אַ בייג געטאָן צום זיידן וועלכער איז געשטאַנען אַן איינגעבראָכענער און געזאָגט תּהילים.

"שווער, נעמט, זייט מוחל, די קאָמפּרעסן. זיי מוזן געלייגט ווערן אויף אָן אָפּ אָן אָן איבעררייס. און איר, שוויגער, וואָלט געדאַרפט צוגרייטן עפּעס עסן פֿאַר די קינדער. זיי מוזן שוין זיין פֿאַרשמאַכט".

"געררעכט", האָט די באָבע געענטפֿערט און זיך גענומען פֿאַרען אין קיך.

"דו אַרקע", האָט דער טאַטע זיך געוואַנדן צו זיין זיבן יאָריקן זון, "דו דאַרפֿסט אַכטונג געבן ס'זאָל נישט אויסגיין דאָס אייז. איידער ס'גייט אויס, דאַרפֿסטו צולויפֿן צו יאַנקל טערעמעצער, ער האָט צוגעזאָגט צו געבן אייז פֿון זיין לודאָוונע וויפֿל מע וועט דאַרפֿן. און דו, טאָכטער", האָט ער געזאָגט צו מיר, "נאָכן אָפּעסן גיי אַריין צו פֿערלען וועסטו זיך דאָרט שפּילן מיט די קינדער. איך פֿאָר קיין אישיצע נאָך אַ דאָקטער", האָט ער אַ זאָג געטאָן צום זיידן.

"אין אַ גוטער שעה", האָט זיך פֿון זיידן אַרויסגעריסן אַ הויך קול.

"אויב איך פֿאַרשפּעטיק זיך, זאָלט איר נישט איבערטראַכטן". דער טאַטע האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין פּידזשאַק, אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַרויס פֿון שטוב.

"מיטן רעכטן פֿוס", האָט די באָבע אים נאָכגעשריגן.

מיטן טאַטנס אַוועקגיין האָט זיך די שטוב אַ שאָקל געטאָן. מיטן טאַטן האָבן מיר זיך געפֿילט שטאַרקער און זיכערער.

די מאַמע ליגט אַ פֿאַרטייעטע און אָטעמט שווער. דער באָבעס "מיר זאָל זיין פֿאַר דיר", באַגלייט איר יעדן אָטעם. אַרקע איז אַוועק נאָך אייז. דער זיידע איז טרוד מיט די קאָמפּרעסן און מיטן תּהילים זאָגן. נאָר איך טו גאָרנישט, און פֿיל זיך זייער פֿאַרלאָזן. כ'וויל וויינען און קען נישט.

״אסתר״, האט דער זיידע א רוף געטאן, ״בעט, זיי מוחל, אויס די סאפע, אין גרויסן חדר, ס׳איז דארט לופטיקער און קילער״. אליין האט ער פאמעלעך אויפגעהויבן דער מאמען און געטראגן זי ווי א ספר־תורה און פאוואליטשקע זי אוועקגעלייגט אויפן פריש אויסגעבעטן געלעגער. ער האט צוגעלייגט דעם קאלטן קאמפרעס צו דער מאמענס שטערן, און מיט ׳משנה מקום – משנה מזל, משנה מקום – משנה מזל׳, געזאגט: ״רבונו של עולם, זיי זיך מרחם אויף אונדז אין זכות פון די קליינע קינדער אירע. שיק איר א רפואה שלמה. איך שענק איר אוועק מיינע יארן, אלע מיינע יארן. האב רחמנות אויף אונדז. נעם מיינע יארן און פארלענגער איר יונג לעבן״. ער האט זיך פארדעקט דאס פנים מיט ביידע הענט, אנגעשפארט זיין קאפ אין דער מאמען, און זיך פארגאנגען אין א ביטער געוויין.

די באבע האט מיך א נעם געטאן ביי דער האנט און געזאגט: ״קום״.

זי איז געלאפן און מיך געצויגן נאך זיך אין בית־המדרש. דארט זענען געווען עטלעכע יידן. האט זי געזאגט צו זיי:

״יידן, העלפט ראטעווען מיין קינד! זאגט תהילים. בעט גאט פאר איר״.

זי אליין איז צו צום ארון קודש, צעפראלט די טירן און אריינגעיאמערט:

״דערבארעם זיך גאטעניו, אויף מיין ארעם קינד. זי איז דאך א כשרה נשמה. א מאמע פון קליינע קינדער״.

ס׳האט זיך דערהערט א קול:

״אסתר, גאט איז מיט אייך! וואס טוט איר? מע טאר נישט״. דער ייד איז צו צום ארון קודש, פארמאכט די טירלעך און אויפגעהויבן זיין קאפ ארויף: ״זייט איר מוחל, רבונו של עולם. נישט זי נאר איר צעווייטיקט הארץ האט דאס געטאן״. צו דער באבען האט דער ייד א זאג געטאן: ״אסתר לעבן, גייט אהיים. איר זעט דאך אז דאס קינד איז צעשראקן. ס׳איז א רחמנות אויף איר. מיר

שטעלן זיך שוין, טאקע שוין, זאָגן תהילים. בעטן גאָט ער זאָל שיקן ברכהן אַ רפואה שלמה. גייט, גייט, אסתר, געזונטערהייט".

די באָבע האָט זיך געלאָזט גיין אָבער באַלד זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אָרון קודש און אַרויסגעקרעכצט:

"גאָטעניו, דערבאַרעמדיקער פאָטער, מוזטו נעמען עמעצן פון מײַניקע, נעם מיך, טאַטע זיסער, מיך. לאָז זי זײַן אַ מוטער צו אירע קינדער. זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג".

אין דרויסן, בײַם בית־המדרש, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אַ רעדל ווײַבער.

"איר זעט, אסתר. אַלע, דאָס גאַנצע שטעטל, בעט גאָט פאַר אײַך", האָט כּייצע, אונדזער שכנה, אַ זאָג געטאָן.

"אוי, בײַטצעניו טײַערע, ס'איז נישט גוט. ס'איז נישט גוט. זי איז אַ חולה מסוכּן. מײַן טאָכטער איז זייער שלאַף", האָט די באָבע געזאָגט.

"מע טאָר זיך נישט מייאש זײַן", האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דער רביצין, "אָט, גייען מיר אַלע אויפן בית־עולם. מיר וועלן רײַסן קבֿרים. מיר וועלן בעטן און מירטשעם אויסבעטן אַ רפואה שלמה פאַר איר".

"איך נעם איטען אַהיים צו זיך. זי וועט זיך שפּילן מיט מײַנע קינדער", האָט רײַצע אַ זאָג געטאָן, "איר גייט דערווײַל און איך וועל אײַך אָניאָגן".

די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם זעצן זיך ווען איך בין אַנטלאָפן אַהיים, זיך אָנגעטראָפן מיט מײַן פאַרווײנטער, הייזעריקער באָבען אויפן וועג. בײַ אונדזער שטוב איז געשטאַנען אַ געשפּאַן, אַ בריטשקע מיט צוויי פאַרסאָפּעטע, פאַרשוויצטע פערד.

"ס'איז דער דאָקטער", האָט די באָבע אויסגערופן מיט פרייד. "זאָל ער זײַן דער גוטער שליח, טאַטע זיסער". מיך האָט די באָבע אַ נעם געטאָן בײַ דער האַנט און מיר זענען אַרײַן אין שטוב. דער דאָקטער האָט זיך מטפּל געווען מיט דער מאַמען און גלײַכצײַטיק געגעבן אינסטרוקציעס דעם טאַטן:

"איר היץ איז זייער הויך. מיר דאַרפֿן אײַז־געקילטע לײַלעכער", האָט דער דאָקטער געזאָגט.

דער טאַטע האָט אַ רוף געטאָן:

"שוויגער, ברענגט, זײַט מוחל, לײַלעכער". ער אַליין איז אַרויס פֿון שטוב און זיך באַלד אומגעקערט מיט אַ באַליע. איבערגעקערט דעם עמער אײַז אין באַליע מיט די לײַלעכער און מיטן דאָקטערס הילף אײַנגעוויקלט דער מאַמען.

"זי באַדאַרף פֿרישע לופֿט. קיינער, חוץ די וועלכע באַדינען דעם חולה, זאָל זיך אין דעם חדר נישט געפֿונען. אַלע צוואַנציק מינוט דאַרפֿן די לײַלעכער געביטן ווערן", האָט דער דאָקטער געזאָגט.

דער טאַטע האָט אַ ווונק געטאָן צו אַרקען:

"אײַז, אַרקעלע".

פֿייל פֿון בויגן האָט מײַן ברודער אַ כאַפּ געטאָן דעם עמער און אַרויס פֿון שטוב. דער דאָקטער האָט געזאָגט:

דעם פּראַשעק זאָל מען איר אײַנגעבן אַלע פֿיר שעה. צוויי מענטשן וועלן זיך דאַרפֿן אָפּגעבן מיט איר. איינער וועט עס נישט קאָנען באַוויזן. באַנעצט אירע ליפּן מיט אײַז. וואַסער — אַלע מינוט. אַזוי גיך ווי די היץ פֿאַלט אַראָפּ צו דעם ציפֿער (ער האָט אָנגעוויזן אויפֿן טערמאָמעטער) זאָלט איר אָפּשטעלן די גאַנצע באַהאַנדלונג. און אויב פֿאַרקערט, זי גוט אײַנדעקן און איר העלפֿן טרינקען צו ביסלעך וואַרעמען טיי. איך מוז זיך שוין אומקערן ווײַל אויך אין דער היים וואַרט אויף מיר אַ חולה מסוכן". דער דאָקטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויס פֿון שטוב.

אין שטוב איז שטיל. ס'הערט זיך נאָר דער מאַמעס שווערער אָטעם און דער שטילער ניגון פֿון קיך, וואָס באַגלייט דעם זיידנס תּהילים זאָגן. דער טאַטע, די באָבע, זענען פֿאַרנומען מיט די לײַלעך־קאָמפּרעסן. אַרקע שטייט אַ געטרײַער, וואַרט אויף אַ צייכן אויסצופֿירן זײַן אײַז־שליחות. נאָר איך שטיי אַ מידע און טו גאָרנישט. דער שלאָף מאַטערט מיך. ווי נאָר איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפֿע בין איך באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

אויפגעוועקט האָט מיך דער טאַטע שוין פֿון מײַן אייגענעם געלעגער מיט אַ:

"שטייט אויף קינדער, שטייט אויף, די מאַמע וויל אײַך זען".

ס'איז נאָך שטאַרק פֿינצטער. ס'הייבט ערשט קוים אָן שאַרייען אויף טאָג. איך רײַב די אויגן. דער טאַטע נעמט מיך בײַ דער האַנט:

"קום טאָכטער".

אָרקע גייט מיט. אין חדר וווּ די מאַמע ליגט האָבן מיר שוין געטראָפֿן די מומע שפּרינצע מיט אונדזער אַכט־חדשימדיק ברודערל, יאַנקעלע, אַ שלאָפֿנדיקן אויף איר אַקסל, און אונדזער דרײַ־יאָריק צעשראָקן שוועסטערל, מייקעלע, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער מומעס שאַל. דער טאַטע האָט גענומען וועקן דאָס קינד און זיך אַ קער געטאָן צום זיידן:

"אַ יאָ, שווער, איר האָט אויך געהערט ווי זי האָט געזאָגט: 'די קינדער. די קינדער'?"

"יאָ מענדל, זי זאָל אַזוי דערלעבן צו הערן דעם שופֿר של משיח ווי איך האָב זי געהערט דאָס זאָגן".

דאָס קינד האָט זיך אויפֿגעוועקט וויינענדיק און שרײַענדיק, אָבער ווי נאָר אָרקע האָט גענומען רעדן צו אים, האָט ער זיך אײַנגעשטילט און אַ צעשמייכלטער זיך אַ לאָז געטאָן צו אים אויף די הענט. מיר שטייען שוין אַלע אַרום דער מאַמען. דער טאַטע טאָרעט זי:

"ברכה, דו ווילסט דאָך זען די קינדער. אָט זענען זיי אַלע דאָ לעבן דיר".

די מאַמע האָט מיט שוועריקייט אויפֿגעעפֿנט די אויגן. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר בלייך פּנים. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז. איר בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן קינד און זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט: 'אוצר מײַנער', און אירע אויגן האָבן זיך צוריק פֿאַרמאַכט.

דרײַ טעג האָט די משפּחה זיך געוויגט צווישן האָפֿענונג און ייאוש. דעם טאָג פֿון ערב פּסח איז עס געשען. די גוואַלדן, געשרייען

האבן צונויפגעבראכט דאס גאנצע שטעטל. כאנציע האט מיך א נעם געטאן און געפירט צו זיך אהיים. מיר געגעבן עסן און איינעם מיט אירע קינדער. כ׳האב זיך געשפילט מיט זיי. געשלאפן אין איין בעט מיט זיי. כ׳האב אבער זייער שטארק געבענקט נאך מיין ברודער. אין דער פרי בין איך ארויס פון שטוב מיט א האלב איי אין דער האנט, מיט א שטיקל מצה אין דער אנדערער, וואס באנציע האט מיר געגעבן.

אויף דער פריזבע ביי אונדז איז געלעגן דאס ציגעלע וואס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געבוירן געווארן. דער מאמען אירער האט דער פאסטעך פארנומען אין פעלד ארײן אויף פאשע. ליגט עס א פאריתומטס און ווארעמט זיך אויף דער זון. איך האב עס גענומען אויף די הענט און זיך געווינגט מיט דעם. ס׳איז מיר געווארן זייער גוט. כ׳האב אפילו פארגעסן דאס בענקען נאך מײַן ברודער. ארויף אויף דער קופע ליים, זענען מיר ביידע געשפרונגען און געפרייט זיך. ביז די יידענעס זענען אנגעקומען, האבן זיך אפגעשטעלט, געקוקט אויף מיר און געשאקלט מיט די קעפ. איינע האט מיר א גלעט געטאן און גיוואגט צו דער צווייטער:

"זי וועט עס ערשט דערפילן שפעטער, זי איז נאך צו קליין".

זיי זענען ארײַן אין שטוב. פון שטוב האט זיך געטראגן א געיאמער. א יללה. כ׳האב גענומען דאס ציגעלע אויף די הענט, מיר האבן זיך אײַנגעטוליעט איינע אין דער אנדערע און זיך אנגעשפארט אין דער קופע ליים און געבליבן זיצן א לאנגע ווײַלע.

# מיַין זיידע יאָסל פּאַסמאַן

דער זיידע יאָסל האָט געהאַט צוויי פּאָר ברילן. איין פּאָר געוויינטלעכע, מיט גילדענע רעמלעך, די האָט ער כּסדר געטראָגן. די צווייטע פּאָר מיט אַ פּרעמד קלינגעוודיקן נאָמען ׳פּענסנע׳, פּלעגט דער זיידע אָנטאָן איבער די ערשטע. זיי האָבן שוין קיין רעמלעך ניט געהאַט. דערפֿאַר אָבער האָט פֿון זיי אַראָפּגעהאָנגען אַ שנירל וואָס פּלעגט זיך באַמבלען בעת ער האָט גערעדט, און ס׳האָט צוגעגעבן דעם זיידן אַ באַזונדערע חשיבֿות.

ווען דער זיידע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אונדז צו מיַין גרויסן פֿינעף־יאָריקן בורדער, און צו מיר, דער דריַי־יאָריקער, האָט ער געקוקט ״אויף אויסנווייניק״, אַריבער די ברעלן. דאָס שנירל האָט זיך נאָך מער צעשאָקלט, בעת דער זיידע האָט מיך אַ קניפּ געטאָן אין באַק, און איך האָב זיך דערפֿילט ווייער און זייער דערהויבן. דער זיידע איז געווען פֿון מיטעלן וווקס, אַ גליַיכער, שטאַלצער קאָפּ מיט געדיכטע האַלב־גרויע האָר, גרויסע, גרינע אויגן און אַ פּירקאַנטיקע באָרד. זיַין טראָט איז געווען אַ זיכערער, פֿון איינעם וואָס ווייסט געננוי וווהין ער גייט און ווייסט אַפֿילו פּינקטלעך ווען ער וועט אַהין אָנקומען.

דאָס שטעטל האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר יאָסל פּאַסמאַן. ער איז געווען דער איינציקער וועמען מען האָט גערופֿן מיטן פֿאַמיליע־נאָמען. בדרך כּלל איז געווען: משה אַליעס, מרדכי עזראס, יאַנקל שלמהס. אָבער דעם זיידן האָט מען געקענט ווי יאָסל פּאַסמאַן. (מ׳האָט אים אויך גערופֿן יאָסל משהלעס אָבער נאָר אינעם ענגן קריַיז). דער זיידע איז געווען דער איינציקער אין שטעטל וואָס אויף זיַין שריַיבפּאַפּיר איז געווען געשריבן מיט

אויסגעקריצטער רוסישער שריפט: יאָסיף מויסעיעוויטש פּאַסמאַן. מעסטעטשקאָ סטודעניצאַ. פּאָד. גובערניאַ.

אַהיימקומען פֿלעגט דער זיידע צוויי מאָל אַ יאָר, אויף פּסח און אויף יום־טובֿים. אַ וואָך פֿאַר זײַן קומען איז שוין די באָבע מיט דער הילף פֿון מאַמציעלע, די סאַרווערקע, געשטאַנען אין קיך צעפּלאַמט און געבאַקן די געשמאַקע קיכלעך, האָניק־לעקעך, שטראַדלען, קאַמישברויט, זיך געגרייט צום שבתדיקן קידוש און צו דער שבת־צונאַכטיקער מסיבה.

שבת אין דער פֿרי איז דער זיידע געקומען פֿון שיל מיט עטלעכע שיינע בעלי־בתּים אויף קידוש. אין שטוב האָט שוין געוואַרט אויף זיי אַ שיין געדעקטער טיש מיט משקה, צובייסן און כּאַנציעלעס באַרימטע, געשמאַקע קוגלען.

"אַ גוט שבת, בעל־הביתטע", האָבן די יידן באַגריסט דער באָבען נאָכן קושן די מזוזה.

"אַ גוט שבת, אַ גוט יאָר", האָט די באָבע געענטפֿערט און איז באַלד אַרײַן אין קיך צו דערלאַנגען נאָך און נאָך. דער זיידע האָט מכבד געווען יעדן איינעם מיט אַ לחיים. האָט געבאַפּט אַ שמועס וועגן עניני־דיומאַ, און געבעטן די יידן צו קומען מירטשעם נאָך שלוש־סעודות, ווען ס'וועט זײַן אַ גרעסערער עולם און מע וועט אַרומרעדן די ענינים וועלכע דאַרפֿן געלייזט ווערן. דער עולם איז זיך צעגאַנגען נאָכן שבתדיקן מאַלצייט האָט דער זיידע זיך צוגעלייגט אָפּרוען. ווען דער זיידע כאַפּט אַ דרימל, גייען אַלע אַרום אויף די שפּיץ פֿינגער און מע האַלט ממש איין דעם אָטעם.

דער גרעסטער יום־טובֿ פֿאַר אונדז קינדער איז ווען ער שטייט אויף פֿון בעט, טרינקט טיי אין איינעם מיט דער גאַנצער משפּחה, און נעמט טיילן מתּנות וועלכע ער האָט געבראַכט פֿון ווײַטע, פֿאַנטאַסטישע מקומות, דער עיקר פֿאַר אונדז קליינוואַרג. איך האָב געקראָגן אַ פּאָר רויטע שיכלעך מיט קוטעסלעך פֿון פֿאַרביקער בליטשקע, וואָס קיין שענערס איז אויף דער וועלט נישטאָ. מײַן ברודער האָט געקראָגן אַ קליין גלאָבוסל וואָס האָט זיך געדרייט,

און דער זיידע האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז דאָס גלאָבוסל דרייט זיך ווי די ערד דרייט זיך, און דער גלאָבוס, הייסט עס, איז די גאַנצע וועלט. ער האָט צוגעזאָגט מײַן ברודערל, אַז ווען ער וועט מירטשעם עלטער ווערן, וועט ער אים ברענגען אַ גרויסן גלאָבוס און אים אָנווײַזן גענוי אין וועלכע לענדער ער איז אַרומגעפֿאָרן. דאָ האָב איך זיך פֿאַרהאַקט און נישט געקענט מער נאָכגיין דעם זיידן. וואָס הייסט, ווי קען גאַנץ סטידעניצע, אַלע ייִדן, און די גויים, און אויך דער עסטער זײַן אין אַזאַ קליינעם שטח? פֿאַר וואָס נעמט דעם זיידן אַזוי לאַנג אַהיימצוקומען, אויב די וועלט איז אַזוי קליין? איך האָב געוואָלט פֿרעגן און נישט געוווּסט ווי אַזוי.

דער זיידע האָט געהאַלטן אין איין דערקלערן אַרקען און פֿאַרענטפֿערן זײַנע שאלות. איך בין געבליבן אין גאַנצן אַ דרויסנדיקע. כ׳האָב נאָך אַלץ געהאַלטן בײַ: ווי קען דאָס זײַן? ווי איז דאָס מעגלעך? איך ווייס, אַז דער זיידע זאָגט עפּעס מוז עס זײַן אַזוי. ער ווייסט דאָך אַלץ. און דאָך בין איך געבליבן נישט קיין צופֿרידענע. כ׳האָב אַ נעם געטאָן מײַנע שיכעלעך, איבערגעלאָזט די וועלט וואָס דרייט זיך אין איינעם מיטן זיידן, מיטן ברודער, און אַוועק זיך באַרימען פֿאַר מײַנע חבֿרטעס מיט מײַנע שיכעלעך, מיט זייערע רעגן־בויגענדיקע קוטעסלעך.

ווען דער זיידע יאָסל איז אַהיימגעקומען פֿון שיל, בין איך שוין געשטאַנען אויפֿן גאַניק און געוואַרט אויף אים און אויף מײַן ברודערס קומען, נישט געקענט זיך דערוואַרטן אָנצוזאָגן די גוטע בשׂורה. די באָבע האָט געזאָגט אַז איך וועל האַלטן דאָס הבֿדלה־ליכט בעת דער זיידע וועט מאַכן הבֿדלה. מײַן ברודערס קוק אויף מיר איז נישט געווען זייער קיין פֿרײַנדלעכער. אָבער וועמען אַרט עס? אָט האָב איך אים געזען קומען פֿון שיל האַלטנדיק דעם זיידנס האַנט, מעג ער? מעג איך האַלטן דאָס הבֿדלה־ליכט פֿאַרן זיידן.

אין שטוב איז אַלץ צוגעגאַנגען זייער פּאַמעלעך. אוי ווי מיר ווילט זיך ס׳זאָל שוין זײַן נאָך שלוש סעודות. די באָבע זאָל שוין האָבן אָפּגעזאָגט ׳גאָט פֿון אַבֿרהם׳, און ס׳זאָל שוין האַלטן בײַ דער

אויסגעבענקטער הבדלה. דער זיידע האָט אַ קוק געטאָן אויף אַרקעס פֿאַרכמורעטן פּנים און אַ זאָג געטאָן: "פֿאַריאָרן האָסטו, אַרקעלע, געהאַלטן דאָס הבדלה־ליכט פֿאַר מיר, אַ יאָ? היינט וועט איטע דאָס טאָן, און מירטשעם איבער אַ יאָר וועט נאָך אַ מאָל דו".

גאָט צו דאַנקען שוין איבערגעקומען אַלע צוגרייטונגען. ס'איז שוין נאָך שלוש־סעודות און דער זיידע גיט מיר שוין דירעקטיוון — האַלטן דאָס הבדלה־ליכט דאַרף איך מיט ביידע הענט, און האַלטן עס גלייך. אַלץ איז צוגעגאַן כשורה, אַ סימן: דער זיידע האָט מיר געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, וואָס קען נאָך זײַן בעסער? איך בין שטאָלץ, זייער שטאָלץ און צופֿרידן מיט זיך. די שטוב איז באַלויכטן. די שײַן פֿון בליצלאָמפּ פֿאַלט אויפֿן זודיקן, מעשענעם סאַמאָוואַר און צעגלאַנצט אים נאָך מער. דער טיש, אַ געגרייטער און אָן אָנגעלאָדענער מיט כּל־טוב. דער עולם הייבט שוין אָן זיך צונויפֿקומען. צווישן אַלע 'גוט־וואָכן', 'גוט־יאָרן', האָט זיך דערהערט דעם זיידנס משה וואַלפֿס וואָרעם, ווייך קול — "אַ גוטע וואָך מחותּן!". "אַ גוט וואָך, אַ גוט יאָר אײַך", האָט דער זיידע יאָסל געענטפֿערט און אָנגעוויזן אויף אַ בענקל באַלד בשכנות מיט זײַנעם: "זעצט זיך, זײַט מוחל, און לאָמיר טרינקען לחיים".

ווי נאָר דער זיידע האָט זיך אָנידערגעזעצט, בין איך באַלד אַרויף אויף זײַן שויס, און זיך אָן אים אײַנגעטוליעט. באַלד איז מײַן ברודער אויסגעוואַקסן לעבן אונדז מיט אַ "גוטע וואָך זיידע". — "אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר, מײַן קינד". האָט דעם זיידנס קול אַ גלעט געטאָן מײַן ברודער. דער זיידע האָט אים צוגעצויגן נאָענט צו זיך, אים אַרומגענומען און מיר זײַנען שוין אַזוי אין דרײַען געבליבן זיצן צופֿרידענע, איך, אויפֿן זיידנס שויס, דעם זיידנס האַנט אַרום מיר. מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער מײַן ברודער, ווען איך האָב אַזוי ליב, וואָס קען זײַן בעסער!

באַלד איז דער זיידע יאָסל צוגעקומען און אַ זאָג געטאָן: "איטעלע, נעם דיר אַ שטיקל שטרודל און אַ שטיקל פֿאַר דײַן חברטע דבורה, און גיי אַרײַן צו איר, וועט איר זיך דאָרטן שפּילן,

וועט דער זיידע משה וואלף קענען טרינקען א גלאז טיי. דעם זיידן יאסלס ווערטער האבן מיר א שליידער געטאן פון דער העכסטער הייך אין דער סאמע שאול־תחתיה אריין. פון וויינען האב איך זיך טאקע אפגעהאלטן מיט אלע כּוחות, אבער צעבליפעט האב איך זיך אין זיידנס אקסל אריין און דאס הארץ האט זיך מיר צעוויגט און געהויבן ארויף און אראפ. דער זיידע האט מיך געגלעט און געטרייסט, "נו, שא, שא. גענוג שוין". ער האט זיך א ווענד געטאן צום זיידן יאסל וועלבער איז נאך א מאל צוגעקומען פון צווישן עולם: "מחותן, ווי קען איטעלע אוועק גיין? איר ווילט דאך אז זי זאל זינגען דעם אדון עולם מיטן עולם?"

"גערעכט, ס'איז מיר אינגאנצן ארויס פון קאפ. גערעכט, מחותן, איטעלע, דו וועסט היינט שוין נישט קענען זיך שפּילן מיט דיין חברטע. דער עולם דערוואַרט הערן פון דיר דעם אדון עולם. קענסט נישט אוועקגיין. מארגן מירטשעם, וועסטו זיך שפּילן מיט דיין חברטע", האט דער זיידע משה וואלף זיך אנגערופן. דאס בליפען שטעלט זיך נישט אפ מיט א מאל, האט דער זיידע יאסל א זאג געטאן:

"נישט נאר זינגען אדון עולם, נאר זי דארף מיר אויך ארויסהעלפן צעטיילן די ציגיירעס. דאס האט שוין מיין ברודער נישט געקענט פארשוויגן. "נו, און איך? וואס וועל איך טאן? אלצדינג, נאר זי?"

אונדזער ליבער מליץ יושר האט באלד געהאט א תרופה: "ארקעלע, ביסט דאך שוין קיין עין־הרע א גרויסער, דארפסטו דאך פארשטיין אז דאס איז אן ארבעט נישט פאר איינעם. נאר פאר אייך ביידן. ווי קען זיך איינער אליין ספּראווען מיט דעם? דו, ארקעלע, האלטסט די פושקע, גיסט דיין שוועסטער א ציגייער, נאך א ציגייער און זי דערלאנגט זיי יעדן איינעם פון די בעל־הבתים. דער זיידע יאסל וועט זיין זייער צופרידן מיט אייער ארויסהעלפן אים".

ס'האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבן אויסלייטערן. מיין בליפען

האָט זיך איינגעשטילט און מיין ברודער האָט זיך שוין באַרויקט. דער ייִדע משה־וואָלף האָט אַ זאָג געטאָן:

"קינדערלעך, איר דאַרפֿט אַריינגיין אין צווייטן חדר ווינטשן דער באָבען, און ווער ס'איז דאָרטן דאָ פֿון די מומעס, אַ 'גוט־וואָך'. און דער נאָך זעצט איר זיך אַנידער און רעכנט אויס פֿון וואַנען איר וועט אָנהייבן אייער עבודה. צי פֿון די וואָס זיצן אַרום טיש, צי די וואָס שטיין בײַ די ווענט. וועט איר האָבן אַ סדר און זיך נישט פּלאָנטערן".

# די חלוקה

ס׳איז שוין העט נאָך פּסח. שוין נאָענטער צו שבֿועות. ס׳רוישן שטיל די שטראָמען, וועלכע יאָגן זיך נאָך פֿון די בערג צום עסטער (דניעסטער). די באַוועלדערטע בערג, וואָס רינגלען אַרום דאָס שטעטל, זענען שוין צעבלעטערט און באַלעבט פֿון זינגעוודיקע פֿייגל, פֿון סוויטשענדיקע, שפּרינגנדיקע באַשעפֿענישן. דער וואַלד שווּיבלט און גריבלט מיט לעבן.

דער עסטער פֿליסט פֿריי אָן דעם מינדסטן סימן פֿון ווינטערדיקן גליווער. דער אינדזל אַסטרי וואָס צעטיילט דעם עסטער אויף צוויי גלײַכע חלקים, איין העלפֿט פֿאַר אונדז פּאַדאַליער, די צווייטע העלפֿט פֿאַר די בעסאַראַבער, איז שוין אַ צעצוויטעטער. די ריחות פֿון די קאַרשן, עפּל, ניס, פֿלוימען און באַרן־ביימער. און פֿון די אַלערליי יאַגעדעס און ווײַנפּערלעך פֿאַרשיכּורן ממש. דאָס שטעטל איז אַרומגענומען מיט אַ רייף צעבליטע סעדער און וועלדער. ס׳איז אַ וועלט, פֿריש און שבֿועותדיק.

אין שטוב בײַ אונדז איז אָבער תּשעה־באָב. דער טאַטע זיצט בײַם טיש, זײַן קאָפּ אין בײדע הענט, און ער שאָקלט מיטן רעכטן פֿוס שעה נאָך שעה און שווײַגט. דעם טאַטנס שווײַגן וואַרפֿט אָן אַן אימה, ווישט אָפּ דעם מינדסטן שמייכל פֿון אונדזערע קינדערשע ליפּן. אויך מיר ווערן פֿאַרשווײַגן. דער זיידע, משה וואָלף, רײַסט איבער די שטילקייט מיט זײַן וואַרעם, ווייך קול:

"מענדל, מע טאָר זיך נישט לאָזן באַהערשן פֿון עצבֿות. דו האָסט ב״ה טײַערע קינדער. זינדיק נישט, מענדל. דו האָסט הײַנט געהערט אָרקעלען זאָגן דעם גאַנצן קדיש פֿון אויסנווייניק. אַפֿילו קיין איין מאָל אין סידור נישט אַרײַנגעקוקט. זינדיק נישט".

דער טאַטע האָט מיט אַ מאָל זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל, געשפּריזט הין און צוריק, זיך פאַרהאַלטן לעבן ויידן און מיט אַ שערפקע, טרוקן קול אַ זאָג געטאָן:

"וואָס ווילט איר פון מיר, שווער? איך זאָל זאָגן אַז ער איז גערעכט? זיין משפּט איז גערעכט? איך קען דאָס נישט. איך וועל דאָס נישט זאָגן, שווער. זאָגט איר מיר, מיט וואָס האָב איך און מיינע קינדער זיך אַזוי פאַרזינדיקט, אַז ער זאָל אַרויסרייסן דאָס האַרץ פון מיר און פאַריתומען די קינדער מיינע? שווער, די קליינע קינדער וועלן זי דאָך אַפילו נישט געדענקען".

נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זיך דער ויידע אָפּגערופן:

"מיינסטו טאַקע, מענדל, אַז דו ביסט דער איינציקער געטראָפענער? נו און מיר, די שוויגער און איך? זי איז דאָך אונדזער אויג אין קאָפּ. זי איז דאָך דאָס פינפטע קינד ביי אונדז. פאַר איר האָבן מיר פאַרלוירן פיר קינדער. זי איז ביי אונדז געווען אַן אויסגעבעטענע, אַן אויסגעוויינטע, דאַרף איך דיר נאָך מער זאָגן?"

"ניין, שווער. איר דאַרפט נישט. איך ווייס און פיל אייער צעבראָכן האַרץ".

דאָ האָט זיך די באָבע אַריינגעמישט:

"משה־וואָלף, וואָס ווילסטו פון אים? ער זאָל זאָגן: אַ דאַנק דיר גאָט פאַר חרוב מאַכן מיין משפּחה? כ'האָב זיך געבעטן ביי אים: דערבאַרעמדיקער פאָטער נעם מיך, במקום איר. זאָג אַליין. וואָלט דען נישט גלייכער געווען ווען אונדזערע קינדער זאָלן זאָגן קדיש נאָך מיר, ווי אַרקעלע נאָך זיין זעקס און צוואַנציק־יאָריקער מאַמען? דאָס איז ביי דיר אַן אב הרחמים?"

דער ויידע האָט פאַרשטעלט זיינע אויערן און אַרויסגערעדט:

"רבונו דעלמא, זיי מוחל די זינדיקע רייד. דאָס רעדן פון זיי אַרויס די צעבראָכענע הערצער ווייערע". צום טאַטן האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן: "פּשוטע מענטשן ווי איך און דו איז שווער צו פאַרשטיין גאָטס דרכים. זיינע מעשים זענען פאַרהוילענע. ער שטראָפט מיט איין האַנט און בענטשט מיט דער אַנדערער. בטחון,

בטחון". נאָך אַ לאַנגן שטילשווייַגן האָט דער זיידע זיך ווידער אַנגערופֿן: "כ'האָב געבעטן דעם מחותּן ער זאָל צוקומען, מיר זאָלן זיך דורכרעדן, זיך אויסישובן וואָס צו טאָן".

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער זיידע יאָסל איז אַרייַנגעקומען. דער טאַטע האָט זיך אַ הייב געטאָן, אָפּגעגעבן דעם זיידן זייַן אָרט בייַם טיש.

"איך זע נישט אַרקען. ווו איז ער?" האָט דער זיידע אַ פֿרעג געטאָן. "אין דרויסן מיט די קינדער, האָט די באָבע געענטפֿערט". "נו, און דו איטעלע, האַלסט זיך אין דער באָבעס פֿאַרטעך? דו ווילסט זיך גאַרנישט שפּילן מיט די קינדער אין דרויסן?"

איך האָב דערפֿילט די אָנצוהערעניש און בין גערן אַרויס אין דרויסן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם טאַטנס פֿאַרחושכט פּנים, דער באָבעס זיפֿצן און דעם שווערן אומעט אין וועלכן די שטוב אונדזערע איז געווען אייַנגעהילט.

ווען די באָבע אסתּר האָט אונדז אַ רוף געטאָן אין שטוב אַרייַן איז שוין געשטאַנען דער סאַמאָוואַר אויפֿן טיש מיט די פּלעצלעך וואָס די באָבע "טייַנעסטע" האָט געשיקט פֿאַר אונדז. נאָכן טיי טרינקען האָט דער זיידע וואָלף אַ זאָג געטאָן:

"הערט זיך אייַן קינדער, מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט פֿון אייַך. ווי איר ווייסט אוודאי, דאַרף דער טאַטע אייַערער צוריקגיין צו דער אַרבעט. דער זיידע מיט דער באָבען דאַרפֿן שוין אַהיימגיין צו זייער משפּחה און אַכטונג געבן אויף די קליינע קינדער. האָבן מיר זיך אייַנפֿאַרשטאַנען, אַז איר ביידע, די עלטערע צוויי קינדער, וועלן זייַן בייַ אונדז, מיט מיר און מיט דער באָבען. און די קליינע קינדער וועלן זייַן בייַ דער באָבע אסתּר מיטן זיידן משה־וואָלף".

מייַן ברודער האָט געשוויגן אָבער פֿון מיר האָט זיך אַ ריס געטאָן: איך וויל זייַן בייַ דיר, זיידע, און בייַ דער באָבע אסתּר. איך וויל נישט גיין ערגעץ אַנדערש.

"נאַריש קינד", האָט דער זיידע משה־וואָלף אַ זאָג געטאָן, "ווער וועט אייַך שטערן צו קומען צו אונדז? איר וועט קומען ווען איר

וועט נאר וועלן. ביידע זיידעס און ביידע באבעס ווילן איך לעבן זיך, אבער עס דארף דאך זיין געלעגערס פאר אלעמען".

"איך וועל שלאפן מיט דער באבען אין בעט", האב איך אויסגערופן.

"מיט דער באבען שלאפן שוין מייקעלע מיט יאנקעלען", האט דער זיידע געזאגט.

איך בין נאך נישט פארטיק געווען מיטן דינגען זיך ווען דער זיידע האט איבערגשלאגן מײַנע רייד:

"ווייסטו גאר וואס, לאמיר איבערציילן וויפל אירע מיר זענען אין דער משפחה און וויפל געלעגערס מיר האבן. ווען איך, איטעלע, וועל אנרופן א נאמען, זאלסטו פארבייגן א פינגערל. באבע אסתּר — פארבויגן? זיידע משה־וואלף, איז שוין וויפל, איטעלע? צוויי, ריכטיק. פעטער מאטל און פעטער חיים, פארבייג צוויי פינגערלעך. וויפל איז צוויי און צוויי? "פיר", האב איך אויסגעשריען מיט צופרינדקייט. "די מומע שפרינצע און שרה?" — "שוין פינף".

"איצט פארבייגסטו די פינגערלעך פון דער לינקער האנט. שרה איז זעקס, מייקעלע איז זיבן און יאנקעלע איז שוין קיין עין הרע אכט. איר זעט, מחותּן ווי זי קען שוין ציילן. איצט וועלן מיר איבערציילן די געלעגערס.

אין קיך שטייט א בעט, א יא? האבן מיר איין געלעגער. אינעם חדר שטייען וויפל געלעגערס, איטעלע, גערעדנקסטו? אקעגן דער טיר, ווו מען קומט נאר אריין, שטייט א סאפע, האבן מיר שוין צוויי, און צוויי שמאלע קאנאפעס ביי די ווענט, צווישן די פענצטער, האבן מיר שוין א סך־הכל, פון וויפל, איטעלע? איינס און איינס איז צוויי. וואס זאגסטו, ארקעלע?" האט דער זיידע אים א פרעג געטאן.

"איך וויל אויך גיין צו דיר און צו דער באבען, איך וויל זיין מיט די קינדער. אבער אז איר האט נישט קיין ארט פאר אונדז, דארפן מיר גיין צום זיידן יאסל".

"איר הערט, מחותּן, ארקעלע רעדט שוין ווי א גרויסער, א פארשטענדיקער".

"איך בין אויך שוין א גרויסע, א פארשטענדיקע", בין איך אריינגעפאלן אינעם זיידנס רייד.

"אוודאי ביסטו שוין אויך א גרויסע און טאקע א פארשטענדיקע. דער בעסטער סימן איז, אז עס איז דיר נאר קלאר געווארן אין וואס עס האנדלט זיך, האסטו זיך נישט איינגעשפארט, נאר ביסט באלד מסכים מיט דיין ברודער, אז עס קען אנדערש נישט זיין. נאר א קלוג מיידעלע ווי דו האנדלט אזוי. מיר זענען שטאלץ מיט אייך, קינדער טייערע".

צום זיידן יאסל האט זיך דער זיידע משה וואלף א ווענד געטאן:

"ס'נעמט זיך פון דעם, מחותן, וואס מיר זענען געווען מיט זיי כסדר. שוין וואבן לאנג האבן זיי זיך צוגעבונדן צו אונדז".

"מחותן, מחותן", האט דער זיידע יאסל א זאג געטאן, "ס'איז דאך פארשטענדלעך. איר דארפט זיך מתנצל זיין? איר טארט זיך נישט שלעכט פילן צוליב דעם".

אויף מארגן האט די באבע אונדז גענומען ביי די הענט, דער זיידע איז מיטגעגאנגען מיט אונדזערע זאכן, און מיר האבן זיך געלאזט גיין צו אונדזער נייער היים. אין הארץ ביי מיר – א ויתרוצעו. איך וואלט שוין געוואלט פארקערעווען אויף צוריק, אבער דעם זיידנס "אוודאי ביסטו א גרויסע און פארשטענדיקע", האלט מיך צו.

מיר זענען שוין דא. דער זיידע מיט דער באבען האבן אונדז באגעגנט מיט א 'גוטהעלף, מחותנים, גוטהעלף קינדער'. דער זיידע משה וואלף האט באלד זיך א ווענד געטאן צו דער באבע טיינעסטע:

"כ'פארשטיי, מחותנתטע, אז אייער קו האט זיך געקאלבט. אין א גוטער שעה".

"יא, האט די באבע געענטפערט. כ'שטעל מיר פאר, אז איר קינדער, ווילט אוודאי זען דאס ניי־געבוירענע קעלבעלע?"

"יא, יא", האבן מירביידע זיך אנגערופן מיט פרייד.

די באבע האט אונדז צוגעפירט צו דער טיר פון דער אבארע. מיר האבן זיך באקענט מיטן ברוינינקן קעלבעלע. מיט איר שניי

ווײַט פּנימל און באַלד געוואָרן מיט איר פאַניע בראַט, געגלעט זי, געלאַשטשעט זי. נישט נאָר האָט זי זיך געלאָזט, נאָר גלײַך מיט אונדז הנאה געהאַט פון אונדזער חברשאַפט. איין זאַך האָט אונדז אָבער געקימערט. פאַר וואָס זאָלן מיר האַלטן אַזאַ ליב באַשעפעניש פאַרשפאַרט? און טאַקע מיט דער טענה זיך געלאָזט אין שטוב אַרײַן. אין שטוב האָבן מיר געטראָפן אונדזערע זיידעס פאַרטאָג אין אַ שמועס און די באָבעס האָבן זיך געוועשט די אויגן. דערזעענדיק אונדז האָט דער זיידע יאָסל אַ זאָג געטאָן:

"נו, אַט, זענען שוין דאָ די קינדער. וועלן מיר שוין טרינקען טיי".

מאַמציעלע האָט באַלד אַרײַנגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און אויך אַ שיסעלע אײַנגעמאַכטס. אירע געשמאַקע פּלעצלעך.

"נו, קינדער, ווי געפעלט אײַך דאָס קעלבעלע?"

"ס'איז זייער אַ שיין קעלבעלע", האָב איך אויסגעבאַפּט די רייד פון מײַן ברודער.

"און דו, אַרקעלע, וואָס האָסטו צו זאָגן?"

"מיר איז דאָס קעלבל אויך זייער געפעלן. אָבער פאַרוואָס איז עס פאַרשפאַרט? ס'איז ראַק אַ רחמנות. אַ צער־בעלי־חיים".

"אַ רחמנות", האָב איך צוגעבאַמקעט.

דער זיידע יאָסל האָט אונדז דערקלערט אַז אַרויסלאָזן זי אַליין איז אַ געפאַר. זי איז דאָך ערשט מיט פיר טעג צוריק געבוירן געוואָרן. ווען איר מאַמע וועט קומען פון דער פּאַשע וועט מען זי אַרויסלאָזן".

אָפּגעטרונקען טיי האָבן ביידע זיידעס זיך אויפגעהויבן און דער זיידע משה־וואָלף האָט זיך געגרייט אַהיימגיין. מיר איז געוואָרן קאַלעמוטנע. איך האָב אַרומגענומען דעם זיידן משה־וואָלף און אים אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער אַז איך וויל מיטגיין מיט זיי. דער זיידע האָט אַ מאַך געטאָן צום זיידן יאָסל:

"אַ וואָרט איז אַ וואָרט, און חרטה איז חרטה".

"האָסט אַליין געזאָגט אַז מיר קענען קומען צו דיר ווען מיר ווילן. נו, וויל איך איצטער", האָב איך געזאָגט.

דא האָט זיך שוין די באָבע אסתּר אַרײַנגעמישט:

"כ'האָב אָבער געוווּסט אַז עס וועט אונדז נישט אָפּגײן אַזוי גלאַטיק מיט איר. זי איז אַ צעווילדעוועט קינד. אין דעם איז איר זיידע משה־וואָלף אַ היפּש ביסל שולדיק. ער גיט איר צופיל נאָך. מיט אַרקעלען וועט איר קײן שוועריקייטן נישט האָבן, אָבער זי באַשטייט נאָר אויף אירן. אײַנגעשפּאַרט, פאַרשײַט. פאָלגט נישט און 'אַזוי וויל איך'".

"אסתּר! אסתּר!" האָט דער זיידע משה־וואָלף אויסגערופן, "גענונג, שוין גענוג".

איך האָב געהאַלטן דעם זיידן אַרומגענומען און געשוויגן. די ליפּן פאַרשטײפט ביז ווייטיק.

"נאָך אַ זאַך, מחותּנתטע, דאַרפט איר וויסן, זי האָט ליב אָפּצוטאָן שפּיצלעך, פּאַקוסלעך, דאַרף מען זיך דעריבער היטן".

"אַרקעלע וועט האַלטן אַן אויג אויף איר. זי האָט זייער ליב איר ברודער און הערט זיך צו צו אים", האָט דער זיידע משה וואָלף געזאָגט, "די באָבע אירע איז צעווייטיקט, אַנגעשטרענגט, פאַרגעסט זי אַז זי האַנדלט מיט אַ פינעף־יאָריק קינד, אָבער מיר דאַרפן דאָס אינזינען האָבן". און ער האָט צוגעגעבן אויף אוקראַיִניש אַז דער טײַוול איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים.

דער זיידע האָט מיר אײַנגערוימט אין אויער:

"ס'וואָלט גוט געווען דו זאָלסט צוגײן צו דער באָבען און איר זאָגן אַז דו האָסט חרטה, דו וועסט בלײַבן מיט דײַן ברודער דאָ, און דו וועסט פאָלגן וואָס די באָבע זיידע וועלן דיר הייסן טאָן. אַלע וואָלטן געוווּסט אַז דו ביסט אַ וווּיל, קלוג מיידעלע. וואָס די באָבע האָט געזאָגט וועגן דיר איז טאַקע אמת, אָבער נאָר ביז איצט. איצט ביסטו דאָך שוין עלטער און פאַרשטענדיקער".

כ'האָב זייער נישט געוואָלט גײן. אָבער מײַן ליבן זיידן משה־וואָלף איז שווער נישט צו פאָלגן. איך בין אויף גיך צוגעלאָפן צו דער באָבען, אַרומגענומען אירע פיס, געהאַלטן זיי שטײף און ווײנענדיק אַרויסגעשטאַמלט:

איך וועל פאָלגן. איך וועל זיין גוט ווי אַרקע״.

די באָבע האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ און כ׳האָב זיך באַרויִקט. זיי האָבן זיך געזעגנט. דער זיידע יאָסל האָט זיך אָפּגערופן:

״אַרקע וועט שוין קומען מיט מיר אין שול צו מנחה־מעריב. פאַר איטען, וועלן מיר אַריינרופן דבורה, אַבֿרהם נחמיהס אַ מיידעלע אין איר עלטער, וועלן זיי זיך שפּילן״.

כ׳האָב זיך נישט געוואָלט שפּילן, אַפילו נישט מיטן קעלבעלע. כ׳האָב נאָר געוואָלט אַרקען לעבן מיר און זייער געוואָלט וויינען. וויינען. די חלוקה איז דורכגעפירט געוואָרן.

# בײַ מײַן זיידן יאָסל

בײַ מײַן זיידן יאָסל און באָבע טײַנעסטע (מחותנתטע) איז די שטוב אַ געראַמע, טאָקע נישט מער ווי פֿיר חדרים, נאָר יעדער חדר איז גרויס און רחבֿותדיק. נאָך דער קיך קומט דער קאַמער ווו ס׳שטייען אויסגעשטעלט זעק מיט מעל אויף ברויט און חלה. זעק מיט פֿאַסאָליעס, קאַרטאָפּליעס, ציבעלעס, קרויט, אַרבעס, נאָהיט און פֿעסלעך מיט זויערער עפּל, אוגערקעס, קרויט.

אַ טיר פֿון קאַמער פֿירט צום הויז. דאָ איז מאַמציעלע די בעל־הביתטע. מאַמציעלע איז אַ קליינינקע, אַ זשוואַווע, פֿון פּאַך אַ קובערקע, אַ סאַרוועקע. זי אַרבעט שוין פֿאַר דער באָבען לאַנגע יאָרן און ווערט באַטראַכט ווי איינע פֿון דער משפּחה. מאַמציעלע איז אַן אַלמנה. איר איינציקער זון איז אין אַמעריקע, האַלט זי זיך בײַ דער באָבען אַפֿילו ווען זי איז שוין פֿרײַ פֿון דער אַרבעט. זי גייט אַהיים נאָר נעבעטיקן. אין הויז פֿליקט זי די עופֿות, מאַכט כּשר די פֿליישן, קנייט אויס דאָס טייג פֿאַר די געשמאַקע געבעקסן. פֿון דאַנעט, פֿון מאַמציעלעס לאַבאַראַטאָריע, קומען די בעסטע מאכלים, דער עיקר פֿאַר די יום־טובֿים, שבתים און ערבֿ דעם זיידנס אַהיימקומען פֿון וועג.

נאָכן האָז קומט די אַבאַרע, דאָ שטייען די באַליעס צו וואַשן גרייט. דאָס גרייט ווערט געוואַשן פֿון צוויי פּויערטעס. פֿון דער סטריכבע הענגען שטריק צו טריקענען דאָס געוועש. אַ ווינקל פֿאַר דער קו, אַן אָפּגעגרויזט ווינקל פֿאַרן קעלבל, אַ סטערטע היי. אַ פֿעסל קלײַען פֿאַר דער בהמה און אין ווײַטסטן ווינקל עטלעכע רייען צעהאַקטע האָלץ און שפּענער ביז צו דער סטריכבע. די עטלעכע שורות האָלץ שאַפֿן אַ מחיצה פֿאַרן אָפּטריט.

נאָך דעם קומט דער ברייטער טויער צום דרויסן. דאָס הויפּט־צימער ביים זיידן וואָס דינט אויך ווי אן עס־צימער, איז איינגעשטעלט מיט אַ סדר. סאַפֿעס ביי די ווענט, אינמיטן אַ גרויסער טיש מיט בענקלעך, איבערן טיש — אַ בליצלאָמפּ. ביים אריינקום — אַ בופֿעט, דער איינציקער אין שטעטל. דאָס איז אַ מין שיין געשניצט שאַפּקעלע איינס אויפֿן צווייטן. אַקעגן דעם אריינגאַנג — אַ פּאַליטורטער קאַמאָד מיט אַ סך שופֿלאָדן אויף וועלכן עס זענען אויסגעשטעלט אַלערליי חפֿצים וועלכע דער זיידע ברענגט פֿון זיינע נסיעות: אַ גלאָבוס, אַ ציגעלע זאַלץ וואָס זאָגט אָן דעם וועטער. איז דאָס פּירעקיקע ציגעלע לויטער און טרוקן וועט דער מאָרגנדיקער טאָג זיין זוניק און שיין. קוים פֿאַרכמורעט זיך עס, ווערט קאַלעמוטנע, איז עס אָן אָנזאָג אויף שלעכטער וועטער. אונדזער זיידנס וועטער־נביא איז געוואָרן אַ שם־דבר. יידן און גויים שטראָמען, דער עיקר אין טאָג פֿון יריד, בעטן זיך, מ׳זאָל זיי לאָזן זען און אָנטאָפּן דעם וווּנדער איבער וווּנדער. איבער דעם קאַמאָד הענגט אַ גרויסער וואַנט־זייגער וועלכער קלינגט אויס די שעהען און האַלבע שעהן. די פֿענצטער צווישן די צוויי סאָפֿעס זענען פֿאַרהאַנגען מיט טוליענע פֿירהענגלעך, די וואַנט אַנטקעגן די פֿענצטער איז די הרובע וועלכע וואַרעמט אין די ווינטערס סיי דאָס הויפּט צימער און סיי דער באָבעס און דעם זיידנס שלאָף־צימער. אויפֿן סוף וואַנט פֿון דער הרובע איז דער ספֿרים־שאַנק, איבער אים הענגט זייער אַ טשיקאַווע מיניאַטור שאַפּקעלע — דאָס האָט דער פֿעטער נפֿתּלי געשיקט אַזש פֿון אַמעריקע. שבתים און יום־טובים שטייען די טירלעך אָפֿן, זעט זיך אינעווייניק אַ פֿולשטענדיק בית־המדרשל מיט אַן אָרון־קודשל מיט אַ ייִד וואָס נעמט אַרויס דאָס תּורה׳לע פֿון אָרון־קודשל. דאָס ליכט, די פֿאַרב פֿון דעם בית־מדרשל האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, נישט געקענט זיך זאַט אָנקוקן אויף דעם.

צווישן די פֿענצטער איז די וואַנט באַהאַנגען מיט קאַרטעס פֿון די זין און טעכטער. דער עלטסטער, דער פֿעטער נפֿתּלי, אַ געגטער

פון דיין פרוי, האט זי איבערגעלאזט מיט א פיצל קינר ביי איר ארעמער מוטער אין דערביייקן שטעטל "סטארע אושיצע", און איז אנטלאפן קיין אמעריקע. די מוטער פון קינד האט נישט געקענט שלום מאכן מיטן בזיון פון גט, איז זי אויך אוועק קיין אמעריקע. כייקעלע איז געבליבן א קיילעבדיקע יתומה ביי דער ארעמער באבען.

די מומע מרים, פעטער מיכל, וווינען מיט זייער בן־יחיד, דודיעלע, אין בעסאראביע. מומע שיפרה, פעטער פרויים, וווינען אין קאמעניץ. פעלן פעלט דערווייל פעטער יחיאל, מומע רחל מיט זייערע קידנער, שבתאי, הערשל, חיים און די מיזינקע, שרה'לע.

אויך מיין טאטע מענדל, ברכה און אונדזערע פיר קינדער, ארקע, איטע, מייקע, יאנקל, און די יינגסטע פון זיידנס און באבעס קידנער, שרה, וווינט אין שטעטל, דעריבער פעלן אונדזערע קארטעס צווישן די פענצטער. אחרון אחרון חביב, דודיע, דער באבעס און זיידנס מיזיניק, איז אנטלאפן פון פריזיוו קיין בראזיל. באצירט טאקע זיין קארטע דעם פראמינענט צווישן פענצטער.

אונדזער מומע שרה איז זעלטן אין דער היים. זי לערנט אין קאמעניץ און זי קומט אהיים נאר אויף יום־טובים, א מאל אויך אויף א שבת. די שטוב איז אן אומעטיקע. די באבע איז א שוואכע, א קראנקע. דער זיידע איז ס'רוב אונטערוועגנס, ארקע איז אין חדר. אהיימקומענדיק פון חדר עסט ער אפ, לויפט ער אין בית־המדרש ארײַן זאגן קדיש, דער טאטע קומט אהיים נאר אויף שבת. מיך נאגט א בענקשאפט. נאגט און נאגט. כ'האב דווקא ליב די ווינטערדיקע גאנצפריען ווען דער פראסט ברענט די שויבן, פארוועבט מיט ווונדערלעכע איזארן. אט זע איך משה רבינו מיט די לוחות. אט זע איך אונדזער ציג מיטן ציגעלע ווען איך האב אזוי ליב. שטיי איך ביים פענצטער אן אומעטיקע אבער א פארגאפטע. נו, די באבע זיצט שוין ביי דער הרובע. ס'ליגט שוין אויך דאס טייטש־חומש. מיר זענען שוין גרייט פאר דער גרויסער הנאה. איך האב זיך שוין איינגעמאסטעט אויפן פוס בענקעלע דער באבעס, אנגעשפארט מיין קאפ אויף דער באבעס קני און בין שוין מלא אויערן.

נו, די באָבע לייענט שוין. מאַמציעלע און איך שלינגען ממש יעדער וואָרט. ווען די באָבע מאַכט אַ הפסקה, טוט אַ זופּ די טיי, קען איך זיך ממש נישט דערוואַרטן אויף די ווייטערדיקע טועכצן פֿון די שלעבטע ברידער יוספֿס. אויף יוספֿן, נעבעך, רייסט מיר דאָס האַרץ. ווען יוסף איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר אַ קנעכט, האָט מיך פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ און איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. די באָבע טרייסט מיך: יוסף איז נישט קיין שיפֿע זיבעלע, ער קען זיך זיין שטעטל באַשטיין. זאָרג זיך נישט.

ווען איך בין שוין באַרויקט און גרייט זיך אומצוקערן צו יוספֿן, לאָזט די באָבע וויסן אַז זי איז טויט מיד און מוז זיך גיין אָפּרוען. מיר איז ממש אונטערגעגאַנגען אַ שיף. איך גיב זיך אָבער נישט אונטער, ווענד זיך צו מאַמציעלען מיט אַ געבעט: לייען דו אַ ביסל, מאַמציעלע. „אָ, ווען איך קען לייענען! קען איך דאָך אָבער נישט. כ׳האָב אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ. וויפֿל מאָל האָט דיין באָבע מיך גענומען לערנען, קלעפּט זיך עס אָבער צו מיר ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. לערנען דאַרף מען ווען מ׳איז יונג". „פֿאַר וואָס זשע האָסטו נישט געלערנט ווען ביסט יונג געוועזן?" לאָז איך זי נישט אָפּ. נאָך אַ היפּשן שטילשווייַגן האָט זיך מאַמציעלע אָפּגערופֿן: „ביסט נאָך צו קליין צו פֿאַרשטיין אַז דינסט־מיידלעך לערנט מען נישט. דינסט־מיידלעך לערנט מען נאָר באַדינען". זי האָט באַלד צוגעגעבן: „איך בין געווען אפֿשר מיט צוויי יאָר עלטער פֿון דיר בעת מ׳האָט מיך אָפּגעגעבן פֿאַר אַ דינסט. געאַרבעט האָב איך פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט". „וואָס האָסטו געטאָן?" פֿרעג איך. „קודם כּל דאַרף מען אָפּגעבן דער בהמה וואָס איר קומט. פֿאַרמישן איר ציבער, באַשמעלצן מיט קליַען, אַוועקשטעלן בײַם ציבער אַן עמער וואַסער, זי אַ גלעט טאָן בײַם האַלדז. כּלומר: זאָל דיר וווּיל באַקומען. דו האָסט עס כּשר פֿאַרדינט. דערנאָך נעמט מען אַרײַן האַלץ מיט שפּענער צו צעלייגן אַ פֿײַער אויפֿן פּריפּעטשיק און אַרויפֿשטעלן אַ טאָפּ וואַסער אויף דער טרינישקע צום קאָכן. דערנאָך אויפֿשטעלן דעם סאַמאָוואַר. ווען די בני־בית וועלן אויפֿשטיין זאָלן זיי האָבן די

טיי גרייט. ווינטער דאַרף איך אײַנהייצן די הרובע. אָנצוואַרעמען די שטוב. דערנאָך קומט דאָס מעלקן די קי. דאָס דאַרף געטאָן ווערן נאָענט צו זייער אויפשטיין, ווײַל די בעל־הביתטע וויל די קינדער זאָלן טרינקען פּינע־מילעך. בעת זיי עסן דאַרף איך צוגרייטן דעם אָנבײַסן. דאָס הייסט: קאָכן קאַך איך נאָך נישט. אָבער צוגרייטן צום קאָכן, צעליינען דאָס פײַער, רייניקן די גרינסן, אָנגרייטן די כּלים. אַלץ וואָס איך טו, טו איך באַהבה, דערויף בין איך דאָך אַ דינסט־מיידעלע. איין עובֿדה דערגייט מיר אָבער די יאָרן, דאָס איז די פּאַמעניצע. יעדן גאַנצפֿרי דאַרף איך אַרויסטראָגן די פּאַמעניצע פֿון דער נאַכט, אויסשווענקען די שיסל און זי אויפהענגען אין דער אַכאַרע. מאַכט זיך איין מאָל בײַם אויפהייבן די שווערע שיסל, האָב איך זיך אַ וואַקל געטאָן און די גאַנצע שיסל מיט דער אומרייניקייט האָט אַ כליאַפּ געטאָן אויף מיר, מיך אָפּגעגאָסן פֿון אויבן ביז אַראָפּ. כ׳האָב זיך ביטער צעוויינט. ווען די בעל־הביתטע האָט דאָס דערהערט, האָט זי מיר באַלד געבראַכט איר טעכטערלס אָנטועכץ, מיר געהייסן זיך אָרומוואַשן, זיך איבערטאָן און אויפהערן וויינען. ׳ס׳מאַכט זיך אַ מאָל׳, האָט זי געזאָגט. ״כ׳האָב אַלץ געטאָן וואָס זי האָט מיר געהייסן אָבער אויפהערן וויינען האָב איך נישט געקענט. כ׳האָב זיך געפֿילט זייער דערנידעריקט און באַליידיקט. אויף מאָרגן האָב איך געטאָן מײַן אַרבעט אָבער צו דער פּאַמעניצע האָב איך זיך נישט צוגערירט. כ׳האָב זיך געריכט מע זאָל מיך אָוועקשיקן, האָב איך בײַ זיך באַשלאָסן: בעסער הונגערן איידער נאָך אַ מאָל דורכלעבן אַזאַ נבֿזה״.

נאָך אַ לענגערן שטילשווײַגן האָט מאַמציעלע מיר אַ זאָג געטאָן: ״ס׳איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסער נצחון. איך בין בײַ זיך געוואָרן שטאַרקער, אומגעהײַער שטאַרקער. באַטש קיינער האָט פֿון דעם נישט געוווּסט. אַגבֿ, בעט איך דיר זאָלסט נישט איבעררײדן מיט קיינעם וועגן דעם״.

כ׳האָב געוואָלט זאָגן: קיין מאָל, קיין מאָל נישט! נאָר די ווערטער זענען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז. כ׳האָב זיך

אײַנגעטוליעט אין איר. ״דו ווייסט איטעלע, אז מע האלט דיך פאר א שלעכט קינד און מיט רעכט. דו פאלגסט נישט. באשטייסט נאר אויף דײַנעם. ביסט צעווילדעוועט. זומער ווייקסטו זיך כסדר אין עסטער (דניעסער) און פארשאפסט דער באבען עגמת־נפש. דאס איז אלץ אמת. איך ווייס אבער אז דו ביסט א גוט מיידעלע. פון די אלע שוועריקייטן וועסטו זיך מירטשעם באפרײַען. ווען וועסט אונטערוואקסן וועלן מיר האבן נחת פון דיר. ווײַל דײַן הארץ, איטעלע, איז אזוי גוט ווי דײַן פנימל איז שיין״.

מאמציעלעס פאר ווערטער זענען מיר געשטאנען אין מײַנע נויטן. און אט פאר וואס: לויט די לאנדסלייט, לויט די עלטערע קרובים אונדזערע, בין איך געווען א שיין קינד. טאקע גאר א שיין קינד. אבער אזוי ווי מען טאר קיין קינד נישט צעלאזן, טאר מען נישט געבן קיין קאמפלימענט, נאר פארקערט — אראפזעצן. ״מענדל, ווי קומט צו דיר אזא מיאוסקייט?״ פלעג איך שטיין און זיך אנהאלטן אין טאטן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ מ׳זאל נישט זען מײַן מיאוסן פנים. און אנדערע: ״מענדל, גרייט אן א גרויסן נדן, ווער וועט נעמען אזא מיאוסקייט?״ זיי האבן געמיינט בלשון סגי־נהור, פארשטייט זיך, מיך האט עס אבער שווער געפײַניקט ביז גאר, גאר נישט לאנג צוריק. באטש איך פארשטיי גאנץ גוט די סיבה. נאר פארשטאנד און געפיל, ווײַזט אויס, זענען נישט תמיד די בעסטע פאר. מאמציעלע די אנאלפאבעטין האט אבער אינטויטיוו דערפילט וואס איז גוט פאר קינדער.

טײַערע מאמציעלע, ליבער הארצפרײַנד מײַנער.

# פאַקן־מגפה

עס טראָגן זיך קלאַנגען אַז עס גייט אַרום אַ מגפה. דאָס שטעטל איז איינגעהילט אין פּחד. דער עיקר מאַמעס פון קליינע קינדער. מיט יעדן טאָג וואַקסט די מורא פאַר דעם מאַנסטער וועלכער רוקט זיך אָן אַלץ נעענטער צום שטעטל.

אינעם דערבייִיקן דאָרף איז ביי פּעדקאַן פאַרשלאָפט געוואָרן זיין יינגסטער זון, אַ פיר־יעריק יינגעלע, און ער האַלט זייער שמאַל. קיין דאָקטער איז ביי אונדז אין שטעטל נישטאָ. דעם פעלדשער, מעכל שאַרפשטיין, צערייסט מען ממש אויף שטיקער. פון די אַרומיקע דערפער פאָרן פורן, יאָגן זיך צום פעלדשער. אַרום פעלדשערס שטוב שטייען דריי געשפּאַנטע פורלעך און וואַרטן אויף אים שוין שעהען. פון קאַמענעץ קומט די נייעס אַז מעלדונגען זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף די טעלעגראַף־סלופּעס, אַז די קראַנקייט איז אַן ערנסטע, אַ געפערלעכע און זייער אַן אַנשטעקנדיקע. די שולן זענען פאַרמאַכט. מע דאַרף זיך היטן פון צונויפקומען זיך. נישט לאָזן דאָס קינד אויף וועלכן עס פאַלט אַ חשד, קומען אין באַרירונג מיט די אַנדערע קינדער. סימפּטאָמען: מידקייט. פאַרלירן דעם אַפּעטיט. קרענקלעכקייט און היץ. אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג איז אַן אויסשלאַג פון פריטשיקלעך באַגלייט פון אַ שאַרף בייסעניש איבערן גאַנצן גוף. ווי אַזוי און מיט וואָס קען מען העלפן דעם געטראָפענעם? ראשית, רו. דערנאָך לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ אַראָפּצוטרייבן די היץ. און למען השם נישט דערלאָזן זיך קראַצן. דאָס וועט נישט אָנקומען גרינג, ס׳איז אָבער אַ מוז. מיט יעדן אָפּגעקראַצטן פריטשטשיק בלייבט אַ שטופּל אויפן גאַנצן לעבן. מעלדונגען וועגן דעם האָט דער גבאי געלייענט ביים דאַווענען

מעריב. מען האָט אויך צוגעקלעפּט די מודעה אויף דער הויפּט־וואַנט פון ראַטיש, דער איינציקער שטיינערנער מויער וועלבער שטייט אין סאַמע צענטער פון שטעטל.

די נייעס האָט זיך צעטראָגן. מאַמעס מיט פאַרחושכטע פּנימער זענען אַרומגעלאָפן צעשראָקענע, געזוכט עצות ווי אַזוי אויסצו־באַהאַלטן זייערע קינדער פון דעם מערדער. און נישט געקענט געפינען.

פון לייב דעם קירזשנערס שטיבל טראָגט זיך אַ יללה. מאַכליע רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. זייער בן־יחידל, משהלע, אַ פיר־יעריקער, איז ערשט נאָר וואָס אויסגעגאַנגען. מיט יעדן טאָג שטייגט די צאָל קרבנות. ס'האָט דערגרייכט ביז: 'אין בית אשר אין שם מת'. מע זאָגט תהילים. מע רייסט קברים. מע טיילט נדבות. אָבער די מגפה טוט זיך אירס, לעשט אויס יונגע לעבנס.

די באָבע האָט מיך איינגעדעקט און אַ זאָג געטאָן:

„בעט גאָט, איטע, פאַר דיין ברודערל יאַנקעלען. ער איז נעבעך קראַנק.

כ'האָב זיך געבאַרעט מיטן שלאָף. נישט געוואָלט און אפשר נישט געקענט איינשלאָפן. ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. ס'איז שטאָק פינצטער. אפילו די באָבע שלאָפט שוין. פלוצים דערהערט זיך אַ יללה, אַ געוויין. דאָס געוויין פאַרגייט זיך אין אַ יאָמערדיק וואָיען. איך וועק דער באָבען. זי וויל מיך באַרואיקן:

„נאַריש קינד. דאָס וואָיעט אַ הונט".

ווי נאָר איך האָב דערהערט אַז עס איז אַ געוויין פון אַ הונט בין איך צעווילדעוועט געוואָרן, און מיט נישט מיין קול געשריגן אַז איך וויל שוין גיין זען יאַנקעלען. ס'טייטש, טענהט די באָבע, דאָס קינד שלאָפט אוודאי, אַלע מענטשן שלאָפן. ס'איז דאָך ביי נאַכט. איך לאָז נישט אָפּ. לויף אין צווייטן חדר וועקן אַרקען. די באָבע האַלט מיך צו:

„גאָט איז מיט דיר. באַרואיק זיך. וואָס האָט דיך אַזוי אויפגעטרייסלט? ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט? דו ווייסט גאַנץ

גוט אז עס וואיעט א הונט ביי נאכט, איז א סימן אז דער מלאך המוות איז נאענט".

"דו האסט מיר אליין געזאגט אז יאנקעלע איז שלאף. וויל איך אים שוין זען".

"טפו, טפו, טפו אויף מיינע שונאימס קעפ", האט די באבע א זאג געטאן. "א קינד נעמט זיך אריין א מאנקאליע אין קאפ אריין. מיר וועלן זיי אלע אויפוועקן. ווי קענסטו דאס טאן?"

איך האב נישט אויפגעהערט וויינען און כליפען. די באבע האט אנגעצונדן דעם לאמפ, א קוק געטאן אויף מיר און א זיפץ געטאן:

"אוי ווי דו זעסט עס אויס". זי האט מיך צוגעטוליעט צו זיך און באלד גענומען זיך אנטאן.

די באבע קלאפט שטיל אין טיר און אז קיינער רופט זיך נישט אפ, קלאפ איך אויך. ארויסגעקומען איז די מומע שפרינצע, א צעשראקענע:

"וואס איז געשען? ווי קומט איר אהער אזוי שפעט?"

די באבע האט דערקלערט אז עס האט זיך מיר ווייזט אויס עפעס געחלומט: "האט זי זיך אויפגעכאפט מיט א געוויין אז זי וויל זען דאס קינד".

"און אז איטעלע פארעקשנט זיך, מוז זי אויספירן אירס", זאגט די מומע שפרינצע.

מיר שטייען אויפן שוועל. איך שלעפ דער באבען ביים קליידל. איך וויל אריינגיין צו יאנקעלען. האט זיך אריינגעמישט דער פעטער מאטל און געזאגט:

"דו זעסט, איטעלע, אז אלע זענען שוין אויף די פיס. אזוי שפעט בײַ נאכט זאל א מיידעלע זיך איינשפארן און מוזן אויספירן. נו, גוט, נו. דו האסט זיך פשוט פארבענקט נאך דיין ברודערל. וועל איך דיך אויפהייבן אין דער הייך וועסטו קענען א קוק טאן אויף אים. דערנאך גייסטו כאלד אהיים. די באבע איז מיד און דארף זיך אפרוען".

יאנקעלע איז געלעגן א פארטראגענער, א פארפאליעטער.

לעבן דעם געלעגער האט געברענט א קאנעצל. דער זיידע האט געהאלטן יאנקעלען ביי די הענטלעך, און ער האט זיך געדרייט אהין און קריק און שטיל געוויינט ווי איינער וואס האט שוין קיין כוח מער נישט צו וויינען. דער זיידע משה וואלף האט זיך אפגערופן:

"גיי אהיים, איטעלע, גיי אהיים און זיי א גוט מיידעלע. דערקוטשע נישט דער באבען. זי איז פארמאטערט. זי דארף זיך אפרוען. ווען יאנקעלע וועט מירשטעם געזונט ווערן, וועסטו קומען אהער זיך שפילן מיט אים".

מיר זענען שוין אין דער היים. איך ליג שוין אויף מיין געלעגער און טראכט נאך. ס'טוט מיר באנג וואס איך בין אן איינגעשפארטע. ס'טוט מיר באנג וואס איך פאלג נישט. איך וויל אזוי שטארק זיין א גוטע. ווי אזוי זשע מאכט מען דאס? ארקען איז גוט. אים קומט אן גרינג צו זיין א גוטער. דערפאר אבער האב איך געזען יאנקעלען, דעם זיידן און אלעמען און ער קיינעם נישט. איז די באבע אסתר טאקע גערעכט ווען זי זאגט אז, ער, ארקע, דארף קיין מוסר נישט און מיר וועט קיין מוסר אויך נישט העלפן. מיטן צוזאג זיך צו סטארען צו זיין א גוטע פון היינט אן, בין איך איינגעשלאפן.

# קבר־אבות

אַט איז שוין ראש חודש אלול און ס׳פּילט זיך שוין אין דער לופט דאָס אָנקומען פון די פאַרכטיקע טעג. מײַן ברודער און איך זענען געקומען צום זיידן משה וואָלף און דער באָבע אסתּר, זיך זען מיט אַלעמען און זיך שפּילן מיט די קינדער. ס׳איז מיר דאָ אַזוי גוט, כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט בלײַבן, כאָטש נאָר איבער נאַכט. אָבער די באָבע אסתּר האָט כאָלד דערקלערט, לאַמר, אַזוי צו זאָגן:

״קינדער, איר וועט דאַרפן אַהיימגיין פרי, ווײַל אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, גייסטו, איטעלע, מיט מיר אויף קבר־אָבות צו דער מאַמען. זאָלסטו זאָגן דער באָבען, זי זאָל דיך אויפוועקן קאַיאָר און איך וועל קומען דיך נעמען״.

ס׳איז מיר זייער נישט צום האַרצן איבערצולאָזן די ענגע שטוב מיט אונדזערע ליבע און אייגענע און שוין אַזוי גיך גיין אַהיים.

״נו, און אַרקע?״ פרעג איך.

״אַרקע דאַרף דאָך גיין אין בית־מדרש זאָגן קדיש״.

״ס׳איז מיר געוואָרן אַ סך גרינגער אויפן האַרץ. כ׳האָב זיך שטענדיק מתקנא געווען. פאַרוואָס נאָר אַרקע? פאַרוואָס קען איך אויך נישט גיין זאָגן קדיש?״

״ווײַל דו ביסט אַ מיידעלע״, האָט מיר דער זיידע משה וואָלף פאַרענטפערט. ״ס׳זענען פאַראַן מיצוות פאַר ייִנגלעך און אַנדערע וואָס מיידלעך דאַרפן אויספאָלגן. ווען דו וועסט עלטער ווערן וועט אַלץ פאַר דיר קלאָר ווערן״.

איצט האָב איך אײַנגעזען ווי געדעכט אונדזער זיידע משה וואָלף איז געווען. איך אַליין און נישט אַרקע, גיי אויף קבר־אָבות.

איך האָב זיך איינגענורעט אין קישן, און אַ צופֿרידענע, מיט דערוואַרטונג אויפֿן קאַיאָר, בין איך איינגעשלאָפֿן.

די באָבע טײַנעסטע וועקט מיך. מיר ווילט זיך אַזוי שלאָפֿן. ס׳ציט מיך ווײַטער צום בעט. ס׳איז נאָך שטאַרק פֿינצטער. די באָבע העלפֿט מיר זיך צוגרייטן. און אָט איז די באָבע אסתּר שוין אויפֿן גאַניק און זי וואַרט שוין אויף מיר. געקומען איז די באָבע נישט אַליין נאָר מיט נאָך דרײַ ווײַבער. דער בית־עולם איז ווײַט, זייער ווײַט פֿון שטעטל. גייען מיר נישט מיטן וועג נאָר מיט די פֿעלדער. דאָס הייסט, זיי גייען און איך לויף נאָך. די שיכלעך מײַנע האָבן מיר אָנגעריבן די פֿיס, טוט מיר זייער ווײ. איך רוף דער באָבען, נאָר זי הערט מיך נישט. זי איז פֿאַרטאָן אין איר געיאָמער וועלכן איך הער פֿון ווײַטן, אָבער זעען זע איך זי נישט. איך האָב אויסגעטאָן די שיכלעך און לויף אַ באָרוועסע אָנצויאָגן דער באָבען. די איבערגעבליבענע שטרויוואַרצלען פֿון דער תּבֿואה נאָכן שניט, שטעכן ווי נאָדלען מײַנע באָרוועסע פֿיס. דער טוי איז אײַז קאַלט. דער ווייטיק פֿון די צעבלוטיקטע פֿיס לאָזט מיך נישט גיין ווײַטער. איך בלײַב שטיין. ס׳באַפֿאַלט מיך אַ מורא. די באָבע האָט מיך אוודאי פֿאַרגעסן. איך וועל דאָ בלײַבן אַליין מיט די מתים. איך פֿאַרמאַך די אויגן נישט צו זען און שרײַ נישט מיט מײַן קול:

„באָבע, פֿאַרגעס מיך נישט!“

די באָבע האָט ווײַזט אויס דערהערט און אַלע האָבן זיי זיך אומגעקערט.

„גאָט איז מיט דיר, וואָס איז געשען?“

איך האָב זיך אָנגעבאַפּט אין דער באָבעס קליידל. נישט אָפּגעלאָזט זי מער און ביטער געוויינט. ווען איך האָב זיך אײַנגעשטילט האָבן אַלע גענומען גיין. איך זאָג דער באָבען אַז איך קען נישט גיין און ערשט דעמאָלט האָט זי דערזען מײַנע צעבלוטיקטע פֿיס און זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט ווייטיק:

„זעט נאָר, זעט ווי דאָס קינד האָט זיך נעבעך אָנגעליטן. נישט אומזיסט האָט זי אַזוי געיעבצט“. די באָבע האָט מיך גענומען אויף

די הענט, ס׳איז איר נישט גרינג אַנגעקומען מיך אויפצוהייבן. קעגן די וואָרנונגען פון די ווײַבער:

״אסתּר, וואָס טוט איר? איר קענט זיך חלילה אונטעררײַסן. זי איז דאָך שוין קיין עין הרע אַ גרויסע״.

איך האָב זיך אָבער אײַנגעגוורעט אין דער באָבען און זי נישט אָפּגעלאָזט. גיין מיר אַזוי און גיין. וואָס נאָענטער מיר קומען צום בית־עולם, אַלץ שטאַרקער ווערן די יללות פון די ווײַבער. זיי פֿאַרגייען זיך ממש אין אַ מין געוואַי, וואָס וואַרפֿט אָן אַ פּחד אויף מיר. נו, אָט זענען מיר שוין דאָ. די באָבע לאָזט זיך אַראָפּ מיט מיר און מיט אַ פֿאַרשטיקט קול אַ זאָג געטאָן:

״ברכהלע, איך האָב דיר געבראַכט דײַן טאַטעשי״.

איך האָב באַלד דערזען ווי דער קבֿר פּראַלט זיך אויף און צוויי אויסגעשטרעקטע הענט שלעפּן מיך אַרײַן אין קבֿר. וואָס עס איז געווען ווײַטער ווייס איך נישט ווײַל געקומען צו זיך בין איך ערשט אין דער היים אויף מײַן געלעגער.

איך וויל דאָ אויסנוצן דעם ׳אין מוקדם ומאוחר בתּורה׳ און דערציילן אַן איבערלעבונג וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות מיט מײַן קבֿר־אָבֿות אינצידענט.

מיט אַ פֿינעף און צוואַנציק יאָר צוריק בין איך געקומען פֿון ניו־יאָרק קיין מאָנטרעאָל זיך זען מיט די אייגענע. זײַענדיק בײַ רחלען און פֿיליפּן אין שטוב, זענען מיר געזעסן אין דרײַען, רחל, לאהקע (צוויי שוועסטער), די, וועלכע איך האָב זיך צוגעאײַגנט און אַרײַנגעוואַקסן אין זייער לעבן. איך האָב זיך צוגעהערט צו זייערע מיינונגען וועגן אַ בילד וואָס רחל מיט פֿיליפּן האָבן געקויפֿט ווי אַ מתּנה פֿאַר לאהקען און אייבין צו זייער חתונה־יובֿל. דאָס בילד איז געמאָלן פֿון אַלעקסאַנדער בערקאָוויטש. די פֿאַרבן זענען האַרבסטיקע, אַלולדיקע. בײַ איינע פֿון די מצבֿות זיצט אַן אײַנגעבויגענע פֿרוי. ״קבֿר־אָבֿות״. מיטן ערשטן קוק אויפֿן בילד בין איך געבליבן אַ פֿאַרשטיינערטע. דאָס וואָס צענדליקער יאָרן האָבן צוגעדעקט און פֿאַרטריבן אין סאַמע דעק פֿון פֿאַרגעסן, האָט זיך

מיט א מאָל אָפּגעדעקט פֿאַר מיר מיט דער גאַנצער ווייטיקדיקער שאַרפֿקייט פֿון מײַן קינדערשער איבערלעבונג. מײַנע צוויי שוועסטער־חבֿרטעס האָבן דערפֿילט אַז עפּעס איז געשען. אָבער ערשט ווען איך בין געקומען צו זיך און דערציילט די דערפֿאַרונג מײַנע, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און אײַנצייטיק באַשלאָסן אַז דאָס בילד דאַרף זײַן מײַנס. ס'דאַרף זײַן כּסדר פֿאַר מײַנע אויגן. נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועל איך זיך באַפֿרײַען פֿון דער פּײַנלעכער איבערלעבונג.

ווי געדעכט מײַנע שוועסטער־חבֿרטעס זענען געווען, זע איך איין ווען נאָר איך טו אַ קוק אויפֿן בילד וואָס הענגט בײַ אונדז אויף דער וואַנט. איך זע עס אָן אַנגסט. אָן ווייטיק, אַוודאי פֿיל איך דעם אומעט פֿון בילד, אָבער נאָר דעם אומעט וואָס דאָס בילד אַליין הויבט אָן, נישט מער, נאָר שטענדיק מיט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט צו מײַנע שוועסטער־חבֿרטעס, לאַהקע און רחל.

# ווײַס ליים

אונדזער שטעטל סטידעניצע ליגט אין טאַל, די שטיבער אויסגעשטעלט אין אַ קרײַז. פֿיר געבײַדעס צעטיילן דאָס שטעטל אויף צווייען. אויף איין זײַט געפֿינען זיך די קלייטן, די פֿאַרמעגלעכע משפּחות, די אָנגעזעענע בעל־הבתּים פֿון שטעטל. אויף דער אַנדערער זײַט לעבן די בעלי־מלאכות, די שנײַדערס, די שוסטערס, סטאָליערס, קירזשנערס, די גאַנצע אָרעמשאַפֿט. איינער פֿון די פֿיר געבײַדעס וואָס טיילן אָפּ די גאַסן איינער פֿון דער אַנדערער, איז דער ראַטיש. אַ גרויסער, שטיינערנער בנין, אַ מין פֿעסטונג. יש אומרים אַז דעם מויער האָבן די טערקן אויפֿגעבויט בעת זיי האָבן געשאַלטעוועט אין דער געגנט. אין איין זײַט ראַטיש וווינט דער רבֿ מיט זײַן משפּחה. אַקעגן רבֿ וווינט אַלטער, אַ סוחר פֿון אייער מיט זײַן פֿרוי שרהקע, מיט זייערע קינדער. האָט די משפּחה געירשנט דעם נאָמען: אַלטער פֿון ראַטיש, שרה׳קע פֿון ראַטיש און אַפֿילו די קינדער זענען באַצייכנט געוואָרן מיטן ראַטיש שטעמפּל. די וווינונגען זענען אין בײדע זײַטן פֿון ראַטיש. אין צווישן איז אַ גרויס אײַנפֿאָרהויז פֿאַר וועגענער, פֿירלעך מיט פֿערד. הערט זיך טאַקע כּסדר פֿון דאָרט דאָס הירזשען פֿון פֿערד און דער ריח פֿון זייער אָפּפֿאַל.

דער ראַטיש דינט אויך ווי אַ זאַל פֿאַר חתונות, לעצטנס ווי אַ טעאַטער. די יוגנט האָט צונויפֿגעקליבן אַ גרופּע ליבהאָבערס און האָט אויפֿגעפֿירט "באַסיע די יתומה", "הערצעלע מיוחס" און אַנדערע פּיעסן. די וויכטיקסטע פֿונקציע פֿון ראַטיש איז אָבער: "מ׳זאָל עס נישט באַדאַרפֿן", אָדער "עס זאָל נישט קומען דערצו". בעת אַ צרה קען מען זיך דאָרטן פֿאַרריגלען. קיין קויל וועט דורכן

מויער נישט דורכגיין. פייער האט אויך א קנאפע שליטה. מיט איין ווארט, דער ראטיש איז א בנין מיט א סך, א סך פונקציעס.

די דערבייאיקע שטוב פון ראטיש איז א קלייט אין איינעם מיט דער וווינונג פון שיען און הענציען מיט זייער צוגעאייגנטער טאבטער, ריבציע. קיין אייגענע קינדער האבן זיי נישט געהאט. ס'איז בדאי צו דערציילן וועגן זיי א ביסל מער. איז אפשר וועל איך זיך צו זיי נאך אומקערן. די דריטע שטוב איז די אנזעעוודיקסטע אין שטעטל. דער איינציקער צוויי־גארנדיקער בנין. די קלייט, פארנט, ביי דער הויט — די וווינונג פון הערשקע אליס מיט זיין משפחה, ווייב און קינדער. די שטוב האט זיך אויסגעטיילט מיט דעם אקאציע בוים ביים ארייננאנג. א בוים — א בן־יחיד אין גאנצן שטעטל.

דאס פערטע הויז האט געהערט צו חיה־שרה די ליטוויטשקע. זי איז די מאמע פון דער גאנצער יוגנט אין שטעטל. אלע האבן ליב חיה־שרהן און אלע האבן גרויס דרך־ארץ פאר איר. חיה־שרה איז די "באבע" פון שטעטל. אלע קינדער האט זי געהאלפן ארייננקומען אין אונדזער וועלט. און זי האט ליב יעדן פון זיי ווי אייגענע קינדער. שיין איז חיה־שרה ווי די וועלט. א הויכע. א לויטער, ליכטיק פנים. שוין טאקע נישט פון דער ערשטער יוגנט און אפילו נישט פון דער צווייטער, אבער די וואבקייט אירע און די גלייבקייט אירע איז שענער ווי שיין און יינגער ווי יונג.

ווי געזאגט איז אונדזער שטעטל ארומגערינגלט מיט גערטנער און סעדער. דערנאך ערשט קומט א רינג פון בערג וועלכע ראמען איין די סעדער און די גערטנער. די בערג זענען באוועלדערט, נאר דא און דארט זעט זיך אן א וועג וואס פירט ארויף פון דער דאלינע (טאל) און פירט אין די דערפער און אין דערבייאיקע שטעטלעך. נאר איין בארג איז געשטאנען אן אדם־נאקעטער, א גרויער, חוץ די ווינטערדיקע חדשים ווען דער שניי האט אים צוגעדעקט איז ער געווען מיט מענטשן גלייך, א בארג ווי אלע בערג. א גרויסע מעלה האט אבער דער בארג געהאט. אין זיין איינגעווייד האט זיך געפונען ווייס ליים. מיט קיין גרויס עשירות האט זיך אונדזער שטעטל נישט

אויסגעצייכנט. מערסטע פון די תושבים האבן געראנקט גאט אז זיי האבן געהאט אפילו נאר קוים, קוים אויף זייער אויסקומעניש. דא און דארט האט מען געמוזט שפארן, זיך איינציען א גאנצע וואך כדי צו קענען מקבל שבת זיין ווי געהעריק.

זייף איז זייער טייער. האט מען אויסגעפונען אז דאס ווייסע ליים פונעם גרויסן בארג קען דינען און רינט טאקע א במקום־זייף. גייען מיידלעך מיט טארבעס און מיט האקמעסערס. מען איז עולה רגל צום בארג ווען עס איז א היפשער מהלך פון שטעטל. איך בין געקומען צו דער באבע אסתר ווי געוויינטלעך, און געהערט ווי איר מיזינקע, מיין מומע שרה, האט איר געזאגט, אז אויף מארגן, שפעט נאך האלבן טאג, ווען די זון ווערט מילדער, באגעגנט זי זיך מיט אירע חברטעס און זיי גייען צום בארג נאך ליים. דערנאך וועלן זיי בשותפות דאס אויסקנייטן, אויסקיילעבן און טרוקענען אויף אונדזער פריזבע, און זיך צעטיילן גלייך אויף גלייך מיט די ליימענע זייפלעך.

״גוט״, זאגט די באבע, ״מיר דארפן טאקע שוין האבן זייף. אונדזער פאראיאריקער זאפאס צאנקט שוין״.

דערהערט דער באבעס צושטימונג איז מיר באלד איינגעפאלן אז אויך איך גיי אויף דער עקסקורסיע. מיין יונגע מומע שרה האט זיך געשטעלט מיט מיין עקשנות. די באבע איז איר געקומען צו הילף:

״קיין קליינע מיידעלעך גייען נישט אזוי ווייט. וועסט מירטשעם אונטערוואקסן וועסטו גיין מיט דיינע חברטעס״.

גיי, ווארט, אז מיר ווילט זיך אזוי מיטגיין. זיך אונטערהערן צו זייערע רייד, זייערע סודות, זייערע געלעכטערס און זיין א גרויסע גלייך מיט זיי. אבער אז די באבע זאגט מוז מען פאלגן. מיטן זיידן וואלט איך זיך געקענט דינגען, אבער דער באבעס באפעל איז חוק ולא יעבור.

ס׳איז שוין מארגן. די זון איז שוין נידעריק, זי בריט נישט מער. און אט באווייזן זיך טאקע די מיידלעך מיט די לאנגע צעפ, מיט די טארבעס און מיט די האקמעסערס. מען גייט אהין ווו מיך ציט זייער

צו גיין. איך ראַנגל זיך מיט דער באַבעס פֿאַרזאָג און מיט מײַן תשוקה. אָן אמתער ויתרוצצו. סוף־סוף כאַפּ איך די פּיס אויף די פּלייצעס און לאָז זיך אַניאַגן די מיידלעך. ווען זיי האָבן מיך דערזען האָט מען אָנגעהויבן מיך טרייבן.

"ס׳קאַצל קומט! אַט איז זי דאָך טאַקע שוין דאָ!", האָט שׂרה מירצעס אויסגעשריגן, "ווו מע פֿאַרזעט זי נישט גייט זי אויף צוריק. גיי שוין צוריק, דו, פּיצווינקו!"

מײַן מומע שׂרה איז ווייער אַ גוטע. נישט געקוקט וואָס זי איז אײַנשטימיק מיט אירע חברטעס, קען זי אָבער נישט צוזען מײַן פֿאַרלווירנקייט, און זי גיט זיך אַ לאָז צו מיר, לייגט אַרויף אירעביידע הענט אויף מײַנע אַקסלען און זאָגט:

"איך קען זי נישט לאָזן גיין אַליין אַהיים. ס׳איז שוין צו ווײַט, וועל איך זי אַהיימנעמען".

אַלע האָבן פּראָטעסטירט. איינע האָט געזאָגט:

"די צרה איז וואָס איר גיט איר צופֿיל נאָך, דרייט זי אײַך אָפּ דעם קאָפּ".

אַ צווייטע האָט געזאָגט:

"נישט אומזיסט האָב איך ערשט נעכטן געהערט טשאַרנען זאָגן צו איר מיידעלע אַז זי וואַקסט אַ צווייטע איטעלע. זאָלן בעסער מײַנע שונאים דערלעבן אויסצוּוואַקסן...".

מײַן מומע שׂרה האָט מיך געכאַפּט בײַ דער האַנט:

"איך קען דאָס מער נישט הערן. קום אַהיים!"

אירע חברטעס אָבער האָבן זי אַרומגערינגלט און זיך געבעטן בײַ איר אַז זי זאָל מיטגיין. מע וועט זיך שוין אָן עצה געבן מיט דער קליינער. מײַן מומע שׂרה׳ס אויגן שטייען אויף אַ נאָס אָרט, דער עיקר ווען מען רירט מיט עפּעס אָן די קינדער פֿון איר באַליבטער שוועסטער. גייען שוין אַלע. מע זינגט נישט מער. מע לאַכט נישט מער. פֿון דער מומע שׂרהס אויגן רינען טרערן אָן אויפֿהער. איך גיי זיי נאָך אַ צעקלעמטע, אַ פֿאַרשעמטע, פֿול מיט חרטה. נו, אַט זענען מיר שוין בײַם באַרג. די מומע שׂרה

זעצט מיך אנידער אויף א פלאכן שטיין און פארזאגט מיטן הארבן וואָרט:

"זאָלסט נישט אַוועקגיין פון דאַנען, אַפילו נישט אויף קיין איין שפּאַן, דו הערסט? זיץ און וואַרט ביז איך וועל אַרויסקומען פון דער הייל".

זיי זענען אַלע אַריין ווי אין אַן אויוון אַריין און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס האַקן פון די האַקמעסערס.

איך זיץ. אַרום מיר שפּרינגען און פליען פייגעלעך, פלאַטער־לעך. אָט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פייגעלע, אַ קראַנקס ווייזט אויס. איך הייב זיך אויף און וויל עס נעמען, איז עס מיט שווערקייט אַוועקגעפלויגן. איך לויף נאָך דעם פייגעלע און ס'עפנט זיך אַ פּאַנאָראַמע פאַר מיר וואָס איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געזען. די זון האַלט שוין ביים זעצן זיך. דאָס פעלד, דיביימער זענען צעצונדן פון דער פאַרגייענדיקער זון. מיך לאָקט און ציט צום ראַנד ווו דער הימל און די ערד באַגעגענען זיך. מיר, דבורה אברהם נחמיהס און איך, האָבן שוין פון לאַנג באַשלאָסן אַז דאָרט הייבט זיך שוין אָן אַמעריקע, ווו איר עלטסטער ברודער, משה, געפינט זיך און שיקט פון דאָרטן שיינע ווינטשקאַרטלעך. איך לויף צו צום אָרט. אָט, אָט דערלאַנג איך עס שוין, אָבער ס'האַלט אין איין אַפּרוקן זיך פון מיר. איך יאָג זיך גיכער און גיכער, ביז איך קען מער נישט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. איך שטיי אַ פאַרלוירענע און וויין. איך שריי: שרה! שרה! ווו ביסטו? ס'ווערט וואָס אַ מאָל טונקעלער און אָט איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן מיט היי געשלעפּט פון אַ פּאָר אָקסן. דער פויער איז צוגעגאַנגען צו מיר, זיך איבערגעצלמט און אַ זאָג געטאָן:

"האָב קיין מורא נישט. וועמענס ביסטו?"

"איך בין מענדל יאָסל משה'לעס".

"וועמענס?" פרעגט ער נאָך אַ מאָל און איך ענטפער אים נאָך אַ מאָל מיט די אייגענע ווערטער.

"נו, איך ווייס נישט ווער דאס איז. איך וועל דיך אריינברענגען אין שטעטל און דארטן וועלן דיך שוין דיינינקע דערקענען".

ער וויל מיך העלפן ארויפגיין אויפן וואגן און איך לאז זיך נישט.

"וואס ווילסטו?" שרייט דער פויער.

"איך וויל גיין צופוס", ענטפער איך.

"וואס, ביסטו משוגע געווארן? ביסט זייער ווייט פון שטעטל, און איך האב קיין צייט נישט מער".

"אבער איך בין א יידיש קינד, איך טאר מיט קיין אקסן נישט פארן", בעט איך זיך ביי אים.

דער פויער האט מיך א הייב געטאן און מיך ארויפגעזעצט אויף דער סטערטע היי און מיר פארזאגט:

"האלט זיך אן אינעם שטריק אויפן היי, אניט וועסטו אראפפאלן".

מיר פארן שוין. די אקסן גייען פאמעלעך. דער וואגן סקריפעט און איך וויין. נישט גענוג וואס איך בין אזוי פארזינדיקט פאר דער באבען, פאר דער מומען שרה, זינדיק איך נאך איצט קעגן גאט. וואס וועט זיין? ווי אזוי וועט ער מיך באשטראפן? איך בין צעשראקן. כ'האב מורא פאר דער פינצטערניש. כ'האב מורא פאר דער שטראף. האלט איך די אויגן פארמאכט. מיט א מאל דערהער איך דעם גוי:

"מיידעלע, דארט גייען דיינינקע מיט שטורקאצן, אוודאי דיך זוכן".

זיי דערנענטערן זיך און דער גוי שרייט אויס:

"זארגט זיך נישט! זי איז ביי מיר אויפן וואגן!"

מיין טאטע איז פונקט, דאס מאל, געקומען אהיים מיט א טאג פריער. דערהערנדיק די גוטע נייעס פון די מיידלעך, אז זיי האבן מיך נישט געקענט געפינען, האט ער א זאג געטאן:

"לאזט וויסן אז מען זאל נעמען ריסקעליעס (אייזערנע לאפעטעס) און העק און שוין זיך ארויסלאזן זוכן".

מיין פאטער, פעטער מאטל, פעטער חיים זענען געלאפן. יונגעלייט, באוואפנט מיט די מבשירים און מיט שטורקאצן, האבן

זיך נאכגעיאָגט און אנגעשלאָסן זיך אין דער זוך־בריגאַדע. די מומע שרה גייט מיט אַנצוּווייזן אין וואָס פֿאַר אַ הייל זיי זענען געווען.

דער פֿויער האָט מיך אַראָפּגענומען פֿון וואָגן היי:

"אָט איז זי".

דערקענט מײַן טאַטן, האָט ער אים אויסגעמוסרט. ווי אַזוי לאָזט מען אַ קינד אַליין אין פֿעלד:

"אויף דיר מענדל, וואָלט איך עס נישט געגלייבט".

ער האָט דעם טאַטן מײַנעם נישט געלאָזט דערקלערן. נישט באַדאַנקען:

"ס'איז שפּעט און איך מוז שוין פֿאָרן אַהיים".

מײַן טאַטע איז געבליבן אַ פֿאַרשעמטער און נאָכגעקוקט דעם גוי אַ לאַנגע ווײַלע. דער דאַנק איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. מיט אַ מאָל האָט ער מיך אַ צי געטאָן נענטער צו זיך:

"זאָג מיר נאָר. פֿאַר וואָס ביסטו נישט געבליבן זיצן ווי שרה האָט דיר אָנגעזאָגט? וווּהין ביסטו פֿאַרקראָכן?"

"כ'האָב געוואָלט זען ווו דער הימל בייגט זיך אָן צו דער ערד".

ס'האָט זיך דערהערט אַ בציבורדיקער געלעכטער. דער טאַטע, אַ צעפּעסטער:

"איך וועל דיר שוין ווײַזן ווי דער הימל בייגט זיך צו דער ערד".

ער האָט מיך אָנגעשפּאַרט אויף זײַנע קני, פֿאַרהייבן דאָס קליידעלע און גענומען שמײַסן מיט זײַן שטאַרקער האַנט אויף מײַן נאַקעטען זײַט־זשע־מוחל, אַז פֿונקען זענען געפֿלויגן. וויינען האָב איך מער נישט געקענט. נאָר געבליפּעט. פֿון עולם האָט זיך דערהערט ווי מען זאָגט גוט אַזוי, מע דאַרף זי אָנלערנען. אָן אמתער מזיק. ס'האָבן זיך אויך געהערט:

"גענוג שוין, מענדל, גענוג. זי איז דאָך נאָך פֿאָרט אַ קינד".

מײַן מומע שרה האָט זיך נישט געקענט מער אײַנהאַלטן, אַ כאַפּ געטאָן מײַן טאַטן בײַ דער האַנט און געזאָגט:

"נאַ, שלאָג מיך, מענדל, נאָר לאָז אָפּ דאָס קינד".

דער טאַטע איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. טעג האָב איך

זיך נישט געקענט אנידערזעצן. אָבער נישט דער ווייטיק האָט מיך אזוי געאַרט, ווי דער חוזק מיט וועלכן ס׳האָט מיך געפֿרעגט קינד און קייט:

"נו, איטעלע, ווען גייסטו נאָך א מאָל אויסגעפּונען ווו דער הימל בייגט זיך צו דער ערד? הא?"

די לעצטע שאלה גייט מיך נאָך און וועט מיך נאָכגיין לעולם ועד.

# איך קלייב פלוימען

פון הערן און געדענקען האט וואסיל אריינגעבראכט צו דער באבע אסתר יעדן דאנערשטיק פון דער מיל, אנהייבנדיק מיט אן עוף אויף שבת, ווײַס מעל אויף צו באקן חלות, האלץ צו הייצן דעם אויוון און אלע שאר־ירקות, ווי קארטאפל, ציבעלעס, בוריקעס, פאסאליעס און וואס נישט?! אזוי דערציילט די באבע אסתר וועגן טאטן און פארפעלט נישט צוצוגעבן:

"דער טאטע אײַערער, איז ניט נאר א גוטער מענטש נאר א מלאך. וואס וואלטן מיר געטאן אן אים?"

דאס איז געווען מיט יארן פריער ווען מײַן גרויסער זיבן יאריקער ברודער איז נאר וואס געהאט געבוירן געווארן. די קליינע משפחה האט זיך באזעצט אין דארף, א פאר מײַל פון שטעטל. געקראגן אין ארענדע די מיל פון וועלכער מע האט געצויגן פרנסה בהרחבה און נאך געהאלפן באבע־זיידן מיט זייערע פינעף קינדער. לאנג האט דאס אבער נישט אנגעהאלטן. נאך געציילטע פאר יאר, האט זיך באוויזן א מענטש פון דער פרעמד, וואס האט אויסגעדונגען די מיל בײַם פריץ, און אונדזער משפחה (איך בין שוין אויך געווען אויף דער ארענדע) האט זיך אומגעקערט אין שטעטל.

"דאס זענען געווען די פעטע זיבן יאר", אזוי זאגט מײַן באבע אסתר. אין שטעטל האט זיך די שפע אינגאנצן אפגעטאן פון אונדז. ס'האבן זיך אנגעשטעלט אויף א אמתן די זיבן מאגערע יאר. דער טאטע איז געווארן א סאדאווניק, אפגעדונגען די סעדער פון פויערים אדער פון פריץ, אין צײַט פון בלי, און געבעטן גאט ער זאל זיך אפהאלטן פון פארשפעטיקטע פרעסטלעך וועלכע צעשטערן בדרך כלל דעם געוויקס. מיט גרויס שפאנונג און הארץ־קלאפעניש

ארויסגעקוקט אויפֿן רייף ווערן פֿון די פּרוכטן, דער עיקר פֿלוימען. דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ פּראָצעס. די יונגע פֿויערים, שקצים, ווי מיר האָבן זיי גערופֿן, האָבן מיט לאַנגע שטעקענעס געטרייסלט די פֿלוימען פֿון דיביימער, און די יונגע פֿויערישע מיידלעך האָבן אַרומגערינגלט, מיט קיישלעך אין די הענט, דעם אָפּגעטרייסלטן בוים, און אויפֿגעקליבן די פֿלוימען.

מיר איז זייער גוט געווען מיט זיי. זיי האָבן מיך אויסגעלערנט די לידער זייערע. צו זייער געזאַנג האָבן די שקצים האַרמאָנירט און ס'איז געווען אַ נחת רוח צו הערן. מיך האָט מען אַריינגענומען ווי אַ פֿולשטענדיקן מיטגליד. דערפֿאַר אָבער האָב איך געדאַרפֿט נאָכקומען אַלע כּללים און זיך באַטייליקן אינעם קלייבן די פֿלוימען. מײַן עבֿודה איז געווען פֿאַרציִען דעם ניגון. דאָס הייסט אָנהייבן דאָס ליד און זיי האָבן שוין אונטערגעכאַפּט.

די קוישן פּרוכט זענען געבראַכט געוואָרן צו דער 'דוכאַוואַי', אַ בנין מיט אַרײַנגעבויטע שופֿלאָדן אין וועלכע די פּרוכטן פֿלעגן זיך טרוקענען. איינער האָט געהייצט דעם אויוון פֿון אונטער די שופֿלאָדן און אַכטונג געגעבן אויפֿן פֿײַער. נאָך טעג און טעג זיך טריקענען האָבן די פֿלוימען אָנגענומען אַ גלאַנציק שוואַרצע פֿאַרב און אַ טעם גן־עדן. דוכאַוואַי־פֿלוימען זענען געווען די אַריסטאָקראַטן, בדרך כּלל אונגערישע פֿלוימען. טשערקושינע זענען פֿאַררעכנט געוואָרן ווי דער פּראָסטער ברודער פֿון די ערשטע. זיי האָט מען שוין געטריקנט נישט אין דוכאַוואַי נאָר אין "לאַזשניעס", אין גרויסע פֿיר־עקיקע קאַסטנס, אַרײַנגעגראָבן אין דער ערד. אונטער די קאַסטנס האָט געברענט דאָס פֿײַער. מיט די לאַזשניעס האָט מען זיך נישט אָפּגעגעבן אַזוי ווי מיט דער דוכאַוואַי. מע האָט נאָר אַכטונג געגעבן ס'זאָל ברענען דאָס פֿײַער. בשעת דאָס דוכאַוואַי פֿײַער האָט געדאַרפֿט אָנהאַלטן אַ כּסדרדיקע גלײַכע טעמפּעראַטור, ווי ס'פּאַסט פֿאַרן מיוחסדיקן ברודער. די דוכאַוואַי־פֿלוימען האָט מען געפּאַקעוועט אין קליינע קעסטלעך, די לאַזשניע פֿלוימען אין גרויסע קאַסטנס.

נישט ווײַט פֿון די לאָזשניעס זענען געווען אײַנגעגראָבן טשוגענענע קעסלען אין וועלכע עס האָט זיך געפּרעגלט פּאָווידלע. איינער פֿון די אַרבעטער איז געשטאַנען און כּסדר געמישט עס זאָל זיך נישט צוברענען. טאָמער האָט די פּאָווידלע זיך צעשמעקט מיט רויך איז עס געווען אַן אמתע קאַטאַסטראָפֿע. די פּאָווידלע טיילט זיך אויף צוויי קלאַסן. די ערשטע ווערט געקאָכט לענגער, מיט מער צוקער, געדיכטער, ווערט געפּאַקט אין קליינע פֿעסלעך ווי ס׳פּאַסט פֿאַר גבֿירישער פּאָווידלע. די צווייטע מוז זיך שוין באַגיין מיט ווינציקער צוקער. מיט ווינציקער קאָכן און מישן. דערפֿאַר זעט זי טאַקע אויס בלאַסער, שיטערער און ווערט געגאָסן אין גרויסע פֿעסער. דאָס איז די אָרעמאַנסקע פּאָווידלע, פֿאַר עמך. צו דער ערשטער, פּונקט ווי צו די דוכאַוואַי־פֿלוימען, באַציט מען זיך גאָר אַנדערש, מיט מער דרך ארץ און מער פּאַרזיכטיק. אַ קלייניקייט, נגידישע פּראָדוקטן!

ס׳איז מיר זייער גוט מיט די שיקסעס און שקצים. זיי האָבן מיך ליב און איך זיי אויך. זיי ווייסן אַז איך עס נישט זייערע מאכלים. באַקן זיי פֿאַר מיר קאַרטאָפֿליעס און פּאַפּשויעס אינעם וששאר פֿון די לאָזשניעס און איך עס מיט זיי אין איינעם. זיי זענען גוט צו מיר, אָבער פֿון צײַט צו צײַט טרײַבן זיי לצנות און ברענגען מיך צו טרערן. למשל: פּעדקאָ גיט מיך אַ הייב, שטעלט מײַנע פֿיס אויף זײַנע ברייטע אַקסלען, און זאָגט:

„דו זעסט די צוויי פֿלוימען דאָרטן אויבן? דו וועסט זיי דערלאַנגען, רײַס זיי אָפּ".

איך טו עס מיט גרויס פֿרייד. איך, נאָר איך אַליין, קען אויספֿירן די שליחות. נו, איטע, טו דײַן אַרבעט. איך גיב זיך אַ צי אַרויף און אָט האָב איך די פֿלוימען כּמעט אין דער האַנט, אָבער פּעדקאָ איז מיט אַ מאָל נידעריקער געוואָרן און איך בין געבליבן אַן אַנטוישטע. דערצו נאָך האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער אויף מײַן חשבון.

„נו, דאַוואַי, מיר וועלן פּרובירן נאָך אַ מאָל", האָט פּעדקאָ געזאָגט, מיך אַ הייב געטאָן, איך האָב זיך געטאָן אַ צי אַרויף און

שוין אפילו אנגערירט די פלוימען. אבער ס'האט זיך אויף ס'ניי איבערגעחזרט די שפיל מיט דער באגלייטונג פון א שטארקן געלעכטער. איך האב דערפילט דעם חוזק און איך האב זיך ביטער צעוויינט. אלע האבן מיך געוואלט בארויקן אבער איך האב זיך נישט געלאזט. געפילט זיך פארשעמט. איבערגעבעטן האט מען מיך מיט א בלוי סטענגעלע וואס נאטאליע האט מיר געגעבן ווי א סימן אז מער וועט זי נישט טרייבן קיין לצנות אויף מיין חשבון.

די געטרוקנטע פלוימען און פעסלעך פאווידלע זענען צעשיקט געווארן טיף אין רוסלאנד. אויך אין אויסלאנד. דער עיקר עסטרייך (קארדזן). אונדזער זיידע האט שוין דארטן אפגעווארט די סחורה און געטאן איר רעכט. ער איז געווען דער קאמיסיאנער פון שטעטל, א ווויל־קלינגעוודיקער נאמען פאר וועלכן דאס שטעטל האט געהאט גרויס דרך־ארץ, כאטש ווייט נישט אלע האבן געוווסט דעם טייטש פון ווארט.

אלץ איז צוגעגאנגען נארמאל. דא און דארט האט אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן צוויי קרעמער איבער א פדיון. א געשלעג אין בית־המדרש איבער אן עליה. קללות זענען געפלויגן פון איין שכנה אויף דער אנדערער און צוריק, איבער א פליאטקע אדער ווער פון זייערע קינדער איז שולדיק אין זייער רייסעריי. אלץ, ווי געזאגט, נארמאל. די טעג זענען געווארן אלץ קילער און אסיענדיקער. איך האב טאקע זייער הנאה געהאט פון מיין ארבעט און פון מיין געזעלשאפט. אבער ס'האט זיך אנגעהויבן לייגן שווער. איך האב נישט געקענט מיטהאלטן מיט דער באפטע. האבן זיך מיינע שכנטעס צוגערוקט נאענטער צו מיר און געדעקט אויך מיין טעריטאריע. מע האט זיך איבערגעקוקט און א זאג געטאן:

"איטוניא, ניע פיעשטשו, וועסט זיך אנווארעמען און זיך אפרוען".

איך בין באלד מסכים געווען און איינע פון זיי, אניא, האט מיט א לויטער־שמייכלענדיק פנים, מיך א נעם געטאן ביי דער האנט און מיך צוגעפירט צו דער דוכאוואי. געווארט ביז איך בין ארויף דעם

לייטער, אויף דער פּעטשקאַ, און מיר אַנגעזאָגט נישט אַראָפּצוגיין פון דאָרט ביז דער טאַטע וועט קומען אָדער עמעצער אַנדערש פון מײַניקע און מיך אַראָפּנעמען. אָנגעקומען איז שטיפּאַנקע. ער גיט אַכטונג אויף די פֿייערן פון ביידע, סײַ פון דוכאָוואַי, סײַ פון די לאַזשניעס. אַניאַ האָט אים אַלץ איבערגעגעבן און צוגעגעבן אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער וועגן מיר, אַז איך בין אַזוינס ווי אַזעלכעס. דאָס האָט געזאָלט זײַן דער גרעסטער קאָמפּלימענט, אָבער דאָס האָט בײַ מיר אַרויסגערופן אַ ויתרוצצו. אוודאי פרייט מיך וואָס זיי האָבן מיך אַזוי ליב, אָבער איך בין יאָ אַ זשידאָוואַטשקאַ און וויל נישט זײַן אַנדערש.

אַט בין איך שוין אויף דער פּעטשקע. דאָס איז אַ פֿלאַכער, גרויסער שטח, באַלד אונטערן דאַך, איבער די אַלע שופֿלאַדן. ס׳נעמט מיך אַרום אַ ליבע וואַרעמקייט און אַ גן־עדן ריח פון די טרוקענע פּירות. די פּעטשקע איז אויפגעשפּרייט מיט דעקן, אַ מחיה. ווי נאָר איך האָב זיך אַנידערגעלייגט בין איך באַלד אײַנגעשלאָפֿן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין שטיפּאַנקע געווען לעבן מיר מיט אַ פֿריש געבראָטענע קאַרטאָפֿל. שטיפּאַנקע איז אַ נידעריקער מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקן. מיט אַ פֿלעק אויף איין זײַט פון נאָז. ווען איך האָב אַ מאָל אָנגעטאַפּט דעם פֿלעקן און געפֿרעגט וואָס דאָס איז, האָט ער מיר דערציילט אַז זײַן טראַגעדיקע מאַמע האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אַ מויז און זיך אָנגעכאַפּט בײַם פּנים, און דאָס איז דער פּועל־יוצא, אַ מייזל אויף זײַן נאָז. פֿאַר שיינקייט וואָלט שטיפּאַנקע קיין פּרײַז טאַקע נישט באַקומען. דערפֿאַר אָבער קומט אים אַן אויסצייכנונג פֿאַר זײַן גוטסקייט, פֿאַר זײַן ליבשאַפֿט פֿאַר אַלץ און אַלעמען. זײַן הונט האָט ער ליב סכּנות נפֿשות. קינדער, ביימער, מענטשן האָט ער ליב און ער האָט הנאה פון ליב האָבן זיי. הײַנט, זײַן דערציילן מעשיות. אַז שטיפּאַנקע דערציילט אַ מעשה, ווילט זיך אײַנהאַלטן דעם אָטעם כּדי נישט צו שטערן אים. לייענען און שרײַבן קען שטיפּאַנקע נישט. אָבער זײַנע מעשיות זענען אַ דינער געוועב פון ליכט און שאָטן, פון

פּיפּערנאַטערס וועלכע יאָגן זיך שלעבטס טאָן די מענטשן אויפֿן ים. די פֿישערס, אָבער באַלד יאָווען זיך די שיינע און צאַרטע רוסאַלקעס (וואַסער־נימפֿן) און דרייען זיך אַרום דעם פּיפּערנאַטער און פֿאַרכּישופֿן אים מיט זייער שיינקייט. זיי טרעטן נישט אָפּ ביז די פֿישער־שיפֿלעך זענען שוין ווײַט, ווײַט פֿון סכּנה.

ס'איז גוט צו זײַן מיט שטיפֿאַנקען. זייער און זייער גוט. אויך מײַן מומע שרה, דער באָבעס מיזינקע, ווען זי קומט אַהיים פֿון קאַרענעץ, באַפֿט זי זיך אַרויף אויפֿן פּעקעליק, און הערט זיך אײַן גלײַך מיט מיר צו שטיפֿאַנקעס מעשׂיות. די הפֿסקות וואָס שטיפֿאַנקע מוז מאַכן צו כאַפּן אַ קוק אויף די פֿײַערן ציען זיך בײַ מיר זייער לאַנג. אָבער אָט איז ער שוין אויפֿן לייטער און באַלד נעמט ער מיך אויף דײַנע פֿליגל און מיר טראָגן זיך אַוועק אין אַ צויבער, אין אַ כּישוף־וועלט.

אַלץ וואָלט גוט געווען ווען נישט די קלאַנגען וועגן אַ מלחמה. וואָס אַ מלחמה איז ווייס איך טאַקע נישט אָבער לויט די זיפֿצן און די וויינינדיקע קולות פֿון די ווײַבער און לויט דער באָבעס באַמערקונג: ״ס'זאָל כאָטש נישט אויסגיין צו יידישע קעפּ, טאַטע זיסער״, ווערט קלאָר אַז מען קוקט נישט אַרויס אויף איר, אויף דער מלחמה, הייסט עס.

# ערבֿ מלחמה

ס'טראָגן זיך קלאַנגען אַז עס וועט אינגיכן אויסברעכן אַ מלחמה. דערוויַיל גייט אַלץ נאָרמאַל. מאַנטיק, דער יריד אויף וועלכן די קרעמער און בעלי־מלאכות קענען זיך נישט דערוואַרטן. אַט איז ביַי זיַידעלע בעל־עגלה אוועקגעפאַלן אַ פערד און זיך מער נישט אויפגעהויבן. זיַידעלע, אַ מטופּל מיט קינדער, איז געבליבן אָן חיונה. אַט איז אונדזער גלת געקומען צום זיַידן, ווי געוויינטלעך, אָפּנעמען די פּאַסט, און כאַפּן אַ שמועס מיט אים וועגן עניני דיומא. דער זיַידע נעמט אים אויף בסבֿר פּנים יפֿות. ראשית איז ער אַ מומחה אין דער מעדיצין. געווען אַ סטודענט אין מעדיצינישן פֿאַקולטעט. נאָר צוליב זיַין נטיה צו מיסטיציזם האָט ער אויסגעביטן די מעדיצינישע קורסן אויפֿן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דינען דינט ער ביידע. ער איז אַ פעלדשער. ויש אומרים אַז ער איז אַזאַ מומחה אַז די דאָקטוירים פֿון די אַרומיקע שטעטלעך האַלטן אים פאַר זייער קאָלעגע.

"איר האָט דעם גלח, דאַרפט איר נישט עמעצן אַנדערש", אַזוי האַלטן די דאָקטוירים. דער עיקר אָבער איז זיַין מענטשלעכקייט. אַן אמתער אוהב הבריות. דערשמעקט ער אַז דער חולה איז פֿון אחינו בני קבצנים, נעמט ער שוין נישט קיין שכר־טרחה. אדרבא, ער באַצאָלט פאַר דער רפואה. און דער אַפּטייקער דאַרף עס באַלד צושטעלן צום חולה. עס טרעפט אַ מאָל אַז ער זעט אויף אַ קינד אַז אַ גלאָז מילך וואָלט אים נישט פאַרשאַדט, נעמט ער אים מיט צו זיך אַהיים, באַפעלט דער דינסט צו געבן אים אַ גלאָז מילך אויסצוטרינקען אויפֿן אָרט און אָנפילן דאָס קריגעלע אַהיימצונעמען. דעם יינגעלע זאָגט ער אָן צו גיין פאַרזיכטיק, נישט לויפן, נישט

פאלן. פילסטו אבער אז דיר ווילט זיך יא פאלן, זאלסטו למען השם אוועקשטעלן דאס קריגל און פאל דיר געזונטערהייט. זיין הומאר, זיין שמייכלדיק פנים, זיין גוטסקייט רופט ארויס גרויס דרך־ארץ און ליבשאפט ביי קינד און קייט. וואלט ער נישט געווען וואס ער איז, וואלט ער זיכער געווארן אן אביעקט פאר די חברה פאליש לצנים צו חוזקן פון אים. ער איז א גרויסער, א מגושמדיקער, מיט א לאנגער טשופערינע רויט־בלאנדע האר. א גרויסן צלם אויף דער ברוסט און די פאלעס פון דער גלחישער קאפאטע, צעעפנט, די בארד צעשויבערט און אין בסדרדיקער איילעניש. אבער פון אונדזער גלח חוזקט מען נישט.

קיין פאסט איז ביי אונדז אין שטעטל נישטא. ברענגט מען צום זיידן די פאסט פארן שטעטל מיטן פאסט־מייסטער פון דערבייִיקן שטעטל (פאר א שיינער באלוינונג, פארשטייט זיך). קומט יעדער זיך נאכפרעגן צי איז עפעס דא פאר אים.

די אמעריקאנקעס (אזוי רופט מען די פרויען וואס זייערע מענער זענען ערגעץ אין די אמעריקעס) קומען מיט גרויס דערוואַרטונג. קוקן ארויס אויף א בריוו, אויף אן אנווייזונג אויף געלט. די וואס האט געקראגן איז א צופרידענע אוועקגעגאנגען. די וואס איז געבליבן האט נאך א מאל איבערגעפרעגט: "ר' יאסל, איר זייט זיכער אז ס'איז גארנישט אנגעקומען?" האט זיך דער גלח ארייגעמישט:

"וואס מאכט יאנקעלע? ער הוסט נאך?" און איידער כייקע האט אים געענטפערט, האט ער א זאג געטאן: "הערט זיך איין, כייקע, אנקומען וועט אנקומען. נישט די וואך, איז די קומענדיקע וואך. דערווייל קען איך אייך אויסבארגן וויפל איר דארפט אויף דער וואך אויסקומעניש. וועסט מיר אפגעבן. זארג זיך נישט". דאס איז אונדזער גלח.

איך האב שטענדיק ליב זיך אונטערהערן ווען די דערוואַקסענע רעדן צווישן זיך. באזונדער צום גלחס רייד מיטן זיידן. דער עיקר איצט, בעת זיי רעדן וועגן דער אנקומענדיקער מלחמה. לענדער,

ערטער מיט פרעמדקלינגענדיקע נעמען קומען אויף אין זייערע רייד. אָט שטימען זיי איין איינער מיטן אנדערן און אָט אמפּערט מען זיך איבער עפּעס. צום סוף באַמערקט דער זיידע:

"באַטיושקאַ, איך בין זייער באַזאָרגט צוליב דער לאַגע אין דער וועלט. מלחמה איז אַ צעשטערערישער כּוח. דער פּראָסטער מענטש ווייסט נישט פון קיין חכמות. מען טײַטלט מיטן פינגער אַז דער און דער איז דער שולדיקער אין דײַנע צרות, פילט זיך אָן זײַן האַרץ מיט שנאה. און שנאה פון אַ גאַנצן ציבור קען חלילה ברענגען צו חורבן".

"יאָסיף, דו מיינסט דאָך אוודאי פּאָגראָמען, אַ יאָ?"

"יאָ, באַטיושקאַ, מיר פאַרשטייען זיך", זאָגט דער זיידע.

"ווי קענסטו טראַכטן אַזוי? מיר לעבן דאָך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?"

"און ווי ווײַט זענען מיר פון בייליס־פּראָצעס, באַטיושקאַ? פונעם דרייפוס־פּראָצעס וואָס איז פאָרגעקומען אינעם פאָרגעשריטענעם לאַנד פון דער וועלט? ווי ווײַט האָט עס געהאַלטן פון בלוט־פאַרגיסונגען? באַטיושקאַ, איך דאַרף דיר דאָך נישט אויפקלערן. דו קאָנסט אונדזער היסטאָריע אַזוי גוט ווי איך. טאַקע וועגן דעם וויל איך מיט דיר רעדן".

מאַמציעלע האָט אַרײַנגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר מיט צובייסן און דער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן. נאָכן טיי טרונקען האָט דער גלח אַ זאָג געטאָן:

"יאָסיף, האָסט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן".

"יאָ, באַטיושקאַ, איך ווייס נישט ווי אַזוי דיר איבערגעבן די אַנגסט וואָס באַהערשט מיך לייענענדיק דאָס שוואַרצמאה בלאַט".

"איך פאַרשטיי דיר, אָבער וואָס ווילסטו? דו ווייסט דאָך אוודאי אַז אויך איך בין אומרויִק פון זייערע אויפפירונגען און זייער לשון".

"אָט, אין דעם האַנדלט זיך טאַקע. דו, באַטיושקאַ, ביסט אַ מענטש מיט השפעה אויף אונדזער דאָרף, אויך אויף די אַרומיקע דערפער, קענסטו באַצײַטנס מיט אַ גוט וואָרט אויפן חשבון פון די

שטעטלעך אַנווייזן אויף זייער שווער לעבן, ווייכער מאַכן די געמיטער".

"אוי, יאָסיף, יאָסיף", האָט דער גלח זיך אָפּגערופן, אַ ביסל אַ באַליידיקטער, "דו זאָלסט געפינען פאַר נייטיק מיר דאָס צו זאָגן. ס'ווערט געטאָן ביי יעדער געלעגנהייט אין קלויסטער פאַר דער גאַנצער עדה. אויך באַזוכנדיק אַ חולה. זאָרג זיך נישט, יאָסיף, מע דאַרף האָבן בטחון. נו, איך דאַרף שוין גיין באַזוכן אַ חולה אין דאָרף".

דער גלח איז אַוועק. דער זיידע האָט ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

"הע, ווען מיר האָבן אַ סך אַזעלכע גלחים. ער איז דאָך אָבער נאָר איינער, אחד במינו". און ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

די רייד וועגן דער אָנקומענדיקער מלחמה האָט אַרויסגערופן אַ מין אומרו, אַ שפּאַנונג אַזוי ווי ערב אַ שטורעם. די פּנימער — פאַרזאָרגטער, די קולות — איינגעהאַלטענער. גערעדט האָט מען ווינציקער און געזיפצט מער.

"נו", האָט דער זיידע זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: "שוין צייט צו גיין אין בית־מדרש דאַווענען מנחה". און ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטן: "הער אַבעטיק, ער לערנט מיך האָבן בטחון". דער זיידע האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַ פאַרטראַכטער אַרויס פון שטוב.

# מלחמה

די מלחמה האט שוין אויסגעבראכן. כאטש איך זע נישט קיין גרויסן חילוק פון פריער ביז איצט, פילט מען אבער א שפאנונג. די פירהענגלעך ווערן פאררוקט ווי מע צינדט נאר אן דעם לאמפ. מען רעדט שטילער. מע סודעט זיך מער. דער עיקר היט מען זיך פאר אונדז קינדער. נאך געציילטע טעג קומען אן ידיעות. אז עס הייבט זיך אן א מאביליזאציע. אלע יונגע מענער דארפן זיך מעלדן און קומען זיך "שטעלן" אין דער דערבײַיקער שטאט. ס'ווערט אן אמתע יללה. אפט קומט דאס ווארט "מום" אויף די רייד און אויך דאס ווארט "האז". כ'פארשטיי טאקע נישט דעם טײַטש, אבער לויטן היטן זיך פאר אונדז קינדער, שטויסן מיר זיך אן אז עס איז "קראמאלע" און מען דארף וועגן דעם נישט רעדן.

דער טאטע איז ערגעץ אוועקגעפארן. ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער געליטן פון א ווייטיק אין אן אויער און טאקע נישט געהערט אויף איר. דער פעטער מאטל אונדזערער האט טאג ווי נאכט געקנאקט דיניע־קערלעך און ארומגעגאן גאנצע נעכט אן שלאף. אז ער האט שוין מער נישט געקענט שטיין אויף די פיס און זיך צוגעזעצט, איז דער זיידע צו אים צוגעגאן און גערעדט צו אים:

"ניין. דו טארסט זיך נישט אונטערגעבן, סײַדן דו ווילסט זיך מאכן א חסרון".

"ניין!", האט דער פעטער מאטל אויסגעשריגן, "איך וועל זיך אליין פאר קיין קאליקע נישט מאכן!"

"נו, מוזטו אויסהאלטן נאך צוויי טעג".

דער טאטע אונדזערער האט אנדערש געפילט און געהאנדלט: "איך וועל נישט גיין אין מלחמה פאר פאניען! אויב דער אויער

איז נישט גענוג וועל איך זיך מאכן א ׳זעקס־און־זעבציק׳... איך וועל נישט געבן דאס לעבן פאר פאניע חזיר״.

״שא, שא, שא! זע נאר ווער ס׳איז דא״, האט דער זיידע א זאג געטאן.

דער טאטע, דערזעענדיק מיך, האט מיט א שטרענגן קוק א זאג געטאן:

״ווו מע פארזייט זי נישט, דארט גייט זי אויף. א טבע פון א קינד. נאר זי שטעלט אונטער אן אויער דארט ווו זי דארף נישט. זי וואקסט אן אמתער קאכלעפל״.

איך האב זיך געפילט באליידיקט און צעטומלט. אויפן טאטנס באפעל: ״גיי, שפיל זיך מיט די קינדער״, בין איך ארויס, זיך אנידערגעזעצט אויף דער פריזבע און זיך צעוויינט.

דאס שטעטל איז צערודערט. למראית עין איז אלץ נארמאל ווי געוויינטלעך. אבער מען פילט דאס איינגעהאלטענע געוויין פון די מאמעס, יונגע ווייבלעך, כלות. אויף די ווענט פון ראטיש הענגען שוין מודעות אז איבערמארגן מוז יעדער יונגער מענטש פון איין און צוואנציק ביז פערציק יאר זיך מעלדן, זיך שטעלן צום פריזיוו. פאר נישט אויספאלגן וועט די שטראף זיין א שארפע. ״דעם גזר קען מען נישט אפשרייען״, האט דער זיידע געזאגט מיט א זיפץ.

פארן פירלעך פארביי אונדזער שטוב איבערגעפאקט מיט יונגע שקצים. ס׳ציט זיך א קייט פון דערבייַיקע דערפער ווי מען וואלט אויסגעליידיקט די געגנט פון דער יוגנט. אבער דאס געזאנג וואס טראגט זיך פון זיי איז א פריידיקס:

״פאר אונדזער לאנד! פאר אונדזער ערד!״

דער פעטער מאטל קוקט דורכן פענצטער, בלאס, אויס־געמאטערט און זאגט צו זיך אליין:

״ווּעמענס לאנד? וועמענס ערד? אין צייט פון שלום איז די ערד דעם פריצס, אבער בעת מלחמה צייט רעדן זיי זיך איין אז ס׳איז ׳אונדזער ערד׳ (׳נאשא זשעמיא׳) זיי זאלן זיך גרינגער לאזן פירן צו דער שחיטה״.

דער ויידע משה וואלף האט זיך אנגעבאפט ביים קאפ:

"מיר האבן ווינציק צרות?! דו דארפסט נאך מער? למען השם, האלט זיך אפ פון אזוינע געפערלעכע רייד. אפילו די געדאנקען אליין דארפסטו פארטרייבן פון זיך. זיי קענען אונדז חס ושלום ברענגען אויפן פייער. געדענק זון מיינער, ס'איז א שווערע צייט".

נאך אייניקע טעג האבן זיך די פירלעך אומגעקערט נאך מיט מער געפילדער, נאך מיט מער געזאנג. גאט האט זיי געהאלפן. אלע האט מען אפגעגעבן. אויסבראקירט האט מען נאר איינעם. זיצט ער טאקע מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און באקלאגט זיין דאליע.

אין די יידישע שטיבער איז היינט תשעה באב. די מומע צביה וויינט און ברעכט די הענט. איר בן־יחיד, מאיר, איז אפגעגעבן געווארן פאר א סאלדאט. ס'טיטש, ס'איז דאך בפירוש דא אזא זאקאז (געזעץ) אז קיין בן־יחיד נעמט מען נישט. גיי שריי חי וקיים. מיר זענען געגאנגען אויף אן אייזערנער בריק. אפשר וואלט מען זיך געוועז געקענט עפעס טאן ווי אנדערע טוען דאס. אבער גיי ווייס. ווען מאירקע האט געצויגן זייער אויפמערקזאמקייט אז ער איז אן איין־און־איינציקער, האט דער רשע געענטפערט, אז ביי דיין מאמען ביסטו א בן־יחיד, נישט ביי אונדז. גיי אהיים און גרייט זיך צו. ווען דו באקומסט די מעלדונג זאלסטו זיך באלד שטעלן אין דער ריי.

מרדכי, דעם סטאליערס זון, איז שוין אויך א ווייערידקער. ס'האט נישט געהאלפן זיין "פלאגן" זיך. זיין "מאכן" זיך. זיין ווערן אפגעצערט און בלאס. ער איז דערקלערט געווארן "א סאלדאט" און טו זיי עפעס.

דער טאטע מיינער איז ארויסגעקומען מיט לשון:

"איך וועל פאר פאניע גנב נישט דינען! וועלן די חסרונות מיינע נישט האבן קיין האפט, וועל איך מאכן א ויברח...".

דער זיידע האט זיך קיין ארט נישט געקענט געפינען. וואס פאר א מין רייד. ער וועט אונדז אומגליקלעך מאכן. דער טאטע האט איינגעזען וויפל עגמת נפש ער איז גורם, איז ער ארויס פון שטוב און זיך נישט אומגעקערט ביז שפעט אין אוונט. אין אוונט האט דער

טאטע מודיע געווען אז ער וועט נישט ווארטן ביז מען וועט אים רופן, נאר שוין אויף מארגן וועט ער אוועקגיין.

"וווהין?" פרעגט דער זיידע.

"איך ווייס נאך דערווייל נישט וווהין. נאר ראשית וועל איך אריבער קיין בעסאראביע, און פון דארט וועל איך זיך שוין אן עצה געבן".

דער טאטע האט אונדז אנגעזאגט צו פאלגן דער באבען מיטן זיידן און נישט פארשאפן זיי קיין יסורים. מיר האבן צוגעזאגט און דער טאטע איז אוועק.

מיטן טאטנס אוועקגיין איז דאס לעבן געווארן אנגע־שטרענגטער, שווערער. דער זיידע האט גענומען אויף זיך דעם עול פון די סעדער. שקצים אויף אפצוטרייסלען די פלוימען איז צוליב דער מאביליזאציע געווארן אלץ שווערער צו קריגן. דער זיידע האט זיך ממש איינגעבראכן אונטער דער שווערער משא וואס איז אויף אים ארויפגעפאלן.

לאנג האט עס צום גליק נישט געדויערט. אין א שפעטער אוונטיקער שעה האט זיך דער טאטע באוויזן. מע האט אים באגעגענט מיט א געמישט געפיל פון פרייד און פחד. דער זיידע מיטן טאטן האבן זיך אפגעזונדערט און זיך דורכגערעדט און זיך פארשטאנען. דער טאטע האט געשיקט א פאר פויערים, דערפארענע הארעפאשניקעס, איז טאקע געווארן א סך גרינגער פארן זיידן. ער אליין פלעגט זיך באווייזן נאך האלבער נאכט און פלעגט נעלם ווערן מיטן שאריען אויף טאג.

מיין ברודער האט אויך אונטערגעשטעלט אן אקסל. שעהען לאנג געהיטן די לאזשניעס און ארויסגעהאלפן די פויערים מיט שליחותן. ווען דער טאטע האט דאס דערהערט האט ער א זאג געטאן צו ארקען:

"אוודאי איז מיר גוט צו הערן אז דו ביסט אזא גוט קינד, גרייט צו העלפן און נעמען אויף זיך אחריות. אבער ארקעלע, ביסט קוים אכט יאר אלט, דיין ארט איז אין חדר".

דער זיידע האָט צוגעשטימט. ער האָט אָבער צוגעגעבן אַז ער האָט הײַנט גערעדט מיט ר׳ שלמה מלמד און ער האָט אים פֿאַרזיכערט אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס אַרקע קומט נאָר אויף האַלבע טעג אין חדר אַרײַן, שטייט ער אָבער נישט אָפּ פֿון די אַנדערע קינדער. דער טאַטע האָט מיט שטאָלץ אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף אַרקעס אַקסל און אים געפֿרעגט ווי אַזוי ער קען דאָס באַוויזן?

״דער זיידע משה וואָלף קומט צו די לאַזניעס כּמעט יעדן טאָג און פֿאַרהערט מיך און העלפֿט מיך אַרויס״.

דער טאַטע האָט מיט טרערן אין די אויגן אַ זאָג געטאָן:

״אַרקעלע, זאָג דײַן זיידן אַז איך ווינטש אים אריכות ימים און נחת פֿון דיר און פֿון דער גאַנצער משפּחה״.

# דער מומע מרימס משפחה

די מומע מרים איז די עלטסטע פון די דריי טעכטער דעם זיידן יאסלס און דער באבע טייבעסטעס. זי איז א פולע, א רונדיקע, נידעריקער פון מיטלוווקס, מיט א הויכן בוזעם, דאס פנים מילד און שמייכלענדיק, מילדע, ברוינע אויגן. די האר, גלאט פארקעמט מיט א שרינט אינמיטן און א קובליק אויפן האלדז. דער אנזעעוודיקער שטריך אבער איז דער גוידער אויף וועלכן די פרויען האבן זי היפשלעך מקנא געווען. א קלייניקייט: א צווייגארנדיקער, שטאפעלדיקער גוידער. לאבט זי (און ווען לאבט די מומע מרים נישט) הייבט זיך דער בוזעם און דער גוידער שאקלט זיך און לאבט מיט.

חתונה געהאט האט זי מיטן פעטער מעבל און זיך באזעצט אין נאוועסעליץ, בעסאראביע. דער פעטער, א הויכער, א גלייכער ווי א שיינער, שטארקער דעמב. גערעדט האט ער דווקא שטיל, איינגעהאלטן. געגאנגען איז ער מיט א ווייכן טראט. זייער בן־יחיד, דודיעלע, האט אויסגעזען ווי די מאמע, נאר די וווקס, דער שטאלט, דעם טאטנס. ליב געהאט האבן זיי אים מיט אלע ליבשאפטן פון דער וועלט. מע האט געציטערט איבער אים, נישט נאר ווי איבער א בן־יחיד, נאר ווי איבער אן אבן־טוב, א פרינץ. למשל: דא זיץ נישט, ס׳ציט א צוגווינט. דארט איז צו ווארעם, וועסטו זיך פארקילן אוועקגייענדיק פון דער הרובע. דודיעלע איז געווארן דער צענטער פון דער שטוב. ער איז עלטער געווען פון ארקען מיט א יאר אדער צוויי, אבער ארקע האט זיך אויפגעפירט ווי ער וואלט געווען זיין עלטערער ברודער.

די מלחמה האט זיך אויסגעשפרייט. די ווערטער ״האז״, ״פלאגן

זיך", "מום" אדער ווייסער, גרינער, בלויער בילעט, איז אריין אין טאג־טעגלעכן לשון. אפילו, מיר קינדער, האבן אנגעהויבן באנעמען אין וואס דא האנדלט זיך.

אין בעסאראביע איז אנגעגאנגען די מאביליזאציע, און מיין פעטער מעכל האט מען גענומען פאר א סאלדאט. האט אויך ער באשלאסן אז פאניען וועט ער נישט דינען און קיין חסרון וועט ער זיך נישט מאכן. האבן זיי זיך איינגעפאקט און געקומען צו אונדז זיך אויסבאהאלטן און נאך מיטגעבראכט א חבר א שותף פון דארטן. אווראי איז געווען גוט זיך צו זען מיט זיי. ס'האט זיך אבער געפילט די שווערע, שווארצע לאפע פון פחד וואס האט זיך אראפגעלאזט אויפן הויזגעזינד. א קלייניקייט, דריי יידן, דערזערטירן אין איין שטוב. אבער מען האט זיך געשטארקט און זיך זייער געהיט פון א גוט־אויג.

מיטן קומען פון דער מומע מרימן מיט איר משפחה איז אין שטוב געווארן א גאנצע איבערקערעניש. מען האט אנגעהויבן פלאנעווען ווי אזוי צו באזארגן יעדן מיט א געלעגער. מען האט זיך געמוזט מער און מער צונויפרוקן און ס'האט אויסגעזען אז מיר קינדער, ארקע און איך, וועלן דארפן גיין שלאפן צום טאטן, ער, דער טאטע, האט זיך אנגעהויבן באווייזן אפטער אבער נאר אונטערן צודעק פון דער נאכט. פארטאג פלעגט ער פארשווונדן ווערן. ס'איז אויפגעקומען א פראבלעם. יעדן אוונט האט אויסגעבראכן א מלחמה צווישן מיר און אלע אנדערע בני־בית. איך האב בשום אופן נישט געוואלט גיין שלאפן צום טאטן. ראשית איז דארט קאלט און אומעטיק. שנית איז דא נישט נאר ווארעמער, פריילעכער, נאר אויך משה סיראטא קומט דא צו גיין. ער, דער לערער, איז א שיינער מעשה־דערציילער און איך האב ליב מעשיות — ס'לעבן. ווי אזוי זשע קומט מען צו א טאלק? די צוויי 'האזן' האבן זיך שוין איינגעארדנט אין זאל מיט פאררוקטע פירהענגלעך, פארמאכטע לאדנס, און מען נעמט זיך שוין שפילן א טויזנט און איינס. דער טיש איז צוגערוקט צו דער הרובע, די מומע מרים און די מומע שרה

זענען שוין ביי דער הרובע און מען דערוואַרט משה סיראַטאַן. מאַמציִעלע האָט שוין אָוועקגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפֿן טיש. און איך זאָל גאָר גיין אַהיים! פֿאַרשטייט זיך אַז עס וועט נישט אָפּגיין גלאַטיק. אַרקע זיצט און שפּילט אין בלאַנדזש מיט רודיעלען, ווי נישט אים מיינט מען. איך ווייס אַז ער אויך וויל נישט גיין אַהיים, אָבער ער זאָגט גאָרנישט. איך בין מיד פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומשטיפֿן, אַ גאַנצן אָוונט וויינען. זיך קוים דערוואַרט אויף משה סיראַטאַן און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה, בין איך ווייזט אויס באַלד איינגעשלאָפֿן.

אויפֿגעכאַפּט אויף מאָרגן האָב איך זיך כּיִים טאַטן אין אומעטיקן שטיבל. די איינציקע טרייסט איז מיין ברודער. ער האָט מיר געהאָלפֿן זיך אַנטאָן און מיר זענען אַוועק צו באָבע־זיידן אין שטוב אַריין. אַזוי האָט זיך איבערגעחזרט יעדן אָוונט. פֿאַר אַרקען האָט מען זיך ווייזט אויס נישט געהיט, ער האָט שוין געוווּסט ווי צו האַלטן אַ סוד, אָבער פֿאַר דער "פּלאַפּערקע", (מיט דעם שיינעם נאָמען האָט מיך מיין ברודער געקרוינט), האָט מען נישט גערעדט קיין סודות.

איין מאָל, בעת דער טאַטע האָט מיך געטראָגן אויף די הענט מיט מיין קאָפּ אויף זיין אַקסל, איבערגעדעקט מיט אַ שאַל, האָב איך זיך פּלוצים אויפֿגעכאַפּט, און דערזען דעם טאַטן, האָב איך זיך דערפֿרייט, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט: שאַ, שאַ, עס חלומט זיך דיר. שוין אויפֿן געלעגער האָב איך געהאַלטן אין איין איבערחזרן אַז איך האָב געזען דעם טאַטן און אַרקע איז באַשטאַנען אויף זיינעם, אַז עס האָט זיך מיר געחלומט. אַז דער טאַטע איז זייער ווײַט פֿון דאַנען.

די מלחמה האָט זיך געלאָזט פֿילן שטאַרקער מיט יעדן טאָג. חסרון. מום. אָן אויער. אָן אויג. אַ זעקס־און־זעכציק. אַ האַז. אָט די ווערטער זענען אַריינגעדרונגען אין טאָג־טעגלעכן לשון. טאָג ווי נאַכט האָט זיך געצויגן אַ שרעקלעך פֿירלער, איינס נאָכן אַנדערן מיט פּראָוויאַנטן צום פֿראָנט באַגלייט פֿון זינגענדיקע סאָלדאַטן. אויף

צוריק אויף אן אבאז, נאָר שוין נישט קיין זינגענדיקע, נאָר קרעכצנדיקע, שווער־פאַרווונדעטע סאַלדאַטן.

דאָס קרעכצן פון די פאַרווונדעטע האָט זיך געלייגט שווער אויפן שטעטל. יעדע היים וואָס האָט געהאַט א זון, א מאַן, א ברודער אין קריג, האָט זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיטן שוידער, מיט דערווירקלעכקייט פון דער מלחמה. די, ביי וועמען זייערע יונגע מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן געלעבט אין פּחד. אין דערשלאָגנקייט. אָט איז געקומען א פורל מיט א פאַרווונדעטן און זיינע קולות האָבן זיך געטראָגן ביז אין די הימלען. ס׳איז אראָפּגעשפּרונגען א סאַלדאַט פון פורל און זיך געפרעגט אויף א משפּחה. ארויסגעוויזן האָט זיך אז דער צעווונדיקטער איז דער פעטער אהרן, דער באָבע אסתּרס יינגסטער ברודער. געבראַכט האָט מען די גערעניעטע, וועלכע האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון זייערע היימען, גלייך אַהיים, ווייל די שפּיטאַלן אויף די וועגן זענען געווען איבערגעפּאַקט. אָבער קיין דאָקטער איז דאָך ביי אונדז נישטאָ. זאָל מען זיך נישט זאָרגן. באַלד וועט דאָ זיין דער דאָקטער. ער איז פאַרנומען דערווייל. האָט ער באַפוילן אויסבעטן א געלעגער, אנגרייטן א סך זודיקע וואַסער, און אים געבן, דעם פאַרווונדעטן, שטאַרקן בראַנפן צו טרינקען.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען איז דער פעטער אהרן שוין געלעגן א פאַרחלשטער. דער דאָקטער האָט באַלד געלאָזט וויסן אז מען מוז דעם פוס אָפּשניידן, און טאָקע באַלד. מען טאָר נישט וואַרטן. ער קען אינגאַנצן פאַרסמט ווערן. ס׳האָבן זיך דערהערט געשרייען, יללות פון דער מומע שיינדל. מען האָט די ווייבער ארויס־געשטופּט פון שטוב. דער גלח אונדזערער און א מיליטערישער סאַניטאַר, האָבן צוגעהאָלפן דעם דאָקטער. ווען די היסטערישע געשרייען פון חולה האָבן זיך צעטראָגן האָט עס אויפגעשווירערט קינד און קייט וועלכע האָבן ארומגערינגלט שׂרה מעניעס שטוב פון וואַנען די יעכצן האָבן זיך געטראָגן. דעם פעטער אהרנס קרעכצן זענען נאָך געוואָרן שוואַכער אָבער האָבן זיך נישט איינגעשטילט.

# רעוואָלוציע מאַניפעסטאַציעס

ס'טראגן זיך אלץ קלאנגען אז אין די גרויסע שטעט קומען פאר אומרועו, דעמאנטסראציעס, מאניפעסטאציעס. איך פארשטיי טאקע נישט דעם פירוש־המילות. אבער איך ווייס אז נישט געוויינטלעכע געשעענישן קומען פאר. פרעג איך רער מומען שרה, זאגט זי:

"שוין, דער אלטער קאפ איז שוין דא מיט די שאלות. ווערסט נאך וויסן. דערווייל איז עס נאך נישט פאר דיר".

ס'האט נישט גענומען לאנג און ס'האט זיך דערהערט דער "ניקאלאי דאלאי". די יוגנט פון שטעטל זענען אוועק קיין קאמעניץ זיך באטייליקן אין די דעמאנסטראציעס. באלד איז אויפגעשווימען דער נאמען קערענסקי. ווי א כישוף איז עס געשען. דער טאטע איז פלוצים אריינגעקומען ביי טאג מיט א דערקלערונג אז:

"איך וועל מער אין באהעלטעניש נישט צוריקגיין. פאר פאניע גנב האב איך טאקע נישט געוואלט זיך שלאגן, אבער קערענסקי איז אן ערלעכער פירער. רופט ער מיך וועל איך זיך באלד אפרופן. מיר ווילן מער נישט האבן קיין "טשערטא אסיערלאסטי", קיין "קראמע יעווריעוו". ער, קערענסקי איז פאר יעדן מענטשן. ער איז אן אויסנאם".

ס'האט טאקע לאנג נישט גענומען און דער טאטע איז אוועק אויפן פראנט. אזוי די מערסטע יונגע מענטשן פון שטעטל. פאר ניקאליאנען טאקע נישט, אבער נישט גיין פאר קערענסקי איז עס פשוט פחדנות, אזוי האט געזאגט אונדזער פעטער מאטל. און אויך ער איז זיך געגאנגען "שטעלן". דאס "מאכן זיך", דאס "פלאגן זיך", נישט עסן און נישט שלאפן האט זיך אפגערופן אויף אונדזער איידעלען פעטער מאטל. ער איז באפרייט געווארן פון דינסט. האט

ער גענומען אויף זיך דעם עול און די אחריות פאר דער גאנצער משפחה.

דער פעטער הערץ איז די גאנצע צייט אויפן פראנט. די מומע זעלדע מיט א פיצל קינד בריהט זיך ארויסצוקריגן א שטיקל חיונה פון זיצן אין מארק אין א שטעלעכל מיט ציבעלעס. די פרעסט ברענען. דער פעטער מעבל, דוריעלע, די מומע מרים און זייער פריינט לעבטמאן, האבן זיך שוין אומגעקערט קיין בעסאראביע. דער יידע יאסל איז אוועק אין "וועג אריין", אפראטעוועט כאטש א טייל פון פארמעגן וואס איז פארלוירן געגאן. די באבע פאלט איין וואס א מאל אפטער און ליגט אין בעט. די מומע שרה איז אין קאמעניץ. ארקע גייט אין חדר אויף גאנצע טעג. אויך מאמציעלע קרענקט אונטער און האט קיין כּוח נישט צו באדינען ווי אמאל. איין מאל, אין א דאנערשטיק, ווען מאמציעלע איז געבליבן ליגן אין בעט און די באבע האט זיך געבריהט מיך אויסצוצוואגן לכבוד שבת, האב איך זיך באהאלטן. איך האב פיינט דאס צוואגן זיך בתכלית השנאה. כ'האב נישט ליב די מולינקעס וואס ברענען די אויגן. ס'איז פארנאכט, בין השמשות. אין שטוב איז טונקל און אומעטיק. די באבע רופט מיך: "קום, איטא, ס'ווערט קאלט דאס וואסער". איך האב זיך באהאלטן צווישן די צוויי אויפגעשטעלטע קישנס אין דער באבעס ספאלניע. און ווי נאר די באבע איז אריינגעקומען מיטן: "ווו ביסטו?", האב איך געגעבן א פליעסקע מיטביידע הענט און א געשריי געטאן: "טאו!" די באבע איז אומגעפאלן אין חלשות. איך האב אנגעהויבן שרייען, קוויטשען: "באבע! איך האב נאר געטריבן א קאטאוועס. באבע, איך וועל שוין דאס מער קיין מאל נישט טאן!" אבער די באבע הערט מיך נישט. איך בין ארויס אין דרויסן מיט א גוואלד. די שכנים זענען זיך צונויפגעלאפן. ווען מען האט ענדלעך דער באבען דערמונטערט און זי האט מיך דערזען האט זי א זאג געטאן מיט א שוואך קול:

"ס'זאל דיר גארנישט נערעבנט ווערן, מײַן קינד".

די שכנים זענען גרייט געווען מיך דורס צו זיין. צו וואס פאר

א שפּיצלעך זי קען זיך עס דערטראַכטן. זי איז עפּעס נישט קיין קינד נאָר א מזיק. איך שטיי פון דער ווייטנס. ס׳ווילט זיך מיר אַזוי צוגיין צו דער באָבען און איר זאָגן אַז איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל נישט טאָן אַזאַ זאַך. אָבער איך האָב מורא זי זאָל מיך נישט אָפּשטויסן. שטיי איך פון דער ווייטנס און וואַרט ביז די ווייבער וועל זיך צעגיין. נאָר קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. מען שטייט און מען דערציילט איינער דער אַנדערערן די עגמת־נפש יסורים וואָס איך פאַרשאַף דער באָבען.

פאַרוואָס בין איך אַזוי שלעכט? די באָבע זאָגט אַז איך קען זיין גוט. איך דאַרף נאָר וועלן. אָבער איך וויל זיין גוט. איך וויל זייער זיין א גוטע. נאָר איך ווייס נישט ווי אַזוי. ווען עמעצער זאָל מיר נאָר זאָגן און ווייזן וואָס איך דאַרף טאָן צו זיין גוט. זאָגן זיי אָבער נאָר אַז איך דאַרף נאָר וועלן. ביי טאָג ווער איך געטריבן פון א ווילדקייט אַרויסצוזאָגן זיך מיטן ציגעלע, אַרומצושפּרינגען אויף איין פוס. דער עיקר אין זומער, איבערליגן אין עסטער, זיך פּליוסקען אין וואַסער. א נאָמען האָב איך ביי אַלע: ״ניאַנקעלע״. כ׳האָב ליב קליינע קינדער, ס׳לעבן. זיץ איך און היט זיי און שפּיל זיך מיט זיי בעת די מאַמעס באָדן זיך, ביז זיי קומען אַרויס פון וואַסער. דערנאָך וויל איך זיך פּליוסקען ביז עס ווייזט זיך אָן אַנדערע מאַמע מיט א קינד. אַזוי כסדר, אַריין און אַרויס פון וואַסער א פּאַבלויטע, א פאַרפרוירענע. די שכנים האָבן דערטראָגן צו דער באָבען אַז עס קען חלילה געשען ווער ווייסט וואָס. אויסהערנדיק דער באָבעס טענות אַז איך פאַרשאַף איר שוין ווידער עגמת־נפש און וואָס קען זי טאָן מיט מיר מיך א ביסל איינצוצוימען? דערצו איז זי באַזאָרגט וועגן דעם וואָס זי האָט זיך אָקערשט דערוווּסט אַז פון אַזוי פיל ווייקן זיך אין וואַסער קען מיר נאָך חלילה אָנהייבן וואַקסן א ווערבע אין ״זיט־זשע־מוחל״. וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן? ס׳האָט געווירקט. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך אויפגעפירט ווי א סטאַטיק. געגאַן מיט עמעצן פון דער משפּחה צום עסטער און צוריקגעקומען מיט איר. גרינג איז עס מיר נישט אָנגעקומען. אָבער

וואס פאר א קרבן איז צו גרויס אפצושטעלן דעם ווּקס פון א ווערבע.

דאס שטעטל האט זיך אויסגעלייריקט פון יונגע בחורים, יונגע טאטעס. מאמעס, כלות, שוועסטער זענען ארומגעגאן דערשלאגענע. ס'האבן זיך דערטראָגן קלאנגען אז דער צאר באטיושקא איז אראפגעזעצט געווארן פון טראָן, אבער אויך קערענסקי, אויף וועלכן מען האט געלייגט גרויסע האפענונגען, איז פארטריבן געווארן פון איינעם א לענין און פון איינעם א טראצקי. דער טאטע און נאך אייניקע סאלדאטן זענען אהיימגעקומען דעמאביליזירטע. די מלחמה דארף שוין זיין א פארענדיקטע אבער עפעס האט זיך גאר פארפלאנטערט אן אנדערע מלחמה. דער זיידע רופט זי די "גראזשדאנסקע" מלחמה. זאל זיין "גראזשדאנסקע", א בעסערע מלחמה ווי די פריערדיקע איז זי דאך זיכער. א סימן, מען האט נישט פארהאלטן דעם טאטן.

דאס שטעטל איז באלעבט געווארן. עס האבן זיך אומגעקערט יונגע מענטשן נישט נאר פון פראנט, נאר אויך פון געפאנגשאפט, פון "פליען". צווישן זיי איז מענדל סאסיעס וועלבער איז געקומען פון עסטרייכישער געפאנגענשאפט און ער האט דערציילט נסים ונפלאות. במקום דאס ווארט "למשל" אדער "נא פרימער" האט ער גאר גענוצט דאס ווארט "צום ביישפיל". דאס שטעטל האט אים אויפגעכאפט און אים באטיטלט צוזאמען מיט זיין גאנצער פאמיליע, מיטן צונאָצען "מענדל צום ביישפיל". צו יערן קינד האט זיך צוגעקלעפט דער צונאמען. זיי האבן געוויינט, זיך געשעמט. ס'האט אבער נישט געהאלפן. סטודעניצע, אז זי קלעפט צו א מאסקע איז עס לעולם ועד.

די פרעסט האלטן אן. די באבע האט קיין כּוח נישט אויף מיר אכטונג צו געבן. מאמציעלע איז קראנק. גיי איך ארום נישט געוואשן, נישט געבאדן און הונגעריק. דערזעט מיך מיין גוטע מומע זעלדע אין מארק, מאנטיק, אין טאָג פון יריד און זי פארקרימט זיך: "וויי איז מיר, ווי דו זעסט אויס. ווען דיין מאמע זאל אויף דיר

א קוק טאָן, וואָלט זי נאָך א מאָל געשטאָרבן. גיי איטעלע אַהיים און זאָג דער באָבען אַז דו וועסט היינט נעכטיקן ביי מיר. און קום באַלד צוריק, ווייל ס׳איז שוין שפעט און איך דאַרף אָפּנעמען דאָס קינד".

פֿייל פֿון בויגן בין איך געלאָפֿן אָנזאָגן דער באָבען די בשורה. זי איז אויך געווען צופֿרידן. צוריקקומענדיק האָב איך געהאָלפֿן דער מומען זעלדע צונויפֿלייגן דאָס שטעלעכל. די מומע האָט געזאָגט:

"גערענק, דו זאָלסט נישט רעדן ביז מיר וועלן זיין אין מיין אַלקער". זי האָט מיך אַריינגענומען אונטער איר שאַל. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו איר און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן מיטגעגאַן ביז מיר זענען אָנגעקומען. האָט זי מיר געגעבן א שטיקל ברויט מיט איינגעמאַכטס, מיך אָוועקגעזעצט ביי דער הרובע און שטילערהייט א זאָג געטאָן:

"איך גיי אָפּנעמען דאָס קינד".

איך האָב דערפֿילט אַז איך בין נישט קיין בשרע סחורה. איך האָב געוואָלט פֿרעגן פֿאַרוואָס נאָר די מומע האָט צוגעלייגט דעם פֿינגער צום מויל:

"שאַ–א–א. איך וועל דיר דערקלערן ווען איך וועל צוריק־קומען", און זי איז אַרויס פֿון צימער.

# מײַן מומע זעלדע

אַרײַנגעקומען מיטן קינד אויף די הענט פֿאַרוויקלט און פֿאַרפּענטעט אין אַ שאַל, האָט זי אים אוועקגעזעצט לעבן מיר בײַ דער הרובע און מיר אָנגעזאָגט צו האַלטן אויף אים אַן אויג. איך האָב זיך דערפֿילט זייער דערהויבן. יאַנקעלען האָב איך ליב ס'לעבן. אָבער זעלטן אַז איך האָב אַ געלעגנהייט צו זײַן מיט אים. דאָ גיט מיר די מומע אַליין די השגחה איבער אים. איך בין ממש אין הימל פֿון פֿרייד.

ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און די מומע האָט זיך אומגעקערט מיט אַ באַליע, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אויף צוויי בענקלעך בײַ דער הרובע, אַרײַנגעבראַכט וואַרעם וואַסער, אויסגעבאָדן דאָס קינד, אים אָנגעהאָדעוועט און אים אַרײַנגעלייגט אין בעט איינגעדעקט מיטן איבערבעט, איז ער טאַקע באַלד אײַנגעשלאָפֿן. נאָך דעם האָט זי זיך גענומען אויך צו מיר. מיך אויסגעצוואָגן, אויסגעבאָדן, אָנגעהאָדעוועט און מיך אײַנגעדעקט אין איר בעט. איך האָב געזען מײַן מידער מומען שטיין איבער דער באַליע, וואַשנדיק מײַנע זאַכן. זי האָט זיי אויפֿגעהאָנגען אויף די בענקלעך בײַ דער הרובע. מער געדענק איך נישט. ערשט אויף מאָרגן קאַיאָר האָט זי מיך אויפֿגעוועקט און נאָך אַ מאָל מיר פֿאַרזאָגט נישט רעדן פֿון אונטערן שאַל ביז מיר וועלן זײַן ווײַט פֿון שטוב. בעת איך האָב געגעסן איבערבײַסן, האָט זי פֿאַלאַטעט מײַן אונטערוועש, פֿאַרצערעוועט מײַנע זאַכן. דאָס קינד האָט זי געהאַט באַדינט ווײַזט אויס בעת איך בין נאָך געשלאָפֿן. נו, מיר זענען שוין ווײַט פֿון דער שטוב. די מומע לאָזט מיך אַפֿיר פֿון אונטערן שאַל ווי אַ קוואַטשקע

אירע הינדלעך פון הינטער זיך. איך פיל זיך ווי עפּעס א טריפענע סחורה, א מין קאָנטראַבאַנד. פרעג איך דער מומען:

"פאַרוואָס באַהאַלטסטו מיך אונטערן שאַל?" די מומע קווענקלט זיך אָבער זי האָט ווייזט אויס באַשלאָסן אַז זי מעג מיר געטרויען:

"פאַרשטייסט מיין קינד, די בעל־הבתים האָבן מיר פאַרדונגען דעם אַלקער, פאַר מיר מיט איין קינד. צוויי קינדער דאַרפן מער הייס וואַסער. און זיי זענען אָרעמע מענטשן, גוטע מענטשן, נאָר אָרעמע. פאַרשטייסטו אַז איך טו נישט קיין אינגאַנצן כשרע זאַך, אָבער גאָט וועט מיר מוחל זיין. איך וועל זוכן אַן אופן ווי גוט צו מאַכן די עוולה. דו לויף אַהיים. ס'איז זייער קאַלט. געדענק, איטעלע, דו דאַרפסט זיך סטאַרען צו זיין א גוט קינד. נישט ערגערן דער באָבען, זי איז א קראַנקע פרוי, פאָלג זי, טו וואָס זי הייסט דיר טאָן, וועט מען דיך ליב האָבן".

כ'האָב אַזוי ליב אַז מיין מומע זעלדע רופט מיך 'מיין קינד'. איך וואָלט איר זייער געוואָלט א קוש טאָן, נאָר ביי אונדז קושט מען זיך נישט. אוי, ווי איך וואָלט געוואָלט זיין א גוטע און אַלע, דער עיקר די מומע זעלדע, זאָל מיך ליב האָבן. איך האָב דערציילט דער באָבען וואָס די מומע האָט געזאָגט.

"דיין מומע איז זייער א גוטע און א פיינע פרוי. זי האָט נעבעך א שווער לעבן. דיין פעטער הערץ איז נאָך אַלץ א סאָלדאַט. אויך ער איז זייער א גוטער מענטש".

איך האָב זיך דערמאָנט ווי א פרייטיק פאַרטאָג, ס'איז נאָך געווען שטאָק פינצטער, האָט זיך דערהערט ראַס קלאַפּן אין טיר און דאָס קול פונעם פעטער הערץ:

"קינדער, דערשרעקט זיך נישט! דאָס בין איך, דער פעטער הערץ. כ'האָב געבראַכט פרישע מאַלינקלעך, וואָס די מומע זעלדע האָט אייך געשיקט".

דאָס פלעגט זיך איבערחזרן יערן פרייטיק פאַרטאָג, אין די גערסטע פרעסט און זאַווערוכעס. זיין קומען איז ביי מיין ברודער

און ביי מיר געווען א גוטע בשורה. פון אונדז פלעגט דער פעטער שוין גיין אין דארף צו זיינע עסקים. ער האט געהאנדלט מיט אייער. מיר בענקען נאכן פעטער און קוקן ארויס אויף זיין קומען אהיים.

די באבע זאגט מיר אז איך בין שוין א גרויס מיידעלע און ס'איז שוין צייט פאר מיר זיך אנהייבן לערנען לייענען און שרייבן. קיין שול איז ביי אונדז אין שטעטל נישטא. דאס הייסט, ס'איז דא א שול אין דארף, אבער דארטן מוז מען לערנען שרייבן אויך אים שבת. נו, זענען דאך יידישע קינדער אויסגעשלאסן פון אזא שול. אין שטעטל ביי אונדז לעבט משה סיראטא מיט זיין פרוי פייגע און זייערע פיר קינדער. דאס איז דער זעלבער משה וואס פלעגט קומען צו רער באבען ארויסהעלפן דער מומע שרה'ן אין אירע לימודים. איצט האט משה סיראטא צוויי קלאסן. איין קלאס פאר אנהייבער און איין קלאס פאר עלטערע קינדער. איך בין צופרידן צו גיין לערנען. ראשית פיל איך זיך שוין ווי א גרויסע. שנית, האב איך זייער ליב משה סיראטאן. ער דערציילט שיינע מעשיות. ער גיט מיר שטענדיק א גלעט איבערן קאפ און זאגט מיר:

"דו ביסט זייער געראטן אין דיין מאמען".

איין זאך קומערט מיך: צי געדענקט משה סיראטא מיין אויפפירונג אין יענע ווינטערדיקע אוונטן, די יסורים וואס איך האב פארשאפט מיין באבען און דער גאנצער משפחה. איך האב זייער געוואלט ער זאל האבן פארגעסן אין דעם. איך בין דאך שוין אנדערש. איך הער זיך מער צו און סטארע זיך צו פאלגן. איך בין ווינציקער צעווילדעוועט. איך בין געווארן שעמעוודיק. די באבע איז צופרידן מיט מיר. אויך די שכנים, זיי פאלגן מיר נאך אלע ווי איינער. מען לויבט מיך זייער ווי איך האב זיך געביטן צום גוטן.

"קיין עין הרע, דיין מאמע אין קבר מוז זיך פרייען מיט דיר, איטעלע. בעסער שפעטער ווי קיין מאל נישט".

מיין באבע האלט זיך ביי אירן, אז געהאלפן האט דעם רבינס ברכה. זי האט מיך גענומען בײַ דער האנט און מיך צוגעפירט צו דער שוועל פון זאל בײַם זיידן, ווו דער רבי איז געוויינטלעך

אײַנגעשטאַנען, און זיך געווענדט צום רבין מיט אַ בקשה. דער גבאי האָט געמאָנט אַ קוויטל:

"בעל־הביתטע!"

אָבער דער רבי האָט זיך אָפּגערופֿן:

"נישקשה, נישקשה, גבאי". און האָט אונדז געהייסן אַרײַנקומען אין זאַל.

"וואָס איז אײַער בקשה, בעל־הביתטע?"

"רבי, איך בעט אײַך, ווינטשט צו דער יתומה אַז זי זאָל אויסוואַקסן אַ לײַטישע, יידישע טאָכטער. זי איז מײַן זון, מענדלס, מיידעלע. זי איז אַ צעוווּלידעוועט קינד. פֿאָלגט נישט. מע קען זי נישט אײַנצוימען. ווינטשט איר רבי, אַז זי זאָל גיין אויפֿן גלײַכן וועג. אויסוואַקסן אַ כשרע, יידישע טאָכטער".

דער רבי האָט אַ פֿרעג געטאָן ווי מען רופֿט מיך.

"איטע. אַזוי פּשוט, איטע", האָב איך געענטפֿערט.

"נאָך וועמען הייסטו?"

"איך ווייס נישט".

"הערט, בעל־הביתטע, זאָרגט נישט. אין די קינדערשע יאָרן ווילדע, וועט זי מירטשעם זײַן גרויסערהייט, געזעצט און לײַטיש. און דו, איטע, ביסט שוין קיין עין הרע אַ גרויס מיידעלע, דו דאַרפֿסט אײַנזען אַז דו וועסט פֿאָלגן און זײַן אַ גוט קינד, וועלן דיך אַלע ליב האָבן. זאָגסטו צו?"

"יאָ", האָב איך געזאָגט.

"געדענק זשע, דאַרפֿסט זיך צוהערן צו דער באָבעס רייד. צום טאַטנס רייד און פֿאָלגן. נו, גייט געזונטערהייט און דאַגהט נישט, בעל־הביתטע. איר וועט נאָך האָבן פֿון איר נחת".

די באָבע איז אַרויס פֿון רבין אַ צופֿרידענע. דערציילט די בני־בית אַז איטע האָט צוגעזאָגט דעם רבין צו זײַן גוט און פֿאָלגן, און זי וועט טאַקע מירטשעם האַלטן וואָרט. זאָל זײַן אין רבינס זכות, האָט זיך די מומע שׂרה אָפּגערופֿן, אַבי זי זאָל זיך אויפֿפֿירן ווי אַ נאָרמאַל קינד.

# קלאַסן צעטיילונג

יאָ, איך בין שוין אַ מענטש, איך גיי שוין אין קלאַס. איך קום אַהיים מיט אַזוי פֿיל נייעסן און איינדרוקן אַז איך קען זיי קוים פֿאַרטראָגן. די באַבע און מאַמציעלע קוקן זיך איבער בעת איך דערציייל זיי די אַלע וווּנדער איבער וווּנדער. ווי אַזוי מען האָט אונדז פֿאַרהערט, ווער עס האָט אַ קול צום זינגען, און מיך האָט מען טאַקע אויסגעקליבן מיט ראָזע עליעס צו זינגען דאָס ליד און דער גאַנצער קלאַס וועט אונדז העלפֿן מיטן צוזינג. וואָס קען זיין בעסער? אויף מאָרגן האָבן מיר טאַקע אָנגעהויבן איינחזרן: "אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל", און דער אוטשיטעל האָט אונדז געלאָזט וויסן אַז אויב מיר וועלן איינחזרן ווי ס'דאַרף צו זיין, וועלן מיר עס אויסלערנען אויף העברעיש.

איז מיר טאַקע גוט. אָבער מיט איין זאַך בין איך זייער נישט צופֿרידן. מיין חבֿרטע דבֿורה וואָס איז אויך מיין שכנה, און איך האָב זי ליב, ס'לעבן, זי שיקט מען נישט אין קלאַס. איר טאַטע, אַברהם נחמיהס, איז טאַקע אַ גוטער שניידער, און ער האַלט אַפֿילו צוויי געזעלן, אָבער ווען עס קומט דאַנערשטיק פֿעלט אים אַ רובל אַריינצונעמען דעם שבת. פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם שיקט ער נישט זיינע מיידלעך לערנען. נחמיה, זייער מיזיניק, גייט יאָ אין חדר, אָבער נישט די פֿיר מיידלעך, ער האָט פּשוט נישט קיין געלט זיי אויסצוהאַלטן. ס'האָט זיך דעריבער געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז מיר ביידע, דבֿורה און איך זעען זיך כּמעט נישט. איך בין אין קלאַס פֿון גאַנץ פֿרי ביז נאָכן אָנבייסן. זי, דבֿורה, איז פֿאַרנומען מיט אַרויסהעלפֿן אַ פֿאַרמעגלעכע משפּחה, אַכטונג צו געבן אויף די קליינע קינדער, בעת די בעל־הביתטע איז פֿאַרנומען אין קיך. מיר בענקט זיך זייער

נאך דבורהן. די באבע באמערקט דאס און דערקלערט מיר אז אזוי איז דער סדר פון דער וועלט. אז בעל־הביתישע קינדער לערנען זיך און די בעל־מלאכהישע קינדער ארבעטן פון זייער פריער יוגנט. מיר איז דער באבעס דערקלערונג נישט געווען זייער צום הארצן. מיינט עס אז איך וועל זיך נישט קענען חברן מיט מײַן בעסטער חברטעי׳ זאגט מיר אויף דעם מײַן באבע:

״חס ושלום. קיינער פארווערט דיר חלילה נישט צו שפילן זיך מיט איר. דבורה איז זייער א וווּיליק מיידעלע. אבער אזוי לייגט זיך עס שוין אויס. נאכן לערנען דײַנעם, דארפסטו גיין צו ראָזע עליעס איינצווחזרן די לידעלעך אויף יום־טוב. זי, דבורהלע ווידער, העלפט ארויס דעם פאטער אירן שלעפן פאסטריגעס און טאָן אנדערע שליחותן. אזוי ארום ווערט מען אלץ מער פארנומען מיט די אייגענע עבודות און ס׳בלײַבט נישט קיין צײַט זיך צו באגעגענען. דעריבער איז גלײַכער זיך צו חברן מיט דײַן גלײַכן. מיט ראָזע עליעס, מיט יוכבד הערקעס און מיט די אנדערע קינדער. מיט זיי ביסטו אין איינעם אין איין קלאס. דערנאך מאכט איר די אוראקן אין איינעם, און אויף אזא אופן ווערט מען נאענטע חברטעס, און מען שפילט זיך שוין אינאיינעם אויך״.

דער באבעס אויפקלערונג האט אויף מיר אנגעווייעט א שווערן אומעט. איך בין באלד פײַל פון בויגן ארויס פון שטוב און ארײַן צו אברהם נחמיהס. אין ווינקל, לעבן דעם געזעלס מאשין, איז געזעסן מײַן חברטע דבורהלע און טאקע געשלעפט פאסטריגעס. ווען איך האב איר געבעטן זי זאל גיין מיט מיר זיך שפילן אין דרויסן, האט זי מיר געענטפערט מיט שטאָלץ:

״זעסט דאך אז איך טו עפעס״.

און חיים דער געזעל האט פאטאקעוועט אז:

״זי איז נישט קיין ליידיקגייערין ווי דו״.

איך בין ארויס פון שטוב אן אפגעשמיסענע און א צעווייטיקטע. איך בין נישט קיין ליידיקגייערקע. אט האב איך הײַנט איבער־

געווישט אלע לעפל־גאפל פון איבערבײַסן. מאמציעלע האט אפילו געזאָגט:

"זי איז געווען זייער א ווויל מיידעלע".

פארוואס זשע זאל ער מיך רופן לײַדיקגייערקע? דערצו נאך האט מײַן בעסטע חברטע זיך נישט אנגענומען פאר מיר און זיך נישט אנגערופן מיט קיין איין ווארט אפילו קעגן חיים דעם געזעלס באליידיקן מיך. איך האב זיך ארומגעטראגן מיט א ווייטיק אין הארץ און מיט א בענקשאפט נאך די טעג ווען מיר פלעגן זיך ביידע שפילן און זיך ליב געהאט. אמת, די אנדערע קינדער האבן מיך ארײַנגענומען אין זייער קרייז, אבער דבורהס ארט האט קיינער נישט געקענט פארנעמען. טאמער האב איך א מאל ארײַנגעשטעלט די נאז אויסצוגעפינען, אפשר פארט, האב איך באלד דערהערט דאס קול פון איר פאטער. דווקא א ווייך אוןווארעם קול:

"גיי אהיים, איטעלע. דבורה לערנט זיך א מלאכה, איז זי פארנומען א גאנצן טאג".

כ'האב אײַנגעזען אז די באבע איז געווען גערעכט.

איין מאל האט דבורהלעס מוטער מיך אפגעשטעלט און געזאגט:

"קום ארײַן, איטע, א ביסל צו דבורהן, זי וועט זײַן זייער צופרידן מיט דיר".

איך האב מיט גרויס פרייד אן עפן געטאָן אונדזער טיר און ארײַנגעשריגן:

"באבע, מאמציעלע, איך גיי צו דבורהלען".

ווען איך בין ארײַנגעקומען האט מרים א רוף געטאָן איר טעכטערל און איר געזאָגט אז איטע איז געקומען צו איר. געזאָגט האט זי:

"קומט, גייט ווי שטענדיק, אונטערן אויוון זיך שפילן".

אזוי פלעגן מיר זיך פירן כדי זיך נישט צו פלאָנטערן אונטער די פיס. אין דער ענגשאפט פלעגן מיר זיך ארויפדראפען אונטערן אויוון שפילן אין טשייכן, אדער מיט די ליאלקעס געמאכט פון די אויפגעקליבענע שמאטקעלעך.

דאָס ערשטע דאַרף מען, פֿאַרשטייט זיך, אויסטאָן די נאַסע שטיוול. מרים האָט מיר צוגעהאָלפֿן זיי אויסטאָן. מײַנע שטיוול זענען זייער גרויס אויף מיר. מען האָט זיך באַוואָרנט אויף נאָך און נאָך אַ יאָר. האָט מען זיי אָנגעשטאָפּט מיט אָניטשעס זיי זאָלן פּאַסן מײַנע פֿיס. מרים האָט אַרויסגעשלעפּט די שמאַטעס, אָנגעטאָן מײַנע שטיוול און אַרויס אין מאַרק. פֿאַר דעם האָט זי אַ זאָג געטאָן:

"ס׳איז דאָס לעצטע שייטל האָלץ. איך וועל זיך באַלד אומקערן".

אין דרויסן ברענט דער פֿראָסט. דער שניי איז איבער די קני. אַז מען טוט אָן עפֿן די טיר רײַסט זיך אַרײַן אַ ביטערע קעלט. ס׳האָט נישט געקומען לאַנג און מרים איז צוריקגעקומען, איר פּנים צונטער רויט. איר שאַל מיט טראָפּנס פֿראָסט אַרום איר האַלדז. זי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם ברעם האָלץ אויף דער ערד און אויסגעשטרעקט אירע הענט צו אונדז, קינדער:

"רײַבט אײַן די הענט מײַנע. זיי זענען מיר אָפּגעפֿרוירן".

דבורה און איך האָבן אַ כאַפּ געטאָן אירע הענט און זיי געריבן. געהויכט אויף זיי און פֿון מרימס אויגן זענען גערונען טרערן. געזאָגט האָט זי צו אונדז:

"איך וויין נישט. די טרערן זענען ווײַזט אויס פֿון דער קעלט".

דאָס האָט זי אונדז אַזוי געטרייסט, ווײַל אַרויסציִענדיק אירע הענט פֿון אונדזערע, האָט זי זיך אַליין אַרומגענומען און מיט ביידע הענט געפּאַטשט זיך און אונטערגעשפּרונגען. ווען זי האָט זיך אַ ביסל דערוואָרעמט האָט זי אַ זאָג געטאָן צו מיר:

"איטעלע, איך ווייס אַז דו וועסט נישט איבעררעדן פֿאַר קיינעם אַז איך האָב געבאָרגט דײַנע שטיוול. דו פֿאַרשטייסט, באָרוועס האָב איך דאָך נישט געקאָנט גיין נאָך האָלץ אין דעם פֿראָסט. זאָגסטו מיר צו נישט אויסרעדן די זאַך פֿאַר קיינעם?"

"יאָ, יאָ. איך זאָג צו. איר קענט טראָגן מײַנע שטיוול יעדן טאָג".

זי האָט מיך געגלעט און איך בין געווען שטאָלץ וואָס מרים האָט מיר פֿאַרטרויט דעם סוד.

# באָבע אסתּר די שדכנטע

דער טאַטע קומט אַהיים.

די טעג האָבן ממש געיורן מיט געשעענישן, מיט נײַעסן. פֿון וואָס פֿאַר אַ שטעטל, פֿון וואָס פֿאַר אַ געגנט ס'איז אָנגעקומען אַ פֿור, איז מען עס באַפֿאַלן מיט שאלות וועגן די נײַעסן פֿון טאָג. צום ייִדן פֿלעגן אָנקומען גאַזעטן, צײַטונגען, אָבער פֿאַרשפּעטיקטע. נאָך ניקאָלאַיען האָט מען טאַקע נישט געטרויערט, אָבער מען האָט מורא געהאַט פֿאַרן "נײַעם קייסער". ס'קומען אָן ידיעות אַז לענין, טראָצקי, אָרגאַניזירן אַן אַרמיי און זיי זענען נישט קיין איבערקלײַבער. יעדער איינער וואָס וויל פּריִוויליק זיך אָנשליסן און קעמפֿן פֿאַר גערעכטיקייט און פֿאַרן ווילדזיין פֿון פֿאָלק, איז "ווילקאָמען". ייִדישע ייִנגלעך האָבן זיך טאַקע אָנגעשלאָסן און געוואָרן "קראַסנאַ־אַרמייצעס". אויך גוייִשע יוגנט פֿון די דערפֿער האָט וואָלאַנטירט אָבער נישט אין אַזאַ צאָל און אויך נישט צוליב די זעלבע סיבות. טייל פֿון זיי האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ מעגלעכקייט זיי זאָלן קענען צעלאָזן די הענט און פּשוט זיך לאָזן ווילגיין אויפֿן חשבון פֿון די ייִדן, פֿאַרשטייט זיך.

דער טאַטע איז שוין אין דער היים. אונדזער באָבע אסתּר איז געקומען צום זיידן יאָסל און דער באָבע רבֿקה אים זען. דער זיידע יאָסל איז אונטערוועגנס. נאָך דעם "גוט־וואָך" און "גוט־יאָר", איז די באָבע צוגעטראָטן גלײַך צום ענין:

"הער זיך אײַן מענדל, וויפֿל איז דער שיעור אַז די קינדער זאָלן זײַן צעריסן, צעטיילט? נישט גענונג וואָס זיי האָבן נישט דער מאַמען, ווערן זיי אויך אָפּגעפֿרעמדט פֿונעם טאַטן, און איינע פֿון די אַנדערע. ס'איז צײַט זאָלסט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. גאַנץ מאַכן אויף וויפֿל

ס׳איז מעגלעך, די היים פאר די קינדער. יא, ב׳ווייס אליין. דארפסט מיר גארנישט זאגן. נו, און מיר איז גרינג צו קומען צו דיר און רעדן דיר א שידוך? אבער מיין טאכטער קענען מיר נישט לעבעדיק מאכן. די קינדער זענען דער עיקר און דו מוזט האבן א מענטשן וואס זאל זיין גוט צו זיי.

דער טאטע איז געזעסן, געשאקלט מיטן פוס און געשוויגן.

״איך האב אין זינען חיה זיידעס. זי איז אן ארעם, אנגעפלאגט מיידל. זי וועט זיין גוט צו די קינדער. איך וויל זאלסט א טראכט טאן. דו ביסט אן ארעמער אלמן מיט פיר קליינע קינדער. דו קענסט נישט זיין קיין איבערקלייבער״. זי האט געטאן א זיפץ און ווייטער געזאגט: ״נו, האב איך געדארפט דאס דערלעבן?״ דערזעענדיק מיך זיצן אים ווינקל האט זי א פרעג געטאן: ״ביסט ערשט אריינגעקומען, איטע? דו ביסט געווען די גאנצע צייט דא?״ צו זיך אליין האט זי א זאג געטאן: ״וואס איז שוין דער חילוק? פריער אדער שפעטער וועלן זיי זיך דערוויסן״, און זי האט נאך א מאל א זאג געטאן צום טאטן: ״מענדל, טראכט וועגן דעם. זיי געזונט מענדל, זיי געזונט איטע, אלטער קאפ״.

איך בין מיט איין מאל עלטער געווארן, עלטער און ערנסטער. איך האב יא געוווסט און אויך נישט געוווסט צי זאל איך ארויסקוקן אויף דעם איבערבייט וואס די באבע האט פארגשלאגן, צי זאל איך בעטן גאט אז עס זאל בלייבן ווי געווען. מיין ברודער האט מיך בארויקט:

״מיר ווייסן טאקע נישט, אבער די באבע אסתר ווייסט דאך יא וואס איז בעסער פאר אונדז. דארפן מיר זיך נישט זארגן״.

אלץ וואלט געווען גוט ווען נישט די פארשטעלונג וועלכע איז אויפגעפירט געווארן אין ראטיש, פון דער גרופע ליבהאבער וועלכע האבן זיך לעצטנס ארגאניזירט. ארויסגערופן האט די פארשטעלונג א וויכוח צווישן די גאר פרומע און די ווינציקער פרומע. די ערשטע האבן געטענהט אז ׳אזוי הייבט זיך עס אן. פריער טאקע מיט ״כאסיע די יתומה״ און דערנאך ווער ווייסט וואס די שאלטיקעס וועלן

אויפֿפֿירן. ווער דאַרף עס?' דער צווייטער צד האָט געטענהט: 'אַז מיר מוזן זיך רעכענען מיט דער צײַט. אַז דערווײַל פֿרעגן זיי זיך נאָך אָן בײַ אונדז, די יונגוואַרג, אָבער אויב מיר וועלן טאַקע באַשטיין אויף אונדזערן, און נישט דערלויבן זיי אַ ביסל פֿאַרווײַלונג, ווי עס פֿירט זיך שוין אין די דערבײַיקע שטעטלעך, קען מען דערוואַרטן אַז זיי וועלן גיין אַהין ווו זיי וועלן יאָ קריגן פֿאַרווײַלונג, און מיר וועלן אָנווערן די גאַנצע השפּעה אויף אונדזער יוגנט'. אויסגעפֿירט האָט דער ליבעראַלער צד און מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער אויפֿפֿירונג פֿון "כאַסיע די יתומה".

געוועגדט האָט זיך אַ קאָמיטעט פֿון די "ליוביטעלעס", צו אונדזער טאַטן אַז ער זאָל מיר דערלויבן אָנטייל נעמען אין דער פֿאַרשטעלונג. מען האָט געוואָלט צוגעבן צו דער אויפֿפֿירונג, צום סאַמע אָנהייב, אַ קינד וואָס זאָל זינגען דאָס באַרימטע ליד:

אוי ווי שלעכט און ביטער
איז דער אָרעמער נשמהלע
ס'שטאַרבט אַוועק די מוטער
און ס'בלײַבט אַ יתומהלע.

זיי טענהן: 'אַלע וועלן זײַן צופֿרידן, און ער, דער טאַטע מײַנער, וועט זײַן שטאָלץ מיט מיר. זי האָט דאָס קול און אַלץ וואָס מען דאַרף פֿאַר דער ראָלע'. ווײַזט אויס אַז קיין דערלויבעניש פֿון טאַטן האָבן זיי נישט געקראָגן, אָבער זיי האָבן מיר סײַ ווי אויסגעלערנט דאָס גאַנצע ליד, און איך האָב אײַנגעקאָסירט דערפֿון. מען האָט מיך ממש צעריסן. איך האָב געזונגען אין יעדן קלייטל, אין מאַרק, און די יידענעס האָבן געווישט די אויגן און געכליפּעט. ווען עס איז געקומען צו דעם פֿערז:

פֿרעמדע מענטשן רײַסן די הויט גאָר אָן רחמנות
אַ שטיפֿמאַמע מאַכט דעם טויט, שלאָגט גאָר סכנות.

און דו פֿארשטעלסט דיר דײַנע אויערן, גוטער שוכן במרומים.
ווו איז דײַן שבועה וואס דו האסט געשווירן אז ביסט אן אבי־יתומים.

פלעגן די ווײַבער זיך שוין מער נישט באַניגענען מיט ווײַנען שטילערהייט, נאָר ס׳האָט אויסגעבראָכן א יאָמער, א יללה און זיי האָבן געזאָגט:

"ווען איר מאמע זאָל הערן ווי זי זינגט וואָלט זי דאָך געוואָרן ברייטער און לענגער. פֿוילט זי שוין אבער אין דער ערד. אזא שיינער הירש. אזא יונגער בוים. ווער ווייסט וואס פֿאר א שטיפמאמע די קינדער וועלן נאָך ארײַנקריגן?"

אינעם ליד מאכט די שטיפמאמע דעם טויט. דאָ צעגייט זיך באַנציע ממש פֿון גרויס רחמנות אויף אונדז. בין איך ארויס פֿון קלייטל, איבערגעלאָזט דעם שכר טרחה וואס איך פֿלעג געווײנטלעך קריגן (צוקערקעס, מאנדלען, ניס) און אנטלאָפֿן אהיים, זיך א וואַרף געטאָן אויף דער סאָפֿע און זיך פֿארגאַנגען אין א געוויין. די באָבע מאַנט און בעט זיך איך זאָל איר זאָגן וואס עס איז געשען, אבער מיר איז שווער צו רעדן. ענדלעך בין איך ארויס מיט לשון:

"פֿארוואס ווילסטו אונדז מער נישט?"

"וואס פֿאַלט דיר אײַן? ווער האָט דיר דאס געזאָגט?"

"איך ווייס, איר ווילט אונדז געבן א שטיפמאמע, זי זאָל אונדז דערגיין די יאָרן און אונדז שלאָגן גאָר סכנות".

די באָבע האָט זיך באַמיט מיר באַרויקן אבער ס׳איז איר נישט געלונגען. דער טאַטע איז געקומען און איבערגענומען די עבודה.

"וואס פֿאר א געוויין אין מיטן דערינען? די באָבע זאָגט מיר אז דו ביסט געוואָרן זייער א גוט מיידעלע. פֿרעג איך דיר אליין, ווי קען א גוט מיידעלע פֿארשאַפֿן יסורים און אפֿילו נישט דערקלערן די סיבה פֿון אזא אויסברוך?"

״איך וויל נישט קיין שטיפמאמע! זי זאל מיך שלאגן״, בין איך ארויס מיט לשון.

״ווער האט דיר געזאגט אז נאר שטיפמאמעס שלאגן די קינדער? האסטו דאך מיר אליין דערציילט אז מרים האט אזוי געשלאגן כייקען, אז דו האסט זיך נישט געקענט אפהאלטן פון וויינען און שרייען. מרים איז דאך חייקעס אייגענע מאמע און נישט קיין שטיפמאמע. זאג נאר, איטעלע, דו האסט ליב דיין מומע זעלדע?״

״יא! מסוכן ליב״, האב איך אויסגעשריגן.

״דיין מומע זעלדע איז א גוטע? אי? יא?״

״זייער א גוטע״.

״ווייסטו כאטש אז דיין מומע זעלדע איז א שטיפמאמע?״

״ס׳קען נישט זיין. די מומע זעלדע וועט קיינעם קיין מאל נישט שלאגן״, האב איך אויסגעשריגן.

״מלכהס מאמע, איז ווי דיין מאמע געשטארבן ווען מלכה איז נאך געווען א קליין מיידעלע, האט דער פעטער הערץ חתונה געהאט מיט דער מומען זעלדע, איז דיין מומע געווארן מלכהס שטיפמאמע. נו, האסטו א מאל געהערט אז עמעצער זאל זאגן א שלעכט ווארט אויף דיין מומען? אדרבא, אלע ווייסן אז זעלדע האט ליב מלכהן ווי איר אייגן קינד״.

דאס שטיפמאמע געשטאלט האט ביסלעכווייז אנגענומען אן אנדער אויסזען און איך האב זיך אנגעהויבן בארויקן.

״איצט וויל איך פון דיר אז דו זאלסט מיר צוזאגן, קוים מאכט זיך א מאל אז עס איז דיר עפעס שווער צו פארשטיין, ווייל ביסט דאך נאך א קליין מיידעלע, זאלסטו בעטן ביי דער באבען, ביי דער מומען זעלדע, ביי מיר, אז מען זאל דיר דערקלערן. זאלסט זיך קיין מאל נישט צוהערן צו די פוסטע רייד פון פלאפלערס. נו, גיי, וואש אפ דאס פארוויינטע פנים דיינס, און זאל זיין געזונט וויינען״.

איך האב גערן אויסגעפאלגט דעם טאטן.

# אונדזער שטיפמאמע

די באבע אונדזערע האט נישט אפגעלאזט. זי איז באשטאנען אויף אירן:

"די קינדער דארפן זיין אין איינעם. און צו וואס אפלייגן אין דער לאנגער באנק ארייין?" האט זי געטענהט.

די מומה חיה איז געווען די עלטסטע פון א שטוב מיט מיידלעך און איין יינגל, א בן־יחיד. דער פאטער זייערע, זיידע, און זיין פרוי רבקה זענען געווען ארעם ווי דער טויט. דאס פערד־און־וואגן איז געווען זייער גאנץ פארמעגן, און נישט געקוקט וואס יעדער איינער אין דער משפחה האט אונטערגעשטעלט אן אקסל, האט אבער אלץ נישט געקלעקט די חלה אויף א מוציא. די עלטערע קינדער האבן געניייט פאר די פויערטעס. דער פאטער איז געווען א בעל־הביתישער בעל־עגלה. ער פלעגט פירן פאסאזשירן פון איין שטעטל אין אנדערן. פארוואס בעל־הביתישער? ווייל ער האט געשטאמט פון א יחוסדיקער משפחה. ער האט אויך געקענט א ביסל לייענען. אבער ער איז באלד געווארן א מטופל מיט קינדער און נישט געקענט זיי מפרנס זיין. רבקה, זיין פרוי, האט ארויסגעהאלפן מיט פארקויפן קאלך אין מארק. אבער ס'האט אלץ נישט געקלעקט. די משפחה האט געשמט מיט זייער בריהשקייט. זייער שטוב האט געפעבלט פון ריינקייט. די ריינסטע, ציכטיקסטע שטוב אין שטעטל.

חיה, די עלטסטע טאכטער זייערע, האט זיך מיט שיינקייט נישט אויסגעצייכנט. טאקע לחלוטין נישט. דערצו נאך איז אויך איר געהער געווען אונטערשטעליק. און אזוי ווי עס האט זיך שוין אנגערוקט ביי איר דאס זיבן און צוואנציקסטער יאר, איז זי גרייט

געווען צו ווערן א שטיפמאמע צו פיר קליינע קינדער, אבי מען זאל איר דעם קאפ צודעקן.

דער טאטע שוויַיגט און לאזט זיך פירן צו דער חופה ווי צו דער שחיטה. מיר קינדער זענען אלע אין איינעם ביַי דער באבע אסתר. מיר פילן אז עפעס ערנסט קומט פאר אין דער דריטער שטוב פון אונדז. אלע שוויַיגן. די באבע ווישט די אויגן, די נאז מיטן פארטעך און זיפצט. שפרינצע און שרה וויינען און באהאלטן זיך גארנישט מיט זייער געוויין. איך קען זיך מער נישט אפהאלטן און פלאץ ארויס מיט א שאלה:

"פארוואס וויינען אלע? איז דאך א סימן אז עס טויג נישט. פארוואס זשע לאזט איר דעם טאטן חתונה האבן? פארוואס קען עס נישט בליַיבן ווי פריער?"

"איך האב אבער געוווסט אז דער אלטער קאפ וועט ארויסקומען מיט לשון", האט די מומע שפרינצע זיך אפגערופן, "שוין צו לאנג נישט געפרעגט אירע פארוואסן?"

די באבע האט א קוק געטאן אויף דער מומע שפרינצע און א זאג געטאן:

"זי איז גערעכט. זי ווייסט אז אויף א חתונה פרייט מען זיך. דא וויינט מען גאר. הער זיך איַין, איטע, ס'איז א גרויסער חילוק. דיַין טאטע האט חתונה וויַיל ער וויל אז די קינדער זאלן זיַין אין איינעם מיט אים, דארף דאך עמעצער אכטונג געבן אויף איַיך. אבער קיין פרייד איז דאס נישט, וויַיל ווי מיר אלע, בענקט דער טאטע דיַינער נאך דיַין מאמען. מער קיין שאלות פרעג נישט. פאר איַיך קינדער וועט זיַין א סך בעסער. איר דארפט נאר פאלגן, נישט פארשאפן קיין יסורים, וויַיל חיה איז א גוטע און א ראבאטיאשטשע, א הארעפּאשנע פרוי".

דאס קליינע שטיבל וווּהין דער טאטע האט זיך אריַינגעקליבן נאך דער מאמעס טויט איז געווען פארלאזט, קויטיק, פינצטער, קאלט ווי א קבר. מיט דער מומע חיהס אריַינקומען האט דאס ענגע שטיבל אויפגעלעבט, אויסגעקאלכט, איבערגעצויגן, די ערד אויס־

געשמירט, ווײַסע ציבלעך, פּירהעגנגלעך אויף די פענצטער, פרישע פאַרשפּרעטלעך. דאָס פינצטערע שטיבל איז פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן, אַזוי ווי אונטער אַ כּישוף־שטעקעלע, אין אַן אמתדיק צויבער־שטיבל.

די מומע חיה האָט נישט גערוט. אירע שווערע, פאַרהאָרעוועטע הענט זענען אַרומגעשפּרונגען פון איין עבֿודה צו דער אַנדערער. זי האָט אָדער געוואַשן, אָדער געקאָכט. געצערעוועט, געלאַטעט. קיין מאָל האָב איך נישט געזען דער מומען זיצן אָן אַרבעט. אַ חוץ שבת נאָכן אָנבײַסן, נאָכן צוריק אַוועקשטעלן די כּלים אויף זייער אָרט, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויף דער שמאָלער קאַנאַפּע און איז באַלד אײַנגעשלאָפן.

יערן שבת בײַטאָג ווען איך האָב געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער פרוי וואָס איז מיט איין מאָל געוואָרן אַ זייער וויבטיקער גליד פון אונדזער געזינדל, האָט מיך אַרומגענומען אַ מאָדנע געפיל. אַ געמיש פון רחמנות ווי אויף אַ שטום באַשעפעניש און אויך מיט דאַנקבאַרקייט. ס'האָט זיך מיר געוואָלט זי אַנרירן, זי אַ גלעט טאָן. איך האָב עס קיין מאָל נישט געטאָן. מיר, די עלטערע קינדער, זענען געווען מער גרייט זיך מיען, ווי די באַבע האָט געזאָגט, צו אַקצעפּטירן די נײַ־געשאַפענע סיטואַציע. פאַר די קליינע קינדער איז געווען שווערער. זיי האָבן געבענקט נאָך זייער היים בײַ דער באָבען. בײַ יעדער מינדסטער געלעגנהייט, ווען מען האָט זיך פאַרקוקט, האָבן זיי זיך אָנגענומען בײַ די הענטלעך און זענען אַנטלאָפן צו דער באָבען. אַהיימקערן זיי איז געווען שווער. זיי פלעגן גוואַלדעווען און זיך קעגנשטעלן. נאָר אַרקען האָט זיך מיט שווערקייט אײַנגעגעבן זיי אײַנצושטילן בײַ דער באָבען. איז אין שטוב געוואָרן תּשעה־באָבֿ. אַלע האָבן מיטגעוויינט מיט די קינדער. שרה האָט אָבער פּראָטעסטירט, געהאַלטן יאַנקלען אויף די הענט, אים געוויגט און געטרייסט און געיעבצט:

"וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף די קינדער? וואָס וויל מען פון זיי? זאָלן זיי זײַן דאָ, מיט אונדז!"

די באָבע האָט זיך אַריינגעמישט:

"דו מיינסט אַז נאָר דיר, שׂרה, טוט וויי דאָס האַרץ אויף זיי? נאָר דו האָסט ליב די קינדער. אָבער מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין ווי אַזוי דער פֿאָטער פֿילט. נו, און מיך גייט עס נישט אָן? יעדעס מאָל ווען דאָס ווערט אָפּגעשפּילט, עקט זיך מיר דאָס לעבן. הלוואי וואָלט איך געווען פֿאַרלייגט זייער מאַמעס גרוב. אָבער מיר מוזן זיך רעכענען מיטן פֿאָטער און אויספֿאָלגן".

ווי נאָר די קינדער האָבן דערהערט דאָס וואָרט 'פֿאָלגן', איז די שטילע מייקעלע אַרויס מיט לשון:

"מיר וועלן דיר פֿאָלגן, באָבע, מיר וועלן דיך נישט דערקוטשען. מיר וועלן זיין שטיל, נאָר לאָז אונדז זיין דאָ, מיט דיר".

די שטרענגע, שרייענדיקע באָבע, אונדזערע, האָט זיך איינ־געבראָכן און אויף אַ קול אַרויס מיט טענות:

"פֿאַר וועמענס זינד שטראָפֿסטו מיך ריבונו של עולם?"

אין דער היים ביי אונדז איז טאַקע איצט ריין און ציכטיק. די מומע חיה טוט אַלץ. אַרבעט שווער אָבער עס איז שרעקלעך אומעטיק. דער טאַטע זיצט ביים טיש, שאָקלט מיטן פּוס און קיין וואָרט הערט מען נישט פֿון אים. די מומע גייט אַרום אַ פֿאַרכמורעטע און ענטפֿערט אָפּ מיט אַ געדיכטן שווייגן אויפֿן טאַטנס שטילשווייגן. אָבער לאַנג האַלט עס נישט אָן. זי פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין און פֿרעגט:

"וואָס ווילסטו פֿון מיר? מיט וואָס פֿאַרפֿעל איך דיר? איך אַרבעט פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, פֿאַר דיר מיט די קינדער. כ'בין נאָר אַ דינסט. אָבער אַפֿילו צו אַ דינסט רעדט מען דאָך אויך אויס אַ וואָרט. דו רופֿסט דאָך מיך אַפֿילו נישט אָן ביים נאָמען. מיט וואָס האָב איך זיך ביי דיר פֿאַרזינדיקט? פֿאַרוואָס? מיט וואָס?"

ווען דער טאַטע איז נאָך אַלץ געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער, האָט די מומע חיה געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר און אַ געשריי געטאָן:

"ביסט א גזלן!" און זי איז אנטלאפן אהיים צו אירע עלטערן.

איך האב זיך נישט געקענט צוריקהאלטן און געפרעגט דעם טאטן:

"פארוואס זאגט די באבע אסתר אז דו ביסט אן אמתער מלאך און די מומע חיה זאגט אז דו ביסט א גזלן, פארוואס?"

דער טאטע האט א קוק געטאן אויף מיר און געענטפערט:

"ביסט צו יונג צו פארשטיין. ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו פארשטיין אז א מענטש האט נאר איין הארץ. איך האב מיין הארץ דיין מאמען אין קבר אריין מיטגעגעבן".

# מומע חיה

אונדזער מומע חיה איז צוריקגעקומען צו אונדז. איר פּנים, גרויער, אומעטיקער. אירע אויגן פאַרבלאָזט. זי האָט זיך אַריינגעגליטשט אין קיך אַן אַ וואָרט און גענומען זיך פאַרען מיט די כּלים.

איך ווייס נישט און פאַרשטיי נישט וואָס עס קומט פאָר. איך ווייס אָבער יאָ אַז די מומע איז אַ צעוויייטיקטע און אַ באַליידיקטע. איך וואָלט איר זייער געוואָלט העלפן און ווייס נישט ווי אַזוי.

דער טאַטע זיצט און שווייגט. דיִן שווייגן לייגט זיך שווער אויף אונדז אַלעמען. די קליינע קינדער אַנטלויפן ביי דער מינרסטער געלעגנהייט צו דער באָבען. זיי קומען נישט אַהיים ביז אַרקע קומט נאָך זיי. קענען אַרקען שטעלן זיי זיך נישט. זיי האָבן אים ליב און האַלטן זיך לעבן אים. ער איז אָבער אַ גאַנצן טאָג אין חדר, קענען זיי זיך נישט דערוואַרטן אויף אים. יאַנקעלע וויינט יעדן טאָג ווען אַרקע גייט אַוועק. ער וויל מיטגיין מיט אים אין חדר אָבער ער איז נאָך צו יונג.

די מומע האָט געבראָכן דאָס שטילשווײַגן. זי האָט זיך געווענדט צום טאַטן און געזאָגט:

„פון קאַמענעץ איז געקומען אַ מיידל, אַ לערערין, און זי שטעלט איין אַ קלאַס פאַר מיידלעך אין איטעס עלטער. מיינסטו נישט אַז מיר דאַרפן זי פאַרשרייבן?"

„יאָ, איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם אַז עס איז שוין צייט זי זאָל אָנהייבן זיך לערנען", האָט דער טאַטע געזאָגט.

אויף מאָרגן האָט די מומע זיך אָנגעטאָן אין איר שבתדיק קלייד, אויך איך האָב זיך פאַרפוצט און מיר זענען געגאַנגען צו דעברושקען

ווו די לערערין האָט זיך איינגעקוואַרטירט. דער גאַנג האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען צו פֿיל וואָס עס קומט פֿאַר, אָבער איך בין געווען אַן עדות צו דער ענדערונג וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין דער מומע חיה. איר פּנים האָט אויפֿגעלעבט. איר שטאַלט אַ גלײַכער. איר טראָט מער זיכער. ערשט נעבעך האָט זי אויסגעזען ווי די ווײַנענדיקע ווערבע וואָס אירע צווײַגן הענגען אַראָפּ. הײַנט איז איר גאַנג פֿון אַ שטאָלצן מענטש. ערשט ווען איך בין עלטער געוואָרן האָב איינגעזען וואָס אַ ביסל חשיבות קען אויפֿטאָן פֿאַר אַ מענטש. זי האָט זיך דערפֿילט גלײַך מיט די אַנדערע פֿרויען. אויך זי האָט געפֿירט איר קינד זיך לערנען. אַרעמע מומע חיה, ווי ווינציק דו האָסט דערוואַרט. אַ טראָפּן פֿרייד האָט דיך כאַלעבט. אָבער אויך דער טראָפּן איז דיר אָפּגעזאָגט געוואָרן האָסטו אָפּגעוויינט דאָס גאַנצע לעבן.

דער בירגערקריג רוקט זיך אַלץ נאָענטער צו אונדז. פֿאַר אונדז, שטעטלידקע, איז דער טײַטש פּאָגראָמען. די פּעטליוראַווצעס האַלטן אַלע ייִדן, פֿרויען און קינדער אַרײַנגערעכנט, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער רויטער אַרמײ. אַלע ייִדן זענען באָלשעוויקעס. דאַרף מען זיי אַלע אויסראָטן. געזאָגט און געטאָן. ווי נאָר עס גיט זיך זיי אײַן אַרויסצוטרײַבן די רויטע אַרמײ פֿון אַ שטעטל, אַזוי באַגיסט זיך דאָס שטעטל מיט ייִדיש בלוט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ פֿויער פֿון שטעטל פּאַלטשין און געבראַכט אַ וויסטע בשורה. פּאַלטשין, זאָגט ער, איז אײַנגעטונקען אין בלוט. די רויטע אַרמײ האָט אָפּגעטראָטן האָבן זיך די הײַדאַמאַקעס געלאָזט ווילגיין. געשלעפּט די ייִדן פֿון די שטיבער, פֿון די באַהעלטענישן און זיי געהרגעט אויפֿן אָרט.

פּלוצים לויפֿט אַן מענדל פּאַלטשינער, אונדזער דרדקי מלמד. זײַן פֿרוי און קינדער זענען דאָרט. ער לאָזט זיי אַ פּאָר וואָכן אין זומער און פּאַרט אַהיים צו זײַן משפּחה אויף פּסח און אויף די יום־טובים. ער לויפֿט, ווי געזאָגט, ווי פֿון אַ נישט־גוטן, זײַנע פּאַלעס ווי אַ פֿלעדערמויז. ער כאַפּט אָרום דעם פֿויער וועלכער שטייט בײַ

דער וואנט פון ראטיש און פאיעט אן די פערד. מיט א קול ווי פון א פאס שרייט אויס מענדל מלמד:

"פעדקא, האסט אפשר געזען מיין ווייב און קינדער?"

"יא, מענדל. געזען".

"נו? נו?"

"זיי זענען אלע טויט".

דער מלמד האט זיך צערעוועט ווי א פארוואונדעטע חיה. שטייענדיק לעבן דער וואנט פון ראטיש האט ער גענומען קלאפן דעם קאפ אין דער שטיינערנער וואנט און גערעוועט. דאס שטעטל איז זיך צונויפגעלאפן. מען האט זיך געסטארעט אים אוועקצורייסן פון דער וואנט. ער האט זיך אבער נישט געלאזט. ס'האט זיך א גאס געטאן א שטראם בלוט פון זיין קאפ אויף דער וואנט און אויף אים. דריי יונגעלייט זענען צו צו אים, מיט שוועריקייט אים אוועקגעריסן פון דער וואנט און אים אוועקגעטראגן צום פעלדשער.

מען האט זיך אנגעהויבן צעגיין, יעדער צו זיין נעסט. דער גאנג איז געווען ווי פון אן אבל וואס גייט נאך א לוויה פון אן אייגענעם, פון זייער א נאענטן קרוב. די קינדער, צעשראקענע. די דערוואקסענע — פאריאמערט. פארצווייפלט.

מיט א מאל האט אונדזער פעטער מאטל א זאג געטאן:

"מיר קענען זיך נישט צעגיין סתם אזוי, אוןווארטן אויפן אנקום פון אומגליק. מיר מוזן עפעס טאן. איך האלט מיר זאלן זיך צונויפקלייבן אין א שטוב און זיך באראטן. אויסהערן וואס יעדער איינער האט צו זאגן. אפשר וועלן מיר זיך צו עפעס דערטראכטן".

ס'איז גלייך פארשטאנען געווארן אז צונויפקלייבן זיך זאל מען אין צוויי שעה ארום און טאקע ביים פעטער מאטלען אין שטוב. אויסגעלאזט האט זיך אז דער רב אונדזערער האט באפוילן אז מען זאל קומען צו אים, און אזוי איז עס געווען.

מיט א מאל איז אנגעקומען א רייטער אויף א פערד און געלאזט וויסן אז אין קיטארער, דאס נאענטסטע שטעטל צו אונדז, בושעווען שוין די הײדאמאקעס און ס'גיסט זיך יידיש בלוט אין די

גאסן. ס'האט נישט גענומען לאנג און ס'זענען געקומען צו לויפן צו פיס און אויף פורלעך, רייטנדיק אויף פערד, יידן וואס זענען אנטלאפן פון קיטארעד.

צוליב די אומרוען זענען די בעלי־מלאכות נישט געגאנגען אין די דערפער. די קרעמער האבן אויך א סך פארלוירן, און די ארעמקייט האט זיך פארשטארקט. ביי אונדז אין שטוב האט געפייפט דער דלות אין יעדן ווינקעלע. אונדזער שטוב איז אויסגערייניקט ווי ערב פסח נאכן בודק זיין דעם חמץ. קיין קרישקע ברויט. דער הונגער קנייפט און רייסט שטיקער פון די געדערעם. די אנטלויפנדיקע קיטארעדער האבן אנגעפילט די שול, דאס בית־מדרש, דאס קלייזל, ס'איז אבער נאך אלץ נישט גענוג. קרובים האבן אריינגענומען זייערע אייגענע, אויך באקאנטע. יעדערער האט געטאן אלץ וואס ער האט געקענט. קיטארעד איז מן הסתם פינעף מאל די גרייס פון אונדזער שטעטל. איז געווארן א כאאס, א צעמישעניש.

אונדזער טאטע קומט אהיים אין אוונט פון שול און פירט מיט מיט זיך אן אורח. ווען די מומע האט זיי דערזען האט זי באלד אוועקגערופן דעם טאטן און געפרעגט:

"ווייסטו דען נישט אז עס איז נישטא קיין קרישקע ברויט? די קינדער זענען הונגעריק. ברענגסטו נאך אן אורח? וואס וועל איך אים געבן עסן?"

דער טאטע זאגט:

"ביסט גערעכט. נאר הער מיך אויס. איך האב געווארט ביז אלע זענען זיך צעגאנגען, ווער מיט איין אורח און ווער מיט צוויי. דער ייד איז געבליבן איינער אליין. נו, זאל איך אים איבערלאזן אין בית־המדרש איינעם אליין? איז דאך שוין גלייבער ער זאל זיין מיט מענטשן, צי עס איז דא עפעס צו עסן צי עס איז נישטא".

בקיצור, דער אורח איז געזעסן ביים טיש און געגעסן א שטיקל מאלאי מיט א גלאז מילך. ווו זיי האבן עס געקראגן פאר אים ווייס איך עדיין נישט. ווייזט אויס אז עס איז גרינגער בעטן אדער בארגן

פֿאַר עמעצן אַנדערש ווי פֿאַר זיך אַליין. איך געדענק נאָר אַז מײַקעלע און איך האָבן זיך געהאַלטן בײַ די הענט און זיך אונטערגעקוקט פֿון דער קיך ווי דער אורח עסט. בײַ יעדן שלונג האָבן מיר אים אַרויסגעהאָלפֿן און אויך אַראָפּגעשלונגען הונגער. הונגער, אונדזער שטענדיקער באַגלייטער.

# אסתר המלכּה

צונויפגעקליבן האָט מען זיך בײַם רב אין שטוב. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צוד דער רומענישער מאַכט וועלבע געפינט זיך פון יענער זײַט דניעסטער. דער דניעסטער צעטייל פּאַדאַליע פון בעסאַראַביע. אַזוי ווי רומעניע האָט אָפּגעריסן און צוגעאייגנט בעסאַראַביע באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זי אײַנגעשטעלט איר ממשלה. דאָס דאָרף אַקעגן אונדזער שטעטל רופט מען אַטיק. אין אַטיק בײַם דניעסטער שפּאַנען אַרום די רומעישע פּאַטראָלן און האַלטן אַן אויג אויף דעם שכן וואָס איז פאַרוויקלט אין אַ בלוטיקן געראַנגל צווישן די באַנדעס און דער רויטער אַרמיי. בירגערקריג.

דער באַשלוס פון דער פאַרזאַמלונג — בעטן הילף פון דער רומענישער רעגירונג אויסצוהייבן אַ דרוק אויף די באַנדעס זיי זאָלן נישט טשעפּן דאָס שטעטל. די רומענער אַליין צייכנען זיך דווקא נישט אויס מיט קיין באַזונדער פרײַנטשאַפט צו יידן. אָבער אין דעם פאַל האָט מען באַשלאָסן זיי דווקא ווײַזן ווער עלטער ס'איז. זיי זענען דאָך אַ בעל־הביתישע ממשלה, קענען זיי נישט דערלאָזן קיין הפקרות פון באַנדעס. אַזוי האָט די פאַרזאַמלונג בײַם רב באַשלאָסן און אויסגעשטעלט אויף דעם.

אַ ישובניק פון דערבײַיקן דאָרף איז געקומען אָנזאָגן די וויסטע בשורה אַז זיי געפינען זיך שוין אין דאָרף און שאַרפן שוין ממש די מעסערס, גרייטן זיך אויפן אָנקום פון דער נאַכט. זייער אַרבעט טוען זיי בײַ נאַכט.

נו, כאַפּט זיך דאָס שטעטל אַן אין דעם באַשלוס פון דער פאַרזאַמלונג און איז גרייט זיך מתנצל זײַן און בעטן רחמים בײַם

רומענער. ס׳האָט אויך צוגעשפּילט דאָס וואָס דער דניעסטער איז אין דער צײַט פֿון יאָר שמעלער און ס׳איז גרינגער צו שמועסן מיטן רומענער אויפֿן אַטיק. ס׳איז פֿאַרשטאַנען געוואָרן נישט צו וואַרטן מער און צוטרעטן צום ענין. דאַרף מען האָבן עמעצן וועלכער רעדט רומעניש. די איינציקע אין שטעטל איז שׂרה איציק יוזיס. זי שטאַמט פֿון רומעניע און רעדט רומעניש ווי אַ וואַסער. זי, שׂרהקע אַליין איז דווקא גרייט, נאָר דער מאַן אירער, איציק יוזיס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט ניין און ניין. ער האָט אַזוי געטענהט:

"מײַן ווײַב איז אַ מאַמע פֿון קינדער. איך וויל נישט אַז זי זאָל ווערן דער ערשטער קרבן. וואָס וועט זײַן אַז די באַנדיטן קומען אין פּונקט דעמאָלט בשעת זי רעדט מיט די רומענער? וואָס וועט זײַן אַז אַ מסור פֿון אונדזער דאָרף קומט אָן און דערטראָגט עס וווהין מע דאַרף?"

דערהערט די טענות איז דער שטאָפּעט באַלד אַוועק צוריק צום רבֿ ווו די ייִדן האָבן געוואַרט אויף אַ תּשובֿה. די צײַט לויפֿט. די שפּאַנונג אין שטעטל וואַקסט. מיט אַ מאָל קומט דער רבֿ אַרויס פֿון ראַטיש און די ייִדן הינטער אים. מע גייט אַלע צו איציק יוזיס. די ווײַבער און קינדער לויפֿן נאָך און ס׳באַקומט זיך אַ גאַנצע פּראָצעסיע. איציק יוזיס איז אַרויס דעם רבֿ אַקעגן אַ צעטומלטער. אין קליינינקייט, דער רבֿ אַליין זאָל קומען צו אים אין שטוב אַרײַן. דער רבֿ האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און באַלד זיך געווענדט צום בעל־הבית:

"הער זיך אײַן איציק יחיס. זעסטו נישט אײַן די סכּנה וואָס לווערט אויפֿן שטעטל? זעסטו נישט אײַן אַז דער רבונו של עולם האָט דיך נעשטעלט צו אַ פּרווו? ווי קענסטו זיך גאָר אָפּזאָגן פֿון אַזאַ זכיה צו זײַן דער שליח אָפּצוראַטעווען דאָס שטעטל, אנשים, נשים וטף?"

איציק יוזיס האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אָבער קהל האָט אים אָפּגעשטעלט.

"שלאָג נישט איבער די רייד. דאָ רעדט דער רבֿ. דרך־ארץ! דע

לפני מי אתה עומד", האט זיך דערהערט דאס קול פון דעם וויל־געלערנטן יאנקל שלמהס.

דער רב האט אויפגעהויבן די האנט. אלע זענען געבליבן שטיל. דער רב האט געזאגט:

"זאלסט נישט מיינען איציק יוזיס אז קהל פארשטייט נישט דיין אנגסט. זאלסט נישט מיינען אז מיר וועלן אויסשטעלן דיין ווייב צו א סכנה און אליין זיך באהאלטן. ווייבער און קינדער וועלן זיין מיט איר. די רביצין וועט שטיין לעבן איר. קיינער וועט מן הסתם נישט וויסן פון וועמען עס קומט די בקשה. די סכנה איז גרויס, איציק יוזיס. וואס איז דיין תשובה?"

"רבי, איך וועל זיך ניש קעגנשטעלן אייך און דער גאנצער עדה יידן בעת איר האט מיט אזוי פיל ישוב הדעת באווארנט מיין ווייב פון דער סכנה", האט איציק יוזיס געענטפערט.

"א, דאס איז לשון", האט זיך דערהערט פון עולם.

"מיר קענען קיין צייט נישט פארלירן. היום קצר", האט דער רב א זאג געטאן.

"ווו איז שרהקע? מיר דארפן זיך צונויפרעדן וואס זי זאל זאגן", האט ווער פון עולם זיך אנגערופן.

"שרהקע, דיר איז אוודאי באקאנט די מגילה?" האט דער רב זיך געווענדט צו שרהקען.

"יא, רבי", האט שרהקע געענטפערט.

"ווייסטו דאך ווי אסתר המלכה האט געהאנדלט. דו, שרהקע, ביסט איצט אין דעם מעמד, ווי אסתר המלכה. אונדזער שטעטל וועט דיך בענטשן ווען דו וועסט מירטשעם מצליח זיין אין דיין שליחות. איצט דארפסטו וויסן וואס צו זאגן. ראשית דארפסטו געדענקען צו רעדן אויפן העכסטן קול. דיין קול זאל זיין קלאר און שטארק. ס'וואלט כדאי געווען זאלסט אויסטרינקען א גלעזל וואַרעמס איצט. זאלסט זיך ווענדן מיט גרויס אפשיי. מיט דרך ארץ ווי דו וואלסט רעדן צו א קעניג. דערנאך לאזטו זיי וויסן אז די באנדעס געפינען זיך נאענט צום שטעטל, אין דערבייאיקן שטעטל,

פון וועלכן זיי זענען געקומען האבן זיי געמאכט א חורבן. די גאסן זענען געוואָרן ריטשקעס בלוט פון אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. אונדזער איינציקע האָפנונג איז די גערעכטע, יושרדיקע, רומענישע מלוכה. נאָר זי קען אונדז ראַטעווען. מיר וועלן אייביק געדענקען און בענטשן דעם קעניג, די מלוכה, דאָס רומעניש פאָלק מיט הצלחה און מיט כל טוב. מיר בעטן אייער באַלדיקן אָפרוף ווײַל די סכנה איז שוין זייער נאָענט. איצט זעץ זיך אַוועק, שרײַב דיר איבער די עטלעכע ווערטער אין זייער לשון און לייען עס איבער עטלעכע מאָל כדי דו זאָלסט עס געדענקען אויף אויסנווייניק. אין אַ שעה אַרום וועט די רביצן מיט אַן עדה ווײַבער און קינדער דיך אַפּוואַרטן בײַם עסטער. זײַ אַ גוטער שליח און דער אייבערשטער זאָל דיך בענטשן מיט כּוח און מיט הצלחה".

די ווײַבער און קינדער האָבן באַגעגנט שרהקען און זי אַרומגערינגלט לויט דער רביצנס אָנווײַזונג. ווי נאָר דער פּאַטראָל איז צוגעקומען פּונקט אַנטקעגן די ווײַבער, האָט זיך דערהערט דאָס קול שרהקעס, קלאָר און שאַרף. דער פּאַטראָל האָט איר געלאָזט וויסן אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען זייער בקשה און ער וועט באַלד דאָס איבערגעבן זײַן קאָמענדאַנט.

פינעף שעה האָט דאָס שטעטל געפֿיבערט אין דערוואַרטונג. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צום עסטער. ס'איז שוין שפּעט אין טאָג. פּלוצים דערהערט זיך דאָס גאַלאָפּירן פון פֿערד און די ווילדע געשרייען פון די רײַטער. מע פּאַטשט מיט די שווערדן, מיט די נאַגײַקעס און ס'טראָגט זיך אַ ווילדער, שיכּורער געלעכטער וואָס וואָרפט אַן אַן אימה אויפן שטעטל. מאַמעס כאַפּן זייערע קינדער און לויפן אין די קעלערס.

נאָר מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ שטימע פון מרדכי דעם סטאָליער:

"יידן, קוקט אויפן עסטער!"

ס'שיפּלט זיך אַ שיפּל צו אונדזער ברעג. שוין זייער לאַנג אַז מען האָט נישט געזען עמעצן קומען פון דאָרט, אַדער זיך שיפּלען

אהין. דער שיפלער איז צוגעגאַן פרײַ, אָן פחד, צו איינעם פון די רוצחים און געפרעגט זיך אויפן קאָמענדאַנט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ רייטער מיט איין פּאה און געלאָזט וויסן אַז ער איז עס דער סאַמע ראַדנער קאָמענדאַנט. ער האָט געקוקט מיט ביטול אויפן שליח און צוגענומען דעם פאַרזיגלטן בריוו וואָס דער רומענער האָט אים דערלאַנגט. דער שליח איז גלייך צוריק אַוועק צום עסטער. דער קאָמענדאַנט איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ ווילדער רציחה, נאָכן איבערלייענען דעם בריוו. ער וועט דאָס ווײַזן די פאַרכאַטע זשידעס ווי זיך צו זשאַלעווען אויף זיי צו אַ פרעמדער מאַכט. זײַנע מענטשן וועלן זיך טאַקע איצט צוריקציִען אָבער ווען זיי וועלן צוריקקומען וועלן די זשידעס באַצאָלן כּפל כּפלים. און באַלד איז געקומען זײַן באַפעל:

"כלאָפּצי, אויף די פערד! פּאָ קאָניאָם!"

דאָס שטעטל האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט. אייניקע האָבן זיך גאָר צעוויינט אויפן קול. דאָס שטעטל איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

# מיר ציען זיך איבער צום ויידן

דער געראַנגל צווישן דער הונגעריקער, פֿרירנדיקער, רויטער אַרמיי און די אויסגעפּאַשעטע וואַרעם באַקליידטע באַנדעס גייט אָן. מיטן צוריקציען זיך פֿון דער רויטער אַרמיי פֿאַלט אָן אַ פּחד אויף די יידישע שטעטלעך.

ביים ויידן אין שטוב האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ יונגערמאַן אַ פּאַליטישער. ווען די באַנדעס האָבן געמוזט אָפּטרעטן האָט ער באַשלאָסן אַהיימצוגיין און נישט איינצושטעלן נאָך מער די משפּחה אונדזערע פֿאַר אויסבאַהאַלטן אים. ס'האָט נישט געהאָלפֿן דעם ויידנס אַפּעלירן צו אים אַז די וועגן זענען נישט זיכער און ווער ווייסט וועמען ער קאָן אַנטרעפֿן. דער יונגערמאַן איז אויף צו מאָרגנס אַרויס פֿון שטוב און צוגעזאָגט צו זיין פֿאַרזיכטיק. גיין וועט ער נישט מיטן שליאַך נאָר מיט זייטיקע וועגן און איבער פֿעלדער. ער איז געווען אַ בן־יחיד פֿונעם ויידנס אַ גאָר נאָענטן ידיד. אויף צו מאָרגנס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען אַז מען האָט געפֿונען אויפֿן וועג קיין קאַמענעץ אַן הרוג אויפֿן פֿעלד. יאָ, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז דער יונגערמאַן וועלכער איז אויסבאַהאַלטן געוועאָרן ביים ויידן צווישן דער וואַנט און דער קאָמאָד. גאָר שפּעט אין אָוונט פֿלעגט ער אַרויסקומען און שפּילן מיטן ויידן אין אַ זעקס־און־זעכציק אָדער אַ פּאַרטיע שאַך. דער ויידע איז געווען דערשלאָגן אַ שטיק צייט.

"כ'האָב אים נישט געטאָרט אַרויסלאָזן פֿון שטוב", האָט דער ויידע געהאַלטן אין איין איבערחזרן, "ווי אַזוי וועלן זיי עס איבערטראָגן? ער איז דאָך געווען אַ בן־יחיד".

די געשעענישן האָבן זיך געיאָגט מיט קאַפּ־שווינדלערישן

אימפעט. שווער צו קריגן שפּײַז. די פּאַליצעס אין די קרעמלעך זענען ליידיק. קומט א פויער צו אונדזער פעטער יחיאל אין קרעמל נאָך א פונט זאַלץ אָדער נאָך א ביסל קעראָסין, איז דער ענטפער: "ניעמא". "ווו פאַרט קען מען עס קריגן?" פרעגט דער פויער און דער פעטער יחיאל ענטפערט אים מיט א וויץ, אז מען קען דאָס קריגן בײַם רב. דער פעטער יחיאל איז א לץ, טרײַבט ער ליצנות אפילו אין די שווערע טעג פון הונגער און פּחד. פּלוצים דערהערט זיך דער רביצנס געהערטע קול:

"גזלן! וואָס האָסטו זיך אנגעזעצט אויף אונדז? די גויים ריפן מיט דער טיר. מיט יעדן עפן פון דער טיר רײַסט זיך אַרײַן א ביטערע קעלט. אין שטוב איז קאַלט ווי אין א קעלער. דער רב זיצט נעבעך און ציטערט. פאַרוואָס טוסטו דאָס?"

"אז איר וועט זיך באַרויִקן, רביצן, וועל איך אײַך דערקלערן," ענטפערט יחיאל רויִק און געלאַסן, "איר ווייסט דאָך, רביצן, אַזוי גוט ווי איך, אז עס קומט אויף א שאלה בײַ ייִדן, לויפט מען צום רב נאָך א תשובה, אמת? איז וואָס האָב איך דאָ געטאָן פאַר אַן עוולה? וואָסיל פרעגט מיר ווו קען מען פאַרט קריגן די נייטיקע באַדערפעניש‌ן און איך האָב קיין תשובה נישט, שיק איך אים, ווי דער שטייגער איז, צום רב".

דער רביצינס עטלעכע באַגלייטער, די וואָס זוכן א ליצנותדיק פאַרדינסטל אפילו אין די אַנגעשטרענגטע טעג האָבן אויסגעשאָסן אין א געלעכטער. דער פעטער יחיאל שטייט אָן ערנסטער ווי נישט אים מיינט מען. אפילו בײַ דער רביצן אַליין האָט זיך באַוויזן א שמייכל אויף די ליפּן.

"נו, יחיאל לץ, זאָגסט צו אז מער וועסטו נישט איבערחזרן?"

"אוודאי רביצן זאָג איך צו. איצט ווייס איך דאָך שוין אז דער רב זאָל לעבן האָט אויך נישט קיין תשובות אויף אַלע שאלות, טאָ צו וואָס דאָס פרעגן?"

דאָס פאַרכמורעטע שטעטל האָט א שמייכל געטאָן א דאַנק אונדזער פעטער יחיאלן, דעם לץ פון שטעטל.

דער בירגערקריג האָט זיך אויסגעשפּרייט און זיך טאַקע איינגעבירגערט מיט אַלע זײַנע איבלען. פּחד איז געוואָרן די נאָרמע. אָבער די רויטע אַרמיי האָט ענדלעך גענומען די אייבערהאַנט אין אונדזער געגנט און דאָס מאָל צוריקגעקומען אויף אַן אמת להשתקע. קינד און קייט האָט זיך געפּרייט. אַ קליינינקייט, אַנשטאָט פאַרשטעקן די קינדער אין די קעלערס, אויף די ביידעמער, לויפן זיי אַרום פראַנק און פרײַ און כאַפּן נאָך אַרײַן אַ פרײַנדלעכן שמייכל, אַ גלעט איבערן קעפּל, פון אַ רויטאַרמייער.

צוליב דעם וואָס דאָס שטעטל ליגט האַרט בײַ דער גרענעץ, איז עס געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער. דער שטאַב מיטן גאַנצן פּערסאָנאַל האָט זיך באַזעצט, צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל שומרים און רויטאַרמייער, אַרום עסטער. די תּושבים האָבן געדאַרפט זיך צונויפּרוקן, לויטן באַפעל פון דעם הויפּט פון שטאַב: אָפּגעבן אַ חדר אָדער מער אַפילו, פאַר דער רויטער אַרמיי.

מיר האָבן געוווינט אין אַ געדונגענער שטוב. אַ חדר מיט אַ קיך. צוליב דער געשאַפּענער הויז־פּראָבלעם, האָט אונדזער משפּחה געדאַרפט באַפרײַען די וווינונג. דער בעל־הבית האָט געדאַרפט די וווינונג פאַר זיך. אונדזער ײדע יאָסל איז איצט איינער אַליין. די באָבע איז געשטאָרבן. די דרײַ טעכטער וווינען ווײַט. די עלטערע, די מומע מרים, וווינט אין בעסאַראַביע. די צווייטע וווינט אין קאַמענעץ. די מיזינקע, שׂרה, איז אַריבער די גרענעץ און זיך דערשלאָגן אַזש קיין בראַזיל, און וווינט אין אַ שטאָט מיט אַ פרעמד־קלינגעוודיקן נאָמען: ריאָ דע זשענײראָ. געבליבן אין שטעטל זענען נאָר דער פעטער יחיאל, די מומע רחל מיט זייערע פיר קינדער. שבתאי, הערשל, חיים און שׂרהלע.

דעם ײדנס שטוב איז אַ געראַמע, אַ רחבותדיקע. די רויטע אַרמיי וואָלט זיך זיכער איינגעקוואַרטירט דאָרט. אַזוי ווי מיר האָבן זיך געמוזט אַרויסקלײַבן פון אונדזער וווינונג, האָט דאָס שטעטל באַטראַכט פאַר נאַטירלעך פאַר אונדז זיך אַרײַנצוציען צום זיידן אין שטוב. ראשית, דאַרפן מיר אַ וווינונג. שנית, וועט אויך זײַן גוט פאַרן

זיידן. מע וועט אויף אים אבטונג געבן און ער וועט נישט זיין אליין. דער זיידע אבער האט געפילט אנדערש. ער האט דורכאויס נישט געוואלט מיר זאלן זיך אריינקלייבן צו אים. מיר האבן זיך אריינגעצויגן קעגן זיין ווילן, האפנדיק אז ער וועט איינזען אז אזוי דארף זיין און שלום מאכן מיט דער ווירקלעכקייט. צום באדויערן איז געווען פונקט פארקערט. דער זיידע איז פון טאג צו טאג געווארן מער פארברוגזט און זיין כעס האט זיך געשטארקט. ער האט באווירקט רעם פעטער יחיאל און זיין משפחה איבערצורייסן יעדע פארבינדונג מיט אונדז. אויך די פעטערס מיט די מומעס וואס האבן געלעבט פון דער ווייטנס, האבן אויסגעמיטן יעדן קאנטאקט מיט אונדז. מיר האבן זיך געפילט זינדיק ווי מען וואלט אונדז אריינגעלייגט אין חרם. אויף אונדזערע קינדער האט עס געמאכט א מוראדיקן און צעשטערערישן איינדרוק. א קאשמאר.

# קאַשע בשותּפות מיט דער רויטער אַרמיי

נו, מיר האָבן זיך שוין אַריינגעקליבן צום זיידן. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונדזער איבערציען זיך, איז געקומען דער קאָמענדאַנט, באַקוקט די וווינונג, און אונדז צוגעטיילט איין חדר, מיט דער פּריוויליגיע דורכצוגיין צו דער קיך. די אַנדערע חדרים זענען באַשטימט געוואָרן פאַר כּמו אַ טורמע. נישט פאַר די תּושבים, נאָר פאַרן מיליטער. טאָמער האָט אַ רויטעאַרמייער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן אין איינעם פון די צוויי חדרים, ביז די קאָמענדאַטור האָט באַשלאָסן צי איז ער טאַקע אַ זינדיקער אָדער ער דאַרף ווערן באַפרייט.

אַז עס איז נישט געווען קיין טורמע האָט מען געזען פון דעם ווי זיי האָבן זיך באַוועגט פריי. באַקומען זייער אָרעמע פּאָרציע שפּייז גלייך מיט די שומרי־גרענעץ פון צווייטן צימער.

כּדי צוצוקומען צו אונדזער חדר האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין סײַ דאָס ערשטע, די קוואַטיר פון די וועכטער און סײַ דעם „אַרעסטאַנטי דאָם", ווי מען האָט עס גערופן. צו דער קיך האָבן מיר אויך געדאַרפט דורכגיין דעם אַרעסטאַנטי דאָם. דערפאַר אָבער האָבן זיי אַלע פון ביידע חדרים געדאַרפט דורכגיין אונדזער קיך, כּדי אַרויסצוגיין נאָך מענטשלעכע באַדערפעניש.

מיט איין וואָרט: ס'האָט זיך באַקומען אַז מיר, די משפּחה פון זעקס נפשות, צוליב דעם וואָס אונדזער חדר איז דאָס סאַמע לעצטע, זענען גאָר די אמתע אַרעסטאַנטן.

נאָך דער חלוקה האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן:

„הערט זיך איין קינדער. דער פראָסט ברענט, קען מען סײַ ווי נישט גיין אין דרויסן. אָבער ווען מען מוז, זאָלט איר גיין אין צווייען.

רו, ארקע, זאלסט גיין מיט איטען ווען זי דארף גיין א גאנג. ס׳איז היימלעבער ווי צו גיין אליין״.

די רויטארמייער האבן, מיט ווינציק אויסנאמען, גערעדט א פרעמד קלינגעוודיק לשון. קיין רוסיש האבן זיי נישט גערעדט. טאטארן זענען זיי געווען. באלד האט זיך פארבונדן צווישן אונדז א נאענטשאפט. נישט געקוקט אויף דעם וואס רעדן האבן מיר נישט געקענט איינער צום אנדערן, איז דער קוק זייערער אויף אונדז קינדער, זייער שמייכל צו אונדז, זייער דערפרייען זיך מיט אונדזער פארהאלטן זיך לעבן זיי, גענוג געווען איינצוזען אז זיי האבן לחלוטין נישט קיין שלעכטע כוונות, אדרבא.

דער טאטע איז אויך געווארן נאכגיביקער, זיך געמאכט נישט וויסנדיק ווען ער האט געזען ווי איך לערן זיך א ניגון פון איינעם וועלכער האט געזונגען מיט א זיס־סאמעטן קול, א זייער מאנאטאנעם ניגון.

דער הונגער און די קעלט זענען געווארן שטארקער און חוצפהדיקער. דעם טאטנס בארד איז געווען באדעקט מיט אייז בעת ער האט געבראכט צו טראגן צוויי עמערס וואסער פון עסטער. די וואך, די שומרי לילה, וואס האבן געהיט די גרענעץ, פלעגן זיך אומקערן קאיאר, פארגליווערטע. טרערן זענען גערינען פון זייערע אויגן. זייערע פיס זענען געווען איינגעוויקלט אין שמאטעס. ס׳איז פשוט געווען א רחמנות צו קוקן אויף זיי. און דאך האבן זיי געשמייכלט צו אונדז מיט ווארעמקייט.

איין מאל, ווען די שומרים האבן זיך אומגעקערט פאר־גליווערטע פון עסטער און אין שטוב איז נישט געווען קיין שייטל האלץ אנצוהייצן די הרובע, זענען א פאר ארויס אין דרויסן, זיך אומגעקערט מיט סנאפעס שטרוי, און באלד געמאכט א פייער און געווארעמט זייערע פארפרוירענע אברים. דער טאטע האט דאס דערזען האט ער געפרוווט איינטענען מיט זיי אז מיטן אראפרייסן דעם שטרוי פון דאך וועלן זיי נישט לעזן דאס פראבלעם פון קעלט, נאר גאר פארשטארקן די קעלט. דאס שטרוי וועט אנהאלטן פון

אסתּר תּענית ביז פּורים אָבער דער דאָך וועט ווערן צעשטערט, און פון דער קעלט, רעגן און שניי וועט קיינער פון אונדז זיך נישט קענען אויסבאַהאַלטן. די טאַטערן האָבן געקוקט אויפן טאַטן און געשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן כּלומרש צוגעשטימט מיט אים, אָבער וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? זיי האָבן פּאַרט געמוזט העלפן די פאַר־פרוירענע חברים.

דער טאַטע איז אַוועק אין דער קאָמענדאַטור רעדן מיט עמעצן וואָס פאַרשטייט רוסיש. געקומען צוריק איז ער שוין נישט אַליין, נאָר מיטן קאָמענדאַנט און מיט אַ טאַטער און אַן איבערזעצער. דער קאָמענדאַנט האָט געהערט און דער טאַטער האָט איבערגעזעצט:

"חבֿרים רויטאַרמייער. מיר זענען נישט קיין באַנדע באַנדיטן וועלכע קומען באַראַבעווען און באַגזלענען די באַפעלקערונג. מיר ווילן זיי העלפן. דאָס זענען אָרעמע, געליטענע, צעשראָקענע מענטשן. זיי האָבן צוטרוי צו אונדז, ליידן פּונקט ווי מיר אַלע. מיטן צעשטערן דעם דאַך איבער זייערע קעפּ וועט אונדזער פּראָבלעם נישט געלייזט ווערן. דערצו נאָך באַגיין מיר אַ גרויסע עוולה קעגן זיי. געדענקט רויט־אַרמייער, ס'וועט נישט טאָלערירט ווערן קיין שום עוולה קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג! פאַרשטאַנען?!"

צום טאַטן האָט דער קאָמענדאַנט אַ זאָג געטאָן:

"בירגער, איר דאַרפט פאַרשטיין אַז נישט פון שלעכטקייט האָבן זיי אַזוי געהאַנדלט, נאָר מיט דער כּוונה צו העלפן די געליטענע וועכטער וועלכע פירן און היטן די גרענעץ. זייט זיכער אַז עס וועט זיך מער נישט איבערחזרן. דאָס זענען מענטשן מיט אַחריות, מיט אַן אידעאַל. גייט צוריק אין אייער חדר אַרײַן און זייט רויק".

די טאַטערן זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער קאָמענדאַנט האָט אַ זאָג געטאָן צו זיי מיט אַ פרײַנטלעכן טאָן:

"נישט געזאָרגט, חבֿרים רויטאַרמייער. ס'קומען בעסערע צײַטן", און ער איז אַרויס פון שטוב.

די פרעסט לאָזן נישט אָפּ און דער הונגער קנײַפּט און רײַסט ממש שטיקער פון די געדערעם. יעדער אײַנוווינער פון שטעטל

ווערט רעגיסטרירט. נישט נאָר נאָמען, עלטער, נאָר דער עיקר, טועבץ. ביסטו אַ בעל־מלאכה, איז דיר גוט ווי די וועלט. נישט נאָר לאָזט מען דיר טאָן דײַן אַרבעט, נאָר מען דערמוטיקט דיך און מען קוקט אויף דיר מיט כּבֿוד. אַנדערש אָבער איז מיט די וואָס האָבן אַ קרעמל, אָדער מיט אַ סוחר, אָדער מיט אַ מעקלער. מען קוקט אויף זיי מיט גאָר אַנדערע אויגן. אָט למשל טראָגן זיך קלאַנגען אַז מען קלײַבט זיך עפּענען אַ קלאַס פֿאַר די קינדער אין אַ רעקווירירטן צימער בײַ מרדכי באַסיעס. קיין אָרט פֿאַר אַלע קינדער איז נישטאָ. איז וועמענס קינדער וועלן ווערן אַרײַנגענומען? אַוודאי די בעל־מלאכהשע קינדער.

דער טאַטע אונדזערער איז רערקלערט געוואָרן ווי אַ "לישעניץ", דאָס הייסט, אַ דעקלאַסירטער. איינער וואָס טוט גאָרנישט. אַ "דאַרמאָיעדניק". אַן אומזיסטער פּרעסער הייסט עס. דער דאַרמאָיעדניק האָט נישט געקענט צוזען ווי די קינדער גייען אַרום שלינג און שלאַנג, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין דאָרף אַרײַן, זוכן, בעטן בײַ די באַקאַנטע גויים, אויסצובאָרגן עפּעס וואָס, אויף אײַנצושטילן דעם הונגער בײַ די קינדער.

אין דרויסן בושעוועט אַ בייזע זאַווערוכע. די נאַכט פֿאַלט שוין צו און דער טאַטע איז נאָך אַלץ נישטאָ. צום הונגער און צו דער קעלט איז נאָך צוגעקומען די זאָרג פֿאַרן טאַטן. מיר זיצן אַלע געשפּאַנט און שווײַגן. די קליינע קינדער זענען שוין אײַנגעשלאָפֿן. די מומע, אָרקע און איך לויפֿן צום פֿענצטער. דאָס פֿענצטער איז אָבער פֿאַרפֿרוירן, פֿאַרשנייט, פֿאַרקאָוועט מיט אײַז, מען קען גאָרנישט זען. אָבער פּלוצים דערהערן מיר אַ קלאַפּ אין דער טיר און דערקענען דאָס קול פֿון מוסטאַפֿאַ און אויך דעם טאַטנס קול. דער טאַטע איז דאָ. ער זאָגט צו דער מומען:

"חיה, דאָ האָסטו אַ בינטל קוקורוזענע גרויפּן, נעם אַ פּיר די צוויי שטיקלעך האָלץ פֿון אונטערן בעט און קאָך אָפּ אַ קאַשע, איך גיי אַרויס אויפֿן גאַנעק אָפּטרייסלען פֿון זיך דעם שניי".

דעם טאטן איז אינגאנצן נישט געווען צו דערקענען. א פארשנייטער, א ווייסער ווי א ווייסער בער.

אלע רויטארמייער שלאפן שוין. ס׳איז שוין שפעט אין דער נאכט. אפילו מוסטאפא וואס האט אונדז מיטגעהאלפן און מיטגעזארגט מיט אונדז, האט זיך שוין אויך איינגענורעט און שלאפט. ס׳הערט זיך א בציבורדיק כראפען און פייפן ווי פון א פאראוואז.

די מומע האט אפגעקאכט די קאשע און אוועקגעשטעלט זי אויף די גליענדיקע קוילן אויף צו דערקאכן. זי קומט אריין פון קיך און זאגט צום טאטן:

"אין א פינעף מינוט ארום וועסטו שוין קענען אויפוועקן די קינדער. די קאשע איז שוין באלד פארטיק.

ארקע און איך זיצן אין גרויס דערווארטונג. מיר שלינגען די סלינע. אבער באלד, באלד וועט שוין קומען די ישועה. מיט א מאל קומט אריין די מומע פון קיך א צעשראקענע.

"וואס איז געשען?" פרעגט דער טאטע.

"אויס קאשע. מען האט צוגעגנבעט דאס טעפל מיט דער קאשע", זאגט די מומע.

דער טאטע איז אריין אין ארעסטאנטי דאם. אויפגעוועקט די עדה טאטארן, זיך געבייזערט, געשריגן סטייטש, היתכן? ווו איז עס געהערט געווארן מען זאל ארויסרייסן פון הונגעריקע קינדער דעם ביסן פון מויל? די טאטארן פארשלאפענע, צעשראקענע, קוקן אויפן טאטן און ווייסן נישט וואס ער וויל פון זיי האבן. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן אז דער שומר וואס איז אריינגעקומען א פארפרוירענער און געטראפן אלע שלאפן, האט ער דערשמעקט אז עפעס קאכט זיך, איז ער נאכגעגאן דעם ריח, א כאפ געטאן דאס ליימענע טעפל, אפגעבראכן א שטיק, זיך פארשטעקט אין א ווינקל און זיך געלאזט וווילגיין. ער האט פארצוקט, איינגעשלונגען די קאשע. די אנטוישונג אונדזערע איז גארנישט איבערצוגעבן. א

תשעה־באב, א לוויה שטימונג האט זיך אראפגעלאזט אויף אונדז. איך האב נישט געקענט אויפהערן וויינען.

גאנץ פרי איז דער טאטע געלאפן אין דער קאמענדאטור צו מאנען און פאדערן: ס׳טײטש, היתכן? ווי קען מען אזוי האנדלען? ווי איז עס געהערט געווארן? ער האט דארטן אנגעטראפן מוסטאפאן וועלכער האט זיך געפעדערט און פארלאפן דעם טאטן דעם וועג צו דער קאמענדאטור, צו מאנען גערעכטיקייט. דער קאמענדאנט האט באפוילן אז מע זאל פארהאלטן דעם בעל־דבר אין צימער נומער צוויי. דאס הייסט אז פון א בכבודיקן שומר איז ער אראפגעזעצט געווארן און געווארן אן ארעסטאנט. זיין פארציע שפייז זאל מען געבן די קינדער. און ער, דער קאמענדאנט, וועט אין א פאר טעג ארום קומען אונטערזוכן און אויסגלייכן דעם ענין. איצט איז ער זייער פארנומען און קען נישט אוועק פון שטאב.

ארקע האט דעם קאשע גנב א נאמען געגעבן "קאשע". דער גנב איז בויקאטירט געווארן פון אלע טאטארן פוןביידע הדרים. ער איז געשטאנען א פארלאזטער אין א ווינקל מיט אראפגעלאזטע אויגן, אן אומגליקלעכער. אז מיר האבן א רוף געטאן "קאשע", איז ער געווארן קלענער און איינגעשרומפענער פון חרפה.

א טאג שפעטער האט דער קאמענדאנט אנגעקלאפט אין אונדזער טיר און געבעטן אים אויסצוהערן. ער האט זיך געוואנדן צום טאטן בזה הלשון:

"בירגער פאסמאן, דער רויטערארמייער האט טאקע נישט געהאנדלט ווי אן אויסגעהאלטענער מענטש און ער וועט פאר דעם באצאלן. אבער פארשטיין דארפן מיר אז באגאנגען די עוולה איז ער קומענדיק פון שטיין אויף דער וואך און היטן די גרענעץ ביז האלבער נאכט אין א פראסט, אין א זאווערוכע, ווייט פון זיין היים און פון זיין משפחה. אין אן ארט וואס איז אים פרעמד לגמרי. אריינקומענדיק אין שטוב אן אנגעפרוירענער, א הונגעריקער און דערשמעקנדיק דעם ריח פון געקעכץ האט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און געטאן וואס ער האט נישט געדארפט טאן.

פארוואס און פאר וועמען פרירט ער און הונגערט ווייט פון זיינע אייגענע? פאר זיך אליין? ניין, אויך פאר אייך בירגער פאסמאן. איידער ער, צוזאמען מיט אנדערע ווי ער, האבן זיך אוועקגעשטעלט היטן די גרענעצן, האבן זיי איינגעשטעלט זייערע יונגע לעבנס, און א סך פון זיי זענען טאקע געפאלן אויף צו פארטרייבן די באנדיטן. איצט היטן זיי, כדי די באנדיטן זאלן זיך נישט אומקערן מיט די פאגראמשטשיקעס. אז איר וועט א טראכט טאן וועגן דעם וועט איר האבן מער איינזעעניש. איך וויל אייך בעטן איר זאלט פארזארגן די קינדער נישט דערמאנען מער דעם צונאמען "קאשע", ווייל די בושה און חרטה קען אים טרייבן צו ווער ווייסט וואס. זאגט איר עס צו, בירגער פאסמאן?"

"יא איך זאג אייך צו", האט דער טאטע געענטפערט. "איך זאג אייך צו".

דער קאמענדאנט האט געגעבן דעם טאטן די האנט און איז ארויס זאגנדיק אז עס וועט נאך זיין גוט, און נאך אמאל גערופן דעם טאטן בירגער.

דער טאטע האט זיך געוואנדן צו אונדז און אזוי געזאגט:

"איר האט געהערט קינדער ווי איך האב צוגעזאגט דעם קאמענדאנט אז מיר וועלן קיין מאל נישט דערמאנען דאס ווארט? זאגט איר מיר צו אז עס וועט אזוי זיין? גוט, ווי זאגט דער קאמענדאנט: ס'וועט נאך זיין גוט".

# בזיעת אַפּיך תּאכל לחם

די רויטע אַרמיי האָט זיך איינגעוואָרצלט און ס'האָט זיך געפּילט די זיכערקייט אין זייערע האַנדלונגען. שוין מער נישט 'אַריין–אַרויס', שוין מער נישט 'ריפּן מיט די טירן', ווי אַשר, אונדזער שכן, זאָגט. פאַר די בעלי־מלאכות האָט זיך דער מצב פאַרבעסערט. זיי זענען געווען פריי צו גיין אין די דערפער אָן מורא. קונים זענען געקומען צו זיי אין די שטיבער. זייערע קינדער זענען געוואָרן אַריינגענומען אין קלאַס וואָס די 'וולאַסט' (מאַכט) האָט איינגעפירט. אַ רויטאַרמייער מיטן נאָמען שענקמאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן לערנען, און אויך מיט פּאַרוטילונג. ער האָט אָרגאַניזירט אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סעקציע, און ער האָט זיך געוואָנדן צום טאַטן ער זאָל אונדז דערלויבן זיך אָנשליסן אין די קרייזן. דער טאַטע האָט געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין. דער רויט־אַרמייער שענקמאַן האָט געטענהט אַז מיר זינגען שיין, אַז מיר זענען פעיקע קינדער און ס'וועט גוט זיין אַז מיר זאָלן זיין צווישן קינדער. דער טאַטע האָט געענטפערט אַז דאַרפן, דאַרפן זיי טאַקע זיין צווישן קינדער, אָבער אויך זיך לערנען אַלע נייטיקע לימודים וואָס די קינדער לערנען. נישט אויסשליסן זיי פון אַלץ און זיי אַריינגעמען זיך אויסצולערנען לידעלעך בלויז באַשר וואָס מען דאַרף זיי. שענקמאַן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר דער טאַטע האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

"הערט זיך איין טאָוואַרישטש שענקמאַן, אַזוי לאַנג ווי מיינע קינדער קענען זיך נישט לערנען גלייך מיט אַלע, זענען אייערע רייד אַרויסגעוואָרפן. דינגט זיך נישט מיט מיר. ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן".

מיר זענען געשטאנען פון דער ווייטנס און געהאפט אז דווקא שענקמאן זאל מנצח זיין און נישט דער טאטע. ווייל איך האב אזוי געוואלט זינגען מיט די קינדער און שפילן מיט זיי טעאטער. ס׳איז מיר אויסגעגאן דאס חיות. אבער גיי שריי חי וקיים.

אונדזער שטוב ווערט וואס א מאל מער פארזונקען אין שטילשווייגן. א געדיכטער, טונקעלער שטילשווייגן וואס לייגט זיך באזונדער שווער אויף אונדז קינדער. די מומע פילט זיך לעצטנס נישט מיט אלעמען. ליגט אין בעט לענגער ווי געוויינטלעך. זאגט זי עפעס איז עס פול מיט רוגזה און מיט בייזקייט. אז עס רייסט אויף א וויכוח צווישן איר און דעם טאטן, ציען מיר זיך איין. רוקן זיך צונויף און זיצן איינס אין אנדערן ביז עס קערט זיך אום דאס שטילשווייגן.

ארקע גייט לעצטנס אוועק פרי און קומט צוריק פארנאכט. ער האט זיך פארחברט מיטן מילנער און ער העלפט אים ארויס. אהיים געקומען איז ארקע דאס מאל מיט א סליעך מעל אויף די פלייצעס. די משא האט אים איינגעבויגן אין צווייען. זיין פנים כמעט ביי דער ערד. א פארסאפטער האט ער ארויסגעקרעכצט:

״מיר האבן א גאנצן פוד קארנמעל״.

ס׳איז געווארן פרייליך אויפן הארץ. נאר דער טאטע איז געבליבן אן אומעטיקער און ער האט געזאגט:

״ווען דיין מאמע וואלט דיך געזען טראגן אזא שווערע משא אויף דיינע שמאלע פלייצעס און פון אזוי ווייט, וואלט זי דאך נאך א מאל געשטארבן״.

״ס׳איז גארנישט געווען אזוי שווער, טאטע״, האט ארקע געענטפערט.

די מומע איז ארויס פון בעט. געהייסן אריינברענגען דעם מולטער און זיך גענומען זיפן דאס מעל. זי האט זיך געוואנדן צו מיר און געזאגט:

״איך וועל פארראשטשינען אבער פארקיינטן א פוד מעל איז איבער מיינע כוחות, וועסטו איטע, זיך מוזן אויסלערנען די ארבעט״.

איך האָב זיך זייער דערפרייט מיט דער מומעס רייד. אין קליינינקייט, איך וועל טאָן די אַרבעט פון אַ גרויסער. מען האָט אוועקגעשטעלט די מולטער אויף דער קאַנאַפּע און די מומע האָט מיר געוויזן וואָס איך דאַרף טאָן:

"ווען דאָס מעל איז שוין אויסגעמישט מיט דער ראַשטשינע, מאַכסטו אַ קולקע און מיטן קולעק גייסטו אַרײַן ביז צום דנאָ פון מולטער. און אַזוי בסדר, הין און צוריק, ביז דו הערסט אַז עס קנאַקט בעת דו ציסט אַרויס די האַנט, פאַרשטאַנען?"

"יאָ", האָב איך געענטפערט אַ צופרידענע.

"ס'איז אַ שווערע אַרבעט", האָט די מומע מיך געוואָרנט. איך האָב עס געטאָן ווײַל ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה. פאַר אַרקען צו טראָגן אַ פור מעל פון אַזוי ווײַט איז אויך נישט געווען גרינג. איך האָב זיך אָפּגעוואַשן די הענט לויט דער מומעס באַפעל און בין אַרײַן אין דער מולטער מיט פרייד. נאָך אַ פּאָר מאָל אַרויסציִען די האַנט האָב איך דערפילט אַ ווייטיק אין די שלעסער פון די פינגער. איך האָב עס געהאַלטן בסוד. איך האָב זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער ווײַל די מולטער איז געווען צו הויך אָדער איך בין געווען צו קליין. האָט מען אוועקגעשטעלט אַ קעסטל, איך בין אַרויף אויף דעם אָבער צום ווייטיק אין די פינגער האָט עס נישט געהאַט קיין שייכות.

די מומע האָט זיך צוריק אוועקגעלייגט. איך האָב געהאַלטן אין איין קנייטן. פון מײַן שטערן האָט געטריפט דער שווייס, פון די אויגן — טרערן אין מולטער אַרײַן. נאָך אַ שטיקל צײַט האָב איך אויסגעשריגן אַז איך קען נישט מער, און זיך צעוויינט אויפן קול. די מומע האָט אַ קוק געטאָן און געזאָגט אַז עס איז שוין טאַקע באַלד אויסגעקנאָטן. ווען זי האָט דערזען מײַן האַנט מיט דער רויטער, רויער הויט, האָט זי מיר צוגעלייגט קאַלט וואַסער און געזאָגט איך זאָל נישט וויינען און אַז ביז דער חתונה וועט זיך עס אויסהיילן. זי האָט צוגעגעבן:

"געווען געדאַרפֿט דיר זאָגן נישט צו גיין מיטן קולעק צו דער סאַמע מולטער נאָר אַרויסציִען די האַנט אייִדער זי דערגייט צום דנאָ. דאָס צווייטע מאָל וועט דיר שוין זײַן גרינגער".

"איך וויל נישט קיין צווייט מאָל", דאָס האָט זיך מיר געוואָלט זאָגן אָבער איך האָב גאָרנישט געזאָגט. איך האָב געוואָלט זײַן און טאָקע האַנדלען ווי אַ גרויסע, האָב איך גענומען אויף זיך באַהבֿה דעם פּסוק: בזיעת אפּיך תּאכל לחם.

# דאָס קנייטן ליים

די פֿרעסט האַלטן נאָך טאַקע אָן אָבער דער קאַלענדאַר זאָגט שוין אָן אויף בעסערע טעג. מע קוקט שוין אַרויס מיט טויזנט אויגן אויפֿן פּסח, אויפֿן אָנקומען פֿון די וואַרעמע, מילדע טעג. די טאַטאַרן ציען זייער אייביקן מאַנאַטאָנעם ניגון און שמייכלען. זיי בעטן זיך ממש מיט די אויגן מיר זאָלן זיך צוזעצן און מיטזינגען מיט זיי. אַרקע און איך וואַלטן גערן דאָס געטאָן. ראשית זענען די ניגונים זייערע אונדז מער נישט פֿרעמד. שנית איז דער טאַטע נישט אַזוי שטרענג מער לגבי אונדזער חבֿרן זיך מיט זיי. ער האָט אויך הנאה, ווײַזט אויס, פֿון זייער העפֿלעכקייט, זייער שטילקייט און זייער היטן זיך פֿון איבערטרעטן די גרענעצן אונדז חלילה נישט אָנרירן מיט עפּעס. איך האָב אַפֿילו איין מאָל געהערט ווי ער האָט שטילערהייט געברומט זייער ניגון.

אָבער לעצטנס איז געקומען אַ מעלדונג פֿון שטאָב אַז מען מוז זיך האַלטן ריין פֿון אומפֿלייט, ווײַל עס גייט אַרום אַ שווערע קראַנקייט, טיפֿוס איז איר נאָמען, און לײַז פֿאַרשפּרייטן די קרענק פֿון איין מענטשן צום אַנדערן. אונדזערע טאַטערן זיצן אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ האַלבן קרײַז. עטלעכע מאָל אין טאָג דאַוונט מען מיט די פּיס אונטער זיך און דעם קאָפּ בייגט מען ביז צום סאַמע דיל. נאָכן דאַווענען קומט דער ריטואַל פֿון אַנטלויזן זיך. דאָס הייסט, מען רוקט זיך צונויף נאָענטער איינער צום אַנדערן. דער ערשטער לייגט דעם קאָפּ אויף זײַן שכנס קני, דער צווייטער נעמט זיך צו דער מלאכה פֿון זוכן די לײַז און צעקנאַקן זיי מיט די נעגל פֿון די גראָבע פֿינגער. לאַנג זוכן דאַרף מען נישט. עס שווימלט און עס גריבלט מיט דער קריבנדיקער אַנשיקעניש, אויף די ווענט

און אויפֿן דיל. אַזוי ווי מיר זענען גאָר, גאָר נאָענטע שכנים, טאַקע ממש פֿון דער צווייטער זײַט וואַנט פֿון די טאַטאַרן, געפֿונען די קריכנדיקע דעם וועג אויך צו אונדז.

אונדזער מומע איז אַ מסוכּנע בריה. און אויך אַ גרויסע מיאוסניצע. די אינוואַזיע פֿון דעם אומפֿלייט ווירקט אויף איר געזונט. זי קען זיך קיין אָרט נישט געפֿונען. זי מאָנט פֿון אונדז זיך צו האַלטן ריין. דאָס הייסט מיר דאַרפֿן זיך צוואָגן און וואַשן די קעפּ אָפּטער ווי ביז איצט. אויף מיר פֿאַלט אויס דער גורל (ווײַל איך בין דאָס עלטערע מיידעלע) נישט נאָר צו האַלטן זיך אַליין ריין, נאָר אויך וואַשן און צוואָגן מייקעלען מײַן שוועסטערל און מײַן ברודערל יאַנקעלע. איך בין דווקא צופֿרידן מיט דער 'זאַדאַטשע'. עס זאָגט מיר אָן אַז מען האַלט מיך שוין טאַקע פֿאַר אַ גרויסע. ס'ווילט זיך שוין אַזוי שטאַרק זײַן גרויס, אַז איך ציִ זיך ממש בײַ די אויערן און שטיי אויף די שפּיץ פֿינגער כּדי זיך אויסציִען העכער.

אויפֿן ראַטיש הענגט אַ מעלדונג מיט אַיין פֿאָדערונג צו האַלטן זיך ריין. מיר זענען זעקס נפֿשות אין איין חדר. צוליב די קעלטן איז אַפֿילו דאָס פּירטקעלע (אַ שויב וואָס עפֿנט זיך אויף) פֿאַרמאַכט שוין וואָכן לאַנג. זיך האַלטן ריין דאַרף מען ראשית וואַסער, און דער נאָך מיט וואָס אָנצוּוואַרעמען דאָס וואַסער. דער טאַטע האָט זיך טאַקע אײַנגעשפּאַנט און טראָגט צוויי עמערס וואַסער עטלעכע מאָל אַ טאָג. ווי נאָר ער דערוואַרעמט זיך אַ ביסל כאַפּט ער די עמערס און לויפֿט צום עסטער. אויף אָנצוּוואַרעמען דאָס וואַסער פֿאַרנוצן מיר דערווײַל די בלעטער וואָס אַרקע און איך האָבן געבראַכט פֿון וואַלד איידער ס'האָבן זיך געשטעלט די זאַווערוכעס מיט די פֿרעסט. די טרוקענע בלעטער זענען די איינציקע שפּייז מיט וועלכער מיר האָדעווען אונדזער ציג. זי איז מעוברת און העלפֿט אונדז הונגערן. דער טאַטע זאָרגט זיך זייער וואָס די בלעטער ווערן פֿאַרנוצט און ס'וועט אויסקומען דער ציג צו הונגערן נאָך מער.

אַרקע כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ שליטן וועלכער שלעפּט זיך פֿאַרבײַ אונדזער שטעטל יעדן גאַנץ פֿרי אויפֿן וועג אין מיל אַרײַן.

ער מאכט זיך דארט ניצלעך און קריגט א סקליעץ מעל, א ביסל קארטאפל, פאסאליעס – שכר־טרחה. דאס מאל איז ער אהיים־געקומען מיט א פוד ווייץ.

"פארוואס האסטו עס נישט צעמאלן?" האט מען אים געפרעגט.

"פון דעם ווייץ וועלן מיר האבן מצות אויף פסח", האט ער געענטפערט. ער האט ארויפגעשלעפט דעם ווייץ אויפן בוידעם.

"וואס שלעפסטו די קו אויפן בוידעם?" האט די מומע געפרעגט און ארקע האט איר געענטפערט:

"די קו זאל נישט כאפן קיין גוט אויג. קיינער וועט נישט אנרירן דעם ווייץ ביז די קהילה וועט כשרן די וואלצן אויף צו מאלן דאס מעל פארן שטעטל אויף פסח, דעמאלט וועלן מיר אראפנעמען דעם ווייץ פון בוידעם, נישט פריער".

ענדלעך האבן מיר זיך דערלעבט. ס'האט אנגעהויבן מילדער ווערן. די אכזריותדיקע פרעסט האבן ביסלעכווייז זיך צוריקגעצויגן. פורים איז נאך דאס שטעטל געלעגן פארקאוועט אין טיפן גליווער. נאר אייניקע טעג נאך פורים האט אן אטעם געטאן מיט ווארעמקייט און צוזאג. פענצטער האבן זיך צעעפנט און הערצער האבן זיך דערפרייט. די מומע האט געזאגט אז עס איז געקומען די צייט זיך נעמען און אריינברענגען דעם פסח. דאס ערשטע קומט דאס פארקנייטן דעם ליים אויף אויסצוטונקעווען דעם אויון. מאכן גרייט דעם אויוון מען זאל אים קענען אויסגליען.

"און דו, איטע, וועסט טאקע דארפן דאס טאן", האט זי געזאגט.

דאס ליים האט דער טאטע צוגעגרייט נאך איידער ס'האבן זיך געשטעלט די פרעסט. איצט איז די ערד איינגעגליווערט און וואלט זיך נישט געלאזט גראבן. מאנטיק, נאכן יריד, ווען די פויערים צעפארן זיך, וועלן מיר אויפקלייבן דעם פערד־אפפאל און פארקנייטן דאס ליים. דאס אויסשמירן דעם אויוון איז דער סאמע עיקר, ווייל אין משך פון יארן האבן זיך געשאפן גריבער. און אויך פון דער סטעליע זענען געפאלן שטיקער וועלכע דארפן צוריק אויסגעפולט ווערן. און אין צווישן דארף מען וואשן, לופטערן,

אויסקאלעכן דעם חדר און די קיך, איבערציען און אפפרישן אלץ לכבוד יום־טוב.

ס'איז אבער גוט. די זון ווארעמט שוין און ליכטיקט אויף אן אמת. אפילו הונגערן הונגערט זיך גרינגער אויף דער פריי ווי אונטער פארהאקטע טיר און פענצטער. ווי זאגט די באבע אונדזערע? 'זומער־לעב קען יעדער זיין א בריה'.

נו, ס'איז שוין מאנטיק. נישטא מער קיין סימן פון שניי. די ירידניקעס זענען זיך צונויפגעפארן און אט צעפארן זיי זיך שוין באלד. 'בגפו יבוא בגפו יצא': די קרעמלעך זענען נאך אלץ ליידיק און זיי אליין, די גויים, האבן אויך קנאפ וואס צו פארקויפן. דאך איז דער טאטע אריינגעקומען א צעשמייכלטער און געזאגט:

"קינדער, מיר האבן שוין ברוך השם. קארטאפל און אייער אויף יום־טוב. אויך מיט ווין, בוימל־שמאלץ און אן עוף וועט אונדז דער אייבערשער נישט פארלאזן. מע דארף נאר האבן בטחון".

מיר האבן בטחון אבער עסן ווילט זיך שוין. א, ווען דער פסח זאל זיך שוין צואײלן. דערווייל דארפן מיר גיין אין מארק צונויפקלייבן וואס מען דארף, ווייל חוץ אונדז זענען פאראן נאך א סך קונים אויף דער פערדישער נעדיזונע. אהיימגעקומען פון מארק מיט א קויש פון דעם באדערפעניש, האט דער טאטע אריינגעבראכט די באליע, אריינגעשאטן דאס ליים, אריינגעלייגט די סחורה וואס איך האב געבראכט פון מארק. מען האט אנגעגאסן וואסער און די מומע האט מיר געהייסן ארײַן מיט די פיס אין דער באליע און קנייטן. דערהערט קנייטן איז מיר געווארן קאלעמוטנע. עס האט מיר דערמאנט דאס ברויט־קנייטן און ווי שווער עס איז מיר אנגעקומען. אבער איך האב גארנישט געזאגט.

די טאטארן קוקן וואס דא קומט פאר. ווי איך נעם קנייטן מיט די פיס, לויפט צו 'קאשע', הייבט מיך ארויס פון דער באליע, טרייסלט אפ דאס ליים פון מײַנע פיס, ווארפט אראפ זיינע לאפציעס און נעמט קנייטן דאס ליים מיט ביידע פיס זיינע, האלטנדיק מיך אין דער הייך. דער חבר זיינער האט מיך ארויסגענומען פון זיינע הענט

און אלע האָבן מיר געלאָבט, אַרייַנגערעכנט די אומעטיקע מומע אונדזערע. ווען דער טאַטע איז געקומען פון בית־מדרש האָבן מיר אים באַלד צוגעטראָגן די נייעס. ער איז אַריין צו די טאַטאַרן און אויף זייער שטייגער זיך אַ נייג געטאָן און זיי געדאַנקט. זיי האָבן זיך צוריקגענייגט און געשמייכלט וואַרעם און פריינדלעך. אַרייַנקומענדיק אין אונדזער חדר האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

"אַ מענטש איז אַ מענטש, נישט געקוקט אויף זיין פאַרב. נישט געקוקט אויף וואָס פאַר אַן אופן ער דינט גאָט. מיר קענען אַ סך לערנען פון זיי. איר הערט, קינדער, אַלע זענען מיר באַשאַפן בצלם אלוקים".

די מומע איז אים אַריין אין די רייד:

"מיר האָבן נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ גוט אויסגעקנייטן לייַם, ווי איצט. ער האָט עס געקנאָטן ווי ער וואָלט אויסגעטאַנצט אַ שיינעם טאַנץ. מיט אַזאַ צופרידנקייט, מיט אַזאַ פרייד".

אויך די אַנדערע האָבן זיך צוגעקוקט און געפּאַטשט מיט די הענט. מאָרנע, גאָר מאָדנע מענטשן, די טאַטאַרן.

# אַ בשורה

איך שמיר דעם אויוון לכּבוד יום־טוב. איצט, אַז מיר האָבן שוין דאָס ליים דאַרפֿן מיר טאַקע באַצייטנס אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. די מומע זאָגט מיר:

דו, איטע, וועסט אַריינקריכן אין אויוון מיטן פּנים צו דער סטעליע, האַלט פֿאַרמאַכט די אויגן עס זאָל גאָרנישט אַריינפֿאַלן אין זיי. איך וועל דיך העלפֿן זיך אַריינרוקן און איך וועל האַלטן דאָס ליבט און דיר אָנזאָגן ווען צו עפֿענען די אויגן. דאָס ליים איז שוין אין אויוון. ווען דו זעסט אַ שפּאַלט פֿיל אים אויס מיט ליים און גלעט אויס מיט די פֿינגער. זעסטו אַ לאָך, אַ גריבל, פֿיל עס אָן מיט ליים, קוועטש איין דאָס ליים עס זאָל נישט אַרויספֿאַלן, און גלעט עס אויס. דערנאָך זאָלסטו אויסשמירן די גאַנצע סטעליע מיט ליים. דעם פּריפּעטשיק וועל איך שוין אַליין אויסשמירן. ווען דו וועסט שוין פֿאַרטיק ווערן מיט דער סטעליע, וועסטו זיך איבערקערן מיטן פּנים אַראָפּ און זיך נעמען אָנפֿילן די גריבלעך, די לעכלעך און זייַ באַפֿעסטיקן און זיי אויסשמירן וויפֿל עס וועט זיך לאָזן. נאָך דעם רוקסטו זיך אַרויס און איך וועל דיך העלפֿן זיך אַרויסרוקן בײַ די פּיס, וועסטו קענען אויסטינקעווען נאָך אַ טייל פֿון אויוון. און אַזוי בסדר. דו רוקסט זיך צו ביסלעך ביז דו וועסט אינגאַנצן פֿאַרטיק מיטן אויוון.

איך פֿאָלג אויס דעם באַפֿעל. אַרויף אויפֿן בענקעלע און גענומען אַריינקריכן אין אויוון. וואָס טיפֿער איך קריך אַלץ ענגער ווערט מיר צו אָטעמען און ס'באַפֿאַלט מיר אַן אימה, אַן אַנגסט. איך בין זיכער אַז די ווענט פֿון אויוון וועלן זיך באַלד צונויפֿקומען און מיך דערשטיקן. עס נעמט נישט לאַנג און דער מומעס רייד

העלפן מיר א ביסל. ס'איז נישט אזוי וואס זי זאגט נאר איך פיל אז זי איז נישט ווייט. ס'ווערט אבער נישט גרינגער און נישט ווילנדיק האב איך אויסגעשריגן:

"לאז מיך נישט איבער. רייד צו מיר".

די מומע האט מיך אנגענומען ביי די פיס און געזאגט:

"איך שטיי ראך לעבן דיר און האלט דאס ליכט פאר דיר, ווי קען דיר איינפאלן אז איך וועל דיך איבערלאזן".

איך סטארע זיך צו טאן וואס איך דארף טאן, אבער די פינגער פאלגן נישט. איך וועל נישט ארויס פון אויוון ביז איך וועל נישט אויספילן מיין שליחות, זאג איך צו זיך. ענדלעך, מיט שוועריקייט, מיט עקשנות און מיט דער מומעס הילף האב איך באוויזן זיך איבערקערן פונעם רוקן אויף דער אנדערער זייט און אפטאן אלץ לויט די אינסטרוקציעס. די מומע האט מיך ארויסגעצויגן ביסלעכווייז לויט דער אפגעטאענער ארבעט און אט בין איך שוין במעט אין דרויסן. אבער די איילעניש מיינע, וואס גיבער ארויסצוקומען, האב איך זיך ראפטום א הייב געטאן, אנשטאט בלייבן פלאך און זיך ארויסבאקומען ביסלעכווייז. דער שטערן מיינער, האט זיך 'צעקושט', ווי דער טאטע האט געזאגט, מיטן אויוון, אז איך האב ממש דערזען פליען פונקען פאר די אויגן.

איך האב פארשטייט זיך נישט געשוויגן. זיך גענומען צו מיין גוט־אויסגעפרובירטן מיטל, וויינען און שרייען. דער טאטע האט באלד גענומען א מעסער און צוגעפרעסט דעם שטערן ווו עס איז אויפגעלאפן א בייל. מיך האט ער געטרייסט מיט דעם וואס מען לערנט פון אלצדינג:

"ס'טוט טאקע וויי אבער האסט געלערנט פון דעם אז אלץ דארף באטראכט ווערן איידער עס ווערט געטאן. פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס. מען כאפט נישט איי נא באלד. די בייל וועט מיט דער צייט פארגיין אבער דעם מוסר־השכל וועסטו שטענדיק געדענקען".

די מומע ווידער האט געטענהט אז ביז צו דער חתונה וועט זי עס אויסהיילן:

"איך מוז דיר זאגן, איטע, אז קיינער וואלט נישט געקענט מאכן קיין בעסער שטיקל ארבעט ווי דו האסט באוויזן. דער אויוון איז גלאט ווי א טעלער און גרייט צום גליען".

איך שמיר דעם אויוון אויף יום־טוב. דער מומעס ווערטער האבן מיך דערפרייט. געלערנט האב איך טאקע אפשר פון טאטנס רייד אבער הנאה געהאט האב איך פון דער מומעס דערמוטיקן מיך. געזאגט האט זי:

"א גוט שטיקל ארבעט. בעסער קען נישט זיין".

עד היום ווייס איך נישט פון וואס מיר לערנען מער. פון דירעקטע אנווייזונגען צי גאר פון א ביסל דערמוטיקונג. א גוט ווארט מאכט א ברייט ארט. איך ווייס נאר אז עס איז מיר גרינגער געווארן צו טראגן דעם קין־צייכן אויף מיין שטערן נאך יעדן מאל וואס די מומע האט דערמאנט מיין גוטע ארבעט.

ס'דערנענטערן זיך שוין די מילדע, זוניקע טעג. דער דרויסן נעמט איבער. אויס מיטן זיין פארשפארט אין דער ענגשאפט. פון מרדכי דעם סטאליארס שטוב טראגט זיך א מחיהדיקער ריח פון די מצות וואס ווערן געבאקן פארן שטעטל. פאר דער שטוב איז געבליבן שטיין אן אלטער שליטן זכר ליציאת מצרים. מיר קינדער האלטן זיך נאענט צום ארט ווו די מצות ווערן געבאקן. ווי א זאך מאכט זיך, ווערט א מצה צוגעברענט. קומט שוין ארויס דער בעל־הבית וועמענס מצות עס ווערן געבאקן און ער צעברעכט אויף שטיקלעך און איז מכבד די קינדער וועלכע שפילן זיך אין שליטן. פארשטייט זיך אז די אייגענע קינדער זענען די ערשטע אויף צו קריגן טאקע א גרעסערן חלק. איך בין דא א באזונדער פריווילגירטע. מיין פעטער שמחה, דער באבע אסתרס ברודער, איז א גאנצער מאכער אין דער בעקעריי. ער איז א גבאי. ער איז א קהלהשע קליאמקע און אלע האבן פאר אים, נישט נאר דרך־ארץ, נאר טאקע א ביסל מורא אויך. רופט מען אים טאקע שמחה שייגעץ.

באַטש ער איז דווקא אַ גוטער און אַ "ספּיליטשעווער". אַ תּקיף. באַשטייט אַלע מאָל אויף זײַנעם און פּירט טאַקע אויס ווײַל ער איז אַ טוער מיט אחריות.

דער פעטער שמחה קומט אַרויס גאַנץ אַפּט מיט אַ מצה אָדער מיט צוויי מצות וואָס זענען אַ ביסל צוגעברענט געוואָרן אָדער אָפּגעשטשערבעט. דאָ בין איך שוין די מיוחסת. נישט נאָר בין איך די ערשטע וועמען ער דערלאַנגט, נאָר איך קריג טאַקע אויך אַ גרעסערע פּאָרציע און דערצו נאָך אַ גלעט איבערן קאָפּ. ועל כּולם, זאָגט ער, לפני כּל עם ועדה, אַז איך דאַרף זיך אָנהייבן צוגרייטן צו דער חתונה פון דבורהן, די בת־יחידה זײַנע. ער זאָגט צו מיר:

"דו וועסט דאָך זײַן די פּאַטשעליאַנקע, וועסט צעטראָגן די בילעטן, די פאַרבעטונגען צו דער חתונה. און ס'איז שוין טאַקע באַלד, באַלד. שבת נאָך שבועות מירטשעם וועט זײַן די חתונה".

נו, וואָס פאַר אַ גרעסער גליק קען איך זיך ווינטשן? פּײַל פון בויגן בין איך אַוועק אַהיים אָנזאָגן די גוטע בשורה. אַפילו די מצה איז געבליבן שטעקן אין דער האַנט, ווען איך בין אַן אַן אָטעם אַרײַן אין שטוב אַ פאַרסאַפּעטע, אַ צעפּאַליעטע, און דערזעענדיק דעם טאַטן האָב איך אויסגעשריגן:

"טאַטע, דו ווייסט אַז איך וועל זײַן די פּאַטשעליאַנקע בײַ דבורה דעם פעטער שמחהס חתונה".

בײַם טאַטן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף די וואָנצעס און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

"טאַקע, ביסט דאָך טאַקע אַ מזלדיק מיידעלע. אײַן קליינקייט אַזאַ גליק. דו פרעג זיך בעסער אַן בײַ דער כּלה ווי אַזוי וועסטו דאָס קענען באַוויזן אַז דו קענסט נאָך נישט לייענען?"

ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָבן מיך געטראָפן דעם טאַטנס ווערטער. איך בין באַלד אַנטלאָפן צו דבורהן זי זאָל עפּעס טאָן כּדי נישט צו צעשטערן מײַן גרויסע פרייד. זי האָט מיך אויסגעהערט מיט געדולד ווײַל פון אַזאַ יאָגן זיך האָב איך קוים

געקענט רעדן. זי האָט גוט פאַרשטאַנען דעם ענין אַנקוקנדיק דעם צעפּלאַשעטן פויגל מיט יאוש אין די אויגן. געזאָגט האָט זי:

"באַרויִק זיך, איטעלע, אַלץ וועט זײַן ווי ס'דאַרף צו זײַן. די פאַרבעטונגען וועט טאַקע דער שמש צעטראָגן און דו וועסט זײַן פאַרפּוצט אין אַ נײַ, ווײַס קליידעלע און גיין פון שטוב צו שטוב און זאָגן: דער פעטער שמחה און די מומע עטל פאַרבעטן אײַך צום פאַרשפּיל פון זייער טאָכטער דבורהס חתונה. נו, ביסטו צופרידן?"

"יאָ, איך בין זייער צופרידן!" האָב איך אויסגעשריגן.

"אוודאי דאַרפסטו זײַן צופרידן. דער שמש וועט דיר נאָך דעם דערלאַנגען די פאַרבעטונג, אָבער דו האָסט אָן אמתע שליחות. וואָס פאַר אַ פאַרגלײַך?"

מיט יעדער וואָרט דבורהס איז אין מיר געוואַקסן די פרייד.

"נו, גיי אַהיים און זאָרג זיך נישט", האָט זי געזאָגט.

איך האָב געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און זיך געיאָגט אַהיים מיט מײַן גוטער, גוטער בשורה.

# וויכּוח

דער זיידע יאָסל איז צעווייטיקט. ער כּעסט זיך. עס שוימען זיך די ליפּן זיינע און ער האָט זיך גענומען צום שעלטן. נאָר שעלטן טאַקע מיט טויטע קללות.

"דאָס איז דער כּיבוד־אָב דיינער?"

דער טאַטע פּלעגט זיצן, שווייגן, אויסהערן אַלע קללות און אַ וואָרט נישט אויף צוריק. נאָר אויף דעם זיידנס פראַגע האָט זיך דער טאַטע אָפּגערופן:

"און דו, טאַטע, ביסט מקיים אַלע מצוות? ווו איז דיין 'כּרחם אָב על בנים'?"

"דו ביסט מער נישט מיין זון. איך האָב דיך אויסגעמעקט פון מיין משפּחה. פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן".

די שנאה און די קללות האָבן אויף אונדז קינדער געמאַכט אַ שווערן רושם. געקומען איז דער זיידע שטענדיק אין דער אייגענער צייט, כּאָלר נאָכן דאַוונען מעריב, גלייך פון בית־מדרש. ער האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק און געשאָלטן. ווען ער האָט דערזען אונדז קינדער איינגעטוליעט איינער אין אַנדערן, צעשראָקענע, פאַרלוירענע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן בײַ אַרקען:

"און דו, אַרקע, שטימסט אײַן מיטן טאַטן דיינעם? ווען דיין מאַמע וואָלט געלעבט וואָלט עס צו דעם נישט געקומען. אַרויסגעוואָרפן מיך פון מיין היים אויף דער עלטער איך זאָל ווערן נע־ונד?"

"חלילה וחסו", האָט דער טאַטע אויסגעשריגן, "איך האָב נישט געהאַט קיין שלעכטע כּוונות. אַדרבא, איך האָב פאַרזאָגט חיהן און

די קינדער זיי זאָלן אַלע זײַן גוט צו דיר. דיר אָפּגעבן כּבֿוד. דיר פֿאָלגן. מאַכן גרינגער דײַן עלטער".

מער האָט דער זיידע נישט גערעדט ווי הערן דעם נאָמען חיה. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

"פּערד! אויב נאָך ברכהן האָסטו באַלד געקענט חתונה האָבן מיט איר, דאַרף מען דיר געבן קייען שטרוי".

די מומע האָט זיך צעוויינט:

"מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פֿאַרזינדיקט בײַ אים ער זאָל מיך אַזוי מבֿזה זײַן?"

מיך האָט געריסן דאָס האַרץ אויף איר. אָבער איר העלפֿן האָט קיינער נישט געקענט. נאָכן אָפּשעלטן און אויסשרײַען פֿלעגט דער זיידע אַוועקגיין צום פֿעטער יחיאל. קיין גרויס ליבשאַפֿט איז צווישן די צוויי ברידער נישט געווען. דער פֿעטער יחיאל איז געווען מסוכן פֿאַרליבט אין זײַן ווײַב רחלען. דאָס טעלערל פֿון הימל וואָלט ער איר געגעבן ווען ער קען נאָר. די מומע רחל האָט געוווּסט אַז זי איז אַ שיינע און ווי אַזאַ זיך אויך אויפֿגעפֿירט. בײַם זיידן יאָסל האָט שיינקייט געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע. יש אומרים אַז אין אונדזער מאַמען איז דער זיידע יאָסל ממש געווען פֿאַרליבט. ער האָט געהאַלטן אַז זי איז נישט נאָר געווען די שענסטע אין דער געגנט נאָר זי איז אויך געווען אַ פּערזענלעכקייט. דער זיידע איז נישט געווען אין דער היים בעת מען האָט געשטעלט די חופּה. ער האָט עס קיין מאָל דעם טאַטן נישט פֿאַרגעבן. אויסצובײַטן ברכהן אויף חיהן, האָט ער געמיינט, דאָס דאַרף מען קענען.

דאָס שטעטל האָט דווקא געהאַלטן מיטן טאַטן. וואָס האָט מענדל געקענט טאָן? מען האָט אים אַרויסגעשטעלט מיט די בעבעכעס, אַ פֿאַמיליע מיט פֿיר קינדער. און דאָ שטייט אַ ליידיקע שטוב וואָס וועט זיבער אינגיכן צוגענומען ווערן. ס'איז געוואָרן די הויפּט־טעמע אין שטעטל. יעדער איז געוואָרן אַ בורר און יעדער האָט געפּסקנט. פֿאַרן איבערציען זיך האָט די מומע שיפֿרה געלאָזט וויסן אַז זי האָט זיך אויסגעטאַטערעט מען זאָל מיך אַרײַננעמען אין

דער זוואניצער אוטשילישטשע (שולע) אין קאמענעץ. זײַן וועל איך בײַ איר און אלץ וועט זײַן גוט און צופרידן. איך האב זיך געזעגנט מיט פרייד. די מומע שיפרה מיטן פעטער פרויעם האבן א קרעמל אין קאמענעץ. זייער טעכטערל, מאניעטשקע די צוויי־יאריקע, דארף מען זאל האלטן אן אויג אויף איר בעת זיי זענען פארנומען. אזוי ווי מען הייבט ערשט אן לערנען אין א חודש ארום, וועל איך זיך דערווײַל באקענען מיט דער שטוב, ארבעטן מיטן קינד, און ווען איך וועל אנהייבן לערנען וועל איך שוין וויסן גענוי וואס איך האב צו טאן. קיין שווערקייטן מיט מאניעטשקען האב איך נישט געהאט. מיר האבן זיך פארליבט איינע אין דער אנדערער מיטן ערשטן בליק. נישט אומזיסט רופט מען מיר ׳איטעלע ניאנקע׳, ווײַל ווו נאר עס איז געווען א קליין קינד בין איך גרייט געווען עס ניאנטשען. איך האב ליב קינדער, ס׳לעבן. ס׳איז מיר אויך געווען גוט וואס דא האב איך נישט געהונגערט. ס׳האט אויסגעפעלט דא און דארט עפעס אבער בדרך כלל איז געווען עסן כמעט צו דער זעט.

אויף מארגן דארף איך שוין אנהייבן גיין אין שקאלע. איך קען זיך שוין קוים דערווארטן, פון גרויס פרייד שלאף איך נישט א גאנצע נאכט. די איינציקע זאך וואס קימערט מיך איז וואס אין דער היים הונגערן זיי. און איך בענק זייער נאך מײַן שוועסטער און ברידער. אויף מארגן גאנץ פרי קומט ארײַן די מומע שיפרה און מאכט צו מיר אזוי:

"דו מיינסט אוודאי אז איך בין דיך געקומען וועקן צו גיין אין שולע?"

"יא, איך שלאף נישט. איך בין שוין גרייט צו גיין", האב איך געזאגט?

"הער זיך אײַן, איטעלע. די לאגע האט זיך געביטן. דײַן טאטע האט קעגן ווילן פון זיידן זיך ארײַנגעצויגן צו אונדז אין שטוב, האט דער זיידע באפוילן דיך באלד צוריקשיקן אהיים. נו, איך האב צו דיר גארנישט, אדרבא, דו פארדינסט דיר ערלעך דײַן ברויט און מאנעטשקע קלעפט ממש אין דיר. ווײַל איך אוודאי דו זאלסט זײַן

ביי מיר. אָבער דו ביסט דאָך אַ פאַרשטענדיק מיידעלע, ווייסטו דאָך אַז איך קען נישט האַנדלען קעגן זיידן. ער איז אַלט, עלנט. וועל איך אים קיין עגמת־נפש נישט פאַרשאַפן. אפשר מיט דער צייט ווען זיי וועלן זיך ביידע אַרומזען אַז זיי האַנדלען נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין, וועסטו קומען צוריק און מיר וועלן זיין זייער צופרידן צו האָבן דיך מיט אונדז״.

איך האָב גאָרנישט געזאָגט נאָר זיך באַוואָשן מיט טרערן. די מומע שיפרה האָט געזאָגט:

״גיי, גיי איטעלע, וואָס דיר אָפּ ס׳פּנים. איך וועל דיר צונויפלייגן דיינע זאַכן, ווייל דאָס פורל וועט באַלד קומען נאָך דיר. איך וויל נאָך אַז דו זאָלסט עפּעס איבערכאַפּן איידער דו פאָרסט אַרויס״.

איך האָב אַ זאָג געטאָן גאָרנישט מיט מיין קול:

״איך וויל גאָרנישט עסן!״

דער פעטער פרויעם און זיין מוטער סאַראַ די אַקושערקע, זענען אַריינגעקומען און ביידע האָבן גענומען איינטענהן מיט דער מומע שיפרה. אַז, סטייטש, היתּכן, ווי קען מען אַזוי באַשטראָפן אַן אומשולדיק קינד, באשר בכן, איר טאַטע האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר זיין טאַטן, איז דאָס עטיש? איז דאָס ריכטיק? חוץ דעם דאַרף מען זיך רעכענען ווי אַזוי דאָס קינד קלעפּט אין איר. גערעדט האָבן זיי רוסיש אָבער איך האָב כּמעט אַלץ פאַרשטאַנען. די מומע שיפרה האָט געענטפערט:

״איר מיינט אַז מיר איז גוט זי אַוועקצושיקן, נישט נאָר מאַניעטשקע האָט זי ליב נאָר איך און פרויעם האָבן זי ליב, ס׳לעבן. אָבער שוויגער, איך קען נישט גיין קעגן מיין טאַטן. ער איז זייער אַן אומגליקלעכער מענטש. איך קען אים מער קיין עגמת נפש נישט פאַרשאַפן. זאָג דיין טאַטן, איטעלע, ער זאָל בעטן דעם זיידן, ער זאָל אים מוחל זיין. זאָל ער אויסזוכן אַ וווינונג. דעמאָלט וועסטו קומען צוריק און זיין דאָ אַזוי לאַנג ווי דו וועסט אַליין וועלן.

# קללות

איך בין אהיימגעקומען צו קללות און חרמות, טרערן און זיפצן. ס'האט מיר אויך קיין האר נישט געטרייסט דעם טאטנס צחאג, אז דער זיידע וועט אײַנזען אז ער איז נישט גערעכט און ער וועט זיך איבערבעטן. אז אלץ וועט זיך צוריק אײַנשטעלן. איך האב אויס־געהערט און נישט געקענט אויפהערן וויינען. איך האב ארויסגע־קרעכצט:

"פארוואס האבן מיר דאס געדארפט? פארוואס האסטו דאס געטאן?"

ארקע האט זיך אנגערופן:

"דו מיינסט אז דער טאטע האט געוואלט גיין קעגן זיידן? ס'איז דאך נישט געווען קיין ברירה. מיר האבן דאך נישט קיין שטוב".

איך בין מיט א מאל ארויס אין דרויסן, געוואלט אנטלויפן און נישט געוווסט וווהין. פלוצים האב איך דערפילט א האנט אויף מײַן אקסל. דאס איז געווען מײַן ליבער פעטער מאטל. ער איז דאס שײַנדל פון שטעטל. אלע בענטשן זיך מיט אים. אז מען זאגט אז ארקע וואקסט א צווייטער מאטל, וואקסט די פרייד אין טאטנס הארץ. ער ווערט ממש ברייטער ווי לענגער. און ער האט אלע מאל איבערגעחזרט אז נו, ער, ארקע, איז דאך מאטלס שוועסטערס זון. און אלע ווייסן אז בדרך כּלל איז דער בכור גערואטן אין ווייבס ברודער. דאס פלעגט דער טאטע איבערחזרן מיט גרויס צופרידנקייט. איצט האט מײַן פעטער מאטל מיר געפרעגט:

"וואס טוסטו דא? דו האסט דאך געדארפט אנהייבן גיין אין אוטשיליטשע, איז וואס ווייניסטו?"

איך האב אים געפרעגט:

״פֿארוואָס האָסטו געלאָזט דעם טאַטן זיך אַריינציען אין זיידנס שטוב, קעגן זיידנס ווילן?״

״אַ, צוליב דעם ביסטו אַהיימגעקומען? צוליב דעם וויינסטו?״

״איך בין נישט אַהיימגעקומען. די מומע שיפֿרה האָט מיך אַהיימגעשיקט. און זי האָט מיך פֿאַרזיכערט אַז אַזוי גיך ווי מיר וועלן זיך אַרויסקלייבן פֿון זיידנס שטוב וועל איך קומען צוריק צו איר. נישט פֿריער, ווײַל זי קען נישט האַנדלען קעגן זיידן. דער זיידע איז שוין גאַנץ עלנט און אומגליקלעך. ווייל זי אים נישט פֿאַרשאַפֿן מער יסורים״.

״און דו, אַלט קעפּעלע, שטימסט איין מיט דער מומע שיפֿרה?״

״איך ווייס נישט. איך וויל נישט דער זיידע זאָל אונדז שעלטן, ער זאָל אונדז פֿײַנט האָבן״.

״הער זיך אײַן, איטע, ביסט נאָך קליין, זעסטו נישט אײַן די עוולה וואָס דער זיידע, מיט דער הילף פֿון פֿעטער יחיאל, באַגייען קעגן טאַטן און קעגן אײַך קינדער. דער זיידע איז געבליבן איינער אַליין. די באָבע איז שוין נישטאָ. די קינדער זענען זיך צעפֿאָרן. דער פֿעטער יחיאל האָט אַ שטוב מיט אַ קלייט, ביידע, אַ ירושה. דײַן טאַטע איז געבליבן דער עלטסטער מיט פֿיר קינדער, און ער האָט נישט ווו זיך אַהינצוטאָן. דאָ שטייט אַ ליידיקע, גרויסע שטוב. וואָלט איר זיך נישט געוועזן אַרײַנגעצויגן וואָלט די מאַכט איבערגענומען די גאַנצע שטוב. אײַך האָט מען געגעבן אַ חדר ווײַל איר זענט אַ געזינדל פֿון זעקס. דעם זיידן דײַנעם וואָלטן זיי קיין חדר נישט געגעבן, נאָר אַ בעטל אין אַ ווינקל ערגעץ. ער וואָלט דאָרטן פֿאַרניעשטשעט געוואָרן. ער וואָלט דאָרט געוואָרן פֿאַראומרייניקט. דו שטעלסט זיך פֿאָר ווען דײַן זיידע וואָלט געהאַנדלט ווי אַ טאַטע, ווי אַ זיידע, מיט וויפֿל כּבֿוד ער וואָלט געווען באַהאַנדלט געוואָרן? מע וואָלט דאָך אים ממש געטראָגן אויף די הענט. די מומע חיה וואָלט אַלץ געטאָן צו באַדינען אים און מאַכן אים באַקוועם. אָבער ער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פֿון פֿעטער יחיאל, וועלכער איז בטבֿע נישט קיין גרויסער צדיק און ער האָט פּשוט נישט געוואָלט אַז דער

טאטע דיינער זאל ירשענען די כאטע פון וועלבער ס׳האבן שוין אנגעהויבן פאלן שטיקער. דאס גאנצע שטעטל, איטעלע, האלט מיט דיין טאטן. פארוואס איך האב אים נישט אפגערעדט, אדרבא, איך האב אים צוגערעדט ער זאל וואס גיכער זיך אריינציען ווייל באלד, באלד וועט ווערן צו שפעט. א סימן האסטו, אז מען האט די שטוב צוגענומען און אלץ איז געשען ווי עס איז געווען גרינג פארויסצוזען״.

איך בין געבליבן א געפלעפטע. ס׳איז שוין געווען גרינגער צו האלטן אז דער טאטע איז באגאנגען אן עוולה, ווי די צעטומלעניש אין הארץ ביי מיר.

טאג איין טאג אויס איז דער זיידע געקומען א צעבעסטער און שטענדיק מיט אזעלבע מיני קללות וואס איך האב זיי פריער קיין מאל אפילו נישט געהערט. די טאטארן האבן נישט פארשטאנען וואס עס קומט פאר, אבער דעם זיידן זענען זיי קיין פריינד נישט געווארן. זיי האבן אים נישט געקענט מוחל זיין פארוואס ער האט אונדז פארשאפן אזוי פיל יסורים. צעשראקענע האבן מיר זיך אלע קינדער פארשטעקט אין א ווינקל און געווארט ביז דער זיידע וועט מיד ווערן און אוועקגיין. ווען די מומע חיה האט זיך א מאל אנגענומען מיט מוט און א זאג געטאן:

״שווער, ווען איר זאלט זיך נאר באטראכטן וויפל בעסער עס וואלט אייך געווען ווען איר זאלט איינזען אז מיר האבן בכלל נישט געוואלט אייך אנטאן עפעס שלעכטס. מיר האבן פשוט נישט געהאט קיין ברירה. איך וואלט דאך געטאן אלץ עס זאל אייך גוט זיין״.

דער זיידע האט אנגעשטעלט אויף איר זיינע אויגן ווי צוויי שפיזן און מיט רוגזה און האס א זאג געטאן:

״אז דער שוטה האט נאך ברכהן, אזא אוצר וואס ער האט געהאט, חתונה געהאט מיט דיר דארף מען אים געבן קיַען שטרוי״, און ער האט א קלאפ געטאן מיט דער טיר און איז ארויס אין דרויסן. די מומע האט זיך צעוויינט אויפן קול. ארקע און איך האבן זיך צונויפגעקארטשעט, נישט געקענט פארטראגן דאס נוקם זיין זיך

אין דער מומען אומזיסט אומנישט. דער טאטע האט זיך דאס מאל אפגערופן מיט א ווייכן טאן אז מען דארף זיך צו אים נישט צוהערן, ער איז שוין אן עלטערער מענטש און דער מוח איז שוין ביי אים אינגאנצן נישט אזוי קלאר. דערצו נאך ווערט ער אנגערייצט, אנגעאיטשעט, לאזט ער עס אויס צו אונדז. און דער טאטע האט ווייטער געזאגט אז מיר דארפן נאר פארשוויַיגן און האפן אז ער וועט זיך באזינען און ער וועט איינזען אז מיר זענען נישט זיינע שונאים נאר פארקערט. איי, די קללות זיינע. זיי וועלן מירטשעם אריַינפאלן אין ים אריין. די מומע האט געטענעט:

"וואס פאר א שלעכטס האב איך אים געטאן, ער זאל זיך אין מיר אזוי נוקם זיין און מיך אזוי מבייש זיין?"

"נאר דיך?", זאגט דער טאטע, "ארקע איז געווען ביי אים דאס באליבסטע אייניקל. ער פלעגט זיך גרייסן מיט אים. איצט קוקט ער זיך אפילו נישט אום אויף אים און ער שעלט אים מיט טויטע קללות גלייך מיט אונדז אלע. נישט אנדערש, נאר ער איז חלילה נישט ביים פולן זינען. גוט איז אים נישט. נישטא מיט וואס אים מקנא זיין, דעם גרויסן יאסל פאסמאן. דער יאסל פאסמאן וואס איז ביי אלעמען געהויכט און געקרוינט זאל זי דערפילן אויף דער עלטער עלנט און פארלוירן. ער אליין איז זיך זיין ערגסטער שונא. אבער ער קען זיך נעבעך נישט העלפן. דערצו טוט אים מיין ברודער א בערישע טובה. במקום אים איינשטילן און בארויקן, רייצט ער אים נאך מער. מיר דארפן און מיר מוזן האבן טיערפעניע (געדולד).

# צווײ בײגעלעך

פֿון פֿעטער דודיען שלאָגן זיך דורך ידיעות אַז זײַן שװעסטער שׂרה, דעם טאַטנס יונגסטע שװעסטער, איז שױן מיט אים, דעם טאַטנס ייִנגסטן ברודער. דער פֿעטער דודיע װאָלט זײער געװאָלט אַז די משפּחה זאָל זיך אַריבערפּעקלען די גרענעץ, קײן בעסאַראַביע, װעט שױן דאָרטן װאַרטן געלט און שיפֿסקאַרטן אױף יעדן װאָס װעט באַװײַזן אָנקומען אַהין. מײַן פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. אײן קלײניקײט, בראַזיל. דאָס װײַטע, פֿאַנטאַסטישע לאַנד װוּ די זון ליגט און באַקט אַז אָן אײַ באַקט זיך אָפּ אױפֿן טראָטואַר, לױט דעם פֿעטער דודיעס בריװ. ער באַשרײַבט דאָס לאַנד מיט אַזעלכע פֿאַרבן, אַז עס גײט מיר פֿון קאָפּ נישט אַרױס. בײַ טאָג טראַכט איך און בײַ נאַכט חלומט זיך מיר װעגן דעם. אָט בין איך שױן דאָרט, און אָט איז מײַן פֿעטער דודיע אין אַ קאַרעטע װאָס טראָגט זיך אין דער הײך, באַלד בײַ די כמאַרעס. ער שטרעקט נאָר אױס זײַן האַנט צו מיר אַזױ, גיט עס מיך אַ הײב, און װוּנדער איבער װוּנדער, איך טראָג זיך אין דער לופֿט אָן הילף, אָן שום אָנשפּאַר. און אָט בין איך שױן אין מײַן פֿעטערס געשפּאַן. מיר פֿרײען זיך זײער. ס'איז מיר אַזױ גוט.

אַזױ טאָג־אײַן, טאָג־אױס, נאַכט־אײַן, נאַכט־אױס. דאָס בראַזיל איז געװאָרן אַן אידײע פֿיקס, מײַן גרױסער סוד. די יאָרן פֿון קללות האָבן זיך געצױגן. יעדן טאָג פֿון מעריבֿ דאַװנען איז דער זײדע געקומען פֿון בית־מדרש אױסלאָדן זײַן בינטל קללות. דער טאַטע האָט פֿאַר אונדז איבערגעחזרט נישט אָפּצוענטפֿערן אים. נישט דערצערענען אים. נישט פּוגע בכּבֿוד זײַן. ער װעט מיד װערן ער װעט אײַנזען אַז ער איז נישט גערעכט און ער װעט זיך אַלײן איבערבעטן.

אָבער דער זיידע האָט נישט איינגעזען און אוודאי זיך נישט איבערגעבעטן. אָבער ער איז אוועקגעפאָרן צו דער מומען שיפרה קיין קאַמענעץ אויף אַ שטיקל צייט. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט אויפגעלעבט. אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן מער נישט געהערט יעדן פאַרנאַכט די ווערטער: אָט, גייט ער, און מיר זענען ביסלעכווייז געקומען צו זיך.

די אָרעמקייט, דער הונגער, אונדזער שטענדיקער באַגלייטער, האָט נישט אָפּגעלאָזט.

איין מאָל אין אַ דאָנערשטיק, גאַנץ פרי אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג, האָט אַרקע אוועקגעשפּאַנט אַ באַרוועסער, צופּוס, קיין קאַמענעץ. געקומען אַהיים איז ער שפּעט אין אָוונט. ער האָט געבראַכט אַ טאָרבעלע זאַלץ און צוויי בייגעלעך אויף אַ שטריקל. דאָס זאַלץ איז ממש אַ יקר המציאות. וועט ער עס מאָרגן אוועקטראָגן אין דאָרף אַריין און עס אויסבייטן אויף וואָס עס וועט זיך לאָזן. די קליינע קינדער זענען שוין געשלאָפן. האָט ער זיי אויפגעוועקט און געגעבן יעדן פון זיי אַ בייגעלע. איך האָב דערזען ווי זיי עסן האָט זיך ביי מיר גענומען וואַסערן דאָס מויל. מיט כּעס און מיט רוגזה האָב איך אויסגעשריגן, אַז איך וויל אויך, פאַרוואָס גיט ער מיר נישט. און מיין ברודער האָט מיר געענטפערט אַז ער האָט נישט מער ווי צוויי בייגעלעך. און ער האָט נישט אָפּגעטראָטן פון די קינדער ביז זיי האָבן אויפגעגעסן. ער האָט זיי פאַרהיטן פון אַ גוט אויג. אויף אַ הונגעריקער איטעלען איז אַלץ צו גלייבן.

"אָבער דו אַליין האָסט יאָ געגעסן", בין איך אַרויס מיט טענות.

"ווי אַזוי האָב איך געקענט עסן, איך האָב דען געהאַט פיר בייגעלעך?"

נאָך איצט הער איך זיין ענטפער און שטוין ממש. אַ יונג יינגל, קוים פערצן יאָר אַלט זאָל אַ הונגעריקער, אַ מידער, טראָגן די בייגעלעך און ביישטיין דעם נסיון נישט אָנצורירן זיי, נאָר האַלטן זיי פאַר די קליינע קינדער. ועל כּולם זיינע ווערטער: 'איך האָב דען געהאַט פיר?' כּלומר, וואָלט ער געווען געהאַט דריי בייגעלעך,

וואָלט ער נאָך אַלץ נישט נהנה געווען, איך וואָלט געקראָגן דאָס דריטע. ערשט דאָס פערטע וואָלט ער געגעסן. אַזאַ כּוח האָט ער געהאַט, דער דינער, דער איידעלער ברודער מײַנער. אַזאַ כּוח אין זיך.

מיט אַ מאָל באַוויזט זיך אונדזער באַבע אסתּר און אונדז געלאָזט וויסן: אַז זי איז נישט געקומען ביז איצט נאָר צוליב דעם וואָס זי האָט געוווּסט אַז זי וועט זיך נישט קענען אָפּהאַלטן פֿון זאָגן דעם שײנעם מחותּן אירן וואָס ער האָט זיך פֿאַרדינט מען זאָל אים זאָגן. אונדזער באַבע אסתּר איז שמחהלע שייגעצעס שוועסטער. און דאָס שטעטל אונדזער ווייסט גאַנץ גוט אַז זי צינדט זיך באַלד אָן ווי אַ שוועבעלע. רופֿט מען זי טאַקע אסתּר די פּיבקאַטע, פּונקט ווי מען רופֿט דעם ברודער אירן שמחהלה שייגעץ. אַ האַרץ האָט זי פֿון גאָלד. אַ גוטע נשמה. אָבער זייער הייס געבאָדן. דער טאַטע איז איר אַקעגן געגאַנגען און געפֿרעגט:

"מיט וואָס קען איך אײַך העלפֿן, שוויגער?"

"איך בין געקומען צו דיר וועגן אַן ערנסטן ענין. מיר דאַרפֿן זיך צונויפֿרעדן. עס וועט אַוודאי זײַן אַ שווערע מלאָכה אָבער איך גלייב אַז עס דאַרף און עס מוז געטאָן ווערן".

"וואָס ווילט איר זאָגן?" האָט דער טאַטע זיך אָנגערופֿן אַ נײַגעריקער און אַ ביסל אַפֿילו אומגעדולדיק.

"איך וויל דיר זאָגן אַז עס קען אַזוי נישט אָנגיין. די קינדער וואַקסן אונטער, וואָס קענען זיי דערוואַרטן, דאָ, אין דעם סטודעניצע? לערנען לערנען זיי נישט. ברוויט צו דער זעט האָבן זיי נישט. מיינסטו נישט אַז מען דאַרף, איך וואָלט געזאָגט אַז מען מוז עפּעס טאָן?"

"נו, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך למשל טאָן און טו נישט? אדרבא, זאָגט מיר, וועל איך אײַך גערן פֿאָלגן".

די באַבע האָט זיך אָנגערופֿן און געזאָגט:

"איך וואָלט געזאָגט אַז די עלטערע קינדער זאָלסטו זיך סטאַרען אַריבערשטעלן די גרענעץ, דאָרט איז אַן אָפֿענע וועלט. פֿון דאָרט

וועלן זיי זיך ערגעץ דערשלאָגן און איינער וועט שלעפּן דעם צווייטן".

"די עלטערע קינדער, זאָגט איר? אַרקע, דער עלטסטער איז דאָך קוים פֿערצן יאָר אַלט. איטע איז צוועלף. ווי לאָזט מען אַוועק צוויי קינדער אין אַ ווײַטער, פֿרעמדער וועלט? ווער וועט האַלטן אַן אויג אויף זיי?"

"מיין נישט אַז איך טראַכט נישט וועגן דעם. נאָר וואָס פֿאַר אַ ברירה האָבן מיר? אַז זיי וועלן אַלע זיצן אויף דער קופּע וועלן זיי דאָך סוף כּל סוף חלילה אַלע אויסגיין פֿון הונגער. מענדל, איך דערוואַרט נישט פֿון דיר אַז דו זאָלסט באַלד באַשטימען וואָס צו טאָן. איך וויל נאָר אַז דו זאָלסט טראַכטן וועגן דעם. קענסט זיך דורכרעדן מיט מאַטלען. ער האָט זייער ליב די קינדער און ער איז זיי זייער געטריי. אַלע אין איינעם וועלן מיר זיך צו עפּעס דערטראַכטן". אָפּגעזאָגט האָט די באָבע צעבונדן אַ בינטעלע און אַרויסגענומען עטלעכע מאַלייעקלעך און געזאָגט אַז עס איז טאַקע פֿאַר די קינדער אָבער דער טאַטע און די מומע חיה מעגן אויך טועם זיין ווײַל ס'איז דאָ גענוג. זי האָט אַ גלעט געטאָן די קליינע קינדער און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

"איך הער, איטע, אַז דו ביסט געוואָרן זייער אַ ווויל מיידעלע. אויס ווילדע קאַץ. אַלע לויבן דיך און מע חידושט זיך ווי דו האָסט זיך געביטן, גאָט צו דאַנקען. אַ גוטן טאָג אײַך". און זי איז אַוועק. איך האָב זייער געוואָלט אַז זי זאָל מיר אויך אַ גלעט טאָן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין שוין אַ גרויסע. זי האָט עס אָבער נישט געטאָן.

# שטאַפּעטן

אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר האָט די באָבע אסתּר געהאַלטן אין איין קומען און אײַנטענהן מיטן טאַטן:

"מען מוז יאָ, מענדל. דו מוזט אוועקשיקן כאָטש איין קינד. כאָטש אַרקען אַליין אַפֿילו. מיט זײַן אַריבערגיין די גרענעץ וועט זײַן אַ האָפֿענונג פֿאַר די אַנדערע קינדער. אַן ברויט און אָן האָפֿענונג ווי לאַנג וועלן זיי קענען אַזוי אַנגיין?"

דער טאַטע זיצט. ער שאָקלט מיטן פֿוס אונטערן טיש און שווײַגט. מיט אַ מאָל רופֿט ער זיך אָן:

"איר זאָגט אַז אַרקע דאַרף זײַן דער ערשטער. צי האָט איר אַ טראַכט געטאָן אַז מיט אַרקעס אוועקגיין וועט זיך דער מצב נאָך פֿאַרערגערן? איר זעט דאָס ביסל קאַרטאָפֿל אונטער דער סאָפּקע? ווען אַרקע זאָל נישט געווען האָבן געבראַכט דאָס טאָרבעלע זאַלץ פֿון קאַמענעץ, וואָלטן מיר קיין קאַרטאָפֿל אויך נישט געהאַט. איך, שוויגער, בין טרייף. אַ לישעניץ. אַ דאַרמאָיעדניק. כאַפּט מען מיך מיטן טאָרבעלע זאַלץ ווער איך נאָך אַ ספּעקולאַנט אויך דערצו, און ווער באַלד אויפֿן אָרט אַרעסטירט. אויף אַרקען, אַ יונג ייִנגל, קוקט מען נישט אַזוי נאָך. ווען איך קריג שוין דאָס ביסל זאַלץ אָדער דאָס באַנקעלע גאַז (קעראָסין), גיי איך אין דאָרף און בײַט שוין אויס אויף וואָס עס לאָזט זיך. אוודאי כאַגיי איך אַ "פֿאַרברעכן", אָבער די גויים קענען מיך. קיינער וועט מיך נישט מסרן. און זיי אַליין קוקן דאָך אויך אַרויס אויף וואָס איך ברענג. ווי זשע קען אַרקע אוועקפֿאָרן?"

די באָבע האָט זיך אָנגערופֿן און געזאָגט:

"יאָ, ביסט גערעכט. ס'איז אָן אמתער שטיין אין וועג. דאַרפֿן

מיר עס גוט באַטראַכטן. איך גיי אַהיים און מירטשעם מאָרגן וועל איך קומען נאָך אַ מאָל. פֿאַר אײַך, קינדערלעך, האָב איך עפּעס". און די באָבע האָט אַרײַנגערוקט די האַנט אין קעשענע און אַרויסגעבראַכט עטלעכע ניס. "נאַ דיר, יאַנקעלע, צוויי. דער טאַטע וועט זיי פֿאַר דיר צעקנאַקן".

יעדער פֿון אונדז קינדער האָט געקראָגן צו צוויי ניס. די פֿרייד וועל איך זיך אַפֿילו נישט אונטערנעמען אָפּצומאָלן.

בעת דער טאַטע קנאַקט די ניס, אַרײַנלייגנדיק צוויי פֿון זיי אין איין זשמעניע, און קוועטשנדיק מיט דער צווייטער האַנט די פֿאַרמאַכטע זשמעניע, רוימט מײַן ברודער מיר אײַן אַ סוד אין אויער. היות מיר האָבן ביידע פֿיר ניס, זאָלן מיר אַרײַנגעמען דעם טאַטן און דער מומע חיה ווי שותּפֿים. וועט יעדער פֿון אונדז האָבן צו איינציקע אַנשטאָט צו צוויי ניס. אים קומט אָן זייער גרינג זיך אָפּצוזאָגן. נישט מיר. איך זאָג ניין און ניין! איין מאָל ניין.

"גוט. טו ווי דו ווילסט", זאָגט ער, "איך וועל טאָן ווי איך וויל".

ס'איז מיר געוואָרן זייער קאַלעמוטנע אויפֿן האַרץ. דווקא נאָכן קריגן די ברירה. ס'האָט זיך אין מיר אָפּגעטאָן אַ מין ויתּרוצע, אָבער ווי נאָר אַרקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טאַטן מיט זײַן פֿאָרשלאָג האָב איך אים אַ צי געטאָן בײַם אַרבל און געזאָגט:

"איך וויל טאָן וואָס דו טוסט".

"גוט, קום מיט מיר".

מיר זענען צוגעגאַנגען צום טאַטן און אַרקע האָט מיט זײַן וואָרעם־ווייכן קול אַ זאָג געטאָן:

"איטע און איך ווילן אַז דו זאָלסט צעקנאַקן די פֿיר ניס. און דו און די מומע זאָלן עס מיט אונדז אויפֿעסן".

"גלײַך אויף גלײַך", האָב איך אויסגעשריגן.

דער טאַטע האָט אונדז ביידע אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך אָן צו זאָגן אַ וואָרט. אונדזער טאַטע איז בדרך כּלל נישט קיין

טוליענדיקער. אבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. די מומע האָט זיך אָפּגערופן:

„זייער שיין פון אייך קינדער".

דער טאַטע האָט צעקנאַקט די ניס. אונדז געגעבן אַלץ און זיך אָפּגעזאָגט פון כבוד. געזאָגט האָט ער:

„די באָבע האָט געבראַכט פאַר אייך, קינדער, עסט געזונטערהייט".

די מומע האָט גענומען אַ קליין שטיקעלע יאַדרע פון אָרקען און פון מיין חלק, טאַקע נאָר אויף יוצא צו זיין. ווען איך טראַכט וועגן דעם טוט מיר זייער הנאה וואָס איך בין ביי־געקומען דעם נסיון. איך, די פּרעסערקע, די זולל וסובאַניצע, האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

אויף מאָרגן איז געקומען די באָבע. נישט אַליין נאָר מיט אונדזער פעטער מאָטל וועמען מיר האָבן ליב געהאַט, ס'לעבן. זיי האָבן זיך געזעצט ביים טיש כדי צו־באַטראַכטן און איבעררעדן דעם ענין.

„ביסט גערעכט, מענדל, אַז אָרקען קענט איר נישט אוועקלאָזן. דאַרפן מיר טראַכטן וועגן איטען", האָט געזאָגט מיין פעטער מאָטל.

דער טאַטע האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

„וואָס רעדסטו, מאָטל? אַ קינד, אַ מיידעלע, אין דער פרעמד אָן השגחה. ווי קענסטו אפילו גאָר טראַכטן אַזוי?"

„באַרויק זיך מענדל, דו ווייסט גאַנץ גוט ווי די קינדער זענען אונדז טייער, מיינסטו טאַקע אַז מיר וועלן, איי נאַ באַליי, פאַרשיקן אַ קינד דיינס? ס'איז הפקר פעטרישקע? הער מיך אויס מיט קאָפּ, מענדל, דערנאָך וועלן מיר אַרומרעדן דעם ענין. מיין פּלאַן איז אַזוי. היות ווי הערשקע פון ראַטיש, קלייבט זיך אַריבערשמוגלען די גרענעץ כדי מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן אויסצופאָרשן און זען אויב זיי קענען אויך אַרויסנעמען די משפחות, איז דאָס אַ געלעגנהייט. הערשקע וועט זיכער אַכטונג געבן אויף איר ביז ער וועט זי איבערגעבן אין זיכערע הענט. איטע קען אים גוט. זי חברט זיך דאָך

מיט דיינע צוויי מיידלעך און זי קומט אפט אריין צו אים אין שטוב אריין. ווי נאר זיי וועלן אנקומען בשלום קיים בריטאן, וועט ער זי אוועקפירן צו דער מומע עניע, דער מאמעס שוועסטער״.

די באבע האט געזאגט:

״מיין שוועסטער איז טאקע אן ארעמע אלמנה מיט צוויי קינדער, וועט זי נישט קענען בייהילפיק זיין, אבער א דאך איבערן קאפ וועט איטעלע האבן. און מיין שוועסטער וועט האלטן אן אויג אויף איר״.

דער פעטער מאטל האט געזאגט:

״דערנאך וועט דודיע פון בראזיל ארויסשיקן געלט און די נייטיקע פאפירן, און זי וועט מיט דער הילף פון ׳האיאס׳ אדער ׳איקא׳ אריבערפארן קיין בראזיל. דאראפסט וויסן אז די אינסטיטוציעס זענען פאראנטווארטלעכע אנשטאלטן. פארט א מינדעריאריקע אליין, באווארענען זיי שוין אז א פאראנטווארט־לעכער מיטפארער זאל האלטן אן אויג אויף אים אדער איר. טראכט זיך נאך א מאל איבער און געדענק אז אויך מיר, די גאנצע משפחה איז זייער פאראינטערעסירט אז אלץ זאל דורכגיין בשלום״.

דער טאטע האט געשוויגן די גאנצע צייט. מיט א מאל האט ער א זאג געטאן:

״מאטל, דו ווייסט מן הסתם וואס די קאנטראבאנטשיקעס טוען אפ פון צייט צו צייט״.

״איך ווייס, איך ווייס״, האט מאטל געענטפערט, ״איך ווייס מענדל״.

באטש מען האט גערעדט מיט רמזים האבן מיר, ארקע און איך, גוט פארשטאנען, אז זיי מיינען די הרוגים וואס מען האט ארויסגעצויגן פון דניעסטער, וועלכע די קאנטראבאנטשיקעס האבן זיי בארא‌בעוועט און דערהרגעט.

דער פעטער מאטל האט געזאגט:

״פאר דעם איז נישטא זיך וואס צו זארגן. שטיפאן וועט פאר מיר גיין אין פייער און אין וואסער״.

„מיט וואָס וועל איך אים באַצאָלן? ס'קאָסט דאָך אַ פֿאַרמעגן אַריבערצושטעלן עמעצן", האָט דער טאַטע געזאָגט.

„זאָרג זיך נישט. ס'קאָסט פֿינעף און צוואַנציק גילדענע רובל און איך האָב עס פֿאַר דעם צוועק. ס'דאַרף נאָר באַשלאָסן ווערן און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג", האָט דער פֿעטער מאָטל געזאָגט.

„הלוואַי", האָט דער טאַטע צוגעגעבן.

# דער סוד

נאָך דער לעצטער קאָנפֿערענץ צווישן דעם טאַטן, דער באָבען, פּעטער מאַטל, און די מומע חיה האָט זיך צוגעהערט און זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופֿן, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך נאָך אַ מאָל דורכטראַכטן און נאָך אַ מאָל זיך מיישב זײַן און אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָל מען זיך צונויפֿקומען, לויט דער עצה פֿון פּעטער מאַטל, און זיך ווידער דורכרעדן. ביים אַוועקגיין האָבן די באָבע און דער פּעטער זיך פֿאַרהאַלטן און זיך געוואָנדן צו אונדז און געזאָגט בזה הלשון:

„ווי איר זעט קינדער, באַטראַכטן מיר אײַך שוין ווי דער־וואַקסענע. מע געטרויט אײַך אָן זייער אַ וויכטיקן סוד. איך ווייס, ניין, איך בין זיכער אַז איר וועט פֿאַר קיינעם נישט איבעררעדן, זיך נישט אַרויסבאַפּן מיט קיין וואָרט. טאָמער וועט איר עפּעס וועמען אויסזאָגן קענען מיר נאָך חלילה אַליין אַרײַנפֿאַלן און נאָך חלילה מיטשלעפּן עטלעבע אומשולדיקע מענטשן".

די באָבע האָט געזאָגט:

„איך ווייס, קינדער, אַז איך קען זיך אויף אײַך פֿאַרלאָזן. אַ פֿינגער צום מויל מאַכט פּתח שין – שאַ. פֿאַרשטאַנען קינדער? אַ גוטן טאָג, מירן זיך זען מירטשעם מאָרגן".

אַזוי האָט זיך געזעגנט וואָכן און חדשים, סײַ די רייד צווישן טאַטן מיטן פּעטער און מיט דער באָבען, סײַ די פֿאַרהאַנדלונגען מיט די קאָנטראַבאַנטשיקעס.

ס'איז שווער צו באַשטימען דעם טאָג פֿון שוואַרצן די גרענעץ. מע וואַרט אויף גינסטיקע געלעגנהייטן. דאָס הייסט, די שומרים דאַרפֿן זײַן „נעמערס" און זיי מוזן אויך זײַן אחריותדיקע גויים.

אונדזער פעטער האט שוין אויסבראקירט א פאר פון זיי. נעמערס זענען זיי דווקא יא, אבער פארלאזן זיך אויף זיי איז נישט כדאי. אזוי האט שטיפאן געזאגט אונדזער פעטער מאטל. שטיפאן ארבעט מיט. אויף אים קען מען זיך פארלאזן. שטעפאן האט אויך פארבינדונגען מיט די אפנעמער אויפן אטיק און ער איז זייער איבערקלײַבעריש, דעריבער איז מיין פעטער אזוי צופרידן מיט אים.

דער טאטע איז לעצטנס נאך מער דערשלאגן. ער רעדט כמעט נישט. מיט דער באבען רעדט ער און דער עיקר פרעגט ער דעם פעטער מאטל שאלות. צו מיר און צו ארקען האט ער פלוצים א זאג געטאן:

"קינדער, געראדפט וואלט איר אוודאי זיין איצט אין א שול, אין א חדר. רעדן וועגן אייערע לימודים ווי עס פאסט פאר אייער עלטער. ס'איז אבער נישט אזוי. דו, ארקע, טראגסט שוין דעם עול אויף זיך פון א דערוואקסענעם. און איצט קומט דיין ריי, איטע. איר האט געהערט וועגן וואס עס האנדלט זיך. איך האב נישט געוואלט באהאלטן פון אייך גארנישט. זענט איר גרויס גענוג צו שלעפן אזא משא, מעגט איר דאך אוודאי וויסן אין וואס עס גייט דא. דו, איטע, וועסט אינגיכן אוועקפארן. ס'וועט דיר נישט זיין גרינג. דו וועסט אוודאי בענקען אהיים נאך אונדז פונקט ווי מיר וועלן בענקען נאך דיר. אבער מיר האבן נישט קיין אנדערע ברירה, און אפשר איז עס גאר לטובה. ביסט נאך יונג, וועסטו נאך קענען לערנען אין א שול. דא איז דאך קיין תכלית נישט. מען קען דאך גאר נישט דערווארטן און ס'איז נישטא אויף וואס ארויסצוקוקן. מיר וועלן בעטן גאט אז דו זאלסט זיך וואס גיכער דערשלאגן בשלום צום פעטער דודיע, און מיט דער צייט, און מיט גאטס הילף, וועלן מיר אלע קומען אהין צו דיר, צום פעטער דודיע".

נאך אן איבעררײַס האט דער טאטע א הוסט געטאן און געזאגט:

"שוין צייט צו גיין דאווענען מנחה".

זיי זענען ביידע ארויס פון שטוב און מיך האט ארומגענומען א געמיש פון פחד, אן אומעט און א בענקשאפט. ס'האט זיך מיר שוין

אנגעהויבן בענקען אהיים. די פרייד, דער צויבער, די דערוואַרטונג האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן. ווען די באָבע און דער פֿעטער מאָטל זענען געקומען און גערעדט מיט אַ שטיל אײַנגעהאַלטן קול, האָב איך עס אַנגענומען ווי אַ קאָנספּיראַציע קעגן מיר. מיר האָט זיך זייער געוואָלט זיי זאָגן אַז איך וויל נישט פֿאָרן און שוין, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין כּוח דאָס צו טאָן. דערפֿאַר האָב איך געשוויגן. ביז איין מאָל, ווען איך האָב זיך שוין נישט געקענט צוריקהאַלטן, האָב איך אַ פֿרעג געטאָן מײַן ברודער:

"דו וואָלסט געוואָלט פֿאָרן?"

ארקע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

"דו פֿרעגסט נאָך? אוודאי וואָלט איך געוואָלט פֿאָרן. נאָך ווי אַזוי. אָבער דו האָסט מזל, נישט איך".

ס'איז מיר געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרץ. אַז מײַן גרויסער, קלוגער ברודער זאָגט אַז ער איז מיך מקנא, איז מיר גוט, וואָס בעסער קען נישט זײַן.

איצט האָט מען אָנגעהויבן וואַרטן אַז די פּאַגאַדע זאָל זײַן אַ גינסטיקע. עס זאָל נישט רעגענען כּדי די טריט זאָלן זיך נישט אָפּשטעמפּלען אויף דער פֿײַכטער ערד. די נאַכט דאַרף זײַן אַ פֿינצטערע, מען זאָל נישט זען דאָס שיפֿל אויפֿן דניעסטער. די סימנים פֿון אַטיק דאַרפֿן אָנזאָגן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. אַז קיינער פֿון די נעמערס איז נישט שיכּור. צווישן די קאַנדידאַטן האָבן זיך געפֿונען צוויי מענער וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געזען, און אַלטער פֿונעם ראַטיש, דער פֿאָטער פֿון מײַנע חבֿרטעס. פֿאַרן אַרויסלאָזן זיך האָט דער טאַטע מיר געזאָגט:

"דו וועסט צוגיין צו דער באָבען זיך געזעגענען און אויך צו דער מומע זעלדע. בײַ דער באָבען וועלן שוין אַלע זײַן. דער פֿעטער מאָטל, די מומע שפּרינצע, די מומע שׂרה און דער פֿעטער חיים. אויפֿן וועג זאָלסטו זיך מיט קיינעם נישט אָפּשטעלן. מיט קיינעם זיך נישט פֿאַרהאַלטן. נאָכן געזעגענען זיך, זאָלסטו באַלד גיין צו דער מומע זעלדע און פֿון דאָרט קום גלײַך אַהיים".

איך האב אויסגעפאלגט אלע אינסטרוקציעס דעם טאטנס. ביי דער באבען האבן אלע געוואַרט אויף מיר. אלע האבן געלאָזט א טרער. דער עיקר אונדזער מומע שרה. זי איז זיך גאָר פאַרגאַנגען אין א געיאָמער. דער פעטער מאָטל האט באַרויקט דעם עולם. ער האט געזאגט:

"זי וועט מיט דער צייט נישט נאָר ארויסהעלפן די קינדער, נאָר אפילו אונדז אויך".

די באָבע האָט געזאָגט:

"געדענק, איטעלע, דו פאַרסט נישט נאָר צוליב זיך נאָר צוליב דיין שוועסטערל און דיינע ברידער".

אלע האבן מיך געקושט און מיך באוואשן מיט זייערע טרערן. די לעצטע האט די באָבע מיך ארומגענומען און זיך צעוויינט. געזאָגט האָט זי:

"איך וועל דיך שוין מסתמא מער קיין מאָל נישט זען. אבער איך וועל בעטן גאָט פאַר דיר אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן. איך וועל גיין צו דיין מאַמען און זי בעטן אז זי זאָל מיען פאַר דיר און דיר היטן פון שלעבטס און פון סכּנה".

די באָבע האָט זיך א ווענד געטאָן צום פעטער מאָטל און געזאָגט:

"ווי קען דאָס זיין? אוועק און זיך נישט געזעגענען מיט דער מוטער?" צו מיר האָט זי געזאָגט: "ס'קען זיין אז איך וועל דיך נאָך זען היינט, איטעלע. איצט גיי גלייך צו דער מומען".

דאָס רופן מיך איטעלע, נישט איטע, דאָס קושן מיך, דאָס באוואַשן מיך מיט טרערן, דער מומע שרהס וויינען אויפן קול, האָט מיך אינגאַנצן אויפגעטרייסלט. דער פעטער מאָטל האָט פאַרבאָטן מיך צו באַגלייטן און געזאָגט אז איך דאַרף אַליין ארויסגיין פון שטוב אזוי ווי שטענדיק. א צעטומלטע, א פאַרפּאַליעטע, בין איך אוועק צו אונדזער ליבער און געטרייער מומע זעלדע.

די מומע זעלדע האָט מיך אַריינגענומען און גאַרנישט געזאָגט. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן מיטן פאַרטעך, מיך אַנגענומען ביי

דער האַנט און מיך אַרײַנגעפּירט אין קיך. דאָרטן, בײַם אויוון, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און מיט אַ האַקמעסער אויסגעגראָבן פֿון אונטערן פּריפּעטשיק, פֿינעף זילבערנע רובל, זיי אײַנגעווילקט אין אַ שמאַטקעלע און זיי מיר דערלאַנגט. איך האָב נישט געוואָלט עס נעמען ווײסנדיק אַז דאָס איז איר גאַנץ פֿאַרמעגן. אָבער זי איז באַשטאַנען. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

"נעם, קינד, נעם. ס'וועט דיר צונוץ קומען. אַלוואַי וואָלט איך דיר געקענט געבן מער. נאָר איך האָב נישט מער".

איך דינג זיך מיט דער מומען.

"דאַרפֿסט דאָך עס אַליין האָבן", האָב איך געזאָגט.

זי האָט געזאָגט:

"מיר זענען אַלע אין איינעם. דו וועסט זײַן אַליין אין דער פֿרעמד. דאַרפֿסט עס גיכער האָבן".

ווען איך בין אַהיימגעקומען זענען אַלע געזעסן און אַרויסגעקוקט אויף מיר. שטעפֿאַן איז געקומען צום פֿעטער מאָטל און געזאָגט אַז טאַקע נאָך הײַנט בײַ נאַכט דאַרף דער טאַטע מיך ברענגען צו דער באַשטימטער הייל, בײַם דניעסטער, און איך וועל וואַרטן אין איינעם מיט די אַנדערע אויפֿן שיפֿל. דער טאַטע מוז זיך אָבער באַלד אומקערן, אַזוי גיך ווי ער גיט מיך איבער צו אַלטערן.

"נו, געזעגנט זיך, קינדער, מיר דאַרפֿן שוין גיין", האָט דער טאַטע געזאָגט.

"איטע", האָט די מומע חיה אַ זאָג געטאָן, "איך ווייס אַז נישט אַלע מאָל האָב איך דיך באַהאַנדלט ווי ס'דאַרף צו זײַן, אָבער נישט פֿון שלעכטסקייט וועגן".

די מומע חיה האָט מיך אַרומגענומען. די גאַנצע פּראָצעדורע האָט מיר אויסגעזען פֿרעמד. עפּעס ווי נישט מיך מיינט מען. ערשט ווען מײַן שוועסטערל מייקעלע האָט זיך צעבליפּעט, האָב איך זיך אויפֿגעוועקט ווי פֿון הינערפּלעט אין ווערלבן איך בין אַרײַן הײַנטיק בײַ דער באַבען, בעתן געזעגענען זיך מיט אַלע.

ארויס פון שטוב האָט דער טאַטע מיך אַנגענומען בײַ דער האַנט און גערעדט צו מיר שטילערהייט:

"זאָלסט זיך האַלטן נאָענט צו אַלטערן ביז דו וועסט קומען קיין בריטשאַן. פון דאָרט וועט שטעפאַן דיך אָפּפירן צו דער מומע עניע. הער זיך צו און געדענק וואָס איך זאָג דיר. ס'וועט דיר אויסקומען צו זײַן צווישן פרעמדע מענטשן. זאָלסטו נישט אַרויסרופן קיין רוגזה צו זיך. דערצערן נישט קיינעם. הער זיך צו צו די עלטערע פון דיר. חבר זיך מיט דײַן גלײַכן. האַלט זיך נאָענט צו פרויען. ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו אַליין וויסן ווי זיך אויפצופירן. אָט דאָס איז די הייל".

דער טאַטע האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ און שטילערהייט גערופן:

"אַלטער".

אַלטער איז אַרויסגעקומען. דער טאַטע האָט אין דער פינצטער מיך צוגעפירט צו אים. ער האָט אַ נעם געטאָן מײַן האַנט און אַ זאָג געטאָן:

"זאָרג נישט, מענדל, איך וועל האַלטן אַן אויג אויף דײַן טאַכטער, ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט".

"איך מוז זיך באַלד אומקערן. איך טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן דאָ", האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן, זיך געזעגנט מיט אַלטערן און מיך אַרומגענומען. ער האָט מיך צוגעטוליעט צו זיך און מיך געהאַלטן אַ לאַנגע ווײַל. איך האָב דערפילט ווי עס קײַקלען זיך טראָפּנס אויף מײַן האַלדז. מיט אַ מאָל האָט ער געזאָגט:

"גאָט זאָל מיר העלפן זאָלסט באַטש נושא חן זײַן בײַ מענטשן", און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן און אַוועק ווי ער וואָלט אײַנגעשלונגען געוואָרן פון דער פינצטערניש.

# גרענעץ

דער טאַטע איז נישטאָ מער און איך פֿיל זיך זייער פֿאַרלאָזן. אַלטער איז זייער גוט צו מיר. ער טיילט זיך אַפֿילו מיט אַלץ וואָס שרהקע האָט אים מיטגעגעבן. אָבער מיך גייט גאָרנישט אָן. איך וואָלט נאָר געוואָלט זײַן אין דער היים, הערן מייקעלעס געבעט אַז היינט זאָלן מען שלאָפֿן נישט צופֿוסנס און צוקאָפּנס, נאָר אין אַ שטיבעלע. דאָס מיינט שלאָפֿן איינגעגנורעט איינע אים דער אַנדערער אויף איין זײַט פֿון דער שמאָלער סאָפֿקע. ס'טוט מיר מסובֿן באַנג. געוועזן געדאַרפֿט זאָגן, ניין. איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ניין, איך וויל נישט גיין אַליין. דער טאַטע וואָלט מיך נישט געוועזן געצוווּנגען. מיט אַ מאָל האָט אַלטער זיך אָפּגערופֿן שטילערהייט:

"פֿאַרוואָס, איטע, טוט דיר באַנג אויפֿן גאַנצן עסק?"

איך בין ממש געווען געפּלעפֿט. ווי ער וואָלט האָבן געלייענט מײַנע געדאַנקען, און איך האָב נישט געוואָלט אַז עמעצער זאָל וויסן ווי איך פֿיל זיך. ס'איז אָבער געפֿרעגט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן אַז איך האָב נישט געקענט פֿאַרלייקענען.

"ווײַל איך בענק שוין נאָך זיי. איך בין נאָך אַפֿילו נישט אָוועקגעפֿאָרן און איך בענק שוין".

"דאָס איז נאַטירלעך", האָט אַלטער געזאָגט, "וועסט אַ סך מאָל פֿילן אַזוי. אָבער סוף כּל סוף וועט איר אַלע געהאָלפֿן ווערן. דו ביסט אַ פֿאַרשטענדיק מיידעלע, איטע, ווייסטו דאָך אַליין אַז עס קיין תּכלית נישט צו זיצן אין סטודעניצע און הונגערן. אַרומגיין בטל, פּוסט און פּאַס. היינט, שטעל דיר פֿאָר ווי דיר וועט גוט זײַן ווען דו וועסט מיט גאָטס הילף זיך דערשלאָגן צום טעלער און ווערן דער שליח פֿון דער גאַנצער משפּחה".

ס׳איז מיר געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. אַלטער האָט מיך באַרויִקט. איך האָב מיט ביידע מיינע הענט אַ נעם געטאָן זיין אָרעם און זיך צוגעטוליעט צו אים און אים נישט אָפּגעלאָזט. אַלטער האָט געזאָגט:

״ס׳איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. ס׳וואָלט גוט געווען דו זאָלסט זיך איינרויִקן און איינשלאָפן. ווען מען וועט דאַרפן וועל איך דיר אויפוועקן. איך האָב אַזוי געטאָן, אָבער דער שלאָף האָט זיך פון מיר איינגאַנצן אָפּגעטאָן. בין איך געלעגן שטילערהייט און געטראַכט. די שפּאַנונג וואַקסט. מען האָט שוין געדאַרפט וויסן ווי מען האַלט. געזאָגט האָט מען אונדז טאַקע אַז בדרך כּלל גייט אַלץ גלאַטיק, אָבער פון צייט צו צייט געשעט עפּעס און צוליב זיכערקייט ווערט אַפילו אָפּגעלייגט דאָס אַריבערפּעקלען זיך. מיר אָבער האָבן נאָך אַפילו קיין צייכן נישט געקראָגן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ פייף און ס׳האָט זיך אָנגעזען אויף אַ רגע אַ פייערל. אַלע זענען אויפגעשפּרונגען. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די סימנים זענען געווען מען זאָל זיך האַלטן רויִק, ווייל לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן וועלן מיר דאַרפן איבערוואַרטן אַ גאַנצן מעת־לעת, צוליב אַן איבערבייט אין דער שמירה. אַלע האָבן זיך צוריק איינגעניורעט. מען האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגן האָט אַלטער זיך אָנגערופן און געזאָגט:

״איך ווייס נישט פאַרוואָס מען ערגערט זיך אַזוי. אַדרבא, מיר זאָגט עס אָן אַז מיר האַנדלען מיט מענטשן פון אחריות. זיי ווילן זיין זיכער אַז אַלץ זאָל גיין ווי ס׳דאַרף צו זיין, איידער מיר לאָזן זיך אַרויס. עסן האָבן מיר גענונג פאַרן טאָג. און ס׳וועט נאָך זיין גרינגער צו טראָגן די פּעקלעך אונדזערע, ווען מיר וועלן פּטור ווערן פון עסנוואַרג״.

אַלטערס רייד האָבן טאַקע גרינגער געמאַכט די שטימונג. איצט אַז מיר ווייסן שוין יאָ אַז מיר בלייבן ביז מאָרגן קענען מיר רויִק שלאָפן. אַלטער האָט ווייטער געזאָגט:

״ביי טאָג, וועלן מיר פאַרשטייט זיך, נישט קענען אַרויסגיין פון

דער הייל, נישט צו כאפן קיין גוט אויג. דעריבער וואלט איך געראטן יעדן פון אונדז, ארויסצוגיין איידער ס׳וועט ליכטיק ווערן״. מיר האבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און טאקע אויסגעפאלגט.

״אונדזערע מיטפארער זענען שוין צוריקגעקומען. איצט דארפסטו, איטע, ארויסגיין״, האט אלטער געזאגט.

ס׳איז מיר באפאלן א פחד. ראשית, האב איך מורא צו זיין אין דער פינצטער, אפילו אין דער היים, דער עיקר נאך דא. שנית, האב איך זיך זייער געשעמט. אלטער, האט אויף מיינע טענות, אז איך דארף נישט און וויל נישט גיין געזאגט, אז אפילו איך דארף נישט, מוז איך גיין. ווייל שפעטער, ווען ס׳וועט ליכטיק ווערן, וועט קיינער נישט קענען ארויסגיין פון דער הייל. איך האב זיך געבעטן ביי אים, אבער ער האט אויך דאס מאל פארשטאנען און מיר געזאגט אז איך דארף זיך נישט שעמען, אז עס איז א מענטשלעכע זאך, און אז איך דארף נישט מורא האבן. ער וועט שטיין ביים אריינגאנג פון דער הייל, און ער וועט רעדן צו מיר שטילערהייט. ער האט מיך א נעם געטאן ביי דער האנט און געזאגט:

״קום״, און ער האט מיך ארויסגעפירט פון דער הייל.

אין אנגסט בין איך אים נאכגעגאנגען מיט פארמאכטע אויגן. ווען איך האב זיך אומגעקערט האט אלטער מיך צוגעדעקט מיט זיין פידזשאק און מיר געהייסן שלאפן. איך בין טאקע באלד איינגעשלאפן. ווען איך האב זיך אויפגעכאפט איז שוין געווען נאך האלבן טאג.

״איר האט געטאפט א נישקשהדיקן דרעמל, איטעלע״, האט איינער פון אונדזערע מיטפארער באמערקט.

״ווען מיר זאלן האבן אזא ריינעם געוויסן ווי זי האט, וואלטן מיר אויך געשלאפן רויק״, האט אלטער אפגעענטפערט.

דער טאג איז געווען א מילדער, א זוניקער. ס׳האט זיך געוואלט אראפלויפן צום עסטער, אריינשפרינגען און שווימען, שווימען, שווימען. די זון האט אויך אריינגעשיינט אין א טייל פון דער הייל און באלויכטן די איידעלע פנימער פון צוויי יונגע ברידער, פאר

װעלבע איך האָב זייער מורא געהאַט, מחמת איך האָב זיי פֿריער נישט געזען. איצט איז מיר געוואָרן היימלעבער מיט זיי. דער עלטערער ברודער איז אַ ליבער, אַ גוטמוטיקער און ער דערציילט זייער שיינע מעשיות, אַנעקדאָטן, רעטענישן. דער טאָג איז פֿאַרבײַ זייער גיך, מיטן אָנקומען פֿון דער נאַכט האָט זיך ווידער געשאַפֿן אַ שפּאַנונג, מחמת מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו דערוואַרטן. אָבער נאָך האַלבער נאַכט האָבן מיר דערזען די אָנגעצונדענע ציגײַערן מיטן אָנזאָג צו זײַן גרייט.

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג און מיט גרויס דערוואַרטונג און האַרצקלאַפּעניש, אַרויסגעקוקט אויף שטעפֿאַנען. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און מיר האָבן דערזען אַ שיפֿל אויפֿן עסטער. די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע, האָבן מיר זיך געשראָקן טאַמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל אונדז נישט דערזען אַ פֿרעמד אויג. אַלץ האָט אָבער געקלאַפּט. שטעפֿאַן האָט צום ערשטן מיך אַ נעם געטאָן און מיך אַרײַנגעזעצט אין שיפֿל און געהייסן מיר געבן מײַן בינטל (באַגאַזש) צו האַלטן עס לעבן זיך. אַלע זענען אַרײַן אין שיפֿל און שטעפֿאַן האָט געשיפֿלט מיט אַזאַ אימפּעט ווי אויף אַ פֿאַרמעסט.

דער עסטער איז געווען גלאַט און רויִק ווי אַ שפּיגל. האָט זיך טאַקע דער הימל מיט די שטערן אָפּגעשפּיגלט אין עסטער און ס׳האָט זיך באַקומען עפּעס אַ פֿאַנטאַסטיש בילד. ממש דורכגענומען מיט גרויס התפּעלות האָב איך אויסגערופֿן אַז מיר שיפֿלען זיך צווישן צוויי הימלען. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאַ, שאַ, שאַ, פֿון יעדן איינעם. איך האָב זיך זייער פֿאַרשעמט און אַנטשוויגן געוואָרן.

אויפֿן אַטיק האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ פּויער מיט אַ וואָגן און אונדז אַוועקגעפֿירט צו זיך אין זײַן כאַטע. זײַן פֿרוי האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ פֿרײַנדלעכן שמייכל און מיט הייס מילך און מיט פֿריש געבעקס. מיר האָבן איבערגעכאַפּט און מען האָט אונדז צעטיילט. איך וועל נעכטיקן מיט זיי אין דער כאַטע און די מענער, אויפֿן בוידעם. ס׳איז מיר געוואָרן זייער נישט גוט. איך האָב געבעטן

מען זאל מיר לאָזן גיין שלאָפֿן מיט די מענער אָבער ס׳האָט מיר נישט געהאָלפֿן. דער איינער מעת־לעת מיט די דרײַ מענטשן, האָבן אָפּגערוקט די היים מײַנע און זיי, די דרײַ מענטשן, האָבן פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿון דער היים. איך האָב נאָך אַ מאָל דורכגעלעבט דעם ריס. אויף ס׳נײַ דערפֿילט זיך אַליין איינזאַם און זיך באַוואַשן מיט טרערן.

גאַנץ פֿרי האָט די בעל־הביתטע מיך אויפֿגעוועקט. מיך אָנגעטאָן ווי אַ שיקסעלע, באָרוועס, מיר געגעבן אַ האָן אונטערן אָרעם און אָנגעזאָגט מיר אַז איך פֿאָר אין שטאָט אַרײַן אויפֿן מאַרק. זי האָט מיר נאָך אַ מאָל געגעבן אַ גלאָז מילך מיט אַ פֿריש געבאַקענעם פּאַדפּאַלעק. בעת איך האָב געגעסן האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו איר מאַן און געפֿרעגט אויב זיי וואָלטן מיך געקענט פֿאַרהאַלטן כּדי איך זאָל בלײַבן מיט זיי אויף תּמיד: געזאָגט האָט זי:

״זי וועט אינגאַנצן נישט אויס ווי אַ זשידאָוואַטשקאַ (אַ ייִדישע). זי איז אַן אונדזעריקע״. זי האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין ווי מען נעמט אַזאַ קינד און מען שיקט עס אַוועק איינע אַליין. געזאָגט האָט זי אַז נאָר ׳זיי׳, מיינענדיק די ייִדן, קענען טאָן אַזאַ זאַך.

״אַ זשידאָוואַטשקאַ״ האָב איך אויסגעשריגן נישט מיט מײַן קול.

דער מאַן אירער האָט צוגעשטימט אַז עס וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן איך זאָל בלײַבן בײַ זיי, אָבער ער האָט עס נישט געקענט טאָן. ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך מיך צוצושטעלן אין שטאָט בריטשאַן, צו אַ קרובֿה.

מיט אַלטערן און אונדזערע מיטפֿאָרער האָב איך זיך שוין מער קיין מאָל נישט געזען. זיי האָט דער פֿויער אַוועקגעפֿירט אַ סך פֿריִער. נאָר געבענקט האָב איך נאָך זיי ווי נאָך ליבלעך אייגענע.

# ביי דער מומע עניע אין בריטשאַן

איך זיץ אויף אַ געפּעק פון קאַרטאָפל און ציבעלעס מיטן האָן אונטערן אָרעם. פאַר וועלכן איך האָב אָגב אויך מורא געהאַט. ער, דער פויער, פאָרט זייער גיך. דער וואָגן טרייסלט זיך און וואַרפט זיך און איך מיט דעם האָן שפּרינגען אונטער און פאַלן צוריק. דער פויער וויל וואָס גיכער, ווײַזט אויס, איבערקומען די יאַוזדע. כאָטש ביז איצט האָט אונדז דערוטיל קיינער נישט אָפּגעשטעלט. מײַן אײַנגעהזרטן ענטפער, אַז איך קום פון אַטיק און איך פאָר פאַרקויפן דעם האָן אויפן מאַרק און זיך אומקערן אַהיים, האָב איך נאָך דערווײַל נישט אויסגענוצט. דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר כּזה הלשון:

״הער זיך גוט אײַן, מיידעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. מיר קומען אינגיכן אַרײַן אין שטאָט. איך קען זיך נישט פאַרהאַלטן, וועל איך דיר אַראָפּלאָזן בײַ דער שטוב און באַלד אַוועקפאָרן. דו וועסט אַנקלאַפּן אין טיר. וועט מען דיך באַלד אַרײַננעמען, איז גוט, אויב נישט, זיצסטו אויף דער פריזבע און וואַרטסט ביז עמעצער וועט אָנקומען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם האָן און ער איז אַוועק.

ס׳איז מיר געוואָרן זייער קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. דעם בעל־עגלה׳ס אַוועקגיין האָט אויך צוגעטראָגן צו מײַן פילן זיך אַליין. אַפילו דער האָן אונטערן אָרעם האָט מיר שוין אויסגעפעלט. איך האָב אָפּגעטרייסלט פון מיר דאָס שטרוי פון וואָגן, זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. געעפנט האָט אַ קליינינקע, זשוואַווע פרוי, אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ זאָג געטאָן אויף גרייש:

״מיידעלע, דו האָסט אַוודאי געמאַכט אַ טעות, דאָ וווינען ייִדן. זאָג מיר...״.

איך האָב איר איבערגעשלאָגן אין די רייד און מיט אַ הויך קול אַ זאָג געטאָן:

"איך בין אויך אַ ייִדיש קינד".

דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז צו צו דער טיר און מיך אַרומגערינגלט און מיך באַשאָטן מיט פֿראַגעס. אַ צעטומלטע האָב איך אַ זאָג געטאָן אַז איך בין געקומען צו מײַן מומע עניע:

"זי וווינט דאָ, אַ יאָ?"

אַ פֿרוי איז באַלד צוגעקומען צו מיר און געפֿרעגט, אַרויפֿלייגנדיק איר האַנט אויף מײַן אַקסל:

"וועמענס ביסטו, מיידעלע? וועמענס אייניקל?"

"איך בין מײַן טאַטנס מיידעלע און מײַן באָבע אסתּרס אייניקל", האָב איך געענטפֿערט. דער עולם האָט זיך צעלאַכט און איך בין געוואָרן נאָך מער צעטומלט. די פֿרוי האָט געזאָגט:

"קום, קינד, צום טיש. ווי אַזוי הייסטו?"

"איך הייס איטע".

"זעץ זיך. וועסט אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און דערנאָך וועסטו אונדז דערציילן אַלץ וועגן דער משפּחה".

ס'איז שוין נאָך דער טיי. איך פֿיל זיך שוין אַ ביסל היימישער. אַלע שטייען אַרום מיר. מײַן מומע עניע נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פֿון מיר. זי האָט געזאָגט:

"איך האָב גאָרנישט געוווּסט אַז מײַן שוועסטער אסתּר האָט שוין קיין עין הרע אַזאַ גרויס אייניקל. ווי אַלט ביסטו, איטעלע?"

ס'איז מיר געוואָרן וואַרעם אים יעדן אבֿר פֿון דעם איינעם וואָרט, איטעלע. מײַן מומע עניע איז מײַן באָבע אסתּרס ייִנגסטע שוועסטער. זי איז אַ וואַרעמע. אַ ליבלעכע. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בריטשאַנער, געהאַט מיט אים צוויי זין. דער בכור, זייער אַ געראָטענער, איז אַנטלאָפֿן קיין בראַזיל צוליב זײַנע טעטיקייטן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דער ייִנגערער זון, יאַנקל, עלטער פֿון מיר מיט אַ צוויי אָדער דרײַ יאָר, האָט געהאַט אַ מום. איין האַנט איז געווען בײַ אים אײַנגאַנצן אַ צעקריפּלטע, קורץ און שטײַף.

דער מומע עניעס מאַן איז געשטאָרבן יונג און זי איז געבליבן אַן אָרעמע אַלמנה מיט צוויי קליינע קינדער.

די קלייניקע און זשוואַווע פֿרוי וואָס האָט מיר געעפֿנט די טיר איז געווען מײַן מומע עניעס שוועגערין. זי האָט אַ בת־יחידה, אַ מיידעלע מיטן נאָמען אסתּרל, געגנוי אין מײַן עלטער. אסתּרל איז נישט געווען אים דער היים, זי האָט זיך געלערנט נייען בײַ אַן איסוואַטשקע. שיינדלס מאַן איז אַנטרינען געוואָרן. ער איז אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע און זי איבערגעלאָזט מיט אַ קליין קינד. אין שטוב איז אויך געווען מײַן מומע עניעס שוואָגער, איר מאַנס אַ ברודער, אַבֿרהם האָט ער געהייסן, ער איז געווען אַ שיינער, שטאַלטנער מענטש. און ער האָט דאָרט געוווינט מיט זײַן פֿרוי וועלכע מען האָט געהאַלטן פֿאַר אַ קראַסאַוויצע. אַ הויכע, מיט אַ הויכן בוזעם. אַ פֿרוי — אַן אַסאַבע. זי האָט ווײַזט אויס געשטאַמט פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער משפּחה, ווערדליק איר האַלטונג און איר קליידונג. איר מאַן האָט ממש געבלאָזן אירע טריט. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט אַפּשיי. אַרום האַלדז האָט זי שטענדיק געטראָגן אַ גאָלדענע קייט פֿון וועלכער ס'האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ גאָלדן זייגערל. אַ שטאַלצער קאָפּ מיט אַ גרויסן קובליק אויף אים. אַלץ אין איר איז געווען גרויס. גרויסע, ברוינע אויגן, אַ היפּשע נאָז, אַ הויכער שטערן, איר גאַנג, אַן אַרויסרופֿערישער ווי איינער רעדט: קוקט אויף מיר און האָט הנאה. איך האָב טאַקע געקוקט אויף איר און טאַקע הנאה געהאַט.

די שטוב אין וועלכער זיי האָבן געוווינט אַלע צוזאַמען, איז באַשטאַנען פֿון צוויי חדרים מיט אַ קיך. ר׳ אַבֿרהם מיט זײַן פֿרוי האָבן פֿאַרנומען דעם אַלקער. אינעם גרויסן צימער זענען געשטאַנען צוויי בעטן. שיינדל מיט איר טעכטערל זענען געשלאָפֿן אין איין בעט. די מומע עניע איז געשלאָפֿן אין צווייטן בעט. איצט האָט זי מיר אַרײַנגענומען פֿאַר אַ שותּפֿטע. יאַנקל איז געשלאָפֿן אויף אַ שמאָלער קאַנאַפּקע. אַ טיש מיט בענקלעך בײַ דער וואַנט מיט די פֿענצטער. אינמיטן איז געשטאַנען אַ גרויסע וואַרשטאַט אויף וועלכן

ס'איז געווען פארצוייגן א קאלדרע, און שיינדל מיט איר ברודער האבן געארבעט אויף איר. זיי האבן אויסגעשטעפט מיט די הענט אן ארבעט־געצייג וווּנדערלעך שיינע אוואַרן. מײַן מומע עניע האט געלעבט פון דעם וואס זי האט פאַרראַכטן און פאַרלאַטעט ציכן. געלעבט האבן אלע אין איינעם אין אָרעמקייט, אבער אין כבוד און מיט ליבשאַפט איינער צום צווייטן. איך האב קיין מאל נישט געהערט קיין בייז וואָרט איינער אויפן אנדערן.

"אַט איז שוין אויך דאָ אסתּרל", האט די מומע עניע געזאָגט.

אלע האבן זיך מיט איר דערפרייט. און מען האט מיך פאַרגעשטעלט פאר איר ווי א גאַסט פון יענער זייט. מיר האבן זיך אָנגעקוקט און טאַקע באַלד ליב געקראָגן איינע די אנדערע, ס'לעבן. אלע האבן געשטעלט פראַגעס. אלע האבן געוואָלט וויסן אלץ וועגן 'דאָרט'. ווי אַזוי מען לעבט. צי איז עס אמת. צי איז עס טאַקע אַזוי. איך האב נישט געקענט ענטפערן אויף מערסטע פראַגעס. אברהם האט זיך אַרײַנגעמישט און געפרעגט:

"וואָס האבן מיר זיך אָנגעזעצט אויף איר? לאָמיר בעסער גיין עסן, וועט זי אָפּכאַפּן דעם אָטעם".

די מומע האט דערלאַנגט מאַמעליגע מיט מילך. אסתּרל האט זיך געזעצט לעבן מיר. פון דער ערשטער באַגעגעניש אונדזערער זענען מיר געוואָרן אַזוי נאָענט ווי מיר וואָלטן געווען א צווילינג. די מומע עניע, שיינדל, אברהם מיט דער פרוי, זענען געווען זייער צופרידן. זיי האבן געהאַלטן אַז פאַר אסתּרלען איז מײַן קומען געווען א ברכה, זי איז מער אויפגעלייגט און פרייליכער און אויך מער גליקלעך.

בעת מיר זיצן און עסן שטעלט זיך אַרײַן א פויער און פרעגט זיך נאָך אויף דער מומע עניען. ער האט איר דערלאַנגט א בריוול און זיך באַלד אָפּגעטראָגן. אינעם בריוול האט מײַן פעטער מאָטל מודיע געווען דער מומע עניע, אַז איר שוועסטערס אַן אייניקל, איטע, וועט אינגיכן קומען צו איר, בעט ער אין נאָמען פון איר שוועסטער אסתּר, און אין נאָמען פון דער גאַנצער משפּחה, אַז זי

זאל מיך אַרײַננעמען צו זיך ביז עס וועלן אָנקומען די נײטיקע פּאַפּירן און דאָס געלט פון בראַזיל, וווּהין איך קלײַב זיך פאָרן.

מײַן ליבער פעטער מאָטל האָט אַלץ באַוואָרנט צו פאַרפאָרן מיר די אַנגסט פון אָנקומען אין אַ שטוב ווו קײנער דערוואַרט מיך נישט. איך נישט מאַכן קײן איבערראַשונג דער מומע עניען. ווײַל אַ חוץ פון דער הוצאה אַרער באַקוועמלעכקײט איז פּשוט אַ געפאַר אַרײַנצונע־מען עמעצן פון ״יענער זײַט״. ווײַל דער רומענער האַלט אַז אַפילו אַ ציג, וואָס איז נישט קײן פויגל, זאָל נישט אַריבערפליען די גרענעץ. די שטראָף איז אַ גרויסע פאַר די וואָס נעמען אַרײַן אַ טרײַפענעם.

נו, האָט דער שליח פאַרשפּעטיקט. ר׳ אַברהם האָט געזאָגט:

״אוודאי וואָלט געווען בעסער ווען מיר ווײסן באַצײַטנס. אָבער עבר זמנו, בטל קרבנו. איצט דאַרפן מיר זיך אײַנפאַרשטײן ווי אַזוי צו האַנדלען. אַ טאָג אָדער צווײ קען מען זי אױסבאַהאַלטן. אָבער ווער ווײסט ווי לאַנג עס וועט נעמען ביז זי וועט קענען אָוועקפאָרן. דאַרפן מיר צוטראַכטן אַ תירוץ״.

אסתרל האָט איבערגעשלאָגן איר פעטער רײד:

״פאַרוואָס דאַרף זי גאָר אָוועקפאָרן? זי קען דאָך דאָ בלײַבן מיט אונדז!״

יאַנקל, וואָס איז בטבע אַ שוויַיגעוודיקער, האָט זיך אָנגערופן:

״איך האָב אַ פּלאַן. איטע איז אַן אײגענע. זי קומט פון ליפּקאַן. געקומען איז זי צוגאַסט אויף עטלעכע טעג. אַזוי ווי די צווײ מײדעלעך האָבן זיך אַזוי פאַרחברט, רעדן מיר זײ צו זי זאָל בלײַבן מיט אונדז אַ פּאָר וואָכן. אַנדראַניק ברשעוועט לעצטנס און קוקט נאָך מיט טויזנט אויגן אויף יעדן אומבאַקאַנטן מענטשן. אַזוי ווי אָבער איטע איז נאָך נישט אינגאַנצן קײן אויסגעוואַקסענע, גלײב איך אַז ער וועט זי אַפילו נישט אָפּשטעלן אויף אויצופאַרשן. איטע, דו דאַרפסט געדענקען אַ נאָמען פון אַ גאַס אין ליפּקאַן. ווי אַ זאַך מאַכט זיך. כאָטש ווי געזאָגט דערוואַרטן מיר נישט קײן שום פּראָבלעמען״.

אסתרל האָט זיך דערפרײט. מיך אַרומגענומען און אָוועק צוריק צו דער אַרבעט.

# אסתּרל

מען איז געזעסן און געשמועסט און דער עיקר געפֿרעגט שאלות. די מומע עניע האָט געוואָלט וויסן פֿון דער גאַנצער משפּחה. און אונדזער משפּחה איז קיין עין הרע אַ ברייטע און פֿאַרצווייַגטע. דער עלטסטער פֿעטער איז יששכר. נאָך דעם, דער באַבעס צוויי ברידער, פֿעטער שמחה און פֿעטער אהרן. די באָבע אסתּר און די מומע צביה זענען די מיטלסדיקע. יעדע מיט זייערע זין און טעכטער. מען האָט געוואָלט וויסן צי זיי קלייבן זיך צו פֿאַרבלייבן דאָרט אָדער זיי האָבן ברעה צו מאַכן אַ ויברח. איך האָב נישט געוווּסט צו ענטפֿערן אויף דעם. דער פֿעטער ר׳ אברהם האָט זיך ווידער אַרייַנגעמישט פֿאַרוואָס מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר. ער האָט געהאַלטן אַז עס וואָלט גלייַבער געווען אַ טראַכט צו טאָן ווי אַזוי מען זאָל מיך אייַנאָרדענען אויף עפּעס אַן אַרבעט. די מומע עניע האָט געזאָגט אַז מען דאַרף מיר פֿריער לאָזן איבערכאַפּן דעם אָטעם, דערנאָך וועט מען זען וואָס ווייַטער. בייַ זיך האָב איך געטראַכט אַז עס וואָלט מיר געווען אַ סך היימלעכער ווען אסתּרל וואָלט געווען מיט אונדז. אָבער זי וועט ערשט קומען אַהיים פֿאַרנאַכט. די מומע האָט געזאָגט:

"בערג מיט גליקן קענען מיר דיר נישט צוזאָגן, נאָר אַ דאַך איבערן קאָפּ וועסטו האָבן מיט אונדז. אַ בעט צום שלאָפֿן אויך. דאָס איז דאָך דער עיקר. איי, עסן. איז ווידער די זעלבע מעשה. וועסט עסן וואָס עס איז דאָ.

"מאַמע, ווייַז מיר אָן אַן אָרט ווו מען עסט דאָס וואָס איז נישטאָ?" האָט זיך אָנגערופֿן דער שווייַגענדיקער יאַנקל.

„יאנקל, יאנקל", האט די מומע געענטפערט, „מיר רעדן ערנסט און דו קומסט ארײַן מיט דײַנע זאגעכצן".

„מאמע, פאר א מיידעלע פון דרײַצן יאר האט זי שוין געהאט גענוג ערנסטקייט אין איין טאג", האט יאנקל געזאגט.

דער עולם איז דווקא געווען צופרידן מיטן איבערררײַס. ר' אברהם מיט יאנקלען האבן זיך גענומען אויפשטעלן דעם ווארשטאט. אויסגעצויגן א קאלדרע אזוי שטײַף ווי א פויק. און ר' אברהם האט זיך געשטעלט אקעגן שיינדלען. נאר געגאנגען זענען זיי אין א פארקערטער ריכטונג. זייערע הענט מיט די גרויסע נאדלען זענען ממש געפלויגן הין און קריק, ארויף און אראפ. איך בין געשטאנען א פארגאפטע. א, ווען איך זאל קענען אזוי באהערשן דעם ווארשטאט און באשאפן אזוינע שיינע אוזארן אויף א ניצלעכן צודעק. איך וואלט מער גארנישט געוואלט. שיינדל האט באמערקט ווי איך בין פארטאן און איך פאלג נאך זייער יעדע באוועגונג, האט זי מיר א זאג געטאן:

„איך זע אז דיר געפעלט אונדזער ארבעט".

„יא, זייער שטארק". האב איך געענטפערט.

„וואלסט אפילו מן הסתם א בעלן געווען זיך אויסלערנען די מלאכה, איטעי?" האט שיינדל געפרעגט.

„יא, יא. איך וואלט זייער געוואלט זיך אויסלערנען די ארבעט", האב איך זיך אנגערופן. שיינדל האט געזאגט:

„הער זיך אײַן מיידעלע. די ארבעט געפעלט מיר אויך, אבער צו קיין פרנסה קומט עס נישט. זומער איז נאך נישקשה פאר מענטשן וואס קענען זיך פארגרייטן אויפן ווינטער. אבער ווינטער, ווען די פארמעגלעכע האבן זיך שוין פארגרייט און באזארגט באצײַטנס מיט צודעקן, איז אויף די ארעמע לײַט קען מען דאך נישט אויסשטעלן. קומט אויס צו לייגן די ציין אויף די באנטעס. שטעל דיר פאר ווען דאס זאל זײַן א מלאכה וואס זאל פארזארגן פרנסה, וואלטן מיר אוועקגעשיקט אסתרלען צו א סיוואטשקע (נייטארין)? א דינע ווי זי, ווי דו, דארפן זײַן אין א שול, זיך לערנען און נישט ארבעטן לאנגע

שעהען, אדער ווי דו, פֿארן אין דער פֿרעמד זוכן גליקן. וואָס מער איך קלער אַלץ מער איבערצייַג איך זיך אַז דער יונגער אַברהמל איז גאָרנישט אומגערעגט. אַז מען דאַרף איבערבייַטן דעם סטרוי, אַז דער אָרעמער זאָל אויך קענען עפּעס געניסן פֿון לעבן. נישט איינעם גאָר, און אַ צווייטן גאָרנישט. ווען דער אַברהמל זאָל נאָר נישט לעסטערן גאָט און אים פֿאַרלייקענען און זיך האַלטן בייַ זייַן משונהדיקער תּורה אַז נישט גאָט האָט אונדז באַשאַפֿן נאָר פּונקט פֿאַרקערט, מיר, די מענטשן האָבן באַשאַפֿן גאָט, וואָלט איך אַליין זיך אָנגעשלאָסן אין זייַן פּאַרטיי״.

״שיינדל״, האָט זיך דער ברודער אירער אָנגערופֿן, ״ס׳איז שוין שפּעט. מיר וועלן צונויפֿשטעלן דעם וואַרשטאַט און פֿאַרמאַכן דאָס קרעמל״.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און דאָס חדר האָט צוריק אָנגענומען דעם נאָרמאַלן אויסזען. די מומע איז אַרייַנגעקומען מיט יאַנקלען פֿון קיך און גענומען גרייטן צום טיש. אסתּרל איז באַלד אָנגעקומען און ס׳איז געוואָרן ליכטיקער ווי מען וואָלט מיט אַ מאָל אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ אין אַ פֿאַרטונקלטן אָרט.

אַלע פֿרייען זיך מיט אסתּרלען ווי זי וואָלט געווען די בת־יחידה פֿון יעדן איינעם פֿון זיי, נישט נאָר שיינדלס. זי איז באַלד צו צו מיר, מיר האָבן זיך אַרומגענומען און ס׳איז מיר געוואָרן זייער גוט.

אסתּרל האָט דערציילט וואָס זי האָט אויפֿגעטאָן אין משך פֿון טאָג. אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט אַפּשיי און מיט אויפֿמערקזאַמקייט. אין מיר האָט זיך פֿאַרגנבֿעט אַ געפֿיל פֿון ׳פֿאַרוואָס נישט מיר?׳ איך וויל אויך זייַן אין צענטער. און עס האָט מיך גענאָגט. מיר, אסתּרל און איך האָבן זיך ליב באַקומען פֿון דער ערשטער באַגעגעניש. אַלע זענען גוט צו מיר וואָס בעסער קען נישט זייַן. פֿאַרוואָס זשע? גענומען האָט זיך עס פֿון דעם: בעת אסתּרל האָט גערעדט האָט שיינדל געקוקט אויף איר מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט. זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. מיך האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ און איך האָב מיט אַלע כּוחות זיך אָפּגעהאַלטן פֿון

צעוויינען זיך. איך האב געדאנקט גאט וואס קיינער האט עס נישט באמערקט.

נאכן עסן האט ר׳ אברהם גערעדט אסתרלען מיך צו נעמען און מיך באקענען מיטן שטעטל. מיר וועלן זען די היפטגאסן. ער האט אונדז טראקטירט מיט מאראזשענע (אייזקרעם). מיר זענען ארויס האלטנדיק זיך ביי די הענט און מיט גרויס דערוואַרטונג זיך געלאזט צו דער הויפטגאס. געהערט האב איך אז ברישאן איז א קליין שטעטל. דא האב איך דערזען א בראקירטע גאס מיט שיינע געביידעס מיט זייער שיינע וויטרינעס אין וועלכע עס זענען געווען אויסגעשטעלט וווּנדערלעכע סחורות. א קראם פון סאמע שיך. א קראם פון סאמע פרויען קליידער. כ׳האב ממש געגאפט.

א באזונדערן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט די אפטייק, די סינעמא, וווּ עס האט זיך געשפילט ״וויוואנד יעווריעיוו איז יעגיפטא״, (יציאת מצרים). אסתרל האט געזען ווי איך בין געווארן פארכאפט פון די בילדער האט זי מיר געזאגט אז זי וועט זיך סטארען מיך צו נעמען זען דעם פילם ווען זי וועט צונויפלייגן און אפשפארן די נייטיקע סומע. ס׳איז מיר גוט. זייער גוט.

גייענדיק ווייטער האט א שלאג געטאן אזא זיסער ריח. מיר זענען צוגעקומען צו א שיין פארפוצטער קראם. אין דער וויטרינע זענען געווען אויסגעשטעלט פארשידענע שאכטלעך מיט שאקאלאד, צוקערקעס און כל מיני זיסווארג.

״דא וועלן מיר קויפן מאראזשענע. מיין פעטער האט מיר געגעבן געלט״, האט אסתרל געזאגט, און מיר זענען אריין אין קראם. זי האט געקויפט דאס גן־עדן מאכל וועלכן איך האב פארזוכט צום ערשטן מאל. דעם טעם וועל איך נישט פארגעסן ווי לאנג איך וועל לעבן.

ס׳איז מיר אזוי גוט מיט אסתרלען אין דעם גאנצן ארום אז איך וואלט געוואלט בלייבן דא. ווער דארף בראזיל?! אבער אז אסתרל האט מיר א פרעג געטאן צי האב איך אויך אין סטודעניצע געגעסן מאראזשענע, איז מיר געבליבן שטעקן אים האלדז דער זיסער,

גליטשיקער, מחיהדיקער מאכל. איך האָב פּלוצים דערזען מײַן שוועסטערל מייקעלע און די גאַנצע היים מײַנע, און איך האָב זיך דערפילט זייער פאַרלוירן. איך פאַרברענג און עס איז מיר אַזוי גוט, עס פון כּל טוב, און מײַנע אייגענע? ס'איז מיר פאַרשטערט געוואָרן דער בעסטער טאָג.

"ניין", האָב איך געגעבן אַ פאַרשפּעטיקטן ענטפער אסתּרלען. "דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך עס מאַראָזשענע".

# זעק

שוין דער זעקסטער טאָג אַז איך בין מיט דער ליבער משפחה. ס׳איז מיר גוט מיט זיי. דער עיקר מיט אסתּרלען. ווען זי גייט אַוועק גאַנץ פֿרי בענק איך נאָך איר. איך וואָלט אויך געוואָלט גיין אַרבעט און טאָן וואָס זי טוט. איך האָב זיך אַרויסגעבאַפּט וועגן דעם פֿאַר דער מומען עניע און זי האָט מיר דערקלערט אַ עס קען נישט זײַן און אַט פֿאַרוואָס:

„דו אַליין האָסט געזאָגט אַז דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים מיט דער כּוונה צו העלפֿן דער משפּחה, אמת? ווי אַזוי זשע קענסטו טראַכטן וועגן בלײַבן דאָ?“

„איך וועל אַרבעטן דאָ מיט אסתּרלען און זיי העלפֿן פֿון דאַנעט“, האָב איך געמאַכט דעם חשבון פֿאַר מײַן מומען.

„הער זיך אײַן איטע. דו מיינסט אַוודאי אַז אסתּרל פֿאַרדינט שוין און האַלט זיך שוין אויס אַליין? אַ נעכטיקער טאָג. ראשית האָט זי געאַרבעט אַ גאַנץ קײַלאַכדיק יאָר אָן אַ גראָשן. ערשט די לעצטע פֿאַר חדשים קריגט זי עפּעס באַצאָלט. די שׂכירות אירע קלעקן נישט מער ווי וואַסער אויף קאַשע, ס׳וועט נאָך נעמען אַ לאַנגע צײַט ביז זי וועט זיך אויסהאַלטן פֿון איר אַרבעט. שנית, אָבער צו וואָס דער שנית, אַז דער ראשית איז גענוג. דו, איטעלע, דאַרפֿסט אָנגיין מיטן פּלאַן וואָס די משפּחה האָט געמאַכט פֿאַר דיר. דאָס הייסט: אַזוי גיך ווי דו קריגסט די נייטיקע פּאַפּירן און דאָס געלט, וועסטו זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. אַגבֿ איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן אַז אויך אסתּרל זאָל מיט דער צײַט קומען קיין בראַזיל. צום טאַטן, צו אירן, האָט זי זייער נישט קיין חשק צו פֿאָרן, און אַוועק פֿון דאַנען מוז זי. ווײַל וואָס פֿאַר אַ לעבן איז דאָ פֿאַר אַן אָרעם קינד? דערווײַל

זאלסטו דאס נישט דערמאָנען פאַר קיינעם און אויך נישט פאַר אסתּרלען, וואָס איך האָב דיר דאָ געזאָגט. דאָס איז מיין השערה. היות ווי מיין זון אַבֿרהם געפינט זיך דאָרט, און מיט דער צייט וועסטו אויך מירטשעם זיין דאָרט. האָב איך געמאַכט דעם חשבון, דערווייל אין דעם בעל־הבית. איך ווייס אָבער אַז מיין זון האָט ליב אסתּרלען, און ווער האָט זי נישט ליב? איצט אַז איך זע ווי איר ביידע האָבן זיך פאַרחבֿרט, האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין מסקנא. נו, אַזוי פיל וועגן דעם. אונדזערע מייסטערס וועלן שוין באַלד צונויפלייגן דעם וואַרשטאַט און פאַרמאַכן דאָס קרעמל. אסתּרל וועט שוין אויך אַהיימקומען אינגיכן. יאַנקל טראָגט שוין דאָס האָלץ פון דער אַכאַרע. איך דאַרף זיך שוין נעמען צוגרייטן וועטשערע".

איך בין געבליבן זיצן און נאָכגעטראַכט וועגן דעם וואָס די מומע האָט מיר געזאָגט. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ פרייד וואָס האָט זיך צעגאָסן אין יעדן אבֿר. איך וועל מער נישט זיין אַליין.

דער עולם זיצט שוין אַרום טיש און עסט וועטשערע. דער פעטער אַבֿרהם האָט געלאָזט וויסן אַז היינט אָוונט ברענגט מען די סחורה. נאָכן עסן האָט יאַנקל געשפּילט קעגן מיר און קעגן אסתּרלען אין בלאַנדזש. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי מענער און אַוועקגעלייגט אַ גרויסע קופּע זעק. זעק פון מעל, פון צוקער, פון תּבֿואה. די זעק האָבן זיך געגנייטיקט אים לאַטעס און אויך אין צונויפנעמען די נעט. מיין מומע עניע האָט דאָס געטאָן, אָבער נאָר ביי נאַכט. פאַרוואָס ביי נאַכט? מיין מומע שיינדל האָט עס מיר דערקלערט:

"לאָמיר אַזוי צו זאָגן: די אַרבעט פאַרשאַפט נישט קיין כּבֿוד. דיין מומע עניע איז טאַקע אַן אָרעמע אַלמנה אָבער שטאַמען שטאַמט זי פון אַ מיוחסדיקער משפּחה און אַליין איז זי אויך אַ גוטער מענטש, אַ בכּבֿודיקער, דעריבער וויל זי נישט מען זאָל איר רופן עניע לאַטוטניצע. ווי דו האָסט געזען, האָט מען איר געבראַכט

די סחורה שפעט אין אוונט און אויך אפנעמען די ארבעט קומט מען אין א שפעטער שעה".

מען האט געבעט די בעטן און אלע זענען געגאנגען שלאפן. נאר מיין מומע האט זיך ערשט גענומען צו דער ארבעט. מיר האט די מומע אויך געהייסן גיין אין בעט אריין. דא האב איך זיך אבער קעגנגעשטעלט. איך האב איר געזאגט:

"איך וויל זען וואס דו טוסט. איך קען דיר אפשר העלפן".

די מומע האט זיך אונטערגעגעבן:

"נארעלע, וואס וועסטו האבן דערפון? גארנישט".

איך האב איר געזאגט אז איך קען פארלאטען און פארצערעווען זאקן, אפילו שטריקן קען איך. איך האב געשטריקט הענטשקעס פון וואל, שארפעלעך, זאקן פאר די פויערטעס און פאר זייערע קינדער. פאר דער ארבעט האב איך באקומען פון זיי פאסאליעס, קארטאפל, מעל, אן עוף.

זי, די מומע, האט צעשניטן א זאק אויף שטיקלעך און מיט די שטיקלעך געלייגט לאטעס אויף די זעק.

"ווייסטו וואס, איטע, בעת איך ניי קענסטו דורכקוקן א זאק און אוועקלייגן די לאטע ווו דער ריס איז. ווו די לאטע דארף געלייגט ווערן. ווען איך פארענדיק, נעמסטו צו דעם פארלאטעטן זאק און דערלאנגסט מיר דעם אנדערן, וועט עס גיין גיכער".

איך האב אזוי געטאן און די מומע איז געווען צופרידן מיט מיין הילף און זי האט געזאגט:

"מיט דיין הילף, איטעלע, גייט עס טאקע גיכער. א סך בעסער".

אוודאי בין איך געווען צופרידן מיט מיין מומעס באמערקונג, אבער נישט אינגאנצן צופרידן. האב איך איר געדאנקט און געבעטן זי זאל מיר לאזן טאן וואס זי טוט. זי האט צוגעשטימט. מיר געגעבן א נאדל און איך האב זיך צוגעכאפט צו דער ארבעט און געטאן אלץ ווי אן אמתער מומחה. ס'איז שטיל. אלע שלאפן. אלע מיטן פנים צו דער וואנט. ווי נאר די מומע האט א קוק געטאן אויף מיין ארבעט האט זי געזאגט אז מיין ארבעט, מיין לייגן לאטעס איז

בעסער און שענער פֿאַר איר אַרבעט, האָב איך מיט גרויס התפּעלות אַ זאָג געטאָן מיט אַ הויך קול:

"איך האָב דיר געזאָגט אַז איך קען לאַטען".

"שאַ, שאַ", האָט די מומע עניע צוגעלייגט אַ פֿינגער צום מויל, ווײַל אַז מען שלאָפֿט דאַרף מען זײַן שטיל.

מיר האָבן פֿאַרענדיקט די אַרבעט אַ סך פֿריער ווי דערוואַרטעט, און די מומע האָט געזאָגט אַז אַ דאַנק מײַן הילף וועט מען נאָך באַווײַזן אַרײַנצוכאַפּן אַ פּאָר שעה שלאָפֿן איידער דער האָן צעקרייט זיך. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדן אָוונט. מײַן מומע האָט נישט אויפֿגעהערט צו לויבן מיך און איך בין געווען אין הימל ממש. מיט אַסטרלען זענען מיר בײדע געוואָרן איין גוף און איין נשמה. נאָך אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסקוקן אויף אַ ידיעה פֿון בראַזיל. ס'איז אָבער גאָרנישט אָנגעקומען. ביי מיר אין האַרץ איז געווען אַן אמתער ויתרוצצו. איך האָב טאַקע אַרויס־געקוקט צו הערן פֿון דאָרט אָבער אײַנצײַטיק בין איך נישט געווען גרייט אַוועקצוגיין פֿון דאַנעט.

ס'זענען אַריבער וואָכן, חדשים און קיין ידיעה איז נאָך אַלץ נישטאָ. איז דער פֿעטער אַבֿרהם געפֿאַלן אויף אַ המצאה, שרײַבן קיין בוקאַרעשט צום 'האיאַס': אַזוי ווי אַ מיידעלע פֿון אוקראַינע געפֿינט זיך דאָ. איר כּוונה איז צו פֿאָרן צו אַ פֿעטער קיין ריאָ. און ער האָט אָנגעגעבן אַלע פּרטים און געבעטן אַן ענטפֿער. זאָל זיך דער פֿעטער אָפּרופֿן. ס'זענען ווידער אַוועק חדשים. ענדלעך איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון בוקאַרעשט אין וועלכן ס'איז איבערגעשיקט געוואָרן אַ בריוול פֿון בראַזיל. אַ ביטערע ידיעה. דער יונגער, געראַטענער פֿעטער מײַנער איז אומגעקומען אין אַ באַן־אומגליק, אין דער וואָך פֿון זײַן חתונה. געשריבן דאָס בריוול האָט זײַן ייִנגסטע שוועסטער וועלבע איז ערשט מיט אַ האַלב יאָר פֿריער געקומען צו אים. צוליב עפּעס אַ משונהדיקן געזעץ גייט דאָס פֿאַרמעגן פֿון איינעם וואָס שטאַרבט אָן יורשים, אַריבער צו דער רעגירונג. דאָך האָט זי געשיקט אַן אָנווײַזונג אויף צען דאָלאַר.

די ידיעה איז געווען ווי א דונער אין מיטן העלן טאג. די היים מיינע האט זיך מיר אוועקגעשטעלט שארף און בולט פאר מיינע אויגן. איך האב אויף ס'ניי דערפילט און ממש דורכגעלעבט דעם הונגער וייערן. איך האב זיך דערפילט זייער דערשלאגן. אלע האבן מיר אויסגערעדט, אז אוודאי איז עס אן אומגליק. אבער איך טאר זיך נישט נעמען אזוי צום הארצן. דערווייל בין איך דאך צווישן אייגענע, און זיי וועלן זיך נאכפערגן ווי אזוי איך קען זיך דערשלאגן קיין אמעריקע. א סך פון די פליטים פארן דורך דעם 'האיאס' און דורך דער 'איקא'. איך האב אויסגעהערט די אלע טרייסטווערטער אבער זיי זענען צו מיר נישט דערגאנגען. ווען אסתרל איז אהיימגעקומען פון דער ארבעט און האט מיך ארומגענומען האב איך אויסגעבראכן אין א געוויין, זיך ממש באוואשן מיט טרערן. ערשט דעמאלט איז מיר גרינגער געווארן.

# א נייע מלאכה

איך בין דערוויַיל מיט ליבע מענטשן און טרייב פון זיך דעם געדאנק וועגן וואס וועט ווײַטער זײַן. איך העלף דער מומען מיט לאטען זעק, און איך האב הנאה פון איר לויבן מיך מיט אזעלכע ווערטער אז אזא לאטוטניצע איז ווייט צו זוכן. פארנאכט ווען אסתרל קומט אהיים איז מיר אוודאי גוט. נאכן עסן גייען מיר שפאצירן. אויב קיינער איז נישטא אין גאס צעיאגן מיר זיך איינער דער אנדערער, ווער וועט וועמען כאפן. מיר קומען אהיים אין שטוב אריין פארשוויצטע אבער זייער צופרידענע.

בײַ די שטוביקע זענען מיר ביידע געווארן די הויפט־טעמע. מיר זענען ביידע איין הייך איין מאס. אסתרל איז א ברונעטקע און איך בין בלאנד, אניט וואלט מען אונדז געקענט אננעמען פאר א צווילינג. וואס וועט אבער זײַן ווען זיי וועלן זיך דארפן צעשיידן? וועגן דעם האט זיך געזארגט די צארטע און דריוונענקע שיינדל. די מומע מײַנע רעדט איר אויס אז עס איז גארנישט אויסגעשלאסן אז אסתרל און איך זאלן נאר פארן צוזאמען אויף איין ארט, קיין ניו־יארק. אויף בראזיל קען מען דאך שוין דערוויַיל נישט אויסשטעלן.

נו, מיר האבן שוין אפגעגעסן וועטשערע. דער פעטער אברהם שפילט שוין מיט יאנקלען אין בלאנדזש. שיינדל נייט אויס א בלוזקעלע פאר אסתרלען. די מומע בלומע קרייזלט זיך די האר. די מומע עניע וואשט די כלים און דערוואַרט איינגיכן דאס אנקומען פון די זעק. מיר ביידע האבן הנאה, פרייען זיך איינער מיט דער אנדערער. יעדע מינדסטע זאך רופט ארויס געלעכטער און פרייד.

און אָט באווייזט זיך שוין דער טרעגער מיט די זעק. אבער

במקום א גרויסע קופע ווי מיר זענען צוגעוווינט צו קריגן, האט ער אריינגעבראכט א סך א קלענערע צאל. אויף דער מומעס פראגע פארוואס, איז געקומען דער ענטפער אז די געשעפטן זענען שוואכער געווארן. דער מומעס פנים האט זיך פארכמורעט. א גאנצער וואך האט זיך איבערגעחזרט די פארקלענערטע צאל און די פארגרעסערטע מאס דאגות.

אויף דער צווייטער וואך האט די מומע א זאג געטאן צו מיר:

"הער זיך איין, איטעלע, דו געדענקסט אוודאי וואס איך האב דיר געזאגט ווען דו ביסט נאר געקומען צו אונדז, אז מיט א דאך איבערן קאפ ביסטו באווארנט, מיט א בעט צום שלאפן אויך, אבער מיט כארטשע (מיט עסן) קען איך דיר נישט ארויסהעלפן. דארפן מיר זוכן אן ארבעט אז דו זאלסט פארדינען עפעס וואס. כל זמן ס'האט זיך געדרייט מיט די זעק האבן מיר ווי עס איז זיך אן עצה געגעבן. איצט אז די הכנסה שטעלט זיך אפ, האב איך זיך געזען מיט א מענטשן וואס האט א קאנדיטארסקע אויף דער הויפטגאס. די קראם זיינע איז פארנט, און הינטן איז א גרויסער חדר ווו מען באקט די געבעקסן, און מען קאכט אויס דאס זיסווארג, שאקאלאד, מאנפאסיע, מאנדעלעך און אנדערע נאשערייען. די אלע זאכן ווערן געוויקלט אין פארביקע פאפירלעך. ביים וויקלען ארבעטן עטלעכע מיידלעך און ביים צוגרייטן און אויסקאכן ארבעטען עטלעכע יונגע בחורים. איך האב זיך געוואנדן צו אים אז ער זאל דיך אריינגעמען צו וויקלען די קאנפעקטן. ווי ווינציק דו זאלסט פארדינען וועט זיין בעסער ווי גארנישט. ס'וועט דיר זיכער נישט אנקומען שווער דאס אויסלערנען זיך. דארט ארבעטן עטלעכע דערוואקסענע מיידלעך און דו וועסט זיין די איינציקע 'פאדראסטקע', אבער די ארבעט וועט דיר נישט פאלן שווער. ס'איז דארט ריין און עס שמעקט בסדר מיט געבעקס און מיט זיסווארג. מארגן גאנץ פרי וועל איך דיר אוועקפירן און דיך באקענען מיטן בעל־הבית וועלכער געפינט זיך בסדר אין קראם, און איך וועל דיך אויך באקענען מיט די מיידלעך וועלכע וועלן דיר אויסלערנען די ארבעט".

איך האָב זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג און מיט נישט ווייניקער פּחד פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

דאָס ערשטע מאָל פון זינט איך בין אַוועקגעפאָרן פון דער היים האָט אַ קלינג געטאָן אין מײַנע אויערן מײַן טאַטנס לעצטע ווערטער צו מיר, אַז גאָט זאָל אים העלפן איך זאָל כאָטש נושא חן זײַן בײַ מענטשן. זײַן געשטאַלט, זײַן צוטוליען מיך שטאַרק צו זיך, און זײַנע פאַרטערערטע אויגן וועל איך טראָגן אין זיך אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט מײַן מומע מיך אויפגעוועקט. מיר האָבן עפּעס איבערגעכאַפּט און זיך אַרויסגעלאָזט אויפן צוזאָגנדיקן פאַר מיר, און איינציַיטיק, שרעקנדיקן וועג. אויף דער הויפּטגאַס האָט מײַן מומע מיר אָנגעוויזן אויף אַ שיינער קראָם מיט הויכע דעקאָרירטע פענצטער, אַז דאָס איז דאָס אָרט ווו איך וועל אַרבעטן:

״שיין, אַ יאָ?״

״זייער שיין״, האָב איך אַרויסגעשטאַמלט. מײַן צונג איז מיר געווען צוגעקלעפּט צום גומען. ס׳איז מיר געווען שווער צו רעדן.

״דו דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקן. דער בעל־הבית איז אַ גוטער מענטש. ער איז געווען מײַן מאַנס און זײַן פאָטערס תּלמיד. ער באַציט זיך זייער שיין צו מיר״.

אָט זענען מיר שוין דאָ. דאָס האַרץ קלאַפּט און וואָרפט זיך אין מיר, נאָר אויף אַרויסצושפּרינגען.

״גוט מאָרגן, עניע״, האָט דער בעל־הבית געזאָגט, און אויס־שטרעקנדיק זײַן האַנט צו מײַן מומען צוגעגעבן מיט אַ וואַרעמען שמייכל״, דאָס איז אוודאי אײַער פּלימעניטשקאַלע?״

״יאָ״, האָט די מומע געענטפערט.

״ווי אַזוי הייסטו?״ האָט ער מיר געפרעגט.

״איטע״.

״און ווי אַלט ביסטו? שוין דאָס פערצנטע יאָר? נו, ביסטו דאָך שוין טאַקע אַ גרויס מיידעלע. שאַקאַלאַד האָסטו דאָך אוודאי ליב. ווער פון אונדז האָט נישט ליב קיין שאָקאָלאַד?״ דער בעל־הבית

האט מיר דערלאנגט א פליטקע און אויך דער מומען האט ער געגעבן צוויי פליטקעס אהיימצונעמען. מיך האט ער א רוף געטאן צו גיין מיט אים אין דער פאבריק און מיך פארגעשטעלט פאר די מיידלעך. ער האט געזאגט צו זיי:

"איר דארפט אויסלערנען איטען צו וויקלען די קאנפעקטן. לערנט זי אויס אלץ וואס איר קענט", און מיך האט ער א רוף געטאן און געזאגט אז מיין מומע ווארט שוין אויף מיר. איך בין ארויסגעקומען א ביסל א בארויקטע. די מומע האט מיר געגבן א פעקעלע מיט אנבייסן איך זאל עס עסן ווען אלע מיידלעך וועלן עסן. געזאגט האט די מומע:

"פארנאכט, ווען אסתרל וועט קומען פון דער ארבעט, וועט זי זיך דא אפשטעלן און איר וועט אהיימקומען אין איינעם".

אט אזוי בין איך געווארן א פאלנע צוקערקע־וויקלערין.

# עסק ביש

די תורה פון וויקלען די מאנדלען, קאנפעקטן און צוקעריעס, האָב איך זיך אויסגעלערנט אָן שום שוועריקייטן. אלץ וואלט געגאַן גלאַטיק ווען נישט דאָס חיהלע וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין מיר און גענומען גריזשען. דו עסט, און זיי הונגערן. דו פאַרבּרענגסט, און זיי בענקען דאָרט נאָך דיר. איך האָב זיך געסטאַרעט צו פאַרטרייבן זיי פון זיך און זיך באַהאַלטן פון זיי, נאָר ס'האָט זיך מיר אָבער נישט איינגעגעבן. מען האָט מיר אָנגעהויבן פרעגן פאַרוואָס איך בין אַזוי אומעטיק. מײַן תירוץ איז געווען אַז איך בענק נאָך מײַן משפּחה. בײַ דער אַרבעט האָבן די מיידלעך זיך באַצויגן צו מיר זייער פרײַנדלעך. דער בעל־הבית — גאָר פרײַנדלעך. אָבער איינע, אַ מיידל, אָן עלטערע, מיט אַ בייז פּנים און מיט קאַלטע, פאַרשטאָכענע אויגן, האָט הנאה געהאַט צו זײַן ביטער צו אַלע מיידלעך און דער עיקר ביטער צו מיר. די מיידלעך האָבן מיר שטילערהייט געזאָגט אַז איך זאָל איר נישט פאַרשוויַיגן. אַז אויב זי וועט זיך איזדעקעווען איבער מיר, זאָל איך נישט בייגן דעם קאָפּ נאָר גיין צום בעל־הבית און אים זאָגן ווי אַזוי זי באַגייט זיך מיט מיר. ווײַל וואָס איך זאָל נישט האָבן געטאָן און ווי אַזוי איך זאָל עס נישט האָבן געטאָן, האָט עס איר נישט צופרידנגעשטעלט. איך האָב נישט געקענט פועלן בײַ זיך צו באַקלאָגן זיך אויף איר און זי איז געוואָרן בייזער און ביטערער.

איין מאָל האָט זי מיר דערלאַנגט אַ בינטל וואָס איך האָב נישט געוווּסט וואָס דאָרטן איז פאַראַן, און מיר געהייסן גיין און עס איבערגעבן אַבראַשאַן און וואַרטן אויף אַן ענטפער. איך האָב אַזוי געטאָן, אַזוי ווי זי האָט מיר געהייסן. איך שטיי און וואַרט. אַלע

יינגלעך שטעלן זיך ארום און קוקן זיך צו ווי אבראשא צעבינדט דאס בינטל. מיט א מאל האט אויסגעבראכן א געלעכטער און אלע האבן געקוקט אויף מיר מיט חוזק און מיט שפאט. איך האב זיך דערפילט זייער באליידיקט און זיך נישט געקענט אפהאלטן פון טרערן און פון א פארשטיקטן כליפען. דער בעל־הבית איז פונקט אנגעקומען און ער האט געוואלט וויסן וואס עס איז געשן. ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף מיין אקסל און מיר געבעטן אים דערציילן ווער עס האט מיר שלעכטס געטאן. איך האב אבער נישט געוווסט וואס צו דערציילן, נישט געוואלט, און אויך נישט געקענט זאגן גאר נישט. איך האב נאר געוואלט וויינען און אויך מיט דעם זיך געשעמט. דער בעל־הבית האט א זאג געטאן:

״הער זיך איין, איטע. איך וועל דיר נאר קענען העלפן אויב איך וועל וויסן אין וואס דא האנדלט זיך. איך זע אז עמעצער האט דיר ווײ געטאן און באליידיקט. נאר דו קענסט איצט וועגן דעם נישט רעדן. טא בארויק זיך. דארפסט מיר גארניש זאגן. אבער זאלסט וויסן זיין אז דער וואס האט דיר באליידיקט און באעוולט וועט פאר דעם טייער באצאלן״.

ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו די יינגלעך און געזאגט צו זיי:

״איר מעגט זיך שעמען אין אייער ווײטן האלדז ארײן. איר באציט זיך צו א יונג קינד וואס איז אין דער פרעמד איינע אליין. במקום זי פרילאנטשן, זי מאכן פילן היימיש, פארגיסט איר דאס בלוט און איר איזדיעקעוועט זיך איבער איר. זאל זי נאר קומען צו זיך און קענען איבערגעבן וואס עס איז פארגעקומען, וועט עס אייך גלאטיק נישט אפגיין, רשעים וואס איר זענט״.

ער האט זיך אויסגעדרייט צו מיר און ווײטער גערעדט:

״קום, איטע, וועסט זיך אפוואשן דאס פנים. דײַן חברטע וועט שוין באלד קומען. ווילסט דאך אוודאי נישט זי זאל דיך טרעפן א פארוויינטע. קום, וואש זיך אפ דאס פנים. וועסט שוין ווארטן אויף אסתרלע אין מאגאזין״.

וואָס מער דער בעל־הבית איז געוועזן גוט צו מיר אַלץ מער האָט זיך מיר געוואָלט וויינען. איך בין געוועזן געריירט פֿון זיין גוטסקייט און זיך געשעמט מיט מיין שוואַכקייט. געזעסן בין איך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אַ היפּשע ווײַלע. ענדלעך איז אסתרל אָנגעקומען. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו איר און געוואָלט אַרויס וואָס גיכער, נאָר דער גוטער בעל־הבית האָט אונדז פֿאַרהאַלטן, געגעבן יעדן פֿון אונדז אַ פּליטקע שאָקאָלאַד און אַ זאָג געטאָן:

"גייט אַהיים, קינדער. און דו, איטע, זאָלסט זיך אָפּרוען, און מאָרגן גאַנץ פֿרי דאַרפֿסטו דאָ זיין. ס'וואַרטן אויף דיר אַ סך נאַקעטע צוקערקעס וועלכע דו דאַרפֿסט אָנטון".

איך בין שוין אין דרויסן מיט אסתרלען. זי איז דאָך איצט נאָך בעסער ווי ווען פֿריער. אַ היילונג פֿאַר מיר. אַ טרייסט. זי האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט מאָנען פֿון מיר איך זאָל איר דערציילן וואָס עס איז געשען. איך בעט זיך בײַ איר אַז איך האָב נישט וואָס צו דערציילן. האָט זיך איר ליב פּנים פֿאַרכמאַרעט און מיט ווייטיק האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַז זי האָט געמיינט אַז מיר זענען זיך גוטע חבֿרטעס און אַז מיר האָבן נישט קיין סודות איינע פֿאַר דער אַנדערער. אסתרלס ווערטער האָבן מיר אַ שלאָג געטאָן ווי אַ דונער אין מיטן טאָג. אסתרל זאָל שטעלן אונטער אַ חשד מיין ליבשאַפֿט, מיין חבֿרשאַפֿט. איך וויין שוין ווידער כאָטש איך באַמי זיך מיט אַלע כּוחות אָפּצוהאַלטן די טרערן. אסתרל האָט דערזען אַז איך וויין, האָט זי מיך אַנגענומען בײַ דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

"נו, וויין נישט. דו דאַרפֿסט מיר גאָרנישט נישט דערציילן. איך וועל דיר מער נישט פֿרעגן".

"ניין, ניין, ניין", האָב איך אויסגעשריגן און איר געזאָגט אַז איך האָב פֿאַר איר קיין סודות נישט. אַז איך וועל איר אַלץ דערציילן. איך ווייס נאָר נישט ווי אַזוי און וואָס צו דערציילן. און איך האָב דערציילט:

"דער אין דער פֿרי איז געוועזן נישט אַנדערש פֿון אַלע אין דער פֿריִען. די מיידלעך האָבן זיך וואָרעם אָפּגערופֿן אויף מיין גוטמאָרגן.

א חוץ די גרויסע, די בייזע. לעבן וועלכער איך זיץ. זי איז תמיד פארברוגזט און קוקט אויף מיר קרום און זי האט מיך פיינט. איך סטארע זיך נישט צו דערהיצן זי. איך בין איר אפילו דאנקבאר פאר אויסלערנען מיר די מלאכה, אבער עס העלפט מיר נישט. זי האט מיך סיי ווי פיינט". איך האב איר ווייטער דערציילט:

"היינט אין דער פרי, שוין נאענט צו מיטאג האט זי א זאג געטאן: 'נעם דאס פעקעלע, איטע, און גיב עס אבראשאן און ווארט אויף אן ענטפער'. איך האב אזוי געטאן. אלע יינגלעך האבן זיך ארומגעשטעלט ארום אבראשאן. איך שטיי און ווארט אויף אן ענטפער. אבראשא האט געעפנט דאס פעקל. מיט א מאל האט א ואלפ געטאן א געלעכטער. אלע אויגן זענען געווען אויף מיר. ברייט צעעפנט מיילער מיט שארפע ציין. דער עיקר די אויגן זייערע, פול מיט חוזק, מיט שפאט אויף מיר און ווי האבן זיך געקאטשעט פון געלעכטער. איך האב זיך פארלוירן און זיך צעוויינט אויפן קול. איך האב זיך באמיט אפהאלטן פון וויינען און נישט געקענט. איך האב זיך צעכליפעט און זיך נישט געקענט קאנטראלירן. דער בעל־הבית איז ארייננעקומען. ער האט געמאנט ביי מיר איך זאל אים זאגן וואס עס איז געשען, אבער איך האב נישט געהאט וואס צו זאגן. איך האב נאר געכליפעט. ער האט מיך ארייננעפירט אין מאגאזין און מיר געהייסן ווארטן אויף דיר. מער גארנישט. ס'האט מיך קיינער נישט געשלאגן. מען האט מיך נאר מבזה געווען ווי מען וואלט מיך באגאסן מיט אן אומריינער פאמעניצע".

אסתרל האט מיך ארומגעכאפט. מיר האבן זיך צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער און ביידע וויינענדיקע געשטאנען אין מיטן וועג א לאנגע צייט.

# דער אומגליק

אלץ האָט זיך איינגעשטילט. איך האָב זיך באַרויִקט. די ייִנגלעך האָבן זיך באַצויגן צו מיר מיט מער דרך־ארץ. אפֿילו די בייזע שכנה מײַנע האָט געביטן איר קורס, און מיך אנגעהויבן באַהאַנדלען מענטשלעכער. אויף מאָרגן אין דער פֿרי, נאָך מײַן ביטערער דערפֿאַרונג, איז דער בעל־הבית צוגעקומען צו מיר און געזאָגט בקול רם אַז אַלע זאָלן הערן:

"הער זיך אײַן, איטע, אויב עמעצער וועט דיך באַהאַנדלען נישט ווי ס'דאַרף צו זײַן, דיך באַליידיקן, זאָלסטו באַלד קומען צו מיר. געדענק, נישט לאָזן קיינעם זיך איזדעקעווען איבער דיר. זאָגסטו מיר דאָס צו?"

די מיידלעך האָבן צו מיר געשמייכלט. זיי זענען געווען צופֿרידן מיט מײַן נצחון. אויך אויף זיי האָט זיך עס אָפּגערופֿן צום גוטן. מײַן בייזע שכנה האָט זיך אויפֿגעפֿירט מענטשלעכער. אויך צוויי פֿון די ייִנגלעך זענען געווען צופֿרידן מיטן אויסגאַנג פֿון דער דיעלאָ און מיר אַ זאָג געטאָן:

"איטע, לאָז זיך נישט שפּײַען אין דער קאַשע. מערסטע פֿון אונדז זענען ליטישע ייִנגלעך נאָר עס זענען אויך דאָ צווישן אונדז אַ פּאָר גראָבע יונגען און די אַלטע מויד איז אַן אמתע מכשפֿה".

נו, גענוג וועגן דעם. אסתּרל האָט מיר געלאָזט וויסן אַז זונטיק קומט פֿאָר דער יערלעכער פֿעסטיוואַל. וועט זי מיך נעמען אַהין אַלץ ווײַזן. עס שפּילט אַן אָרקעסטער. מען טאַנצט. מען עסט מאַראָזשענע. מיט איין וואָרט – ס'איז חי געלעבט. קוק איך שוין זייער אַרויס אויפֿן זונטיק צו פֿאַרברענגען מיט אסתּרלען אַ גאַנצן טאָג און זען אַזוי פֿיל וווּנדערלעכע זאַכן. וואָס קען זײַן בעסער?

כאַטש געחלומט האָט זיך מיר יענע נאַכט אַז מײַן שוועסטערל ווײנט איך זאָל נישט אַוועקפאָרן, און אויב יאָ, זאָל איך זי מיטנעמען מיט זיך. דער חלום גייט מיר נאָך. ער האָט אויפגעמישט אַ גאַנצע סדרה צוריקבליקן און בענקשאַפטן. איך קוק שוין זייער אַרויס אויף אסתרלען, זי פאַרגרינגערט מיר מײַנע שווערע שעהען. איבערמאָרגן איז שוין זונטיק און מיר וועלן גיין אויף דער טאַלעקע צום פעסטיוואַל. ווערט מיר טאַקע גוט אויפן האַרץ.

אויף מאָרגן האָט שיינדל אונדז מיטגעגעבן אַ בינטעלע כאַרטש. ס'איז טאַקע זייער גוט צו פאַרברענגען אָבער קיין טאַנץ גייט נישט פאָרן עסן, דאַרף מען נישט לאָזן איבערבלײַען דאָס האַרץ. מיר גייען שוין. ניין, מיר פליען ממש. דער טאָג — אַ זוניקער, אַ צעשטראַלטער. וואָס ווײַטער מיר גייען, אַלץ מערביימער, גראָזן, פעלד־בלימעלעך. די פייגעלעך זינגען, צוויטשערן. באַגלייטן די מחיהדיקע ריחות וואָס פאַרשיכּורן ממש. ס'איז אונדז זייער גוט.

אָט זענען מיר שוין אָנגעקומען אויף אַ ברייטער, קײַלעכדיקער, גרינער טאַליקע, אײַנגערעמט אין ביימער. אַרום דעם ביימערפּלויט — טישן מיט עסנוואַרג. גרופּעס פילקלאַנגענדיקע מיט פּײַפעלעך, מאַנדאָלינעס, האַרמאָשקעס. גרופּעס פילפאַרביקע. יעדע גרופּע מיט אירע פאַרביקע קאָסטיומען, מאָלדאַוואַנישע, אוקראַיִנישע, רוסישע. אָט שפּאַנט אונדז אַקעגן אַ יונגערמאַן און ער זינגט אויף יידיש:

אונדזער גאָט זיצט אין הימל
גיט אונדז עסן ברויט מיט קימל
אָבער זייער גאָט ליגט אין דרעק
מיט שיינע בלימעלעך אַרומגעשטעקט.

איך האָב אויפגעציטערט און אַ זאָג געטאָן צו אסתּרלען:

"אסתּרל, ווי לאָזט מען הערן אַזוינע רייד? דאָס קען דאָך פירן צו אַ פּאָגראָם?"

"נו, וואָס קען מען טאָן? אַ גליק וואָס זיי פאַרשטייען נישט.

זעסט דאך אַז ער איז נישט קיין נאָרמאַלער מענטש. אַ באַוואַקסענער און מעגלעך אַן אַנטלאָפענער פֿון אַ משוגעים־הויז".

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט פֿון אים. קינדער זענען אים נאָכגעלאָפֿן, נאָכגעשפּרונגען אים אויף איין פֿוס. גלייך מיט אים געלאַכט און געטומלט. מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ צופֿרידענעם, אַ פֿריילעכן טאָג. דער עולם הייבט שוין אָן ווערן שיטערער. מיר קלייבן זיך שוין אויך אַהיים, מידע, אויסגעשעפּטע פֿון אַרומשפּרינגען ווי ווילדע ציגן. אויפֿן וועג פֿאַרטרויט מיר אסתּרל אַז דעם אמת זאָגנדיק וואָלטן מיר נאָך נישט אַהיימגעגאַן אַזוי פֿרי. נאָר ס'איז איר פּלוצים באַפֿאַלן אַ קעלט מיט אַ קאַפּווייטיק. צוקוקנדיק האָב איך איינגעזען אַז אסתּרלס פּנים איז צונטער רויט. אַז זי ציטערט פֿון קעלט. מיר זענען קוים מיט צרות אַהיימגעקומען. זי האָט זיך אַ ציטערדיקע אַריינגעלייגט אין בעט. שיינדל איז באַלד אַוועק נאָכן דאָקטער און אַלע שטוביקע זענען פֿאַרכמאַרעטע געשטאַנען אַרום אסתּרלס בעט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

דער דאָקטער האָט זי באַטראַכט, זי אויסגעהערט און פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט. ער האָט געלאָזט וויסן אַז ער וועט קומען אין אָוונט נאָך אַ מאָל. צו שיינדלען האָט ער זיך געוואַנדן און געזאָגט:

"דערווײַל קען מען נאָך נישט וויסן. מען דאַרף זי גוט איינדעקן. דער רעצעפּט וועט העלפֿן אַראָפּטרײַבן די היץ". ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט: "קיין קינדער זאָלן בעסער נישט זײַן דאָ".

שיינדל האָט אים געפֿרעגט:

"הער דאָקטאָר, וואָס פֿאַרדעכטיקט איר?" דער דאָקטאָר האָט געענטפֿערט:

"מען קען נאָך נישט וויסן. אָבער דעם אמת געזאָגט פֿאַרדעכטיק איך דיפֿטעריע, ווײַל מיר האָבן צוויי פֿאַלן אין שטאָט. דערפֿאַר זאָלט איר נישט האַלטן דאָס מיידעלע דאָ".

ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג האָט אונדז אַלעמען דעם

ראַקטערס ווערטער געטראָפֿן. יאַנקל איז שוין דאָ מיטן רעצעפּט. דער ראַקטער העלפֿט שיינדלען ממש אויפֿרייסן אסתּרלס מויל אויף אַריינצוגיסן דעם רעצעפּט. אסתרל ציטערט פֿון קעלט און ברענט פֿון היץ.

צוויי טעג האָט אָנגעהאַלטן אסתּרלס פֿאַרטראַכטקייט. אויפֿן דריטן טאָג, בעת דער ראַקטער איז געשטאַנען לעבן איר איז עס געשען.

# נאָכן אומגליק

אין שטוב איז שאַ, שטיל. קיינער וויינט נישט. קיינער רעדט נישט. אסתרל ליגט שוין אויף דער ערד מיט די פיס צו דער טיר, לעבן בעט ווו זי מיט איר מאַמען זענען ערשט געשלאָפן אין איינעם. שיינדל זיצט אויפן בעט. איר קאָפּ אַראָפּגעבויגן, פינגער פון אירע הענט פאַרפלאָכטן איינע אין דער אַנדערער. אירע שטאַרע אויגן אַנגעשטעלט אויף איר טעכטערלס גוף דעם איבערגעדעקטן מיט אַ שוואַרץ טוך. זי קוקט אויפן קאָפּ צווישן די צוויי ברענענדיקע ליכט. מען הערט פון קיינעם נישט קיין זיפץ, קיין קרעכץ, קיין פינטל מיט אַן אויג. אַלע זיצן פאַרגליווערטע ווי וואַקסענע געשטאַלטן.

מיר ווילט זיך אַראָפּרייסן דעם טוך, זיך לייגן לעבן איר, זיך צוטוליען צו איר און זי וועקן, וועקן. איך טו עס אָבער נישט. איך זיץ און שווייג ווי אַלע.

ווען ס'זענען אַרייַנגעקומען די פרויען, די חברה־קדישא, און געבעטן אַלעמען אַרייַנצוגיין אין צווייטן צימער, האָבן זיך אַלע אַ ריר געטאָן אַ חוץ שיינדלען, און איבערגעגאַנגען אין צווייטן חדר און דאָרטן אָנגענאָן מיטן שווייגן. שיינדלען איז געווען שווער צו רירן פון אָרט. אָט די קליינינקע, דינינקע שיינדל, וואָס איין בלאָז אויף איר וואָלט זי געווען אַוועקגעטראָגן, איז מיט אַ מאָל געוואָרן שווער, זיך געצויגן צו דער ערד. צוויי פרויען האָבן מיט אָנשטרענגונג זי קוים אויפגעהויבן און זי אַריבערגעפירט אין צווייטן חדר. פון ערשטן חדר האָט זיך געטראָגן אַ געיאָמער פון די שכנטעס: "אַזאַ יונג ביימעלע".

אויף מאָרגן, ווען מען האָט צוגענומען אסתרלען, האָט זיך ווי אויסגעלאָשן דער לאָמפּ אינמיטן פון אַ פינצטערער נאַכט. די שכנים

האבן זיך געסטארעט. אריינגעבראכט עפעס צו עסן אבער קיינער האט זיך צו דעם נישט צוגערירט. שיינדל איז געזעסן שבעה. דער מנין איז זיך צונויפגעקומען. זיך צעגאנגען. שיינדל איז געבליבן זיצן א פארשטיינערטע.

מיין מומע עניע האט די ערשטע זיך אויפגעהויבן און א זאג געטאן:

"מיר קענען נישט בלייבן זיצן אזוי־א. ס'האט אונדז געטראפן א גרויסער אומגליק. אבער מיר מוזן זיך שטארקן און זיך טרייסטן מיט דעם וואס מיר האבן געהאט אזאן אוצר קנאפע פערצן יאר. דער טויט האט זי ביי אונדז צוגעראבעוועט אבער מיר טארן נישט לאזן זיך בארויבעוון אויך פון די פריידיקע זכרונות וועגן אסתרלען. אדרבא, מיר דארפן דערמאנען וואס מער און רעדן וואס אפטער וועגן איר. נאר אויף אזא אופן וועלן מיר נישט לאזן דעם מלאך־המוות זי צונעמען ביי אונדז אינגאנצן. וואס טוען מיר? מיט אונדזער מרה־שחורה, מיט אונדזער שטומען שווייגן שענקען מיר איס נאך ווי א צוגאב אונדזערע ליכטיקע זכרונות וועלבע האלטן איין אין אונדזערע הערצער איר ליכטיק געשטאלט".

ר' אברהם האט זיך אנגערופן און געזאגט:

"גייט, ווייבער, גרייט צו עפעס עסן".

שיינדל איז געבליבן זיצן א פארשטיינערטע. מיר האט זיך געוואלט וויינען. איך האב אבער נישט געוויינט. ס'האט זיך מיר געוואלט אנטלויפן. איך בין אבער געבליבן זיצן. איך האב א נעם געטאן שיינדלס פארשטייפטן, קאלטן קוליק און מיט מיינעביידע הענט אנגעווארעמט ביסלעכווייז איר האנט. אויפגעמאכט אירס א פינגער, נאך א פינגער און איר האנט איז באלעבט געווארן. איך האב צוגעלייגט איר האנט צו מיין פנים. זי האט א ציטער געטאן, ארויפגעפאלן אויף מיר און זיך פארגאנגען אין א געיאמער, אין א געוואי, ווי א פארוואונדעטע חיה. אלע זענען זיך צונויפגעלאפן. געוואלט עפעס טאן. עפעס זאגן, נאר אברהם האט צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל עס זאל זיין שא. ער האט נישט געלאזט קיינעם

אפשטעלן איר רעווען, איר וואיען. איר קול איז שוואכער און שוואכער געווארן ביז זי איז אינגאנצן שטיל געווארן און נאר א זיפץ, א בליפ פון צייט צו צייט.

אט אזוי ציען זיך די טעג ווי פון פעך. שיינדל איז א ביסל ארויס פון הינערפלעט, אבער אלץ איינגעשלאסן אין זיך. זי ענטפערט אויף א פראגע דא און דארט, אבער אליין, קיין ווארט נישט. פלוצים האט זי א זאג געטאן צו מיר:

״איך בעט דיר, איטעלע, שלאף מיט מיר״.

ס׳איז מיר דורכגעגאנגען א סקרוך איבערן לייב. איך האב אבער נישט געקענט איר אפזאגן. נאכט נאך נאכט האב איך זיך איינגעקארטשעט, זיך צוריקגעצויגן. זי האט מיך געצערטלט. געקושט מיין קאפ און מיך גערופן אסתרל. קינד מיינס. איין מאל האב איך מער נישט געקענט, און מיט א הויך קול א זאג געטאן:

״שיינדל, איך בין נישט אסתרל, איך בין איטע״.

זי איז אנטשוויגן געווארן אויף א ווייל און באלד נאך א מאל דאס אייגענע. מיין מומע עניע האט זיך אויפגעכאפט. אויף מארגן גאנץ פרי האט זי אויף מיר א קוק געטאן און שטילערהייט געזאגט:

״וויי איז מיר, וואס פון דיר איז געווארן״. זי האט זיך צונויפגערעדט מיט איר שוואגער, מיט דיין פרוי, מיט יאנקלען און אלע זענען געקומען צו דער מסקנא אז איך מוז ארויס פון שטוב.

״וווהין זאל איך גיין?״

״מיר וועלן זיך דערטראכטן צו עפעס״ האט מיין מומע געענטפערט, ״דו קענסט אזוי נישט אנגיין. ס׳איז פון דיר געווארן תיל־תלי״.

נאך עטלעכע נעכט נישט שלאפן און נישט עסן בין איך געווארן בלייך און אפגעצערט. אברהם האט א זאג געטאן צו מיין מומען:

״העניע, נאך היינט מוז דאס קינד ארויס פונעם גיהנום. אניט וועט זי חלילה אומקומען״.

מיין מומע האט א באפ געטאן איר שאל און זי איז ארויס פון שטוב. איך האב מורא געהאט איבערצולאזן די אייגענע און נאך א

מאָל זײַן צװישן װילד פֿרעמדע מענטשן. האָב איך זיך געבעטן בײַ ר׳ אַבֿרהמען:

״װען איך זאָל נאָר קענען צוריקגײן שלאָפֿן מיט דער מומע עניען, װאָלט איך נישט געדאַרפֿט אװעקגײן פֿון אײַך״.

ר׳ אַבֿרהם האָט געענטפֿערט:

״ניין, אַ יונג קינד װי דו, טאָר זיך נישט געפֿינען אין אַזאַ שטוב װוּ אַלע װײנען און קלאָגן. אַפֿילו די װענט און די סטעליע יאָמערן. האָב נישט קיין מורא. מיר װעלן האַלטן אױף דיר אַן אױג״.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און מײַן מומע איז צוריקגעקומען און זי האָט מודיע געװען אַז אַלץ איז אײַנגעאָרדנט:

״מאָרגן אין דער פֿרי װעל איך גײן מיט דיר״, האָט די מומע עניע געזאָגט.

שײנדל איז אַרײַנגעקומען און אַלע זענען שטיל געװאָרן.

# אַ דינסט בײַ די ברענערס

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָבן מײַן מומע עניע און אַלע אַנדערע, חוץ שײַנדלען, גענומען אײַנקנעלן מיט מיר און אָנװײַזן מיר װאָס איך װעל דאַרפֿן טאָן אין מײַן נײַער הײם. מען האָט מיר געלאָזט װיסן אַז די משפּחה באַשטײט פֿון אַ פּאָרפֿאָלק מיט צװײ קינדער, זײער גוטע מענטשן. זײ האָבן אַ קלײטל פֿון עסנװאַרג, זענען זײ בײדע פֿאַרנומען און האָבן װינציק צײַט זיך אָפּצוגעבן מיט די קינדער. דערצו איז מאָטל די בעלהביתטע אויף דער צײַט און װעט אינגיכן געלעגן װערן, דאַרפֿן זײ מען זאָל זײ אַרויסהעלפֿן. סײַ מיט די קינדער און סײַ מיט דער שטוב־אַרבעט. מײַן אַרבעט, האָט די מומע מיר געזאָגט, װעט באַשטײן פֿון אַרומװאַשן אין דער פֿרי די קינדער, זײ אָנהאָדערװען, אויפֿרוימען די שטוב, אויפֿשטעלן דעם סאַמאָװאַר און גײן אַ גאַנג װען זײ װעלן מיר שיקן ערגעץ װוּ. איך װעל אויך דאַרפֿן צוגערײטן אָנבײַסן און אַרויסהעלפֿן אײנעם פֿון זײ אין דער קלײט און דערנאָך דעם אַנדערן. מײַן מומע עניע האָט צוגעגעבן:

״דערפֿאַר װעסטו האָבן אַלץ װאָס דו דאַרפֿסט: עסן דאָס אײגענע װאָס זײערע קינדער עסן און דײַן אײגנס אַ געלעגער. דערצו נאָך װעט מען דיר געבן אַ פּאָר לײ אין קעשענע, זאָלסט זיך קענען עפּעס קויפֿן אָדער גײן אַ מאָל אין אַ קינאָ. דער עיקר איז װאָס זײ זענען זײער לײַטישע מענטשן. מיט דער צײַט װעלן מיר מן הסתּם הערן פֿון דײַן מומע שׂרה. אַלװאַי װאָלסטו געװען געקומען מיט צװײ חדשים פֿריער, װאָלסטו געװען אַ טײל פֿון דער לעצטער גרופּע קינדער צונויפֿגעקליבענע פֿון די אוקראַינישע פּאָגראָמען. ס׳איז דעמאָלט געקומען אַ דעלעגאַט און זײ גענומען קײן קאַנאַדע.

אבער דו, איטע, וועסט זיך אויך דערשלאָגן מיט דער צייט, דערוויל דאַרף מען טאָן וואָס מען קען״.

״וואָס וועט זיין מיט שיינדלען?״ האָב איך געפרעגט. די מומע האָט זיך איבערגעקוקט מיט ר׳ אַברהמען און ער האָט געזאָגט:

״ס׳איז שיין פון דיר איטע, זיך צו זאָרגן פאַר שיינדלען. אָבער ביסט צו יונג און צו קליין צו זאָרגן זיך פאַר עמעצן. דו מוזט דערווייל זיך אַליין אין זינען האָבן. מיר וועלן אַלץ טאָן צו לינדערן איר שווער האַרץ. שבת וועסטו זיין פריי. און אַזוי ווי עס איז נישט ווייט, וועסטו זיך אַריינכאַפּן אויף אַ שעה וועסטו זי אַוודאי דערפרייען. און אויך אונדז וועסטו דערפרייען״, האָט ער צוגעגעבן, ״דו פילסט אַוודאי אַז מיר האָבן דיך ליב, ס׳לעבן״. מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

ס׳איז מיר אַזוי נישט גוט. נאָך אַ מאָל אַ פרעמדע שטוב. פרעמדע מענטשן און איך בין ווייער שעמעוודיק. איך בענק נאָך אסתּרלען ביי טאָג און ביי נאַכט. אויף שיינדלען טוט מיר וויי דאָס האַרץ און איך פיל ווי אַ דעזערטיר, זי איבערלאָזן אַט אַזוי אָן אַ ניי־געזונט, בעת זי טוליעט זיך אַזוי צו מיר און הענגט זיך אָן אַזוי אין מיר. מיין מומע האָט צונויפגעלייגט אַ פּאָר זאַכן מיינע, מיך אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און אַ צי געטאָן נאָך זיך.

״אַ געזונט מיטן רעכטן פוס״, האָבן מיר אַלע צוגעווונטשן.

אַריינקומענדיק אין קלייט וואָס איז געווען פאַר דער שטוב, זענען מיר געבליבן שטיין און געוואַרט ביז דאָס פּאַרפאָלק וועט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט זייערע קונים. ווען זיי האָבן זיך באַפרייט האָבן זיי זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר און מיר געפרעגט צי איך הייס איטע:

״אַ יאָ?״

״יאָ״, האָב איך געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

די פרוי האָט געזאָגט:

״נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. מיר זענען פּשוטע און היימישע מענטשן. דיין מומע עניע איז נאָך געווען אַ חברטע פון מיין מאַמען עליה השלום. דו וועסט זיך פילן פריי און היימיש מיט אונדז״.

די קינדער זענען באלד צוגעלאָפן צו דער מוטער. א דריי־יאָריק מיידעלע, דינהלע, און איר פינעף־יאָריקער ברודער, חיימל.

"אָט דאָ וועסטו שלאָפן", האָט די בעלהביתטע מיר אָנגעוויזן אויף דער סאָפקע, ביי דער וואַנט. "קום, וועסטו זיך באַקענען מיט דער קיך. קאָכן וועל איך אַליין. די כּלים וועסטו דאַרפן איבערוואַשן. דאָס ערשטע וואָס דו טוסט גאַנץ פרי איז אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר. דערנאָך אַרומוואַשן און העלפן אָנטאָן די קינדער און זיי אָנהאָדעווען. ווען ס'איז נישטאָ קיין קונים קום איך, אָדער מיין מאַן, עסן אָנבייסן. קענסטו עסן מיט מיר אָדער פריער מיט די קינדער. ווי דו וועסט וועלן. שבת וועסטו קענען גיין מיט דיינע חברטעס שפּאַצירן און פאַרברענגען.

"איך האָב נישט קיין חברטעס", האָב איך זיך אָפּגערופן.

"וועסט זיך באַקענען מיט מיידלעך אין דיינע יאָרן. איך אַליין וועל דיר באַקענען מיט איינער, מיט מיין פּלימעניצע. ס'איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן אַז מיר קערן זיך אָן. מיין מאַמע, עליה השלום, האָט געהאַט אַ שוועסטערקינד אין סטודעניצע, ער האָט געהייסן זיידל און זיין ווייב האָט געהייסן רבקה. זייער טאָכטער, חיה, האָט חתונה געהאַט מיט איינעם פון די פּאַסמאַנס, אין אַלמן".

"זי האָט חתונה געהאַט מיט מיין טאַטן. דאָס איז מיין מומע, חיה", האָב איך זיך אָנגערופן.

"נו, זענען מיר דאָך טאַקע אמתע קרובים אויך. הער אַ צופאַל. ס'איז דאָ אַ ווערטל: 'וואַרף מיך, גאָט, ווו דו ווילסט, נאָר וואַרף מיך צווישן אייגענע'. איטע, דו ביסט צווישן אייגענע".

מיין מומע עניע איז אַוועקגעגאַנגען אַ צופרידענע, אָבער איך האָב זיך דערפילט פאַריתומט, נאָך איר אַוועקגיין. מאָטל האָט אַרויסבאַגלייט מיין מומען. זיי האָבן גערעדט. איך האָב געוואָלט וויסן וואָס זיי רעדן וועגן מיר. נאָך מער האָב איך געוואָלט מיטגיין מיט מיין מומען אַהיים.

די קינדער זענען צוגעקומען צו אונדז. מאָטל האָט זיי געזאָגט אַז איך וועל שטענדיק זיין מיט זיי. וועל אַרויסהעלפן מיט דער

ארבעט. און זיי, די קינדער, וועט זיין גוט מיט מיר. זיי דארפן מיך פאלגן. און זיי האבן צוגעשאקלט מיט די קעפלעך.

ס'איז מיר גרינגער געווארן. איך האב ליב צו זיין מיט קינדער. איך פיל זיך פריי מיט זיי, גיבער ווי מיט דערוואקסענע. אויך זיי לאזן זיך באלד צו צו מיר. נישט אומזיסט האט מען מיך גערופן "ניאנקע", ווען איך בין נאך אליין א קינד געווען.

# א נס!... א סוד

זיי, די ברענערס זיינען געווען גוט צו מיר. מיט די קינדער איז מיר געווען גוט ווי די וועלט. זיי האבן זיך צו מיר ממש צוגעקלעפט. (געהערט האב איך דעם צונאמען „ציאנקע" ווען איך בין נאך אליין א קינד געווען און געניאטשעט די שכנישע קינדער).

אלץ וואלט גוט געווען ווען ניט דער ווארעם וואס טאטשעט מיך, די בענקשאפט נאך אסתרלען. דאס רחמנות געפיל אויף שיינדלען. און מיט א מאל האט זיך אויסגעשטעלט א גאנצע שורה בענקשאפט נאך מיין קליין שוועסטערל, נאך מיין נאך קלענער ברודערל, נאך דער ציג אונדזעריקער דער אויסגעהונגערטער. איך האלט זיך אין איין בייטשן פאר וואס איך בין ניט אינאיינעם מיט אלע אין דער היים.

בעת איך טראכט אזוי דערהערט זיך א יעבץ פונעם שלאפצימער און נאך א מאל אן אויסגעשריי, אויף דער שוועל באווייזט זיך אן עלטרע פרוי, ארומגענומען מיט א פארטוך און זאגט מיר: מיידעלע, שטעל שוין אויף דעם סאמאוואר, און שטעל ארויף א גרויסן טאפ אויף דער טרינישקע. דיין בעל הביתטע גייט צו קינד. מיר דארפן א סך וואסער.

דאס קלייטל איז איבערגעפאקט מיט קונים, איז דער בעל הבית טרוד מיט זיי. די קינדער האבן זיך פארשטעקט אין א ווינקל דערשראקענע. דערזעענדיק דעם פחד אין זייערע אויגן האט זיך פארקלעמט דאס הארץ. איך בין צוגעגאנגען צו זיי זיי א גלעט געטאן און זיי בארויקט א ביסל. די קליינע האט אנגעכאפט מיין האנט מיטביידע הענטלעך און מיך ניט אפגעלאזט. זי איז מיר נאכגעגאנגען פוס טריט. מיט יעדן אויסגעשריי וואס ס'האט זיך

דערהערט פון שלאָפצימער האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן און נאָך שטאַרקער זיך איינגעקלאַמערט אין מיר. די ווייַ געשרייען ווערן געפּאַטשטער און שטאַרקער. איך בין אַליין דערשראָקן און ווייס ניט ווי אַזוי צו באַרויקן די צעשראָקענע קינדער.

די קליינע האָט זיך אַ ריס געטאָן, צוגעלאָפן צו דער פאַרנאַכטער טיר צו דער קלייט און געהייסן זי צו עפענען. וואָס ווילסטו דאָעלע? איך וויל זאָגן מיין טאַטן ער זאָל זיך אַנעמען פאַר מיין מאַמען, ניט לאָזן קיינעם זי שלאָגן. אַזוי האָט זי קוים אַרויסגערערט אַ פאַרטרעטער. די טיר פון שלאָפצימער האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעפּראַלט (פון ווינט ווייזט אויס) און ס׳האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ בילד וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַ נפשל האַלב אויף אונדזער וועלט שוין און האַלב נאָך אין דער מוטערס אינגעווייד.די געווינערין האָט זיך געריסן אויף די העכסט קולות.

ס׳איז נתגלה געוואָרן פאַר מיר אַ גרויסער סוד און אַ ״גרויסער נס״. איך בין דורכגענומען געוואָרן פון אַ פריידיק געפיל וואָס האָט מיך אינגאַנצן אויפגעטרייסלט. איך בין שוין דעם 14טע יאָר, איך וואָלט שוין געמעגט עפּעס וויסן. אָבער כ׳האָב קיין שום אַנונג ניט געהאַט. ביי מיר אין דער היים האָט קיינער קיינמאָל ניט דערמאָנט און ניט גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן.

שוועבער מיר זיך צו קאָנצענטרירן אויף דעם וואָס איך דאַרף טאָן. איך האַלט שטייף רינהלעס הענטעלע, און נויטיק זיך גאָר שטאַרק אין דעם אַז עמעצער זאָל האַלטן מיין האַנט... פּלוצעם האָב איך דערהערט אַ צעבייזערט קול פון דער פרוי, ווו ביסטו מיידעלע? האָסט זיך געלייגט שלאָפן?

ניין, ניין! וואָס ווילט איר זאָל איך טאָן?

ברענג אַהער האַנטעכער פון שאַפקעלע און גיי ניט אַרום ווי אין הינערפלעט. כ׳האָב זיך זייער פאַרשעמט. זי האָט מיך ממש געכאַפּט ביי דער האַנט: איך האַלט אין איין טראַכטן וועגן דעם ערשט געשעעניש. איך פיל זיך ווי אַן עדות צו אַ גרויסער געשעעניש.

פלוצעם האט זיך דערהערט א געוויין פון אן עופעלע.

און א פאר מינוט שפעטער האט די באבע מיך א רוף געטאן: מיידעלע, גיי אריין אין קלייט און זאג אן דאמנעלי ברענער אז ער איז א טאטע פון נאך א זון.

איך בין געלאפן א צעהאלעשעטע פּייל פון בויגן און אויסגעשריגן אויף א הויך קול: דאמנעלי ברענער — איר זיינט א טאטע פון נאך א זון — די עטלעבע קונים אין קלייט האבן אויסגעשאסן מיט א געלעכטער און געקוקט אויף מיר ווי אויף א בייז ווונדער.

כ׳האב זיך זייער פארשעמט. כ׳בין געבליבן שטיין מיט אן אפן מויל ניט גערירט זיך פון ארט. דער בעל הבית האט מיך גערטאטעוועט מיטן זאג צו מיר: גיי איטעלע אין שטוב אריין מ׳דארף דיך דארט אפשר האבן. איך בין באלד ארויס, אבער דאס געלעכטער וואס האט מיך אזוי מבייש געווען איז מיר נאכגעגאנגען, זיך געקייקלט נאך מיר און געהאלטן אין איין מבזה זיין מיך...

מיט אמאל האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר פון קלייט, דער בעל הבית האט מיר געהייסן זאגן אז די קלייט איז פארמאכט. כ׳האב אזוי געטאן. אבער די פרוי איז בײַשטאנען אויף אירן אז דער בעל־הבית האט איר פארגעסן צו געבן די פייגן פאר וועלכע זי האט שוין אפילו באצאלט. מיך האט אינטריגירט דער ענין, כ׳האב קיינמאל אין מיין לעבן קיין פייג ניט געזען אבער געהערט האב איך אז אין ארץ ישראל וואקסן פייגן. אז חמישה עשר בשבט עסן קינדער פייגן אפילו אין גלות. האב זיך פארגעשטעלט אז די פייג איז די שענסטע און באטעמסטע פרוכט אין דער וועלט און כ׳האב געעפנט די טיר האט די פרוי א זאג געטאן: דארפסט ניט מטריח זיין ברענערן, ער האט איצט וויכטיקערע זאכן אויפן קאפ ווי די 5 פייגן.

זי האט זיך אויפגעשטעלט אראפגענומען א קרענצל מיט אויפגעסיליעטע פייגן ווי קליינע בייגעלעך און צוריקגעהאנגען דאס קרענצל.

כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אין זיי, אַז דאָס זײַנען עס די פּייגן װעגן װעלכע כ׳האָב געטראַכט. און געחלומט? ניט צו גלויבן.

דער טאָג אָן אָנגעפּיקעװעטער מיט אַזוי פיל געשעענישן – איז די פּײַגן אַנטוישונג געװאָרן בטל בשישים.

# דודיע עסלס

די קימפעטאָרין איז שוין צוריק אין קלייט, דאָס עופעלע האָט שוין באַוויזן זיך איינצובירגערן און די הערצער פֿון יעדן איינעם פֿון אונדז. דער עיקר טאַקע אין מײַן האַרץ.

ווען כ׳טו אַ קוק אויפֿן קליינעם מענטשעלע, לעב איך אויפֿסניי איבער דעם וווּנדער, דעם נס פֿון זײַן קומען אויף דער וועלט.

גרינגער איז מיר אָבער ניט געוואָרן. צו אַלע מײַנע שטוב אַרבעטן איז מיר צוגעקומען יעדן טאָג אַ מולטער מיט ווינדעלעך צו וואַשן. דערצו נאָך האָט דאָס דרײַ יאָריק מיידעלע זיך אַזוי אײַנגענורעט אין מיר, מיך ניט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע, דאָס האָט באַשווערט מײַן טאָג. אין אָוונט בין איך אומגעפֿאַלן אַ טויט־מידע.

מײַן גוטע בעל הביתטע האָט זיך אָפּגערופֿן, הער זיך אײַן איטע, כ׳ווייס אַז ס׳איז שווער פֿאַר דײַנע שמאָלע קינדערישע אַקסלען צו טראָגן אַזאַ משא. דאַרפֿסט האָבן באַטש אַ ביסל פֿרײַע צײַט זיך צו באַגעגענען און פֿאַרברענגען מיט מיידעלעך פֿון דײַן עלטער.

איך קען דאָך אָבער קיינעם ניט אחוץ אסתּרלען, און אסתּרל איז דאָך מער ניטאָ. יאָ, כ׳ווייס, האָט מאַטל אַ זאָג געטאָן, כ׳ווייס אָבער אויך אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ משפּחה פֿון דײַן שטעטל דו קענסט זיי אַוודאי. דודיע עסלס מיט זײַן פֿרוי פֿייגע, מיט אַלע קינדער. דערווײַל היטן זיי זיך פֿון אַ גוט אויג... דאָס זײַנען דאָך שכנים אונדזערע. זיי האָבן אַוודאי אַ גרוס צו דיר. כ׳האָב זיך שוין געלאָזט לויפֿן אָבער מאַטל האָט מיך אָפּגעשטעלט. ווּהין לויפֿסטו? ווייסט דאָך אַפֿילו ניט ווו זיי וווינען. קום וועל איך דיר אויסמאָלן. ס׳איז נאָר אַ פּאָר קוואַרטאַלן פֿון דאַנעט.

ניט געקוקט אויף דער געאגראפישער נאענטקייט אונדזערער, זיינען מיר געווען ווייט איינע פון די אנדערע.

מיין פעטער אהרן, מיין באבעס יינגסטער ברודער וועלכער האט פארלוירן א פוס אין דער מלחמה און געגאנגען אויף קוליעס, און ר׳ דודיע זיינען געווארן שותפים צו א פלאנטאציע פון טאבאק. ר׳ דודיע איז געווען דער ראש פון דער אונטערנעמונג ניט געקוקט אויף דעם וואס ער האט די פלאנטאציע קיינמאל ניט געזען. מיין פעטער איז געווען דער הויפט פארוואלטער פון געשעפט, יאנקל מיט חיימען די צוויי עלטערע יינגלעך ר׳ דודיעס האבן אויסגעפירט אינסטרוקציעס. דאס געשעפט האט געארבעט.

יעדן פארטאג פלעגט זיך צונויפקלייבן די אוקראינישע ארבעטעארינס לעבן אונטערשטן אריינגאנג פון ר׳ דודס שטוב, אונטער אונדזערע פענצטער, און יאנקל מיט חיימען האבן זיי אוועקגעפירט אין פעלד אריין צו דער ארבעט.

איינמאל אין א הונגעריקן אינדערפרי איז די מומע (אונדזער שטיפמאמע) ארויסגעקומען מיט אזא המצאה:

היות ווי דער דלות שאלטעוועט איבער אונדז, און מיר הונגערן, וואלט כדאי געווען אז ארקע מיט איטען זאלן זיך ווענדן צום פעטער אהרן אז ער זאל זיי ארייננעמען צו דער ארבעט. וועלן מיר זיין פארזארגט לכל הפחות מיט ברויט.

נאך א לאנגען שטילשוויַיגן האט דער טאטע זיך אפגערופן: חיה, דו האסט געזען באטש איין יידיש קינד צווישן די שיקסעס? ניין, האט די מומע געענטפערט. אבער אויך צוליב דער אייגענער סיבה. מ׳שעמט זיך מיט ארבעט, און איך זאג אז הונגער איז א שאנדע, ניט די ארבעט. נאר דער הונגער איז א שאנדע.

צוליב דודיע עסלס מוח איך זיך אומקערן צוריק אין מיין שטעטעלע. א סך פעדים פון מיינע קינדערשע יארן בינדן מיך מיט אים און מיט זיין משפחה.

ראשית איז ער, ר׳ דודיע, געווען א שכן אונדזערער. ער האט

געוווינט פאַרנט מיטן פּנים צום מאַרק, און מיר פון אונטן מיט פּנים צום קלויסטער.

ר׳ דודיע איז געווען אַ מענטש וואָס קוים מ׳האָט אים געזען איינמאָל אַפּילו, האָט מען אים שוין ניט פאַרגעסן. כ׳האָב ר׳ דודיען קיינמאָל ניט געזען שטיין, אָדער גיין. ער איז שטענדיק געזעסן אויף אַ בענקל אויף דער פריזבע זומערצייט. ר׳ דודיע איז געווען געליימט (פּאַראַליזירט) אויפן גאַנצן אונטערשטן טייל פון קערפּער.

די האַרב פון זיין פּנים אַליוו־מאַטעווע, איינגעראַמט אין אַ פּעך שוואַרצער באָרד און פאות, אַ הויכער שטערן, איידעלע שטריכן, דער עיקר אָבער זיינען די אויגן זיינע.

כ׳פלעג זיך באַמיען צוריקהאַלטן פון קוקן בסדר אויף זיינע צעשטראַלטע אויגן, ס׳האָט זיך מיר אָבער ניט איינגעגעבן.

כ׳זע זיינע קויל־שוואַרצע ווייכע, וואַרעמע אויגן ווי נאָר ער קומט מיר אויף די געדאַנקען. מיט ר׳ דודיען האָט מען זיך גערעכנט אין שטעטל. ער איז געווען אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם. מ׳איז צו אים געקומען זיך האַלטן אַן עצה, פאַר אַ בוררות, מיט איין וואָרט דאָס שטעטל האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך ארץ און אפשיי.

איך שטעל מיר פאָר אויף וויפל דאָס שטעטל איז ליידיקער און אָרעמער געוואָרן מיטן פאַרלאָזן פון דער משפּחה.

די יוגנט ציט זיך צו די גרעסערע שטעט וואָס לאָקן מיטן צוזאָג אויף בילדונג און אַרבעט. די עלטערע, דאָס רוב קרעמער, דאָרף־גייער, אַנטלויפן פון שטעטל ווו די אויגן טראָגן, מיט איין וואָרט – דאָס שטעטל, ווי אַ סך רערבייקע שטעטלעך, ליידיקט זיך אויס.

איך בין צופרידן, זייער צופרידן וואָס די משפּחה איז דאָ און איך קען זיך צו איר צוטוליען.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האָבן געוווינט בשכנות, איז ניט געווען קיין נאָענטער קאָנטאַקט צווישן אונדזערע משפּחות. ר׳ דודיעס משפּחה איז געווען אַן איינגעפונדעוועטע אַן אָנגעזעענע, אונדזערע נאָך אַ ייִנגערע. זייער ייִנגסטע טאָכטער, פריידע, די עלטעסטע פון די קינדער, איז געווען אין מיינע יאָרן – אַ ביסל

עלטער אפשר נאָך אַ ביסל עלטער. מײַן טאַטע איז געווען אַ פּשוטער ייִד, ניט קיין גרויסער לערנער, און ניט קיין קלײנער קבצן. דערצו נאָך אויף ווי ווײַט איך געדענק איז מײַן טאַטע געווען אין באַהעלטעניש — איך וועל ניט גיין דינען, און אפשר געבן ס׳לעבן פאַר פאַניע גנב — האָט ער זיך ״געמאַכט אַן אויער״. ס׳האָט ניט געהאָלפן און מ׳האָט אים סײַ ווי אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. איז ער געוואָרן ״אַ האָז״ און זיך אויסבאַהאַלטן. ערשט פאַר קערענסקין איז ער אַרויס פון באַהעלטניש און דערקלערט: פאַר פאַניע חזיר טאָקע נישט, אָבער אַז קערענסקי רופט וועל איך זיך ניט אויסבאַהאַלטן — און ער איז טאָקע אַוועק אין דער אַרמיי. אונדזער שטוב איז זיך צעפאַלן נאָך דער מאַמעס טויט. מיר קינדער זײַנען צעטיילט געוואָרן צווישן די באָבע־זיידעס. מיטן טאַטנס אַוועקגיין אין דער אַרמיי איז געוואָרן נאָך ערגער, נאָך אומזיכערער.

בײַ ר׳ דודיען איז געווען אַ סטאַבילע אײַנגעפונדעוועטע בעל־הבתישקייט. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אין דער באַנעמונג, אין דער אויפפירונג פון יעדן קינד.

# דודיע עסלס נומער צוויי

פון אָנהייב פּלעגן מיר זיך היטן אַז מ׳זאָל חלילה זיך ניט דערוויסן פון דעם "עסק־ביש" אונדזערן, מיט דער צייט אָבער האָבן מיר איינגעזען אַז ס׳איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען און מיר האָבן אויפגעהערט זיך באַהאַלטן און גערעדט אָפן פאַר אונדזערע חטאים און ניט אַן שטאָלץ אפילו. כלומר: מיר זיינען שוין דערוואַקסענע און פאַרדינען שוין אַליין אויף אונדזער אויסקומעניש.

נאָר דער טאַטע אונדזערער איז געוואָר נאָך מער אַ שווייגער, נאָך מער אַרייַנגעצויגן אין זיך. אויף דער מומעס באַמערקונג אַז די קינדער אַליין זיינען אויך צופרידענער ווי איידער זיי האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, שוין אָפּגערעדט פון דעם אַז אויך מיר, אין זייער זכות, הונגערן ניט מער.

דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן ווי פאַר זיך אַליין, אַז ווייַ איז צו די אויערן וואָס הערן דאָס.

קינדער פון זייער עלטער וואָס זייער אָרט איז דאָס חדר צי שול, זאָלן גאָר דאַרפן מפרנס זיין דעם טאַטן מיט זיין הויזגעזינד. יאָ מענדל, מעגסט זיך איבערנעמען, דו האָסט באַוויזן צו בייטן דעם סדר היום, אים שטעלן מיט קאָפּ אַראָפּ.

דער פעטער אהרן האָט געהאַלטן אין אויג אויף אונדז, דער עיקר טאַקע אויף מיר. ס׳האָט זיך געשטעלט אַ צעגליטער זומערדיקער טאָג, איז דער פעטער אַרויסגעקומען אין פעלד און האָט מיך צוגענומען פון דער אַרבעט, מיך אַרייַנגעפירט אין "סטאַדאָלע" ווו ס׳זיינען געשטאַנען קוישן מיט טוטין בלעטער, ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי זיי אויסצולייגן איינס אויפן אַנדערן ס׳זאָל זיך באַקומען אַ לאַנגע שורה, דערנאָך איינדעקן מיט אַ שטרויענער

וואדעטע. די בלעטערווארעמען זיך אויס ווערן געל און צייטיק, אין עטלעכע טעג ארום ווען מ׳דעקט זיי אפ באווייזן זיך שורות זון־שטראלן א ליכטיק געלע פארב. כ׳קען שווערן אז זיי באלויכטן דעם טונקעלן שטויביקן קאמער. ס׳איז מיר גארניט שלעכט צו זיצן אין דער קילקייט און שמעקן דעם מתיהדיקן ריח פון דער אפגעצעצנטער שורה טוטין. א סך בעסער ווי ארומצוקריכן איינגעבויגן צווישן די בייטן. די זון פאליעט, דאס אנטועכץ קלעפט זיך פונעם שווייס.

ס׳איז מיר טאקע גוט, אבער איך בענק ווייער נאך מיין ברודער, ווען ארקע זאל דא זיין מיט מיר וואלט מיר געווען גוט ווי די וועלט.

דער פעטער איז אוועק צוריק אין פעלד. איך זיץ און טו מיין ארבעט. ס׳איז שטיל אחוץ די גרילן הערט מען קיין שארך ניט.

איך ווייס ניט ווען און אויף ווי לאנג כ׳בין אנטשלאפן געווארן.

אויפגעוועקט האט מיך דער מאנאטאנער קלאפ פון פעטערס הילצערנעם פוס אויף די שטיינער צום אריינגאנג אין קאמער.

ווען כ׳האב דערזען דעם פעטער שטיין איבער מיר, ליג איך אן אויסגעצויגענע אויף דער ערד לעבן דער טוטין שורה. האב איך זיך אזוי פארשעמט אז יעדער האר־ווארצל אויף מיין קאפ האט מיך געשטאכן, כ׳האב זיך אינגאנצן באגאסן מיט בושה.

דער פעטער האט א זאג געטאן: שלאף, שלאף איטעלע, די היץ מאכט שלעפעריק.

כ׳האב זיך באלד געכאפט צו דער ארבעט. ניט אויפגעהויבן די אויגן אפילו. דער פעטער האט גענומען מיר דערציילן אז ערשט נעכטן ויצנדיק איבער דיינע חשבונות־פאפירן, איז ער איינגעשלאפן. ווען ניט דאס צעבילן זיך פון א הונט, וואלט ער געווען געשלאפן ווער ווייסט ווי לאנג. ס׳האט מיר אבער נישט באנג געטאן, האט דער פעטער געזאגט, ווייל נאך א דרעמל ארבעט זיך גאר בעסער.

כ׳האב פארשטאנען מיין פעטערס גוטע כוונה. ס׳האט מיר אבער ניט געהאלפן, כ׳האב געפילט אז כ׳האב דעם עקזאמען ניט אויסגעהאלטן.

ביי ר׳ דוריען האָב איך זיך איינגעבירגערט. אַלע האָבן מיך באַהאַנדלט ווי אַן אייגענע חוץ פריידין, אַ מיידעלע נאָענט צו מיין עלטער. פון איר האָב איך קיין איבעריקע פריינטשאַפט ניט געפילט. כ׳האָב זייער געגאַרט צו זיין נאָענט צו איר. כ׳בין געווען מיט איר אדרבא ואדרבא, און זי מיט מיר קידער־ווידער.

דאָך פלעגן מיר אין איינעם שפּאַצירן שבת אויף דער טאַליקע, און זי פלעג מיר זאָגן מוסר מיט גראַם.

פאַר וואָס באַקענסטו זיך ניט מיט שמואלקן? ער וווינט די צווייטע טיר פון דיר. ווען איך בין אויף דיין אָרט וואָלט איך אים שוין לאַנג געקענט, און ער וואָלט שוין שפּאַצירט מיט מיר דאָ אויף דער טאַליקע.

כ׳האָב איר צוגעזאָגט אַז כ׳וועל זיך באַמיען מיט אים זיך צו באַקענען. אָבער ווי קען איך דאָס טאָן, אַז אַ גאַנצע וואָך בין איך פאַרנומען אין שטוב מיט די קינדער און ער גייט אין דער גימנאַזיע.

שבת גייט ער מיט זיין פאָטער אין שול, און איך גיי צו אייך.

— אַז מ׳וויל קען מען — זאָגט פריידע, דאַרפסט נאָר וועלן.

כ׳האָב נאָך אַ מאָל צוגעזאָגט און פאַרזיכערט אַז כ׳וועל זיך סטאַרען טאָן וואָס זי וויל. פריידע איז אַ גוטע, נאָר מיך, ווייזט אויס, האָט זי פשוט ניט ליב.

זי האַלט אַז איך באַגיי זיך נאָך ווי אַ קינד ניט ווי אַ "באַדראַסטקע". זי אַליין טראָגט שוין העבערע אָפּצאַסן, זי פּודערט זיך שוין. איך בין נאָך אַלץ אַ סטורעניצער, אַ קליינשטלדיקע.

איז מיר טאַקע זייער פריקרע און אסתּרל פעלט מיר נאָך מער אויס. ווייל מיט איר האָב איך קיין שווערקייטן ניט געהאַט. שוין אַ פאָר מאָל זיך געלאָזט גיין צו דער מומע עניען, געוואָלט זען שיינדלען און זיך אומגעקערט. ניט געהאַט גענוג מוט און ניט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרענטפערן מיין דעזערטירן זי. כ׳האָב אַזוי געוואָלט אַז זי זאָל וויסן אַז אויך איך בענק נאָך אסתּרלען בייטאָג און ביינאַכט.

# ר׳ אַברהם

מײַן מומע עניע האָט באַפֿוילן מיט מײַן בעל הביתטע, איך זאָל נישט קומען צו זיי. זי וועט זיך אַריבערכאַפּן מיך זעען.

די שטימונג, די סביבה איז ניט פֿאַר מיר.

איין אָוונט זאָגט ר׳ דודיע: ס׳קומט צו אונדז דײַן מומע רחלס פֿאָטער, דו געדענקסט ר׳ אַברהמען? אַ שיינער ייִד, אַ ייִד אַ בן תורה. אַז וועסט זיך פֿאַרהאַלטן וועסטו אים זען.

זיץ איך מיט פֿריידען אין צווייטן חדר און וואַרטן. נוצט פֿריידע אויס די געלעגנהייט און לערנט מיך ווי אַזוי מ׳וווערט "אַ באַרישניע", ניט בלײַבן אַ סטודעניצער שעמעוודיק מיידעלע.

וואַרט ניט ביז ער וועט דיך פֿאַרטשעפּן, דו זעסט אים זיצן אויפֿן גאַניק מיט אַ ביבל, זאָגט מען "זדראַסטוי" — ס׳מוז זײַן זייער אַן אינטערעסאַנט בוך וואָס האַלט אַזוי אייער גאַנצע "וונימאַניע". — וועט ער דאָך אויך עפּעס זאָגן, אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט. לאָזטו אים וויסן אַז אויף מאָרגן שבת, קלײַבסטו זיך גיין גוליאַיען אויף דער טאַלעקע מיט אַ חברטע — באַטש ביידע ווייסן מיר נאָך דערווײַל ניט ווי אַזוי מ׳קומט אַהין, ווײַל מיר זײַנען ביידע ניט קיין "זריעשנע".

ס׳איז דאָך אַבער אַ ליגן — זאָג איך, מיר ווייסן דאָך ווו די טאַליקע איז. נו אַז אַ ליגן איז וואָס? וועט ווערן אַ לאָך אין הימל?! ענטפֿערט מיר פֿריידע, און קוקט אויף מיר מיט חוזק. לייגט צו אַ פֿינגער צו די ליפּן און דרייט זיך הין און צוריק. — איך שעם זיך. כ׳האָב געפֿילט ווי מ׳וואָלט מיר אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ.

גערעטעוועט האָט מיך ר׳ דודיעס רוף: פֿריידע קום אַהער, דו אויך איטע. ער האָט אַ בייזער אַ קוק געטאָן אויף זײַן טאָכטער און

א זאג געטאָן: כ׳האָב גאָר ניט געוווּסט אַז ביסט מיט אַ מאָל געוואָרן די גאַנצע באַרישניע. ווער איז עס דיין אוטשיטעל וואָס האָט דיך אויסגעלערנט די פוילע שטיקעלעך? און דו ביסט שוין גרייט איבער צוגעבן די תּורה דײַנע צו איטען!

פריידע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און האָט אויסגעזען ווי אַ קליין מיידעלע, ניט ווי די באַרישניע וואָס זי איז ערשט געווען. ר׳ דודיע האָט זיך ערשט פאַרקאַטשעט אויסצומוסרן זיין טאָכטער, און אפשר מיך אויך, אָבער ר׳ אַברהמס אַריינקומען האָט אים איבער געשלאָגן די רייד.

ר׳ אַברהם, נאָכן אָפּגעבן שלום ר׳ דודיען און נאָכן נאָכפרעגן זיך אויף דער משפּחה, האָט זיך אויך באַקענט מיט מיר, זיין איידעמס ברודערס טאָכטער.

— כ׳האָב גאָרניט געוווּסט אַז מענדל און זיין פאַמיליע זיינען שוין אויך דאָ.

— ניין, ניט מענדל מיט זיין פאַמיליע נאָר דאָס מיידעלע אַליין, איטע הייסט זי. זי וויל זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, דערווייל איז זי שוין דאָ עטלעכע חדשים.

— אַליין זאָגט איר ר׳ דודיע?

— יאָ איינע אַליין.

— ווי אַזוי זשע איז זי זיך מפרנס?

— זי טוט אַלץ וואָס ס׳לאָזט זיך, צו פאַרדינען איר שטיקל ברויט, אַ לייטיש קינד. איצט העלפט זי אַרויס איין משפּחה מיט שטוב אַרבעט.

זייער ריידן וועגן מיר ווי איך וואָלט ניט געווען דערביי, איך פיל זיך אומהיימלעך און פאַרלוירן ב׳וואָלט אַזוי געוואָלט אַרויס פון דאַנעט ווי פריידע האָט עס געטאָן, אָבער ס׳פעלט מיר מוט.

דווקא לויבט מיך ר׳ דודיע אין הימל אַריין:

— זי קען ס׳גאַנצע בענטשן אויף אויסנווייניק, דעם "אדון עולם" זינגט זי אויס שענער ווי דער חזן דער סטודעניצער — דאַרף מען זיין אַ בן־תּורה? מענדל, אַ פּשוטער ייד וואָס חוץ אַ קאַפּיטל

תהילים, א פרשה חומש, ווייס איך אפילו ניט צי איז ער א מאל מעיין אין עפעס. האט דווקא דיין מיידעלע, די נטיה און דעם רצון צו קענען און וויסן אלץ וואס מ׳דערוואַרט אפילו ניט פון איר.

איך שטיי, רויטל זיך, און וויל זייער אנטלויפן פון דאנעט נאר די פיס זיינען צוגעקלעפט צו דער פאדלאגע.

— בדרך כלל ווייסן מיר אז חינוך איז דער עיקר, האט ר׳ אברהם זיך אנגערופן, אבער ראשית כל איז מזל. און מענדל ווייזט אויס איז א בעל־מזל.

איך האב אנגעהויבן טראכטן וועגן פארן, זיך צוריקן נעענטער צו בוקארעשט. אין נאוויסעליץ וווינט מיין פאטערס שוועסטער מרים. נאוועסעליץ איז נאענט צו טשערנאוויץ און פון דארט איז שוין א קאצנשפרונג קיין בוקארעשט.

ווען כ׳האב פארטרויט ר׳ דוידען מיין פלאן איז ער מסכים געווען מיט מיר. "דו מוזט אבער האבן א ביסל געלט זיך דורכצולעבן די ערשטע צייט. כ׳האב געהערט" – זאגט ער ווייטער – "אז ס׳איז געקומען א דעלעגאט פון אמעריקע. ר׳ אברהם איז געגאנגען זיך זען מיט אים, וועלן מיר הערן, אפשר וועט ער קענען דיר ארויסהעלפן, און אפשר קען ער גאר דיין פעטער, דו ווייסט אז דו האסט א פעטער אין נעוויארק, נפתלי הייסט ער, דיין טאטנס א לייבלעבער ברודער, אפשר ווייסט דער דעלעגאט עפעס פון אים. וועלן מיר שוין הערן וואס ער האט צו זאגן".

דער גרוס וואס ר׳ אברהם האט געבראכט איז: ער קען נפתלי פאסמאן. ער האט אים אפילו מיטגעגעבן 20 דאלאר ער זאל עס איבערגעבן פאר דעם פון דער משפחה וואס נויטיקט זיך צום שטארקסטן.

נאך ר׳ דודיעס מיינונג האב איך געדארפט קריגן דאס געלט, ס׳וואלט מעגלעך געמאכט איך זאל זיך דערשלאגן קיין בוקארעשט.

ר׳ אברהם האט אבער געטענהט אז דאס געלט האלט ער פאר

זיין טאכטער מיט איר משפחה. ס׳גייט אן א שארפער וויכוח צווישן זיי.

ר׳ דודיעס טענהט ניט אן רוגזה: ס׳טייטש, היתכן ווי איז עס געהערט געווארן! יענער האט בפירוש אנגעזאגט אז דאס געלט איז פאר דעם פון דער משפחה, וועלכער נויטיקט זיך אמערסטן. נו זאגט אליין ר׳ אברהם, ווער נויטיקט זיך מער ווי א קינד (א מיידל נאך דערצו) איינע אליין אין דער פרעמד אן א קרוב אן א פריינד?

— אמת טאקע, האט ר׳ אברהם געענטפערט, איך ווייס דאס אלץ, איך ווייס אבער ניט אין וואס פאר א מצב מיין טאכטער מיט איר הויזגעזינד געפינען זיך. אפשר וועט מען דארפן שמירן די קאנטרבאנשטשיקעס אריבערצוברענגען זיי אהער. איך מוז האלטן דאס געלט פאר זיי! האט ער א צערייצטער א זאג געטאן.

ר׳ דודיעס ענטפער איז געווען: ר׳ אברהם, איטע וועט אייך רופן צו א דין תורה! ר׳ אברהם איז ארויס פון שטוב אן א גוטן טאג.

— הער זיך איין איטע, אזוי גיך ווי מיר וועלן מיט גאטס הילף קומען אהיים בשלום פון אונדזער נסיעה וועסטו רופן ר׳ אברהמען צו א דין תורה. דו וועסט אם ירצה השם געווינען.

ר׳ דודיע מיט באבען זיינען אויף מארגן אוועקגעפארן אין א קורארט וווהין דער דאקטער האט געשיקט אויף ווארעמע בעדער, א רפואה פאר זיין געזונט.

איך האב שוין געחלומט אז אט אט ווער איך געהאלפן, און ארויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן אויף ר׳ דודיעס צוריקקומען. כ׳האב געבענקט נאך אים. ער איז מיר געווארן אן אנשפאר, א בעל־יועץ.

אין צוויי טעג נאך זייער אוועקפארן איז אנגעקומען א וויסטע ידיעה אז ר׳ דודיע איז נפטר געווארן. מיין וועלט האט זיך איינגעבראכן. כ׳האב דאס ערשטע מאל דערפילט אז כ׳קען מער ניט.

דער ערשטער קלאפ איז געשען דער פלוצמידיקע טויט דעם פעטער דודיעס. דער פלאן איז צעריסן געווארן.

אסתרלס טויט האָט מיך אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, איך בין אויפסניי פאַריתומט געוואָרן.

אין ר׳ דודיען האָב איך זיך געהאַלטן, זיך צו אים געטוליעט, אַרויסגעקוקט אויף זיין הילף צו איבערצייגן ר׳ אַבּרהמען אַז ער זאָל מיר העלפן קומען צו אַ תּכלית.

נו איצט בין איך שוין ווידער איינע אַליין.

# דער קאָנווערט

ס׳איז נאָך זייער פרי, אַלע שלאָפן. אויך מיין גוטע בעל־הביתטע, נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַמיט מיך צו באַרויקן, שלאָפט שוין.

פון מיר האָט זיך אָבער דער שלאָף אָפּגעטאָן, כ׳האָב זיך איבערגעדענקט מיט דער קאַלדרע, ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן.

ווען ס׳האָט ענדלעך גענומען שאַריען אויף טאָג איז מיר גרינגער געוואָרן, אויף אַזוי פיל גרינגער, אַז כ׳האָב אַזש אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און זיך באַוואָשן מיט טרערן.

מיטן וועקן זיך פון די קינדער האָב איך זיך דערפריייט ווי מיט אַ גוטער בשורה אויף וועלכער מ׳קוקט אַרויס מיט צאַפּל, און דערוואַרטונג.

אויך די געגאַרטע בשורה איז אָנגעקומען. מיין מומע עניע האָט זיך באַוויזן מיט אַ בריוול פון בוקאַרעשט, אַז פון בראַזיל איז אָנגעקומען געלט פאַר איטע פאַסמאַן. בפירוש, איטע פאַסמאַן אויפן קאָנווערט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַז איך זע מיין נאָמען אויף אַ קאָנווערט אַדרעסירט צו מיר. שוואַרץ אויף ווייס. ס׳האָט מיט אַ מאָל אויפגעריורן אין מיר אַזאַ פרייד אַז כ׳האָב געוואָלט אַלעמען אַרומנעמען און קושן.

דער קאָנווערט האָט אָפּגערוקט די בייינאַכטיקע שווערע איבערלעבונג מיינע. איך בין געוואָרן צוריק אַ 14־יאָריקע אָנגעפילט מיט פרייד.

די בעל־הביתטע מיינע גאַפט — וואָס פאַר אַ חילוק, וואָס פאַר אַן איבערבייט אין איר פון איין שעה צו דער אַנדערער. זי האָט דאָך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן רעם חלום אירן פון דער נאַכט. זי

דערציילט דער מומען מיין בייגאכטיקן קאשמאר. איך הער אויך, אבער ס׳דירדט מיך ניט אינגאנצן אן, מ׳וואלט רעדן וועגן עפעס אן עמעצן וואס האט צו מיר לחלוטין קיין שייכות ניט.

וואס איז דאס חידוש? ענטפערט מיין מומע עניע.

די פאוועסטקע מיטן געלט וועלן זי דאך ברענגען נעענטער צום ציל צוליב וועלכן זי האט זיך ארויסגעלאזט אין דער פרעמד אליין.

איך האב דאס אלץ אויסגעהערט. זיי, די ליבע ווייבער, פארזעען דעם סאמע עיקר. ניט דאס געלט, ניט דער ציל האט מיך אזוי דערפרייט, דער קאנווערט מיט מיין נאמען "איטע פאסמאן" האט מיך דערהויבן, מיר געגעבן חשיבות אין מיינע אייגענע אויגן. איך בין ניט מער דאס דינסטמיידעלע אויף וועלכער מענטשן (דווקא גוטע מענטשן) גיבן א שאקל מיטן קאפ באגלייט מיט א זיפץ פול מיט רחמנות, פון וואס מיין קאפ האט זיך שטענדיק אראפגעבויגן און די אויגן אראפגעלאזט.

איצט בין איך איטע פאסמאן, די וועמען ס׳האט זיך געטראגן א בריוו, א קאנווערט פון דער ווייטער וועלט צו מיר.

נו איטעלע, האט מיין מומע א זאג געטאן, איצט אז דו האסט שוין דאס געלט, וועסט נאך אפנעמען די 5 זילבערנע רובל וועסטו שוין האבן גענוג, דו מעגסט זיך שוין גרייטן אין וועג אריין.

איך בין באלד פיל פון בויגן אוועק צו פייגע דודיע עסלס, אנזאגן די גוטע בשורה, און אפנעמען די 5 זילבערנע רובל דער מומע זעלדעס. די בשורה האב איך טאקע אנגעזאגט, אבער דאס געלט האב איך מער ניט געזען. פייגע האט מיר דערקלערט אז עמעצער האט עס ווייזט אויס ארויסגענבעט.

איך פיל זיך זייער געטראפן. ראשית: דער שאדן אליין, שנית און דאס איז טאקע דער עיקר, איך זע מיין מומע זעלדע מיטן האק־מעסער ארויס גראבנדיק פון אונטערן פריפעטשיק דאס גאנצע פארמעגן אירס:

— נא איטעלע, כ׳וואלט דיר געגעבן מער, נאר דאס איז אלץ

וואס איך פארמאג. — אויף מײַן אפזאגן זיך צו נעמען דאס געלט האָט זי מיר דערקלערט: נעם, נעם עס איטעלע, מיר זײַנען אין דער היים אלע אינאײנעם. דו וועסט זײַן אײנע אלײן, דו וועסט עס מער דארפן ווי מיר דא.

איך זע איר ליב געשטאלט, הער איר ווייך קול און די טרערן ווארגן מיך שוין. איך לויף ארויס פון שטוב און טראכט: דאס זאל באָטש ניט זײַן קיין מניעה, קיין אפהאלט.

מײַן מומע עניע רעדט מיר אויס אז כ׳וועל סײַ ווי האָבן גענוג געלט, דערצו נאָך וועט זי מיר באַזאָרגן א שליטן אין וועלכן ס׳וועלן אירע באַקאַנטע מענטשן מיטפאָרן, וועל איך ניט זײַן אלײן.

בײַ מײַן שכנה דערציילט מיר די מומע, געפינט זיך איר פלימעניק פון ליפקאן. ער האָט איר צוגעזאָגט צו האלטן אן אויג אויף מיר. אזוי ווי ער דארף געשעפטלעך פאָרן קיין נאָוואָסעליץ, קיין טשערנאָוויץ, וועל איך מיטפאָרן מיט אים. איך באַגעגן זיך מיט אים, א יונגער שטאלטענער מאַן. איך שעם זיך פאר אים, אבער צופרידן בין איך, וואָס אין דער באַן אין וועלכער איך וועל זײַן דאס ערשטע מאָל, וועט זיך געפינען א מענטש טאקע ניט קיין נאָענטער, נאָר לכל הפחות עמעצער וועמען כ׳וועל האָבן געזען פאר אונדזער בשותפותדיקער נסיעה.

איך געזעגן זיך שוין מיט אלע, דאס ערגסטע איז די באַגעגעניש מיט שײַנדלען. זי נעמט מיך אַרום, האלט מיך שטארק, זאָגט גאָר ניט, נאָר איר הארץ קלאַפּט אזוי שטארק אז איך וויג זיך ממש אוועק פון איר, און צו איר.

דער ברודער אירער ר׳ אברהם האָט אונדז צעטײלט. — שײַנדל, זי דארף באַלד אוועקפאָרן. זי טאָר ניט פארשפּעטיקן.

מיר האָבן אלע געלאָזט א טרער.

ר׳ אברהם האָט א זאָג געטאָן: איטעלע, דו פילסט אוודאי אז מיר האָבן דיך זייער ליב, מיר וועלן בענקען נאָך דיר, מיר וועלן בעטן גאָט פאר דיר, פאר געזונטהייט און זײַ מצליח.

שיינדל איז נאָך אַמאָל צוגעפֿאַלן צו מיר מיט אַ געיאָמער. דאָס מאָל, פֿאַרגעס ניט אָפּטרקען, זי האָט דיך אַזוי ליב געהאַט.

ווי קען איך זי פֿאַרגעסן? איך בענק נאָך איר יעדע שעה, בייטאָג און ביינאַכט.

די מומע עניע האָט מיר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין עטלעכע לעי. איך בין אַרויס אַ צעפּאַליעטע, אַ פֿאַרטרערטע, זיך געזעגנט מיט מיינע בעלי־בתּים מיט די קינדער, און הגם די דריי יעריקע האָט מיך ניט אייניקע מאָל שווערער געמאַכט מיין טאָג מיט איר קלעפּן צו מיר ניט אָפּלאָזנדיק מיך אויף אַ רגע, האָב איך זי ליב געהאַט דאָס לעבן, זי האַלט זיך אָן אין מיין קליידל, מיט אויסגעשטאַרצטע אייגעלעך און ווייסט ניט וואָס ס׳קומט פֿאָר. אַז איך נעם זי אַרום און די מוטער דערקלערט איר אַז איך פֿאָר אַוועק, איז זי זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין. — איך וויל ניט זאָלסט אַוועקפֿאָרן.

נו, איך זיץ שוין אויפֿן שליטן. קיינער באַגלייט מיך ניט, מ׳האָט מורא פֿאַר אַן עין הרע. פֿאַר אַנדראַניקן וועלכער זוכט קרבנות פֿון וועמען צו קריגן אין דער יד אַריין. אַניט וועט ער לאָזן ווייסן ווו מ׳דאַרף. וועגן דעם אַז ס׳געפֿינט זיך אַ שונא, אַ באַלשעוויק, אַ ניט געווינטשטער גאַסט פֿון יענער זייט דניעסטער וואָס קען חלילה שלעכטס טאָן דער מלוכה.

מיר שליטלען זיך שוין. דער שניי שימערירט און שווינדלט אין די אויגן, ס׳איז אָבער איינגענעם, פֿריש כּאַטש פּראַסטיק. דער בעל־השליטן האָט מיר איינגעדעקט די פֿיס מיט אַ בורקע. אויך די מיטפֿאָרער זיינען פֿריינדלעך צו מיר. זיי ווייסן אַוודאי אַז איך בין טריף שבטריף אָבער מ׳מאַכט זיך ניט וויסנדיק. "ס׳איז מיר גוט, איך בין אַ יתום".

ניט לאַנג אָבער האַלט אָן די שטימונג, באַלד טויכן אויף די לעצטע פֿרישע זכרונות מיינע, די לעצטע חדשים אין בריטשאַן.

די פֿאַרבינדונגען, די גוטסקייטן, וואָס האָבן געלינדערט מיינע

יסורים. די ליבשאַפּטן וואָס איך וועל טראָגן אין האַרץ ביז זיך עד סוף כל הימים. אָבער אויך דאָס רשעות האָט זיך איינגעקאַרבט אין מײַן געמיט. דאָס האַרץ מײַנס איז געוואָרן אַ שלאַכטפֿעלד פֿאַר דעם קאָנפֿליקט אין מיר. בריטשאַן – דײַנע 5 חדשים וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. איך טראָג איבער מיט זיך אויך דעם געבענטשטן קאָנוואָרט...

# ר׳ שלמה דער ישובֿניק
# און זײַן ווײַב חיה פֿייגע

ערשט אין דער אַכסניה אין דער וואַרעמקייט פֿון די צוויי ליבע מענטשן, האָבן אָנגעהויבן אָפּגיין די זאַשבערעס פֿון דער ביטערער איבערלעבונג אונדזערער.

די בעל־הביתטע איז באַלד געוואָרן טרוד מיטן צוגרייטן אָנבײַסן, דער בעל־הבית מיט אָראַפּציִען פֿון יעדן איינעם די שווערע מלבושים. באַלד אַוועקגעשטעלט אַ פֿלעשל משקה, גענומען גרייטן צום טיש און געהייסן זיך וואַשן צום עסן. ״מײַן פּלוניתטע זאָל לעבן איז אַ גרויסע בריה. איידער וואָס ווען וועט שוין דער אָנבײַסן שטיין אויפֿן טיש. אָבער פֿײַנט האָט זי בתּכלית השנאה אַז מ׳לאָזט אירע באַטעמטע מאכלים קאַלט ווערן״.

״טאָ לאָמיר זײַן גרייט און זי נישט דערצערנען״.

ר׳ בער רײַסט זיך צום וואָרט, ווי צו דערקלערן דעם בעל אַכסניה אַז מיר האָבן ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר קיין סעודה. אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז וואַרעמס וועט זײַן די והותר, אָבער דער בעל־הבית לאָזט זיך ניט.

״ראשית חכמה דאַרפֿן מיר מאַכן המוציא, אַ לחיים, זיך אונטערלענען דאָס האַרץ, דערנאָך, מײַנע ליבע אורחים, וועלן מיר ריידן וויפֿל איר וועט נאָר וועלן״.

ר׳ בער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

די בעל־הביתטע האָט אָנגעשטעלט אויפֿן טיש פֿון הערן און געדענקען און געבעטן: עסט ליבע געסט אונדזערע, עסט און האָט הנאה. דער בעל־הבית האָט אָנגעפֿילט די כּוסות און מיט אַ צעשטראַלט פּנים אויפֿגעהויבן דעם כּוס.

"לחיים טייערע יידן, אויף שמחות!"

מיט איין שלונג האט ער אויסגעליידיקט זיין כוס.

— איר האלט דאך נאך גאר פון פארנט — האט ער זיך א ווענד געטאן צו ר' בערן, קוים טועם געווען.

ער האט זיך אליין ניט פארזען, חלילה. נאר זיך מכבד געווען מיט נאך און נאך א גלעזל. ביז די בעל־הביתטע האט צוגענומען די פלאש און זי אוועקגעשטעלט אויפן צווייטן עק טיש — גענוג, גענוג, שלמה!...

נאכן בענטשן האט אונדזער בעל־הבית א מאך געטאן. איצט דארפן מיר פשוט זיך באקענען איינער מיטן אנדערן.

מיין נאמען ווייסט איר דאך שוין איז שלמה, שלמה דער יישובניק רופט מען מיך, מיין ווייבס נאמען איז חיה פייגע.

ביים נאמען קען איך נאר ר' בערן, דעם שמייסער איציקן, און דאס מיידעלע האב איך געהערט האט איר גערופן איטע און אייער נאמען יונגערמאן? פייוויש. איז באלד געקומען דער ענטפער. בלייבן אונדז נאר די צוויי נשים. "מיין נאמען איז חיה דבורה", האט זיך די עלטערע אפגערופן, "און איך בין ביילע רבקה", האט די ייִנגערע געלאזט וויסן.

טייערע יידישע נעמען האט אונדזער בעל־הבית געזאגט ווי צו זיך אליין.

און איצט אז מיר האבן זיך שוין באקענט, ווילט זיך וויסן א ביסל מער וועגן יעדן איינעם, וועלן מיר אנהויבן מיר ר' בערן.

איך בין א שניט קרעמער, האט ר' בער זיך אנגערופן, און פאר נאך סחורה.

איר פייוויש, וואס איז אייער טועבץ?

איך בין א פאטאגראף און פאר מיר איינהאנדלען א מער מאדערנעם אפאראט. וואס איציק טוט איז דאך קלאר פאר אונדז אלעמען.

חיה דבורה פארט צום ברודערס טאכטערס חתונה.

ביילע רבקה פֿארט זיך געזעגנענען מיט איר שוועסטערקינד וועלכע פֿארט קיין אמעריקע.

בלײַבט נאָך איטע. וווהין פֿארסטו איטע?

איך זיץ א צעטומלטע און ווייס ניט וואָס צו ענטפֿערן.

ר' בער האָט זיך ארײַנגעמישט, הער זיך אײַן איטע, פֿאר אונדז דאַרפֿסטו קיין מורא ניט האָבן. קענסטו זיך פֿארשטעלן אז עמעצער בײַ אונדז זאָל דיר ווען שלעכטס טאָן?

חס ושלום! אדרבא מיר פֿארשטייען אז דו ביסט "א דאַרטיקע" פֿון דער אוקראַינע אוראַי.

יאָ, האָב איך ארויסגעיעצעט.

זאָר ניט, מיר וועלן דיר העלפֿן מיט וואָס מיר קענען, ביסט צווישן אייגענע.

ר' שלמה האָט זיך פּלוצעם א הויב געטאָן צוגעגאנגען צו זײַן ווײַב, זיך מיט איר דורכגעסודעט און צוריקקומענדיק האָט ער א זאָג געטאָן:

הערט רבותי וואָס איך וועל אײַך זאָגן, אונדז האָט דער וואָס לעבט אייביק מיט קיין קינדער ניט געבענטשט פֿארשפּאַר איך אײַך זאָגן ווי מיר פֿילן וועגן דעם דאָס גאנצע אונדזערס לעבן, דער עיקר חיה פֿייגע. זי וויינט און קלאָגט און פֿארשטייט ניט פֿאַרוואָס מיר זײַנען אזוי געשטראָפֿט געוואָרן.

איך זע אין דעם וואָס איר זײַט פֿארטראָגן געוואָרן צו אונדז און געבראַכט אַן עלנט קינד, דעם אצבע אלוקים...

בלײַב בײַ אונדז איטעלע, האָט ער זיך געווענדט מיט א געבראָכן קול צו מיר, ס'וועט דיר חלילה גאָר ניט פֿעלן.

חיה פֿייגע איז פּלוצים אויסגעוואַקסן לעבן מיר, ארויפֿגעלייגט איר האַנט אויף מײַן אַקסל און זיך געבעטן: ס'וועט דיר גוט זײַן מיט אונדז איטעלע, דאָס האָט דײַן מאַמע זיך פֿאר דער געמיט זאָלסט אָנקומען צו אונדז. מיר וועלן דיר זײַן אייגענע, מיר וועלן אַלץ טאָן ס'זאָל דיר גוט זײַן.

איך זיץ אַן אײַנגעבויגענע אײַנגעצויגן אין זיך, דער קאָפּ מײַנער

שוין נאענט צו די קני און אלץ אין מיר שרייט און וויינט ניין, ניין! ס'פעלט מיר אבער מוט זיך קעגנשטעלן די גוטע ליבע מענטשן.

מיט אמאל האב איך זיך געטאן א שטעל אויף און ווי ניט מיט מיין קול אויסגעשריגן: ניין, איך מוז פארן ווייטער, כ'מוז זיך דערשלאגן קיין אמעריקע, ארבעטן העלפן מיין שוועסטערל מיט די ברידערלעך, זיי הונגערן דארט, איר פארשטייט? זיי הונגערן!

גאט איז מיט דיר, האט ר' בער זיך אנגערופן קיינער צווינגט דיך חלילה ניט, מיר האבן אין זין דיין וווילזיין, דיין טובה אבער דו אליין דארפסט באשליסן וואס דו ווילסט טאן.

ווי קען איך באשליסן אז כ'האב נישט אויף הוצאות?

פאר קיין הוצאות זאלסטו זיך ניט זארגן, ביסט דאך צווישן יידן, האט ר' שלמה זיך אנגערופן.

חיה פייגע האט מיך א נעם געטאן ביי דער האנט קום איטעלע, כ'וועל דיר ווייזן דיין געלעגער. רו זיך אפ, טראכט זיך דורך און ווייס, אז מיר האבן דיך שוין ליב געקראגן, ביסט זייער א ליב קינד. זי האט מיך ארומגענומען און מיר א קוש געטאן.

חיה פייגעס אננעמען מיך און איר קוש האט מיר נאך שווער געמאכט. נאר די מידקייט איז מיך ביגעקומען און איך בין באלד איינגעשלאפן. ווען כ'האב זיך אויפגעכאפט האט די זון שוין אריינגעשיינט דורכן פענצטער. חיה־פייגע איז געשטאנען, ניט אראפגענומען די אויגן פון מיר און מיט א ברייטן "גוט מארגן איטעלע" מיר אנגעזאגט אז דער עולם ווארט מיט איבערבייסן.

ביים טיש האט קיינער קיין ווארט ניט געזאגט, ניט געפרעגט מיך גארניט. דער שליטן איז שוין געשטאנען גרייט. דא האסטו אויף דיינען הוצאות איטע, האט ר' שלמה א זאג געטאן. חיה פייגע האט מיך ארומגענומען מיך צוגעטוליעט צו זיך און זיך צעוויינט. ניט באשערט אונדז, ניט באשערט האט ר' שלמה געמורמלט.

מיר זיינען שוין אלע אין שליטן חיה פייגע רעקט מיך איין מיט אן אלטן פעלץ און ביידע ווינטשן מיר אלע ברכות און הצלחות...

איך בין צופרידן וואָס מיר דערוויַיטערן זיך שוין פֿון די האַרציקע ליבע מענטשן מיט זייער וואַרעמקייט און ברייט־האַרציקייט.

נאָר אין האַרץ בײַ מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער גערודער...

# מיר פֿאָרן שוין

מיר פֿאָרן, מיר שליטלען זיך שוין און אַלע, אַלע שווײַגן. אַ מאָדנע געדיכטע שווײַגעניש. נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, פֿיל איך אָבער אַז איך, בין די סיבה פֿון דער אָנגעשטרענקייט.

דער שניי בלענדט אין די אויגן. בין איך צופֿרידן וואָס ער גיט מיר דעם תּירוץ צו האַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט און ניט זען דעם צעדרטרייסלטן פֿינגער פֿון יעדן איינעם פֿון מײַנע שווײַגנדיקע מיטפֿאָרער. דעם מוסר פֿינגער.

איך הער ממש זייערע טענות: "ס'טײַטש, היתּכן, ווי איז עס געהערט געוואָרן"? אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט?

די מענטשן האָבן זיך ממש געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט. ווי אַזוי זאָגט מען זיך אָפּ פֿון אַזאַ געלעגנהייט?! פֿון אַזעלכע ליבע, גוטע מענטשן.

ר' שלמה איז אַרויסגעקומען מיט לשון: וואָס פֿאַר אַ שווײַגעניש? וואָס פֿאַר אַן עצבֿות?

מיר דאַרפֿן דאָך גאָר דאַנקען ה' יתבּרך פֿאַר ניצול ווערן פֿון די גזלנישע הענט, פֿאַר צושיקן אונדז אַזעלכע ליבע מענטשן וועלכע האָבן אונדז מקרבֿ געווען און ממש אָפּגעראַטעוועט אונדז פֿון פֿאַרפֿרוירן ווערן.

דער פֿאָטאָגראַפֿטשיק האָט געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר ר' שלמה האָט אים אָפּגעשטעלט. וואַרט נאָך אַ רגע. איך ווייס וואָס מיר אַלע טראַכטן, מיר טראַכטן וועגן איין זאַך. אַז איטע האָט, געדאַרפֿט געווען בלײַבן מיט ר' שלמהן און זײַן ווײַב. ווײַל וואָס קען זײַן בעסער פֿאַר איר ווי ווערן פֿאַרזאָרגט מיט אַלץ אין וואָס אַ קינד פֿון איר עלטער נויטיקט זיך, און אויסמײַדן דעם עלנט וואָס

דערוואַרט זי אין דער קאַלטער פרעמדער וועלט, אַן קרוב אַן אַ גראָשן?

און אוודאי וואָלט עס גוט געווען פאַר אונדזערע בעלי־אכסניא. אָבער ווי ר׳ שלמה האָט אַליין געזאָגט: — "ניט באַשערט אונדז ביילע, ניט באַשערט".

כ׳וויל נאָך צוגעבן וואָס ר׳ שלמה האָט מיר אָנגעזאָגט: "אויב דאָס מיידעלע מיט זיך באַרעכענען און וועט וועלן קומען צוריק צו אונדז, בעט איך אײַך זי צוריק שיקן מיטן שליטן מיט איציקן. נאָכדעם ווי זי וועט זיך דערוואַרמען, אָפּרוען, אָפּעסן. ר׳ שלמה, זײַט זיכער, אַז ס׳וועט איר חלילה גאָר ניט פעלן, ס׳וועט איר מירטשעם זײַן גוט ווי די וועלט.

אַ לערער וואָלטן מיר אַראָפּגעבראַכט פון שטאָט אויב זי וועט זיך וועלן לערנען. מיר האָבן זי דאָך שוין ליב באַקומען, ס׳לעבן..."

אַלע האָבן זיך געריסן צום וואָרט אַפילו איציק דער בעל־השליטן.

ר׳ שלמה האָט אַ זאָג געטאָן: לאָמיר הערן וואָס איטע האָט צו זאָגן, ווילסט אפשר עפּעס זאָגן איטעלע?

— ניין, האָט זיך אַרויסגעריסן פון מײַן פאַרטרוקנטן האַלדז, אַ קרײַ ווי פון אַ האָן. — ניין! כ׳וויל זיך ניט אומקערן, כ׳וויל פאָרן ווײַטער.

— נו איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן — האָט ר׳ שלמה אַ זאָג געטאָן און ס׳האָט זיך אויפסניי אַראָפּגעלאָזט די גרויסע שווײַגעניש...

אין מיר גייט אָן אַ געראַנגל. פון איין זײַט שטייען מיר פאַר די אויגן מײַנע ליבע, זאָגן טאַקע גאָרניט אָבער ווייסן ווייס איך, אַז זייער האָפענונג הענגט אין מיר...

אויף דער אַנדערער זײַט שטייען די האַרציקע מכניסי אורחים, און ציִען זיך צו מיר. ס׳איז מיר זייער שווער.

מיט אַמאָל האָט ר׳ שלמה זיך ווי אַ בייזער געטאָן:

— וואָס ווילן מיר פון איר?

וואָס שווײַגט איר? אײַער שווײַגעניש פּײַניקט זי, זי מיינט אוודאי

אז זי באגייט א גרויסע זינד. אין דער אמתן טוט זי דאך דאס אלץ ניט צוליב זיך, נאר צוליב דער משפחה אירער. איטעלע דיין טאטע דארף זיין שטאלץ מיט דיר, ביסט זייער א ווויל מיידעלע.

ער, ר׳ שלמה, האט גרינגער געמאכט מיין מצב־רוח. אפשר, בין איך פארט גערעכט.

איצט, שלאגט פאר ר׳ שלמה, דארפן מיר זיך צונויפריידן וואס וועט ווייטער זיין.

דער פאטאגראפטשיק האט זיך אפגערופן: אזוי ווי איך פאר ווייטער פון אייך, קען איך מיטנעמען איטען מיט זיך. ביי דער נאענטער סטאנציע וועלן מיר ארויף אויף דער באן און קומענדיק קיין נאוואסעליץ, וועל איך זיך באמיען אפצווזוכן איר מומע מרים.

גאר ניט קיין שלעכטער געדאנק, האט ר׳ שלמה געזאגט ווי צו זיך אליין.

מיט וועטשערע זיינען מיר פארזארגט. די בעל־הביתטע האט מיטגעגעבן יעדן איינעם א פאר רעפטלעך ברויט, א זויערע אוגערקע און א שטיקל ברינזע.

איצט בלייבט נאר צו זען צי האבן מיר גענוג צו באצאלן פאר די באן בילעטן. אזוי ווי די דריי מיטפארער זיינען שוין אנגעקומען אויפן געווונטשטן ארט האבן זיי אונדז אפגעגעבן, מיר מיטן פאטאגראפטשיק די פאר גראשן וואס ר׳ שלמה האט מיטגעגעבן יעדן איינעם פון אונדז. טאמער ווי א זאך מאכט זיך, ס׳קומט דאך נאך אמאל אויס פארבייצופארן א וואלד...

מיר געזעגענען זיך מיט אונדזערע מיטפארער. דאס געזעגענען זיך איז ניט אנגעקומען גרינג. די צוויי טעג האבן פארוואנדלט א גרופע ווילד פרעמדע מענטשן אין איין משפחה.

דער עיקר דאס בציבורדיקע זארגן זיך פאר מיר.

כ׳האב דערפילט נאך אמאל א ריס אין הארץ, ס׳בענקט זיך נאך יעדן איינעם פון זיי. זיי האבן פארוקט אלע זייערע דאגות פראבלעמען אויף א זייט און איינגאנצן זיך קאנצענטרירט אויף מיר.

נו, אט זיינען מיר שוין אין וואגאן. אקעגן אונדזער באנק

זיצט א סימפאטישער יונגערמאן. ער באקענט זיך מיטן פאטאגראפטשיק און אויך מיט מיר. איצט א ביסל אויף יידיש, מערסטנס אויף רומעניש. איך פיל אז דער פאטאגראפטשיק רעדט און דערציילט וועגן מיר. איך בין זייער מיד און ס׳וויל זיך שלאפן. דער פאטאגראפטשיק האט ארויפגענומען מיינע פיס אויף זיינע קני מיך צוגערעקט מיט זיין פידזשאק, דאס ליכט אין וואגאן איז אויסגעלאשן געווארן און איך בין באלד איינגעשלאפן.

נאך א קורצער ווייל האב איך דערפילט, ווי ס׳בלאנדזשעט א האנט איבער מיין קערפער. כ׳האב זיך ראזדרעבעט, אבער ניט געוווסט ווי אזוי צו האנדלען.

כ׳האב זיך געשעמט, פיינלעך געשעמט זיך. ווי אזוי לאז איך אים וויסן אז כ׳וויל ער זאל מיך לאזן צו רו?

דער יינגערמאן אויף דער אקעגנדיקער באנק איז ווייזט אויס ניט געשלאפן און דורך דער קנאפער שיין פון דער טיר שפארונע געזען מיין אנגסט.

כ׳האב מיט אמאל זיך געגעבן א זעץ אויף און מיט א פארשטיקט קול א זאג געטאן ״לאזט מיך אפ״! — איז ער אראפגעשפרונגען פון באנק און א זאג געטאן: ״שעמט זיך!״ און אנגעוויזן מיטן פינגער אויף זיין באנק. דער פאטאגראפטשיק האט אויסגעפאלגט און זיך אנידערגעלייגט מיטן פנים צו דער וואנט. דער נייער פריינד מיינער האט גענומען ריידן צו מיר מיט א שטיל ווייך קול:

״שרעק זיך ניט מיידעלע פאר מיר. איך האב שוין א טעכטערל כמעט אין דיין עלטער.

איך וועל דיך נעמען צו מיר אהיים. מיין ווייב איז זייער א גוטע. מיר וועלן שוין געפינען א וועג צו דיינע קרובים.

דער עיקר זאלסט ניט טראכטן וועגן דעם וואס ס׳איז ערשט פארגעקומען, וועסט עלטער ווערן וועסטו פארשטיין אז ס׳זיינען פאראן קראנקע מענטשן, ס׳איז פשוט א רחמנות אויף זיי.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען צו דעם יונגערמאן אין שטוב איז

שוין געוועזן שפעט אין דער נאכט. ער האָט אָנגעוויזן אויף מיר. דאָס מיידעלע הייסט איטע פּאַסמאַן. איך בין געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענע ניט געוווּסט וואָס צו דערוואַרטן.

דאָס קול פֿון דער יונגער שיינער פֿרוי האָט מיך אָבער באַלד באַרויקט.

קום איטעלע, האָט זי מיך אַ רוף געטאָן היימיש און וואַרעם, קומט מיט איר ביידע עפּעס איבערבאַפּן און איך וועל דערווייל צו גרייטן דײַן געלעגער. ריידן זיך אויף און אָמתן באַקענען וועלן מיר מאָרגן, איצט דאַרף מען זיך אָפּרוען.

ס׳האָט מיר ניט גענומען לאַנג און איך האָב דערפֿילט אַ קרובֿהשאַפֿט צו איר, ווי זי וואָלט געוואָרן מײַן מומע שפּרינצע אָדער מומע שׂרה. איך דאַנק דיר גאָט, פֿאַר באַשאַפֿן אַזוינע פֿיל גוטע מענטשן... איך דאַנק דיר פֿאַר יעדן איינעם פֿון זיי. איך בעט און בעט דיך זייער ליבער גאָט, מאַך מיך אויך אַזוי גוט ווי זיי זענען. און כ׳בין איינגעשלאָפֿן.

# אויפן וועג צו דער מומע מרימען

צו מארגנס איז די פרוי בייגלמאַן אַרײַנגעקומען צו מיר. איך בין שוין געווען וואָך שעהן לאַנג, כ'האָב אָבער ניט געוואַגט אַנצורירן די שטילקייט וואָס האָט געהערשט אין שטוב און אין ארום. שטיל ווי אין אַן אויער.

דאָס מיידעלע איז שוין לאַנג אין שול. די עלטערן זײַנען ווײַזט אויס געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער מ'זאָל מיר ניט שטערן. די גוטסקייט זייערע האָט מיך זייער גערירט.

איך בין מיט אַמאָל געקומען מיט אַ געבעט — גאַטעניו איך בעט דיך, מאַך אויך אַזוי גוט ווי זיי זײַנען.

מיר זיצן שוין אַלע דרײַ בײַם טיש און עסן איבערבײַסן. פרוי בייגלמאַן שאַרט מיר צו יעדן גוטן ביסן, און רופט זיך אָפּ צו מיר.

— מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן דיר, מויסיי פאַרט הײַנט קיין נאַמאַסעליץ קענסטו מיט אים מיטפאָרן. אָבער אויב דו ווילסט זיך אַ ביסל אָפּרוען פונעם ארומפאָרן, פון דײַנע איבערלעבענישן קענסטו בלײַבן בײַ אונדז אַ פּאָר טעג. איך, זאָגט בייגלמאַן, וועל דאָנערשטיק פאָרן נאָך אַ מאָל, וועסטו קענען מיטפאָרן דעמאָלט. נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם געדאַנק בין איך אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד. — ניין, ניין איך וויל ניט וואַרטן אויף דאָנערשטיקן! — כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַרן אַרויסשפּרינגען, האָבן איבערשלאָגן די בייגלמאַנס די רייד, דער עיקר פאַרן פרעמדן שערסטקן טאָן מײַנעם, כ'האָב אַליין מײַן קול ניט דערקענט.

כ'בין געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס'האָט מיך געריזעט, פאַר וואָס צאָל איך אָפּ די ליבע מענטשן מיט שטײנער

פאר זייער גוטסקייט צו מיר? — די פרוי בייגלמאן האט זיך אפגערופן.

איטעלע, דארפסט זיך ניט פילן שלעכט, מיר פארשטייען ווי שווער דיר איז, ווי דיר ווילט זיך וואס גיכער קומען צו א תכלית. איך וועל צוגרייטן עפעס איבערצובאפן צידה לדרך, און דער שליטן וועט שוין באלד דא זיין.

איך בין שוין זייער צופרידן צו זיין אויפן שליטן.

די גוטסקייט פון די מענטשן לייגט זיך שווער אויף מיר. ס'איז ביי מיר געבליבן דאס געפיל אז איך בין א נישט דאנקבארע. דער אמת איז איך בין זיי זייער דאנקבאר, איך וועל זיי קיינמאל ניט פארגעסן, נאר וואס זאל איך טאן אז בעת א קריזיס, בשעת א דוחק ווער איך פארשטייפט, דאס מויל טריקנט, דאס קול ווערט שערסטקע, און דער טאן א ניט פריינדלעכער, ווי איך וואלט זיך געריסן פון זיי.

נאך עטלעכע שעה פארן, נאך א ביסל דרעמלען א זייער אומרויקן דרעמל, האט מריסיי בייגלמאן מודיע געווען אז מיר זיינען שוין אין זאמאסעליץ, און אט זיינען מיר שוין ביי זייער שוועסטערקינדס שטוב.

אויך זיי האבן מיך אויפגענומען פריינדלעך.

יא, זיי וועלן באלד זיך נאכפרעגן און אויסגעפינען וועגן מיינע קרובים, איך דארף זיך ניט זארגן.

געזאגט און געטאן. ה׳ ביינלמאן פארט מיט מיר מיט טאקע אין אונדזער שליטן, ס'נעמט ניט לאנג און מע קלאפט שוין אין דער טיר פון דער מומע מרימס שטוב.

די מומע און דער פעטער מעבל זיינען ארויסגעקומען. דער בייגלמאן האט זיי איבערגעגעבן זיין שייכות צו מיר, מיך אויסגעלויבט א סך מער ווי איך האב זיך פארדינט, באדאנקט דער מומען. מיר פארבעטן אים אויף אוונט ברויט, ניט אנגענומען צוליב מאנגל אין צייט. מיך האט ער ארומגענומען, מיך צוגעטוליעט צו זיך מיט אזוי פיל ווארעמקייט אז איך האב זיך אנגעשט צעוויינט.

איטעלע, מיר וועלן ארויסקוקן אויף גוטע ידיעות וועגן דיר. ער איז אויף גיך אריין אין שליטן און איז אוועקגעפארן.

אין שטוב ביי דער מומע מרימען איזווארעם און היימלעך. כ׳האב שוין געשריבן וועגן איר, דעם פעטער מעכל און זייער בן יחיד דודיעלע אין די גאר ערשטע עפיזארן, בעת ער דער פעטער איז געווען אין באהעלטעניש פון פאניען א לאנגע צייט ביי אונדז אין שטעטל.

דא אין זייער היים זעען זיי אויס און פירן זיך אויף גאר אנדערש. נישטא מער דער פחד וואס האט געהאנגען איבער זיי, איז דעם פעטערס טראט א זיכערער א פרייערער.

דודיעלע איז די אקס ארום וועלכער ס׳דרייען זיך זייערע ביידנס לעבן. אבער ניין. דודיעלע איז דער סאמע צענטער פון דער גאנצער וועלט...

איך בין אים מקנא געווען די ערשטע צייט פאר באדן זיך אין אזא שפע פון ליבשאפט, געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט. מ׳האט אים אונטערגעטראגן פון פויגל מילך...

כ׳האב אבער באלד איינגעזעען אז דער שטעקן האט צוויי עקן. אז זייער קאנצענטרירקייט אינגאנצן אויף אים האט זיך געלייגט שווער און ממש געווארן א שטיין ארום זיין האלדז.

אזוי איז עס טאקע געווען. אבער לאמיר ניט פארבאפן די פיש פאר דער נעץ. איך וועל זיך איצט אפגעבן מיט זייער שייכות באציונג צו מיר. בדרך כלל בין איך באהאנדלט געווארן גוט. אבער אויף שריט און טריט האב איך געפילט דעם חילוק צווישן מיר און דודיעלן.

איך בין שוין דאס 14טע יאר אלט. אין מיר האט זיך געיאוועט אן אומרו, א נישט פארשטענדלעכע פאר מיר אנגסט, מיט וועלכער כ׳האב זיך ניט געקענט קיין עצה געבן.

כ׳האב געבענקט נאך מיין מומע זעלדען מיט וועמען כ׳וואלט זיך געפילט פריי צו ריידן וועגן אלץ.

די מומע מרים איז געווען, ווי געזאגט, ניט שלעכט צו מיר, נאר

אַז דודיעלע האָט נאָר געעפֿנט די טיר, האָט זי מיך שוין באַלד פֿון אויג פֿאַרלוירן. אויפֿן פּריפּעטשיק איז געשטאַנען דאָס מאַליראָווענע טעפּעלע מיט אײַנגעבריטער מילך מיט אַ היפּש שטיקל פּוטער אין דעם און געוואַרט אויף אים.

— נו איטעלע, וועסט דערלאַנגען דודיעלען די מילך און פֿאַר אונדז ביידע גיס אָן צוויי גלעזער טיי און ברענג צום טיש די פּלעצעלעך.

מיר זיצן בײַם טיש געמיטלעך, טרינקען טיי און אָבער אין מיר בליטערט זיך. איך בין ניט צופֿרידן מיט זיך. ווי עמעצער וואָלט מיך אונטערגעזאָגט:

— ביסט אַן אומדראַנקבאַרע בריאה, טיי מיט פּלעצלעך איז שלעכט?

ניין, כ׳האָב מסוכן ליב טיי מיט פּלעצלעך. אויך די מומע טרינקט טיי. נאָר דאָס טעפּאַלע מילך זאָגט מיר אָן אַז איך בין ניט איר, דער מומעס, מיידעלע, נאָר איר פּלימעניצע. און מיר ווילט זיך אַזוי זײַן עמעצנס מיידעלע. ניט נאָר אַ פּלימעניצע, ניט אַ רחמנות מיידעלע, נאָר אַן אייגן מיידעלע...

איך סטאַרע זיך, זיך נוצלעך מאַכן בײַ יעדער געלעגנהייט, איך גיי אַ נאַנג, איך הייץ איין די הרובע, איך קער אויס די שטוב. טראָג אַרויס דאָס מיסט, פֿאַרלויף אַלע וועגן.

איין מאָל (דער פּעטער איז נאָך אַלץ אונטערוועגנס) אין אַ גאַנץ פֿרי, דודיעלע איז אַרויס אין אָפּטריט דערהער איך דער מומעס קול: "איטע, ווי האָלט דער זייגער?"

דער זייגער האָט אַ ציפֿערבלאַט מיט פֿרעמדע ציפֿערן וועלבע איך קען ניט לייענען און שעם זיך מודה זײַן דערצו. דעק איך זיך איבער מיט דער קאָלדרע און מאַך זיך ניט הערנדיק, איך שלאָף בלומרשט. דודיעלע איז אַרײַנגעקומען, דערהערט דער מוטערס שאלה האָט ער אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און געענטפֿערט: "מאַמע, ס׳איז פּינקטלעך האַלב נײַן".

איך האָב בגניבֿה געכאַפּט אַ קוק אויפֿן זייגער און פֿאַרקריצט

ביי זיך אין זכרון אז די ווינזערס שטייען אזוי, און אזוי איז עס האלב ניין. ס׳וועט מיר נאך אויסקומען דורכצוגיין ווייער א סך אזוינע פיינלעכע דערפארונגען ביז איך וויל קענען לייענען דאס ציפערבלאט מיט די פרעמדע ציפערן.

מיין מומע האט ביים עסן פארהאלטן איר בליק אויף מיר און א זאג געטאן: איטע, דו ווייסט אז דיין מאמע איז געווען מיין בעסטע חברטע? ניין, כ׳ווייס ניט.

וועל איך דיר דערציילן. מיר האבן זיך ליב געהאט ס׳לעבן, ס׳איז גאר ניט שווער געווען דיין מאמען ליב צו האבן. שיין איז זי געווען ווי א פרינצעסין. אבער ניט נאר שיין, נאר אויך קלוג, לייטיש, גוט און באשיידן. געשמט האט זי מיט אירע מעלות איבערן גאנצן געגנט. ווען מ׳האט מיך פארשריבן אין משה סיראטאס קלאס פאר מיידלעך צו לערנען יידיש, רוסיש און רעכענען, האט זי מיך ווייער מקנא געווען. איך האב ניט געוווסט אז דיין טאטע איז אין איר געווען איינגעליבט. קיינער האט אין יענער צייט ניט גערעדט פריי וועגן אזעלכע זאכן.

דיין טאטע האט מיך איבערגעפרעגט אויך ווער פון מיינע חברטעס עס וויל זיך לערנען מיט מיר. איך האב אויסגערעכנט אלע. נו און ברכה?

ברכה קען ניט גיין ווייל ר׳ וואלף האט ניט ביר צו צאלן שכר לימוד פאר איר.

א שאד, א שאד, האט דיין טאטע באשערט, דו ווייסט אוודאי אז מיט דער צייט וועט איר אויך ווערן אויס חברטעס. ״ניין, קיינמאל ניט!״ האב איך פראטעסטירט. מיר האבן זיךביידע מסוכן ליב.

יא, יא אט אזוי, אזוי הייבט זיך עס אן, און אנהייב איז שווער זיך אפצוזאגן איינע פון דער אנדערער. ביסלעכווייז ווערט מען אפגעפרעמדט צוליב צייט, צוליב דעם וואס איינע לערנט זיך און ווייסט א ביסל, און די אנדערע בלייבט נעבעך הינטערשטעליק.

וואס זשע קען איך טאן צו פארמיידן דאס? פרעגט די מומע.

איך קען דיר העלפֿן, נאָר קיינער טאָר ניט וויסן. זאָגסט צו די מומע מרים?

דיין טאַטע האָט צוגעזאָגט מיר צו געבן דאָס געלט, נאָך ברכה טאָר אוודאי ניט וויסן. און דו קענסט שוין זאָגן מ. סיראַטאַ אַז דו וועסט צאָלן פֿאַר איר, נאָר ס׳דאַרף בלייבן ״פּתח שין, שא״.

אָט אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך דיין מאַמע געלערנט און געוועזן די ערשטע תּלמידה אין קלאַס, טאַקע די בעסטע צווישן אונדז.

איצט דאַרפֿן מיר נעמען צוגרייטן וועטשערע. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו יענער צייט, צו דיין מאַמעס און מיינע מיידלשע יאָרן.

מיר האָבן זיך גענומען צום שיילן קאַרטאָפֿל און נאָך גרינסן. פֿאַר מיינע אויגן האָב איך געזען בילדער ווי דער טאַטע האָט זיך פֿאַררונגען צו לבנען פֿאַר אַ קנעבעט אָבי צו קריגן די מאַמען פֿאַר זיין ווייב. אין מיין מוח האָבן זיך געוועבט און געשפּונען ראָמאַנטישע מעשיות. זיך אַליין האָב איך אויך ניט פֿאַרזען. פֿאַר מיינע אויגן איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן אַ זעלטענער יינגערמאַן וועלכער איז גרייט דינען פֿאַר מיר... איך בין אַ צופֿרידענע אַ צעשמייכלטע איינ־געשלאָפֿן.

# איבערגעכאַפּטער אָטעם

אַלץ האָט אַנגעהויבן גיין גלאַטיק און שום עגמת־נפש, פֿון זינט מײַן מומע מרים האָט מיר אויפֿגעקלערט איר באַציִונג צו מיר, און דעם ״פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען״.

דער מומעס שטוב, אַ זאַטע, און אײַנגעפֿונדעוועטע. דער פֿעטער איז זייער אַ גוטער. זיי לעבן איינער פֿאַרן אַנדערן מיט אַ וועלט פֿון ליבשאַפֿט.

ביסלעכווײַז ווער איך אויך אַרײַנגענומען אין עם קרײַז, אין זייערן, און ס׳ווערט מיר גרינגער און בעסער. אַפֿילו דאָס לאַכן מײַנס פֿאַר וועלכן מ׳האָט מיך גערופֿן אין דער היים ״פּוסטער געלעכטער״ (איינער פֿון מײַנע צונעמען), האָט זיך ביסלעכווײַז אומגעקערט.

דער פֿעטער קומענדיק אַהיים פֿון טשערנאָוויץ האָט געבראַכט מתּנות פֿאַר דער מומען און דודיען, און מיך אויך ניט פֿאַרזען.

אַרויסנעמענדיק מײַן מתּנה פֿון רענצל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אחרון אחרון חביב — און טאַקע באַלד פֿאַרטײַטשט.

— ״די מעזינקע איז דער עיקר וויכטיקסטע״.

ווען ער האָט צעפּאַקעוועט מײַן מתּנה בין איך נשתּומם געוואָרן. אַ קליידעלע אַ קראַסאַוויצע!

אַזוי ווי מײַנע אויגן שטייען אויף אַ נאַס אָרט, האָב איך זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פֿון צעוויינען זיך.

הער אַ מעשה, זאָגט דער פֿעטער, איך האָב דערוואָרט זאָלסט זיך דערפֿרייען מיט אַזאַ שיינע ״פּלאַטיע״, כ׳האָב מיטגענומען אונדזער פֿרײַנדס מיידעלע (זי איז דײַנע יאָרן און דײַן מאָס) האָט זי עס שוין ניט געוואָלט אויסטאָן נאָכן אָנמעסטן, און דו וויינסט גאָר?

ניין, ניין מיר איז עס אויך זייער געפעלן פארטיידיק איך זיך.
נו גוט זאָגט דער פעטער גיי בעסער און טו עס אָן, לאָמיר זען ווי ס'זעט אויס אויף דיר.

פיל פון בויגן בין איך אריין אין זייער חדר, מיט ציטערדיקע הענט ארויפגעצויגן דאָס געבענטשטע "פלאַטקעלע" און געבעטן גאָט ער זאָל מיר העלפן זיך באַהערשן פון נאָך אַ מאָל זיך צעוויינען...

דאָס קליידל האָט אַלע מעלות, אונטן געפּאַלדעוועט, אויווין געפּאַסט מיט אויסער קרוזשעווע אַרום האַלדז און מאַנקעטן. דאָס גאַנצע קליידל פון ווייסן, דינעם, ווייס־און־ברוין געקעסטלן שטאָף. מיט איין וואָרט, קיין שענער קליידל איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן...

ווי מ'האָט מיך נאָר דערזען האָבן זיך אַלע צעפּליעסקעט. די מומע האָט אַ זאָג געטאָן: איצט זע איך אַז מיינע פּלימעניצע איז שוין אַ "פּאַדראַסטקע". אַ שיינע פּאַדראַסטקע האָט דער פעטער צוגעגעבן.

מיר שווינדלט אַזש אין די אויגן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט.

נו איצט דאַרפן מיר באַנעצן די מתּנות מיט אַ גלאָז טיי, זאָגט דער פעטער מעבל.

איך בין באַלד געלאָפן אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר. ביים טיי טרינקען האָט דער פעטער אונדז דערציילט אַז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אין טשערנאָוויץ ביי מענטשן וואָס ווייסן, האָט מען אים געזאָגט אַז די קוואָטע קיין אַמעריקע איז פאַרמאַכט, מ'לאָזט ניט אַריין. קיין בראַזיל איז ניט קיין תּכלית פאַר דיר איטע צו פאָרן, דאָרטן אַרבעטן ניט קיין מיידלעך אין פאַבריקן ווי אין צפון אַמעריקע, יעדנפאַלס ניט קיין יידישע בעל־הביתשע מיידלעך. דאַרפסטו זיך ניט יאָגן. דאַרפסט זיין דאָ און וואַרטן, מיט דער צייט וועלן זיי עפענען די טויערן.

אפשר איז עס גאָר לטובה, ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג.

ביי מיר איז זייער אָנגעלייגט וואָס מ'רעדט מיך צו צו זיין ביי

זיי. נאָר מײַן שליחות צוליב װעלכער כ׳בין אװעקגעפֿאָרן לאָזט מיך ניט רוען.

צו דער מומע קומען פֿרײַנד, דער פֿעטער און די מומע שטעלן מיך פֿאַר פֿאַר זיי װי אַן אייגענע, די מומע גיט צו: אונדזער טעכטערל װאָלט געװען אין איר עלטער, מיר האָט זי אַפֿילו אױסגעזען װי איטע, איר צו לענגערע אָר.

כ׳װייס ניט פֿאַרװאָס ס׳האָט מיר באַלד דערמאָנט אסתּרלען און ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ בענקשאַפֿט װאָס האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט אַ גאַנצן טאָג.

די מומע האָט מיר געזאָגט אַז זייערע פֿרײַנד האָבן זיי פֿאַרבעטן צו זיך און געבעטן מיך מיטברענגען. דו ביסט זייער געפֿעלן.

דער פֿעטער האָט זיך אַרײַנגעמישט. מרים, מיר דאַרפֿן טראַכטן װעגן אַ לערער פֿאַר איר. אין קיין אַלטשילישטשע קענען מיר זי ניט פֿאַרשרײַבן, ס׳װעט זיך אָנהייבן אַ סדרה שאלות: פֿון װאַנען איז זי? װוּ האָט זי געלערנט ביז איצט? װאָס זײַנען אירע קענטענישן? דעריבער דאַרפֿן מיר בעסער ניט אָנהייבן. אָבער װעגן אַ "טשאַסטנע" (פּריװאַטן) לערער דאַרפֿן מיר זיך אָנפֿרעגן.

איך בין אװדאי צופֿרידן װאָס מ׳האָט מיך אין זין און מ׳זאָרג זיך פֿאַר מיר, אָבער גלײַכצײַטיק אַרט מיך װאָס איך מאַך שװערער פֿאַר זיי, דאָס אין זין האָבן מיט אַ לערער, װײַזט אױס אַז דער פֿעטער דערװאַרט ניט אַז איך זאָל אַזױ גיך קענען און האָבן װוּהין צו פֿאָרן.

דאָס לייגט זיך שװער אױף מיר, מײַן היים װעל איך מיט גאָר ניט קענען העלפֿן, װער װייסט װי לאַנג.

דער פֿעטער האָט מיר צוגעזאָגט אַז אין אַ פֿאָר טעג אַרום קלײַבט ער זיך נאָך אַ מאָל קיין טשערנאָװיץ און װעט זיך אָנפֿרעגן אױף מער פּרטים.

דערװײַל דאַרפֿסטו זיך ניט זאָרגן, ביסט צװישן אייגענע.

ניט פֿאַר מיר זאָרג איך, מיר איז גוט בײַ אײַך נאָר פֿאַר די קינדער אין דער היים.

דער פעטער האָט זיך איבערקוקט מיט דער מומען און אַ מאַך געטאָן: "נאָך אַליין ניט אויפגעוואַקסן און טראָגט שוין אַזאַ שווערן יאָך".

זיי ריידן מיר אויס, מ׳דערוואַרט אַז די קוואָטע זאָל זיך עפענען, מיט זאָרגן זיך וועסטו גאָר ניט אויפטאָן.

דו דאַרפסט טראַכטן וועגן זיך, לערנען בעת דיין זיין דאָ. וועט דיר גרינגער זיין, דער עיקר ניט זאָרגן.

נאָכן פעטערס אַוועקפאָרן האָט די מומע מיר געהייסן זיך אָנטאָן אין דעם נייעם קליידעלע וואָס זיי האָבן מיר געקויפט, מיר גייען צו אַ "טשאַסטנע" (פּריוואַטן) לערער.

דער לערער האָט מיך אויסגעפרעגט און זיכער אייגעזען אַז לויט די יאָרן וואָלט איך שוין געמעגט האָבן אַ ביסל מער וויסן און אויסבילדונג. אָבער מיין מומע האָט אים אַלץ דערקלערט און אַפילו אויסגעדרוקט אַ מיינונג אַז ס׳וועט מיר ניט נעמען לאַנג און איך וועל אָניאָגן די קינדער פון מיין עלטער.

יאָ, זאָגט דער לערער איך בין מסכּים מיט אייך פרוי בעקערמאַן, אַז זי האָט די פּאַטענץ, מ׳זעט אַז זי איז אַ כּלי. וועלן מיר צוהעלפן אָניאָגן דעם קלאַס.

זיי ריידן וועגן מיר ווי כ׳וואָלט דאָ ניט געווען. איך אַ שעמעוודיקע שטיי און רויטל זיך. כ׳וואָלט שוין ווייער דאָס געוואָלט איבערקומען.

— קוק זיך צו — זאָגט מיין מומע, — זאָלסט וויסן ווי צו גיין אַליין. אין אַ פּאָר טעג אַרום הייבסטו שוין אָן זיך לערנען.

ס׳איז מיר גוט, און ניט גוט. כ׳בין צופרידן מיט אָנהייבן לערנען, גלייכצייטיק דאַכט זיך מיר אַז איך וואַרצל זיך צו איין, און דערווייטער זיך פון דער היים, פון מיינע. בענקען בענק איך מסובּן נאָך יעדן איינעם פון זיי.

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט די מומע מיר געהייסן אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר. זי קוקט דורך די פּאָסט די ערשט אָנגעקומענע.

איך באַמערק אַז דער מומעס פּנים האָט זיך געביטן. ערשט געווען אַ צופרידענע מיט איר אָפּגעטאָענעם שטיקל אַרבעט, און מיט אַמאָל האָט זיך איר פּנים פאַרענדערט ניט צו דערקענען זי. ס'ווילט זיך מיר פרעגן נאָר כ'האָב ניט קיין מוט. אויף מיין פראַגע צי זאָל איך אָנגיסן טיי, ענטפערט זי ניין, ניין ניט איצטער.

נאָך אַ ווייל שטיל שווייגן האָט זי צוגעגעבן אַז דער פעטער וועט שוין באַלד קומען פון טשערנאָוויץ און רודיעלע פון גימנאַזיע וועלן מיר טרינקען אינאיינעם.

אויך דאָס קול אירס האָט זיך געביטן.

זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט און איך האָב גענומען מאַכן די צוגרייטונגען פאַרן אָנבייסן.

ס'האָט ניט גענומען לאַנג און רודיעלע איז אַריינגעקומען, זיך נאָכגעפרעגט צי זיינען מיר געווען ווי מיר האָבן היינט געדאַרפט זיין. נו זאָגט ער, ווייסטו דאָך אינגיכן וועלן אַ "פאַלנע אַלטשעניצע" ביסטו צופרידן?

אַ, האָב איך געענטפערט דערלאַנגנדיק אים דאָס מאַליראָווענע טעפעלע מיט דער איינגעבריטער מילך.

רודיעלע איז באַלד אַוועקגעגאַנגען. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און דער פעטער מעבל איז אָנגעקומען.

כ'האָב אים אַלץ דערציילט. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַריינצוגיין צו דער מומען נישט צו שטערן איר.

באַלד האָט די מומע אַ רוף געטאָן דעם פעטער, ער איז אַריין צו איר אין חדר.

— פאַרמאַך די טיר, — האָט די מומע געבעטן. כ'האָב זיך דערפילט פאַרלוירן. אויב כ'האָב אָנגעהויבן זיך איינריידן אַז איך בין שוין במעט אַ טייל פון דער משפּחה האָט די פאַרמאַכטע טיר מיר קלאָר געמאַכט אַז ס'איז ניט אַזוי. די געהעכערטע קולות פון זייער חדר האָט מיך אויפגעטרייסלט, ניט געוווינט צו הערן קיין הויך וואָרט פון זיי.

ביז כ׳האָב דערהערט דעם פּעטערס פראַגע קלאָר און דײַטלעך: ״וואָס זשע וויל ער פון אונדז זאָלן מיר טאָן.

מיט וואָס האָט זי זיך פאַרזינדיקט זאָג מיר? אַז מיר זאָלן איר הייסן גיין? ס׳איז נאָך ניט געהערט געוואָרן, אַ זיידע זאָל באַשטראָפן זײַן אייניקל צוליב די זינד פון זײַן אייגענעם זון. איר פאָטער.

דאָס איז סדום! האָט ער אויסגערופן.

ווײַטער האָב איך שוין גאָר ניט געהערט. כ׳בין אויפגעטרייסלט געוואָרן און זיך דערפילט אין אויסגעשלאָסענע און אַרויסגע־טריבענע. כ׳האָב געוואָלט זיך לאָזן לויפן, אָבער וווּהין?

דער פּעטער איז אַרויסגעקומען, מיך דערזען אַ פאַרטרערטע, האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין: ״כ׳האָב געשריגן, און דו איטעלע האָסט אַלץ געהערט. ניט געטאָרט שרײַען, דו דאַרפסט דאָך אָבער וויסן דעם אמת״.

״איך ווייס. האָב איך אַרויסגעיעכצט, דער זיידע וויל ניט איר זאָלט מיך האַלטן, ער וויל איר זאָלט מיך אַרויסטרײַבן.

דער פּעטער האָט מיך אַ צי געטאָן צו זיך, מיך אַרײַנגענומען אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס און געבעטן זיך בײַ מיר: — וויין ניט קינד, דער הימל איז ניט בײַ דער ערד — מיר וועלן זיך עפּעס דערטראַכטן.

די מומע מרים איז אַרויסגעקומען אַ פאַרוויינטע, זיך אויך צוגעטוליעט צו מיר. שטייען מיר אין דרויסן. זיי ריידן און טרייסטן. מיך איך הער אָבער ניט. איך וויל נאָר אַנטלויפן.

נו לאָמיר זיך אָנידערזעצן, זאָגט דער פּעטער און זיך דורכרעדן, אַז מ׳רעדט צערעדט מען זיך.

די מומע מרים האָט אָנגעהויבן: כ׳האָב געוווּסט אַז עפּעס איז פאָרגעקומען אָבער ווער האָט זיך געקענט רעכטן ס׳זאָל גיין אַזוי ווײַט?

זאָג נאָר איטעלע, די עלטערע קינדער, אַרקע און דו, האָבן ניט געקענט אָפּריידן דעם טאַטן פון באַגיין די עוולה?

איך בין געווען אין קאַמענעץ בײַ דער מומע שפרה, כ׳האָב

געזאלט אנהייבן גיין אין "אלטשילישטשע", איז אנגעקומען די ידיעה פונעם זיידן און ער האט געאנט ביי דער מומען זי זאל מיך באלד אוועקשיקן, — נאר אויף אזא אופן וועט מען אנלערנען מיין טאטן.
— די מומע האט אזוי געטאן, ניט געקוקט אויף די פראטעסטן פון פעטער פרויעם און זיין מוטער שרה די אקאשארקע. ס'האט ניט געהאלפן. די מומע שפרה האט מיר געזאגט אזוי גיך ווי איך וועל באוויזן מיין טאטן ער זאל זיך צוריק ארויסציען פון זיידנס שטוב זאל איך צוריקומען צו זיי, זיין מיט זיי ביז כ'וועל ענדיקן דאס לערנען. זיי האבן מיך זייער ליב. אבער זי קען ניט אנדערש. — "איך קען ניט גיין קעגן מיין אייגענעם טאטן".

זעסטו שוין מעכל, האט די מומע א זאג געטאן, אויך שפרה האט אזוי געפילט.

יא, האט דער פעטער זיך אפגערופן, נאך אמאל שטראפן א קינד פאר ניט קיין באגאנגענער זינד מיינסטו איז יושרדיק?

און דער פעטער פרויעם? פרעגט די מומע, האט צום סוף מסכים געווען. פעטער מעכל האט זיך ארײַנגעמישט: יא מסכים צי נישט מסכים, פון דארט איז זי געפארן אהיים. טאקע צו הונגער טאקע אן אנטוישטע. אבער אהיים. אבער וווהין פארט זי פון דאנעט? האט דער פעטער מיט א געהעכערט קול א פרעג געטאן ביי דער מומען.

שריי ניט מעכל אויף מיר, מיינסט טאקע אז ס'ארט מיך ניט. אז ס'גייט מיך ניט אן?

נאך א היפשן שטילשווייגן האט דער פעטער א זאג געטאן: דודיעלע וועט שוין באלד אהיימקומען. שוין צייט צו טראכטן וועגן וועטשערע.

דו איטעלע זאלסט וויסן אז דו ביסט ניט אליין, וואס ס'זאל ניט זיין, ווו דו זאלסט זיך ניט געפינען וועלן מיר האלטן אן אויג אויף דיר. מיר האבן דיך זייער ליב (איך ווייַן שוין ווידער). איצט וועלן מיר עפעס, איבערכאפן זיך און מארגן וועלן מיר ווידער זיך דורכרעדן.

אט אזוי האט זיך פארענדיקט דער טאג וועלכער האט זיך אנגעהויבן מיט אזוי פיל צוזאג...

# אַנגסט

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט האָב איך באַשלאָסן אַז אינדערפרי, ווי נאָר אַלע וועלן אויפשטיין וועל איך זיי באַלד לאָזן וויסן אַז איך גיי אַוועק, טאַקע נאָך הײַנט, איך וויל ניט זיצן און וואַרטן אויפן זיידנס קומען.

ווען דער פעטער האָט דערהערט מײַן באַשלוס, האָט ער אַ זאָג געטאָן: איך פאַרשטיי דיך זייער גוט, אָבער ס׳טאָר ניט געטאָן ווערן אין אײַלעניש. מיר וועלן זיך באַטראַכטן, זיך איבערלייגן. אפשר איז גאָר כּדאַי זאָלסט מיטפאָרן מיט מיר קיין טשערנאָוויץ און פון דאָרט וועלן מיר שוין זען.

— יאָ, איך וויל זייער מיטפאָרן מיט אײַך.

— מיר וועלן פאָרן אין אַ פּאָר טעג אַרום — האָט דער פעטער מיך פאַרזיכערט.

איך קען זיך שוין ניט דערוואַרטן, אין דער שטוב ווו כ׳האָב ערשט זיך געפילט כּמעט ווי אין דער היים, איז מיר מיט אַמאָל געוואָרן ענג און פרעמד. איך וויל שוין וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאָנעט.

די מומע פילט עס, זי וויל מיט מיר רעדן און איך רעד זי אויס. מאַך זיך טרוד מיט שטוב־אַרבעט. זי שטעלט מיך אָפּ: איטע, קום אַהער אַנטלויף ניט פון מיר, איך וויל מיט דיר רעדן.

איך קום צו צו איר אָבער בלײַב שטיין, קען ניט צוקומען נעענטער. נו, איך פאַרשטיי — זאָגט די מומע, איך וויל נאָר אַז אויך דו זאָלסט פאַרשטיין.

דער זיידע איז אַן עלטערער מענטש וועלכער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געווען דער אָנגעזעענסטע מענטש ניט נאָר אין שטעטל

נאָר אין גאַנצן נעגנט. אַ מענטש מיט פּאַרנעם, מיט אַן אָפֿענער האַנט. דער נאָמען יאָסל פּאַסמאַן האָט אַרויסגערופֿן דרך ארץ און אפשיי.

מיט אַמאָל אין משך פֿון אַ פּאָר יאָר איז די באָבע געשטאָרבן. שרה, די מיזינקע זײַנע איז אַוועק צום ייִנגסטן זון קיין בראַזיל. ער איז געבליבן איינער אַליין אין שטוב. על פּי שכל וואָלט ער געוועזן געדאַרפֿט גאָר בעטן דײַן טאַטן זיך אַרײַנצוקלײַבן אין שטוב אַרײַן.

אָבער ניט אַלץ, איטעלע, ווערט געטאָן לויטן שכל, אָדער לאָגיק. ווען וועסט עלטער ווערן ווועסטו פֿאַרשטיין אַז אַ מענטש דווקא אַ בעל־שכל, האַנדלט אָפֿטמאָל קעגן זײַן אייגענע אינטערעסן.

לעצטנס, פֿון זינט ער האָט זיך דערוווּסט פֿון דודיעס טויט, איז ער אינגאַנצן אויסער זיך. דודיע, זײַן ייִנגסטער זון, איז געווען זײַן שטאָלץ. טאַקע זייער אַ גערעטענער. אַ שיינער, אַ גוטער סטודענט און אַ גוטער פֿידל שפּילער. אין די זומערדיקע נאַכטן ווען די פֿענצטער שטייען אָפֿן ווען ס'האָט זיך נאָר דערהערט די שיינע נגינה פֿון דודיעס פֿידעלע האָבן זיך באַלד צונויפֿגעקליבן אַרום די פֿענצטער יוגנטלעכע און קינדער, און ניט אָפּגעטראָטן ביז דודיע האָט געענדיקט שפּילן.

אַלע זײַנען געווען צופֿרידן, אָבער דער זיידע איז זיך ממש צעגאַנגען פֿון נחת און שטאָלץ. פֿאַרשטייסטו דאָך וואָס פֿאַר אַ קלאַפּ דודיעס פּלוצימדיקער טויט איז פֿאַרן זיידן, דערצו נאָך איז זײַן מיזינקע שרה, פֿאַריתומט געוואָרן, געבליבן אַליין אין אַ ווײַט פֿרעמד לאַנד. בײַם זיידן אין האַרץ האָט זיך אָנגעקליבן ווייטיק, פּראָטעסט און יאוש. ער איז אַ פֿאַרביטערטער אײַנגעבראָכענער זקן. ועל כּולם נעמט זײַן אייגענער זון און קלײַבט זיך אַרײַן אין זײַן שטוב קעגן זײַן ווילן. לאָזט ער אויס זײַן גאַנצן כּעס, רוגזה און ביטערקייט צו דײַן טאַטן.

אויך דאָס איז ניט אַזוי פּשוט ווי ס'זעט אויס פֿון דער ווײַטנס.

דו קענסט זיך גאָר ניט פֿאַרשטעלן ווי ער, דער זיידע, האָט ליב געהאַט דײַן מאַמען. זי ליב געהאַט און שטאָלצירט מיט איר, ווען

ער איז אהיימגעקומען פֿון וועג און זיך דערוווּסט אַז זי, חיה, איז געוואָרן זײַן שנור איז ער געוואָרן מלא כּעס, מלא רוגזה. געשפּאַנט הין און קריק איבערן חדר און ווי צו זיך אַליין געזאָגט און איבערגעחזרט — אַזאַ שוטה, אַזאַ טיפּש, אויסבײַטן אַן אוצר, אַ שיינעם הירש אויף אַ דער אַ, אַ — בײַם נאָמען זי ניט אָנגערופֿן אפֿילו.

ס'האָט ניט געהאָלפֿן קיין רייד, קיין פֿאַרענטפֿערן די מומע. בײַם ײַידן איז חיה פֿאַרבליבן אַ פֿרעמדע.

זייער אַרײַנקלײַבן זיך אין שטוב צו אים האָט אים נאָך מער צערייצט. דאָס איבעריקע ווייסטו דאָך, איטעלע, נאָך אפֿשר בעסער פֿון מיר.

יאָ, האָב איך אַרויסגעיעבעצעט. דײַן טאַטע איז אין כּעס אויף מײַן טאַטן, דעריבער איז ער זיך נוקם אין מיר... וואָס בין איך שולדיק? איך בין אַרויס מיט אַ געוויין, די מומע איז מיר נאָכגעלאָפֿן מיך פֿאַרהאַלטן — הער אויס איטעלע, איך רייד מיט דיר ווי מיט אַ דערוואַקסענעם מענטשן, דו ביסט געצוווּנגען אויפֿצוּוואַקסן פֿאַר דער צײַט. פֿרעג איך דיך אַליין, ווי אַזוי וואָלסטו געהאַנדלט אויף מײַן, אָדער אויף דער מומע שפּרהס אַרט? וואָלסטו געקענט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן בקשה? ווי געגעבט אָדער אומגעגעבט די בקשה זאָל ניט זײַן וואָלסטו געקענט פֿאַרשאַפֿן אים נאָך מער עגמת נפש?

זאָג אַליין איטעלע, מיינסטו אַז ס'איז מיר גרינג דיך אוועקצושיקן? כ'האָב דאָך דיך ליב ווי מײַן אייגן קינד.

— איך ווייס ניט, פֿרעג מיך ניט — און בין ראַפּטאַם אַרויס אינדרויסן.

איך וויל ס'זאָל וואָס גיכער ווערן נאַכט, איך וויל אַזוי אַנטלויפֿן, זיך אָפּרוקן. כאָטש דאָס האַרץ איז פֿול מיט בענקשאַפֿט, אָבער אויך מיט טענות:

— פֿאַר וואָס האָט איר מיך פֿאַרשיקט?

ווען דער פֿעטער מעכל האָט מיך געטאַרעט און געוועקט האָט

ער א זאג געטאָן: אודאי א חלום, ווײַזט אויס, א שלעכער חלום, איאָ?

קום איטעלע, מיר וועלן טרינקען א גלאָז טיי און זיך דורכרעדן. מײַן פֿעטערס ווייך קול, זײַן האַנט אויף מײַן קאָפּ איז ווי א באַלזאַם. ס׳באַרויִקט מיך.

דודיעלע איז שוין אויך דאָ, אַלע זעצן זיך אַרום טיש, ווי אַלע מאָל מיט איין חילוק, דער פֿעטער באַשטייט אויף דעם אַז ער און ניט איך וועט דאָס מאָל באַדינען, אָנגיסן און דערלאַנגען די טיי מיטן געבעקס.

איך האָב א פּלאַן. זאָגט מײַן פֿעטער, איבערמאָרגן פֿאָרן מיר קיין טשערנאָוויץ. איך האָב באַקאַנטשאַפֿטן, איינער פֿון זיי פֿאָרט אַפֿט קיין בוקאַרעשט, וועסטו איטעלע מיטפֿאָרן מיט אים און ער וועט דיך שוין צופֿירן ווי מ׳דאַרף. דאָרט זײַנען דאָ נאָך אַזוינע ווי דו, ס׳איז אַפֿילו מעגלעך אַז זאָלסט דאָרט אָנטרעפֿן א באַקאַנטן.

אַלע וואַרטן אויף וויזעס קיין אַמעריקע, זיי קענען און ווייסן די אינסטיטוציעס וווּהין און צו וועמען מ׳דאַרף זיך ווענדן, וועסטו שוין האָבן מיט וועמען צו באַראַטן זיך. דו דאַרפֿסט אין זינען האָבן אַז אומעטום זײַנען דאָ גוטע מענטשן, גרייט צו העלפֿן, און דיר איטעלע וועלן אַלע ליב האָבן ווײַל דו ביסט א טײַער קינד. ס׳איז מיר א סך גרינגער געוואָרן.

# בײַ די לעבטמאַנס אין טשערנאָוויץ

מײַן פֿעטער מיכלס וואָרט איז א הײלונג פֿאַר א צעווײטיקט האַרץ, זײַן אַרײַנהאַמערן אין מיר דאָס "זײַ וויסן איטעלע, אַז אומעטום זײַנען דאָ גוטע מענטשן א ניט וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט".

די עטלעכע ווערטער האַלט איך אין זיך, ווען נאָר ס'באַהערשט מיך די אײנזאַמקייט מײַנע ציִ איך אַרויס מײַן פֿעטער מעכלס ווערטער און זײ העלפֿן מיר פֿאַרטרײַבן די מרה־שחורה.

נו, מיר פֿאָרן שוין. איך פֿאַרלאָז נאָוואָסעליץ מיט געמישטע געפֿילן. איך בין צופֿרידן מיטן אָוועקפֿאָרן, אָבער נאָוואָסעליץ האָט אויך פֿאַר מיר גוטע דערמאָנונגען. דער פֿעטער מעכל דער סאַמע עיקר...

פֿאָרנדיק וויגנדיק זיך, האָב איך אײַנגעדרעמלט. מיט אַמאָל דערזע איך מײַנע ליבע נאָך וועלכע איך בענק אַזוי, אין א לאַנגער שורה. איך דערפֿרײ זיך מיט זײ און וויל זיך דערנענטערן. אָבער איך דערהער זײערע קולות אַלע אויף אַמאָל: גוט, גוט אַזוי איטע, מיר האָבן געמײנט אַז דו ועסט זיך שוין אײַנבירגערן, און פֿאַרבלײַבן און אין אונדז ביסלעכווײַז פֿאַרגעסן.

ווי קענט איר אַזוי טראַכטן? פֿאַרוואָס האַלט איר זיך פֿון דער ווײַטן?

דער פֿעטער טאַרעט מיך. איטעלע, באַרויק זיך, ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט. יאָ, ווײַזט אויס, און איך פֿיל זיך זײער ניט צופֿרידן מיט זיך, איך סטאַרע זיך וואָס גיבער אויפֿצוואַקסן, צי זיך ממש בײַ די אײגענע אויערן. און פּלוצעם אַזאַ האַנדלונג אָן אמת קינדערשע אויפֿפֿירונג. אויך דאָ איז דער פֿעטער מײַנער געקומען

מיר צו הילף. אויך ער האָט געהאַט פּונקט אַזאַ דערפאַרונג פאַרנדיק טאַקע קיין טשערנאָוויץ. ער דערציילט מיר געננוי דעם אינצידענט.

ס׳איז אָבער ניט שווער אַרויסצובילן די כּוונה מײַן פּעטערס, און גערעכט איז ער אויך דאָס מאָל געווען. ס׳האָט מיר געהאָלפן — אויב אויך דערוואַקסענע פּילן אַזוי איז נישט מסוכּן.

מיר קומען אָן קיין טשערנאָוויץ שוין בין השמשות. די בני־בית באַציִען זיך צום פּעטער מיט פרײַנטשאַפט און דרך־ארץ.

מײַן קומען צו זיי איז קיין איבעראַשונג ניט געווען, מײַן פּעטער האָט זיי צוגעגרייט ווײַזט אויס.

איך בין נשתּומם. וואָס פאַר אַ רחבֿות, וואָס פאַר אַ ליכט? כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מעבל, דער עיקר די הרובע, די גאַנצע וואַנט פון ווײַסע גלאַטע קאַכליעס. איך בין ממש פאַרגאַפט.

די פרוי ברענגט אַרײַן דרײַ מיידעלעך צו באַקענען זיי מיט מיר. די עלטסטע מיט אַ יאָר ייִנגער פון מיר. זיי רעדן דײַטש און רומעניש. קיין ייִדיש קענען זיי ניט.

אָבער ניט דאָס לשון טיילט אונדז אָפּ אַזוי, ווי זייער הלבשה, זייער אויפפירונג. די עלטערן רופן זיי פּאַטער, מוטער.

איך פיל זיך דאָ פרעמד. איך וואָלט געוואָלט וואָס גיכער פון דאַנעט אַוועקפאָרן. די קינדער און אויך זייערע עלטערן זײַנען דווקא פרײַנדלעך. איך האָב אָבער דאָס געפיל אַז זיי קוקן אויף מיר ווי איך פלעג קוקן אויף די דאָרפישע קינדער וועלכע פלעגן קומען אויף ראש־השנה און יום־כּיפּור אַרײַן אין שטעטל אַרײַן.

זייערע עלטערן, די ישובֿניקעס פלעגן קומען מיט גאַנצע פּעק גרינסן, מיט פּירות מיט כּל טובֿ. מיר האָבן זיי אויפגענומען, געטיילט זיך מיט אַלץ, מיטן עסן, מיט די געלעגערס. רבֿקהלע מיט וועלבער איך בין געשלאָפן צוקאָפּנס און צעפוסנס איז באַלד געוואָרן מײַן חבֿרטע. איין אָפּהאַלט: איר לשון.

גערעדט האָט זי מיט אַ שאַרפער ריש, מיט אַ סך גוייִשע ווערטער. האָסטו זיך ניט צוגעהערט צו אירע רייד, האָסטו געמיינט

אז זי רעדט גוייִש. איך פלעג אויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער און פֿאַרשעמען זי.

איינמאָל האָב איך זי זייער דערצאָרנט מיט מיין צעלאַכן זיך. זי האָט זיך ביטער צעוויינט און איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטע, ניט געוווּסט ווי אַזוי זי צו באַרויקן.

כ׳וועל מער ניט לאַכן רבקהלע, בעט איך זיך ביי איר, נאָר וויין ניט מער, זי קען זיך אָבער ניט באַרויקן.

ווייסטו וואָס רבקהלע, דו מעגסט מיך רופן ״ווילדע קאַץ״ ווי מיין ברודער רופט מיך, מעגסט אפילו מיך רופן ..... ווי מיין טאַטע רופט מיך. איך האָב עס נאָך קיינעם ניט דערציילט נאָר דיר. נאָר וויין מער ניט רבקהלע כ׳בעט דיך.

איך האָב אויפסניי דערפילט ווי טיף כ׳האָב באַליידיקט רבקהלען ווען מיר זיינען נאָך קינדער געווען.

איך בין דאָך שוין אָבער אַ גרויסע, שוין אַ 14־יעריקע. פֿאַרוואָס זשע האָב איך אַזוי מורא פֿאַרן צעלאַכן זיך פֿון די שיינע פֿאַרפּוצטע מיידלעך? נאָר מיט אַמאָל דערמאָן איך זיך אין מיין טאַטנס ווערטל אַז ״אַ פּאַטש פֿאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט״ אין דעם פֿאַל איז אַ ״פּאַטש פֿאַרגייט און אַ בושה באַשטייט״ האָט מיך באַוויזן אויפסניי צו בעטן מחילה ביי רבקהלען דעם יישובניקס טעכטערל.

# באַגעגעניש בײַ בערקאָוויטשן

נו, מיר פֿאָרן שוין, מײַן פֿעטער האָט זיך מיט מיר וואָרעם געזעגנט, מיך פֿאַרזיכערט אַז הער לעבטמאַן וועט מיך ניט איבערלאָזן, ביז כ׳וועל קומען צו דער באַרימטער אַכסניה, וווּ כ׳וועל זיך באַגעגענען מיט נאָך פּליטים וועלכע זײַנען עלטער, דערפֿאַרענער פֿון מיר און ווייסן שוין ווי אַ טיר עפֿנט זיך. ער האָט מיר אַרײַנגעשטופּט אין קעשענע 50 לעי און נאָך אַמאָל מיר אָנגעזאָגט חבֿרן זיך, האַלטן זיך נאָענט נאָר מיט פּרויען. מיר צוגעווינטשעוועט. מיר אַ קוש טאָן צום ערשטן מאָל.

דער קוש האָט מיך אינגאַנצן אויפֿגעהייטערט. כ׳האָב די גאַנצע צײַט געהאַלטן די האַנט אויף דער באַק צו פֿאַרהאַלטן, און ניט דערלאָזן חלילה ס׳זאָל זיך אויסווישן די באַרירונג דעם פֿעטערס.

הער לעבטמאַן האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן — זי האָבן איינע צאָן ווייטיק — ניין, ניין כ׳האָב ניט קיין שום ווייטיק, פּשוט אַ געוווינהייט... האָב איך אַלץ גיך צוגעטראַכט אַ תּירוץ און צוגענומען די האַנט פֿון באַק.

מיר פֿאָרן. — מעגסט אײַנשלאָפֿן, זאָגט הער לעבטמאַן, דער וועג איז נאָך לאַנג.

צוקומנדיק נאָענט צו דער שטאָט האָט הער לעבטמאַן מיך אַ טאָרע געטאָן — ס׳איז כּדאַי זי זאָלן זען די שטאָט. — בוקאַרעשט האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אַ שטאָט אַ קראַסאַוויצע! די געבײַדעס, די שיינע ריינע גאַסן געצוימט מיט ביימער און בלומען. די וווּנדערלעכע קראָמען, דער קליפּ־קלאַפּ ריטם פֿון די דראָשקעס־פֿערד אויף די ברוקירטע גאַסן.

דער עיקר די מענטשן. אַ מין ספּעקטאַקל. מ׳באַוועגט זיך גרינג,

גיך אָבער ניט געאײַלט. פֿאַרפּוצט זײַנען די פּרוּיען אין עסיק און אין האָניק, ווי אַלע וואָלטן געגאַנגען אויף אַ חתונה.

אַט זײַנען מיר שוין אויף דער גאַס, און באַלד טאַקע בײַ דעם בנין. אַרײַנקומענדיק צו דלוי בערקאָוויטש אין אַכסניה האָבן מיר געטראָפֿן אַ וועלט מיט מענטשן. אַלטע, יונגע, מיטליאַריקע.

אַ גרויס, זייער אַ גרויס חדר אַזוי ווי אַ טאַנץ־זאַל מיט בעטן בײַ די ווענט. אַ גאַנצע משפּחה האָבן פֿאַרנומען 2 בעטן, און אײינצלנער האָט געדאַרפֿט זיך צוזוכן אַ שותּפֿטע צום בעט. קיין בעט פֿאַר איין מענטשן איז ניט געווען בנמצא און ווען אַפֿילו יאָ איז ווער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען אַזאַ לוקסוס?

הער לעבטמאַן פֿאַרהאַנדלט מיט דלוי בערקאָוויטש. איך שטיי מיט מײַן בינטל גאַרדעראָב, הער בערקאָוויטש ווײַזט אונדז אָן אויף אַ בעט אין אַ ווינקל און זאָגט מיר: די זאַכן דײַנע לייג אַרונטער אונטערן בעט און לאָז איבער אָרט פֿאַר דײַן שותּפֿטע מיט וועלכער וועסט זיך באַלד באַקענען. הער לעבטמאַן געזעגנט זיך און גייט אַוועק אין איילעניש.

איך בלײַב שטיין און ס׳יאָווען זיך שוין די פּלאָטערלעך בײַ מיר אין בויך ווי שטענדיק בעת איך הענג אין דער לופֿטן און ווייס ניט וווּהין זיך צו ווענדן, אויף לינקס צי אויף רעכטס.

אַרום מיר זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, זייער אַ סך זיצן אויף זייערע בעטן און מ׳רעדט, אייניקע פֿרײַנדלעך, אַנדערע מיט אַ קריגעריש קול אַז אָט אָט און זיי וועלן באַפֿאַלן איינע די אַנדערע און זיך רײַסן בײַ די טשופּרינעס.

איך קוק זיך אַרום און דערזע אויפֿן דריטן בעט פֿון מײַנעם זיצן צוויי מיידלעך. איינע האָב איך באַלד דערקענט – דאָס איז דאָך אַבֿרהם ריזנערס טאָכטער, חנה. כ׳האָב ראַפּטום אַ יאָג געטאָן זיך, פֿאַרטשעפּעט זיך אין אַ פּוס פּונעם שכנהשן בעט, אַ פֿאַל געטאָן מיטן פּנים אַראָפּ און זיך צעבלוטיקט די נאָז. אַ פֿאַרשעמטע בין איך אויפֿגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין. אָבער די שכנים מײַנע האָבן מיך פֿאַרהאַלטן: וווּהין גייסטו, מיידעלע? בעסער טו עפּעס, ס׳קאַפּעט

דיר בלוט פון דער נאז, זיי אליין זיינען ארויס און געבראכט א טוך און קאלט וואסער און מיר געהאלפן אפשטעלן דאס בלוטיקן.

איידער וואס ווען זיינען די צוויי מיידלעך אנטרונען געווארן.

ס'איז מיר געווארן זייער ביטער. אט האב איך ערשט געהאט עמעצן וואס קומט פון מיין געגנט פון שבנישן דארף, און צוליב א שלימזלדיקן צופאל האב איך זי מער ניט.

ס'איז אבער ניט אזוי געווען. זיי זיינען ביידע צוריקגעקומען און אין מיר איז אריין א נייע נשמה. איך בין באלד צוגעלאפן צו איר און אויסגעשריגן "חנה ריזנעס", זי האט מיך אנגעקוקט "ווער ביסטו?" ווען כ'האב איר אנגערופן מיין ייחוס האט זי זיך נעבאפט און מיך פארזיכערט אז זי געדענקט מיך. דאס געדענקן מיך אליין איז פאר מיר געווען א גרויס געשעעניש.

זי האט מיך באקענט מיט איר שוועסטער טשארנע, און איך האב שוין פון זיי ניט אפגעטראטן. חנה איז דריווונינקע א תנוודיקע, און זייער א גוטע. איר שוועסטער טשארנע איז אינגאנצן אן אנדערע, זי איז כסדר פארנומען מיט זיך, גיט זיך זייער אפ מיט איר אויסזען. מיט קיין שיינקייט האט טשארנע זיך טאקע ניט אויסגעטיילט. זי אליין אבער האט זיך געהאלטן פאר זייער א שיינע. ווען נאר איך טראכט וועגן איר הער איך איר נערוזן שמורגע מיט דער נאז, און זע זי זיצן און פוצן די נעגל.

אויף מיר האט טשארנע קיין איבעריקע ליבשאפט ניט געפטערט. אדרבא וואלט עס געווען אין איר געוועגדט וואלט זי שוין לאנג מיך משלח געווען. איר שוועסטער אבער ווייזט מיר ארויס א סך פריינדשאפט און ווארעמקייט, האט זי ניט קיין ברירה. מיט דער צייט איז זי געווארן מילדער האט אפילו מיר צוגעטיילט א שמייכל טאקע ניט אפט, אבער ס'איז געשען. ביי מיר איז עס געווען א פרייד און א נצחון.

ווער זיינען די צוויי שוועסטער וועלכע האבן פארנומען אזא וויכטיק ארט אין מיין יונג לעבן?

חנה און טשארנע זיינען די צוויי עלטערע פון זיבן קינדער ביי

אברהם און זײַן פרוי, פון ריזנע. ריזנע איז א שכינותדיק דארף ווו ס'ווינען אויך א פאר יידישע משפחות.

אברהם ריזנער איז געווען ווי מײַן פאטער א סאדאווניק, אפגעדונגען די סעדער אין בלי, און געבעטן גאט ער זאל לאזן די פרות רײַף ווערן, ניט אנשיקן קיין פארשפעטיקטן פראסט, קיין פריע טריקעניש, קיין האגל.

קומען פלעג ער אפט אויף די ירידים אין שטעטל און זיי ר' אברהם און מײַן פאטער האבן דאך געהאט בשותפותדיקע אינטערעסן פלעג איך זיי אפט זען שטיין און אײַנטענהן איינער מיטן אנדערן. אז איך, האלטנדיק ארום מײַן טאטנס קני, בין מיד געווארן און אנגעהויבן ארויסווײַזן ניט צופרידנקייט, האט אברהם ריזנער מיך א גלעט געטאן דעם קאפ און א זאג געטאן צום טאטן: "ס'איז טאקע צו פיל צו דערווארטן פון א קינד צו שטיין רויק אזוי לאנג".

אברהם ריזנער האט געהאט א שם פאר "א ייד מיט א הארץ". גרייט געווען צו טאן א טובה. איז א שטעטלדיקער ייד געקומען אין דארף מיט דער האפענונג אײַנצוהאנדלען א זאק תבואה, א שאק אייער און אהיימברענגען א פארדינסטל פאר ווײַב און קינדער. אז דער גייער איז מיד און הונגעריק געווארן, איז אברהם אין שטוב געווען די סטאנציע ווו ער איז געקומען בלומרשט אפדאווענען, און שוין זיכער געווען אז קיין הונגעריקער וועט ער פון דארט ניט אוועקגיין.

ווען ס'האט זיך א גאס געטאן די פעטליורע בוואליע איבער די אוקראאינישע שטעטלעך האט אברהם געבראכט זײַן שוויגער מיט אירע דרײַ מיידלעך אין דארף און זיי מפרנס געווען.

# אַרקע קויפמאַן

בײַ בערקאָוויטשן אין דער גאַסטיניצע ווערט וואָס אַמאָל ענגער. געדיכטער צו די לאַקאַטאַרן די שוין מער אײַנגעזעסענע קומען צו קרובים פֿרײַנד. פֿון דער אוקראַינע לויפֿט מען ווי פֿון אַ פֿײַער ס׳בושעווען אַלץ דאָרט, הונגער, אומרו, מגפֿות. פֿון דניעסטער ציט מען אַפֿט אַרויס דערטרונקענע, קרבנות פֿון די גײַציקע קאָנטראַבאַנטשיקעס. אויך דאָס האַלט ניט אָפּ פֿון לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן. דער האַיאַס, דער דזשוינט, האָבן אויפֿגעשטעלט אַ מין מקלט פֿאַר פּליטים אָבער ס׳איז ווי אַ טראָפּן אין ים.

טאַקע אַ גרויסער בנין – מער ווי אײַנער אַפֿילו – אָבער ניט גענוג פֿאַר דער כוואַליע וואָס טראָגט זיך פֿון דאָרט.

צופֿרידן זײַנען די אײַנוווינער פֿון דער "אַבשטעזשיטיע" אוודאי ניט, אָבער אַ סך פֿון זיי גלייבן אַז לעבנדיק אין די באַדינגונגען, איז מען נעענטער צו דער גאולה. די אָפֿיציעלע אָרגאַניזאַציעס זעען זייער פֿלאַג.

אויף מאָרגן גייען אייניקע אין האַיאַס, שליס איך זיך אין זיי און גיי אויך. מ׳טיילט אויס בויגנס פּאַפּיר צו יעדן פֿון אונדז, מיר דאַרפֿן אויפֿשרײַבן ענטפֿערס אויף די געשטעלטע פֿראַגעס.

איך קוק אויפֿן פּאַפּיר ווי אַ האָן אין "בני אדם", הייב ניט אָן וויסן וואָס וויל מען פֿון מיר. ס׳איז דווקא געמאָלדן געוואָרן אַז מ׳קען שרײַבן אויף וואָס פֿאַר שפּראַך ס׳איז גרינגער. איך הייב אָבער ניט אָן פֿאַרשטיין דאָס לשון (כאָטש ס׳איז געשריבן אויך אויף יידיש). זיץ איך און קוק ווי אַלע זײַנען טרוד מיט זייער אַרבעט... מיר איז זייער ניט גוט, איך שעם זיך בעטן הילף און אַרויסווײַזן מײַן עם־הארצות.

איך פֿיל אויף זיך די בליקן פֿון א יונגערמאַן וואָס האָט שוין ווײַזט אויס זײַנע פֿראַגן פֿאַרענטפֿערט, איצט דרייט ער זיך אַרום און א שטאָך אַרבעט. ער גייט פֿאַרבײַ מיר הין און קריק, הין און קריק. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און מאַכט צו מיר אַזוי.

— איך זע, פֿרײַלין, אַז אַ ביסל הילף אויסצופֿילן דעם בויגן וואָלט אײַך צוניץ געקומען. אַזוי ווי כ׳האָב מײַנעם שוין פֿאַרענדיקט קען איך אײַך אפֿשר העלפֿן? איך האָב זיך פֿאַרשעמט, דערפֿילט אַז אַפֿילו די וואָרצלען פֿון די האָר אין קאָפּ האָבן זיך פֿאַרוויטלט.

איך וויל עפּעס זאָגן און ווייס ניט וואָס. ער איז אַרײַן ווײַזט אויס אויף דעם פֿויגל און שלאָגט מיר איבער ראָס ניט וויסן וואָס צו זאָגן, בזה הלשון:

איז זעט דעם עולם וועלכער איז אַזוי פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט? גלייבט מיר אַז אַ גרויסער טייל פֿון זיי וועט זיך נייטיקן אין אַ ביסל הילף.

געדאַרפֿט וואָלטן די אַנגעשטעלטע אַליין דאָס טאָן אָבער אַזוי ווי ס׳איז אַ גרויסער אַנגעלויף קענען זיי זיך ניט פּשוט ספּראַווען, ס׳איז אָבער שווער פֿאַר מענטשן וועלכע האָבן דאָס נאָך קיינמאָל ניט געטאָן צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגעס.

מיר איז גרינג, ווײַל איך האָב געאַרבעט אַ פּאָר יאָר אין אַ ביוראָ אַז די אַרבעט איז מיר באַקאַנט. אַז איר וועט מיר דערלויבן אײַך אַרויסצוהעלפֿן, וועלן מיר נאָך באַווײַזן צו העלפֿן אויך אַנדערע.

ער האָט אַ נעם געטאָן דעם בויגן און אַ פֿרעג געטאָן, ווי הייסט איר? וואָס איז אײַער נאָמען? איטע, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון מיר אַ הויך שערסטקע קול. איטע, ניט מער ווי איטע? זיי ווילן אויך וויסן אײַער פֿאַמיליע, פֿאַסמאַן. האָב איך צוגעגעבן.

פֿון וואַנעט קומט איר איטע? פֿון סטודעניצע. טאַקע סטודעניצע בײַם עסטער? יאָ. הער אַ צופֿאַל, מיר קומען דאָך פֿון איין געגנט. איך קום פֿון טערעסעץ, געהערט אַמאָל אַזאַ נאָמען? יאָ, אַוודאי געהערט מײַן טאַטע און מײַן ברודער פֿלעגן גיין אַהין צופֿוס, מײַן

טאַטע האָט אויך אָפּגעדונגען די פּרוּבֿט סערער אין טעריוויץ. איז דאָך עס מענדל יאַסל משהלעס!

יאָ געדענקסט, וועסט מיר היימיש מיט אים. איך קען דײַן טאַטן. איצט וועלן מיר אויספּילן דעם בויגן, דערנאָך העלפֿן די וועלכע נייטיקן זיך אין אַ ביסל הילף, דערנאָך וועלן מיר ריידן.

ס'איז מיר מיט אַמאָל גוט געוואָרן אויפֿן האַרץ. איין קליינקייט! אַן אייגענער מענטש.

ווען ביסטו געבוירן? ערבֿ פּסח, צום ערשטן סדר. ער האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן: דאָס יאָר איטעלע, וואָס פֿאַר אַ יאָר ווילן זיי וויסן. איך ווייס ניט. האָב איך אים געזאָגט אַן אומצופֿרידן מיט זײַן ניט וויסן און מיט זײַן צעשמייכלען זיך אויף מײַן חשבון.

גיב אַ טראַכט איטעלע, איצט האָבן מיר דאָס 24סטער יאָר.

יאָ ב'ווייס. דער טאַטע האָט געזאָגט מײַן באָבען. — ווי קען איך פֿילן אוועקשיקנדיק אַ קינד פֿון 13 יאָר אַליין נאָך דערצו, אין אַ פֿרעמדער וועלט אַרײַן? — ווען איז דאָס געווען? איך בין שוין אַ יאָר און אַ האַלב פֿון דער היים. ווייסן מיר שוין אַז ביסט 14½ יאָר אַלט.

איצט דאַרפֿן מיר נאָך האָבן דעם חודש און דעם טאָג. דו זאָגסט אַז ביסט געבוירן געוואָרן ערבֿ פּסח, פּסח פֿאַלט געוויינלעך אויס אין אַפּריל, וועלן מיר אָננעמען דעם 15טן אַפּריל. ווי דײַן טאָג. מסכּים?

יאָ, יאָ. פֿאַרענדיקט מיט מיר, האָט ער אַ מאַך געטאָן: בלײַב זיצן דאָ, איך וועל באַלד צוריקקומען. כ'האָב זייער געוואָלט אַז ס'זאָל שוין זײַן באַלד...

איך בין געזעסן אין גרויס דערוואַרטונג. ער איז געגאַנגען פֿון איינעם צום אַנדערן אַרויסגעהאָלפֿן מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט ווי אַלע וואָלטן געווען זײַנע קרובֿים. אַלע זײַנען געווען אים זייער דאַנקבאַר אַלע האָבן אַרויפֿגעקוקט צו קויפֿמאַנען.

דער עיקר וואָס כ'האָב זיך אַ סך ווינציקער געשעמט פֿאַר אים, דאָס שעמען זיך איז איין קראַנקייט. צעטומלט, צעחושט, שווער עפּעס צו זאָגן, זאָגסטו שוין יאָ, טוט דיר שטענדיק באַנג דערנאָך אויפֿן

גנועאגטן. ניט אזוי מיט קויפמאנען. כ׳פיל זיך אינגאנצן פריי; כ׳קען ריידן מיט אים וועגן אלץ און אלעמען.

נו ער האָט זיך שוין באפרייט און באלד צוגעקומען צו מיר.

— איצט קענען מיר שמועסן. ס׳וועט נעמען לאנג ביז יערנס נאמען וועט אויסגערופן ווערן, דארפן מיר ווארטן און האפן אז מיר זאלן זיין פון די ערשטע. אויב ניט איז אויך ניט קיין אומגליק. אין ערגסטן פאל קען מען אונדז הייסן קומען מארגן נאך אמאל.

ערשטנס דארפסטו מיר זאגן מיט וועמען דו ביסט געקומען אהער, איך וויל זיך מיט זיי באקענען. איך האב א מעגלעכקייט איבערצושיקן א בריוול אהיים. וועל איך זיי בעטן איבערצוגעבן א גרוס דיין טאטן פון דיר. ביי בערקאוויטשן האב איך באקאנטע וויל איך דיך באקענען מיט זיי. וויל איך טאקע מיטפארן מיט דיר. ווי דו זעסט אירץ איך דיך מער ניט, דו קענסט מיך יא אדער ניט אירצן ווי ס׳דיר באקוועם. אבער רופן מעגסטו מיך רופן ביי מיין ערשטן נאמען ארקע, ארקע? האב איך אויסגעשריגן מיין ברודער הייסט ארקע. טאקע? ס׳קען גאר זיין אז ניט נאר זיינען מיר לאנדס־לייט נאר טאקע קרובים אויך, ס׳איז מעגלעך אז דיין ברודער און איך טראגן דעם נאמען פון א בשותפותדיקן עלטער־זיידן אונדזערן.

איך בין מלא שימחה, אין זיך קלער איך: הלוואי!

איך דערצייל אים אז אונדזער סטורעניצער סטאראסטע מיט זיין משפחה געפינען זיך שוין דא און גרייטן זיך צופארן קיין בראזיל.

צי איך קען הירש מירצעס דעם סטאראסטע? אוודאי קען איך אים. איך בין א סך מאל געווען אין סטורעניצע כ׳קען זיינע זין לייב, שלמה און יאנקל. ער רעדט און איך ווער פול מיט אזוי פיל פרייד אז מיין הארץ וועט אינגיכן אויפרייסן.

א מיידל פון ביורא איז מודיע אז מיר קענען גיין אהיים וויל מ׳וועט מיר ניט אויפנעמען היינט. די בערקאוויטשס פריינד האבן זיך באקענט מיט קויפמאנען, מיר זיינען אלע געפארן אינאיינעם. שוין לאנג ניט געפילט אזא פרייד. דער ארקע קויפמאן האט מיר ארייננגעזועצט א נייע נשמה.

# ר׳ הערש מירצעס (אונדזער סטאַראָסטע)

אויף מאָרגן נאָך אַרקע קויפּמאַנס אַוועקגיין בין איך געפאָרן אָפּזוכן מיינע לאַנדסלייט. געוווינט האָבן זיי זייער ווייט. מ׳האָט מיר דוקא אָנגעוויזן, אָנגעזאָגט ווי אַזוי צו קומען אַהין נאָר אַזוי ווי איך בין זייער שטומפּיק אין הילכות אָריענטאַציע, האָב איך זיך גענומען בלאָנדזשען אַזוי גיך ווי איך בין אַרויס פון טראַמוויי, און אָפּגעבלאָנדזשעט ביז שפּעט נאָכמיטאָג.

געווען בין איך ניט מער ווי אַ מינוט גאַנג פון טראַמוויי. אַרייַנגעפאַלן בין איך צו די לאַנדסלייט מיינע אַן אויסגעמאַטערטע אַ הונגעריקע, דער עיקר אַ פאַרשעמטע פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס בין איך אַזוי אומבאַהאָלפן? פאַר וואָס בין איך אַזאַ שלימזל? איך בין דאָך שוין דאָס 50טע יאָר, וואָס וועט זיין פון מיר?

כ׳האָב באַשלאָסן אַז קיינער טאָר ניט וויסן פון מיין פּלאָג. זיך גוט אויסגעוויינט און אָנגעקלאַפּט אין טיר. באַגעגנט האָט מיך רבקה יחיאל רויטמאַנס טאָכטער וועלכע איז מיטגעפאָרן ווי אַ כלה צו שלמהן, דעם סטאַראָסטעס זון קיין בראַזיל.

אין שטוב איז שאַ, שטיל, ר׳ הירש כאַפּט אַ דרעמל. אַז ר׳ הערש סטאַראָסטע שלאָפט האַלט די גאַנצע משפחה איין דעם אָטעם. מ׳גייט אויף די שפּיץ פינגער. עפּנענדיק די טיר האָט רבקה צוגעלייגט איר פינגער צום מויל, שאַ. דער פעטער שלאָפט (רבקה איז אויך געווען אַ פּלימעניצע די קויפּמאַנס).

מיר האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין קיך און געוואַרט אויף מירציעס און איטעס אַהיימקומען, זיי זיינען געגאַנגען איינקויפן.

די באַגעגעניש פון ביידע חברטעס ביידע איטעס איז געווען זייער אַ פריידיקע. שוין אַנדערהאַלבן יאָר זיך ניט געזעען. אָבער

מיר האָבן ניט גערעדט נאָר געשושקעט, געסודעט זיך — שטילער, דער טאַטע שלאָפֿט.

ווען ר׳ הירש איז אויפֿגעשטאַנען האָט שוין געוואַרט אויף אים דער טשײַניק הייסער טיי און דער קאַלטער סיפֿאָן מיטן צובײַסן.

בײַם טיש ווו אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט האָט ר׳ הירש קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט חוץ, ווו זשע איז דאָס אײַנגעמאַכטס? אין אַ הרף־עין איז שוין געשטאַנען אַ טעלערל ווײַנשל אַרײַנגעלייגט צווײ לעפֿעלעך פֿונעם לויטערן ווײַנשל אײַנגעמאַכטס אינעם גלאָז, צעקלוידעט גוט מיטן לעפֿעלע בעת ער האָט אַרײַנגעשפּריצט דאָס זודיקע סאָדע וואַסער אינעם גלאָז. אַ זופּ געטאָן און מיט אַ צופֿרידענעם קול ״האַא״, האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעחזרט אַ שלונג און אַהשי. נאָך עטלעכע האָס האָט ער גענומען אויסטײַלן יעדן אײנעם דעם מחיהדיקן געטראַנק. קיינער האָט נאָך דערווײַל קיין וואָרט ניט געזאָגט.

ערשט בײַם טיי טרינקען האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: דו ווייסט איטע, אַז כ׳האָב אַ גרוס צו דיר. אַ פּאָר טעג פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָרן איז דײַן טאַטע געקומען צו מיר מיט אַ בקשה, איך זאָל דיר איבערגעבן, אויב דו האָסט ניט קיין מעגלעכקייט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע איז אפֿשר כּדאַי זאָלסט קומען אַהיים. טאַקע אַן אָרעמע היים, אָבער פֿאָרט בעסער ווי זיך וואַלגערן אין דער פֿרעמד. וואָס איז דײַן ענטפֿער? טראַכט זיך דורך.

״איך וועל נישט פֿאָרן צוריק אַהיים״, האָב איך ווי אויסגעשריגן. מאָרגן אָדער אפֿשר נאָך הײַנט וועל איך זײַן אין ׳האיאַס׳ אויסגעפֿינען וואָס און ווען, זיך רעגיסטרירן. און וואַרטן ווי אַלע.

דערווײַל האָט מען מיר שוין צוגעזאָגט אַן אָרט אין אַ פֿאַבריק פֿון פּאַראַסאָלן, וועל איך שוין אַרבעטן און ניט אָנקומען צו קיינעם. איך מוז זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, כּדי צו העלפֿן זיי, און ס׳איז דאָך שוין אַנדערהאַלבן יאָר אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים זאָל איך ערשט איצט אויפֿגעבן?

״ביסט זייער גערעכט״, האָט ר׳ הירש זיך אָפּגערופֿן, כ׳האָב

אויך אזוי געזאגט דיין טאטן. אבער ער זארגט זיך פאר דירה, און ס'איז פארשטענדלעך.

הירש סטאראסטע איז באוווסט ווי א שטרענגער מענטש, א בעל־כעס. אבער דאס שטעטל האט געהאט גרויס דרך־ארץ פאר אים, פאר זיין ארט, וואס ער האט פארנומען ווי דער ראש פון שטעטל. דורך אים איז פארצייכנט געווארן יעדער געבורט און דאס אוועקגיין פון יעדן איינעם אויפן עולם האמת. ער האט געטראגן די אחריות פאר די שטייערן צו דער מאכט. מיט אייןווארט – ער איז געווען א ייד מיט התחייבותן און אויסגעפירט זיי מיט פאראנטווארטלעכקייט.

דערצו איז ער געווען א מאן פון א זייער ליבער פרוי, א טאטע פון 4 בנים און דריי טעכטער, און אייגנטימער פון א שיינער דירה. פרנסה האט ער געצויגן פון פראדוצירן סאדע וואסער, לימאנאד און האט אויך פארקויפט ביר. אן איינגעפונדעוועטע שטוב געווען מיט כל טוב.

מ'האט געהאט דרך־ארץ פאר אים, אבער טאקע נאר דרך־ארץ. קיין ליבשאפט האט ער ניט ארויסגערופן. א הויכער, מיט אן ערנסט שטרענג פנים, פון א שמייכל איז אפגערערט. צו זיינע קינדער האט ער זיך באצויגן ווי אן אמתער דעספאט. זיי האבן מורא געהאט פאר אים אימת־מות. יעדער ווארט זיינער איז געווען א באפעל, איך האב זיך געלאזט פארן צו אים מיט פחד אין הארץ, ווי אזוי וועט דער בייזער ייד מיך אויפנעמען?

אין די ווינטערדיקע פארשנייטישע שבתים פלעגן מיר מיידלעך, חברטעס זיך צונויפקלייבן ביי איינע פון אונדז אין שטוב און זינגען לידלעך, וועלכע מיר האבן זיך אויסגעלערנט פון אונדזערע מאמעס און באבעס און טאנצן. כ'האב זייער ליב געהאט ביירע.

איינמאל ווען מיר האבן זיך צונויפגעקליבן ביי איטען אין שטוב, און ווי די טבע פון קינדער געשטיפט, געלאכט און געמאכט טומל, האט זיך ר' הירש פלוצעם באוויזן אן אויפגערעגטער א צעבייזערטער און באפוילן כזה הלשון:

— שוין זאלט איר ארויס פון שטוב! אניט וועל איך אייך אפגיסן מיט דער פאמויניצע.

צעשראקענע, צעטומלטע האט יעדע פון אונדז געכאפט געטאן איר מאנטעלע און ארויס מיט דעם. אנגעטאן האט מען זיך שוין אינדרויסן אין דער קעלט. ב׳וועל קיינמאל ניט פארגעסן די בושה, די פארשעמטקייט וואס דער ייד האט גורם געווען. דערפאר האב איך זיך אזוי געשראקן צו קומען צו אים, אבער צו מיין גרויסער איבעראשונג האב איך גאר באגעגנט א גאנץ אנדערן הירש מירצעס.

גערעדט האט ער מיט א מענטשלעכן טאן. ניט נאר גערעדט, נאר זיך אויך נאכגעפרעגט מיט אינטערעס, און געעצהט. מיט איין ווארט ער האט זיך אויפגעפירט, וואלט איך זאגן, אפילו לפנים משורת הדין.

מיר אויסגעמאלט ווי צו פארן אין האיאס און א זאג געטאן: נו איטעס, איר האט דאך אוודאי וואס צו ריידן צווישן אייך נאך אזא לאנגער צייט ניט זעען זיך, וואלט איך דיך געראטן מכבד זיין דיין גאסט מיט א גלאז טיי און טאקע עפעס איבערצובאפן. זי מוז שוין זיין הונגעריק.

א פארגאפטע, האב איך ניט געקענט אויפהערן קלערן וועגן דעם ווי אזוי איז עס געשען? ווי אזוי קען א מענטש זיך בייטן און ווערן פונקט דער היפוך צו זיין נאטור. ס׳האט אפילו געשטערט מיין פרייד פון דער באגעגעניש מיט מיין חברטע. זי האט באמערקט מיין ניט זיין אינגאנצן מיט איר און א זאג געטאן ניט אן פארוווּרף, ווו ביסטו איטע? ביסט ערגעץ אין די במארעס ניט דא מיט מיר.

# שוין נאָך אַמאָל אַ דינסט־מיידל

די יונגע פרוי ביי וועלכער איך הייב אויף מאָרגן אָן צו דינען איז אַ סימפּאַטישע, זייער אַ פּינקטלעכע און איינגעאָרדנטע, אַלץ ווערט געטאָן מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סדר. צוויי חדרימדיקע שטוב אירע פינקלט פון ציכטקייט. אַלץ, די מינדסטע קלייניקייט האָט איר באַשטימטן אָרט. שוין אָפּגערעדט פון די קינדער זיי זענען אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק, קיין שפּרענקעלע איז ניט צו געפינען אויף זייער הלבשה. יעדער האָר איז אויף איר אָרט און ס'איז גרינג צו זען אויף זיי זייער מוטערס השפּעה.

די מוטער, ערנעסטינאַ, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זי איז שוין אין די הויכע חדשים און גרייט זיך יעדן טאָג צו דער גרויסער געשעעניש, האָט זיך איר גלייכער שטאָלצער גאַנג וויזוט אויס ניט געביטן. זי ווייסט גענוי וואָס זי וויל און וווהין זי גייט. זי הייבט זעלטן אויף איר קול און דאָך איז איר יעדער וואָרט אַ באַפעל. זי באַהאַנדלט מיך מענטשלעך, די קינדער ווייסן אַז איך בין דאַמנאַשאַראַ איטאַ, ניט סתם איטאַ.

איך קריג אַ בולקעלע מיט אַ טעפּל קאַקאַאָ יעדן אינדערפרי גלייך מיט אירע קינדער און דאָך ווילט זיך דיר זיין ערגעץ אַנדערש און נישט דאָ.

דאַמנאַ לופּילע איז אַ לערערין. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון לערעריי זיך אָפּצוגעבן מיט די קינדער, זי העלפט אַרויס מיט אָפּקלייבן די סחורות מיט וועלכע דער מאַן אירער פאָרט אַרום. ער איז עקאָנאָמי־וויאַזשאָר, זי פירט אויך זיינע ביכער. אַלץ ווערט געטאָן פּינקטלעך און פּרעציז.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר איך פיל זיך געפּענטעט דאָ. מיר

בענקט זיך נאָך אַ מילדן בליק, אַ וואַרעם וואָרט. אין אוונט ווען מײַן בעל־הביתטע נעמט אַראָפּ פֿון מיר די אַחריות פֿון דער בעל־הביתישקייט אַנטלויף איך צו די קופּערמאַנס. אויך דאָרט געפֿין איך ניט דאָס וואָס מיר פֿעלט. ר׳ הירש צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין באַזונדערער פֿרײַנטלעכקייט דער עיקר צו קינדער. ס׳איז אַ שווײַגנדיקע שטוב.

דערפֿאַר אָבער האָב איך דאָרט איטען מײַן חבֿרטע; און אויך רבֿקה כיטמאַן שלמהס כּלה. דאָ מיט זיי איז מיר גוט.

איטע מײַן חבֿרטע איז דווקא אַ ביסל אָנגעשטויסן אויף מיר. באַשר וואָס? רבֿקה לערנט אונדז לידלעך, רוסישע, אוקראַיִנישע און ייִדישע. מיר קומט אָן גרינג איבערצונעמען אַ לידל, אַ ניגון, איטען נעמט אַ ביסל לענגער, האָט רבֿקה געזאָגט צו איטען נומער איינס. זי זאָל זיך אײַנהערן צו מיר בעת איך זינג וועט עס איר אַרויסהעלפֿן.

מער האָב איך ניט געדאַרפֿט. מײַן חבֿרטע האָט זיך פֿון מיר אָפּגערוקט און ס׳איז מיר געוואָרן זייער ביטער.

צו די קופּערמאַנס אין שטוב האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען פֿינקלשטיין. געקענט האָט ער די משפּחה נאָך פֿון אונדזער שטעטל ווו ער האָט געלעבט און געאַרבעט אַ שטיקל צײַט ווי אַ טאַנצער, ד.ה. ער האָט געלערנט טאַנצן יונגע „פֿרײַלינס״. די וועלכע האָבן געקענט צאָלן, פֿאַרשטייט זיך.

אַ שיינער, אַן עלעגאַנטער, שטענדיק אָנגעטאָן מיטן אַקוראַט. צי האָט ער זיך בײַ אונדז אין שטעטל אויסבאַהאַלטן פֿון פּריזיוו, אָדער גאָר פֿון ניט קיין כּשרן מסחר, ווער ווייסט?

אַ מיידל אויף וועלכער עס האָט זיך פֿאַרהאַלטן זײַן בליק איז אַ פֿאַרוויטלטע אַ צעשמייכלטע שוין ניט געגאַנגען, נאָר געשוועבט אין דער לופֿט.

פּונקט אַזוי ווי ער איז פּלוצעם דערשינען אין שטעטל אַזוי איז ער פּלוצעם אַנטרינען. די מיידלעך האָבן געזיפֿצט און געבענקט, אָבער מער האָט מען אים ניט געזען.

איצט האָט ער ווידער אויפגעטויבט. זיך אַרומגעדרייט צווישן די "בעזשענצעס" פּליטים מיט אַ כּליסטיקל. אויף קיין טאָג ניט עלטער געוואָרן כאָטש ס'ליגן שוין אַ 5–6 יאָר צווישן דער צײַט ווען ער איז אַוועק ביז איצט.

ער איז געוואָרן אַ בן־בית בײַ די קופּערמאַנס און אויך זיך אײַנגעבירגערט בײַ זיי. בײַ רבקהן מיט איטען איז ער זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער דערציילט שיינע מעשׂיות, אַנעקדאָטן, ווערטלעך מיט קאָמפּלימענטן. ער פֿאַרטרייבט ממש די מאַנאָטאָנקייט פֿון "וואַרטן".

בײַ מיר האָט ער אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון פּחד. איז ער נאָר אַרײַנגעקומען האָט זיך מיר באַלד געוואָלט זײַן ערגעץ אַנדערש, אַ געפֿיל פֿון אַ קליין אומבאַהאָלפֿן חיהלע צו זײַן פֿאַרצוקער.

היות איך האָב געהאַט אַ שוואַכקייט צו ווערטער־צוזאַמענשטעלן גראַם־שטראַם זאָגעכצן, האָב איך אָנגעשריבן "אַ פּאָרטרעט" פֿון פֿינקלשטיינען אין גראַמען וואָס יעדער שורה האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אות פֿון זײַן נאָמען. למשל:

פֿונק פֿון גהינום, פֿלאַם פֿון פֿײַער,
ייִד פֿון אונדזער אומה,
נאָך צום שלימזל אַ קאָפּ פֿאַרדרייער,
קיין שום זאַך אין אים חוץ תּשובֿה. און אַזוי בסדר.

מיט פֿרייד און נצחון בין איך אַרײַן צו די קופּערמאַנס און געבעטן רבקהן זי זאָל עס אויפֿשרײַבן, ניט איך האָב געהאַט פּאַפּיר און אַוודאי ניט קיין צײַט, כ'האָב עס פֿאַרטראַכט בײַנאַכט און פֿאַרגעדענקט. רבקה האָט עס אָנגעשריבן און איבערגעלייענט און מיך אַ פֿרעג געטאָן: זאָג מיר איטע, פֿאַר וואָס האָסטו אים פֿײַנט? ער האָט דיר עפּעס שלעכטס געטאָן? ניין, האָב איך געענטפֿערט. און איך האָב אים ניט פֿײַנט. כ'האָב מורא פֿאַר אים. פֿאַרוואָס? פֿרעגט זי מיך, איך ווייס ניט, און כ'האָב זיך דערפֿילט זייער שולדיק מורא האָבן אָן אַ פֿאַרוואָס, ס'שמעקט דאָך מיט בלבול.

לאָמיר עס צערײַסן — האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעריסן. ניין האָט

רבקה געזאָגט. מיר געפֿעלט עס, דו וועסט נאָך אַ מאָל זײַן אַ שרײַבערין. וואָס איך פֿאַרשטיי ניט איז דײַן פּחד פֿאַר אים אָן שום סיבה.

איטע איז אַרײַנגעקומען. רבקה האָט עס פֿאַר איר איבערגעלייענט און מיר האָבן זיך אײַנפֿאַרשטאַנען אַז ווײַטער פֿון אונדז דרײַ טאָר קיינער וועגן דער "סאָטשיניעניע" ניט וויסן.

מיר איז ווײַער ניט גוט. איך אַרבעט טאַקע שווער אַ גאַנצן טאָג אָבער ניט די אַרבעט מאַכט מיך אומעטיק. באַלד קומט אַהיים די מאַדאַם. איך קעם אויס אויף גיך די קינדערס קעפּלעך, וואַש אָפּ זייערע פּנימלעך, נעם זיך צוגרייטן די גרינסן פֿאַר דער וועטשערע. ווען דער רעוויזאָר זאָל מיר אַמאָל זאָגן — דאָס האָסטו געטאָן גוט — אָבער כּסדר טײַטלען מיטן פֿינגער אַז בײַם ייִנגערן מיידעלע זעט זיך אַרויס דאָס אונטערשטע קליידעלע, אַז בײַם טישטוך אויפֿן טיש זײַנען די עקן ניט גלײַך, טאַקע ניט געבעסט זיך אויף מיר, דווקא מיט אַ רויִקן טאָן. "דו וועסט מיך געדענקען און מיר דאַנקען פֿאַר לערנען דיך צו זײַן אַ בעל־הביתטע" — געדענקען יאָ טראַכט איך, אָבער דאַנקען זיכער ניט.

באַלד באַפֿאַלט מיך אַ מין חרטה. די פֿרוי האָט דאָך גוטע כּוונות; פֿאַרוואָס ענטפֿער איך אָפּ מיט רוגזה און רשעות? פּונקט ווי מיט פֿינקלשטיינען, ער האָט מיר קײנמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן פֿאַר וואָס ווי נאָר איך דערזע אים שטעלן זיך בײַ מיר אויף די האָר אויפֿן קאָפּ ווי בײַ אַ יאָזש. ניט אַנדערש נאָר איך בין אַ שלעכטער מענטש.

מיט דעם געפֿיל בין איך אײַנגעשלאָפֿן און מיט אַמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּלאָנטער פֿון ביטערע חלמות. אויפֿגעכאַפּט האָב איך זיך אין אַ טײַך שווייס.

ווי ס'טרעפֿט נאָך אַזאַ איבערלעבונג נעמט מיך אַרום אַ טיפֿע בענקשאַפֿט נאָך מײַן היים און אַ רוגזה אײַנצײַטיק פֿאַרוואָס האָט מען מיך פֿאַרשיקט? פֿאַרוואָס דווקא מיך? באַטש דאָס לעצטע מאָל ווען איך בין געווען מיט ר' הירשן בײַ מאַסיסן אין האַיאַס און ער,

מאסיס, האט מיך געפרעגט היות ווי ס׳וועט אייך אויסקומען ווארטן נאך א יאר מיט דריי חדשים ווייל איידער איר ווערט 16 יאר קענען מיר אייך ניט שיקן אין ערגעץ. אפשר ווילט איר בעסער פארן אהיים. ניין און נאכאמאל ניין. איז געווען מיין ענטפער.

ערגערט זיך ניט, האט מאסיס זיך אפגערופן אויף מיין קאטעגארישן ניין. קיינער צווינגט אייך ניט. כ׳האב נאר געוואלט איר זאלט וויסן אז איר האט די ברירה. איצט אזוי גיך ווי מיר קריגן דעם צווייטן עדות, וועלן מיר אייך רעגיסטרירן און איר וועט דארפן ווארטן אויף אייער ריי, ווי אלע אנדערע. דער חילוק איז וואס איר קענט האבן א צווייענדיקע ווארטעניש, סיי פאר אייער ריי, סיי פאר אייער 16טן יאר. אבער דערווייל ארבעט איר און איר האלט זיך אליין אויס דאס איז זייער וויכטיק.

ווי מיר האלטן אין ריידן מעלדעט די סעקרעטארשע אז גאספאדין קופערמאן איז דא נאך מיט עמעצן און וויל מיך זען. בקיצור אלץ איז דערליידיקט געווארן דער מענטש וואס ר׳ הירש האט געבראכט צו פירן קומט פון א דערבייאיקן דארף, קען מיין טאטן און געדענקט מיך זייער גוט אלס קינד.

איצט בין איך שוין מיט לייטן גלייך. איך האב שוין א במו מעטריקע, מיין נאמען שווארץ אויף וויס: איטע פאסמאן, געבוירן אין שטעטל סטודעניצע, פאדאלסקע גוב. אין יאר 1908, דעם 15טן טאג פון חודש אפריל.

כ׳האב זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט אז א שטיקל פאפיר מיט עטלעכע געציילטע ווערטער אויף דעם זאל זיין דער גורם פון אזוי פיל עגמת נפש און אויך פון ניט ווייניקער פרייד.

מיין בעל־הביתטע האט מיר געלאזט וויסן אויף איר שטייפן אויפן אז זי איז צופרידן מיט מיין דערפאלג. די קינדער האבן זיך געקלעפט צו מיר, אז די מוטער האט זיי דערקלערט אויף זייער לשון אז ס׳איז מעגלעך אז איך זאל אוועקפארן, האבן זיי ביידע פראטעסטירט, די עלטערע האט מיך אנגעכאפט ביי דער האנט, מיר

וועלן ניט לאָזן דיר אָוועקפֿאָרן. יאָ טראַכט איך אויך איר וועט זיך בענקען נאָך זיי. נאָר ס׳האַלט נאָך דעם ניט דערביי.

מיך פֿרייט זייער דאָס ווערן אויס "דאָס מיידל". וואַרטנריקע אין מאַסיסעס וואַרטצימער זענען אַלע דערוואַקסענע. מוטערס פֿון קינדער אָדער פּרויען וועלכע פֿאָרן צו זייערע מענער, צוויי כּלות פֿאָרן צו זייערע חתנים, אַ פּאָר יונגעלייט און איך. אַ באַפֿרײַטע, אַ צופֿרידענע מיט זיך.

# די קופּערמאַנס פֿאָרן אויך אַוועק

ווי נאָר כ׳האָב נגעפֿנט די טיר בײַ די קופּערמאַנס איז מײַן חברטע איטע געלאָפֿן מיר אַקעגן מיר אַנגעזאָגט די בשורה אַז אַלץ איז שוין דערלײדיקט, און אַז הײַנט מאָרגן וועלן זיי זיך שוין לאָזן אין וועג אַרײַן.

כ׳האָב זיך געוואָלט פֿרייען מיט דעם וואָס זיי וועלן זיך פֿאַראייניקן מיט זייערע 5 קינדער. אָבער אײנזאַמקייט האָט עס מיך געקרענקט. די שטוב זייערע איז געווען פֿאַר מיר אַ מקום מקלט, נאָכן טאָג שווערע אַרבעט און גלות בײַ די קופּערמאַן האָבן געווען דאָס אײנציקע אָרט ווו כ׳האָב זיך שוין אײַנגעאײַנגט אַ ביסל, ווו כ׳האָב אָפּגעאָטעמט פֿרײַ, געזונגען אינאײנעם מיט איטען און רבֿקהן, געוויצלט זיך, געלאַכט. נו וואָס וועט איצטער זײַן, טראַכט איך, און ס׳באַפֿאַלט מיך אַ פּחד.

ס׳קומט מיר אָן אַזוי שווער זיך אײַנצולעבן מיט פֿרעמדע מענטשן. מײַן שעמעוודיקייט העלפֿט מיר אויך ניט אַרויס און ווי נאָר ס׳גיט זיך מיר איין זיך אײַנצוהיימישן, זיך צוטוליען, קומט באַלד דער ריס, נאָך איר די בענקשאַפֿט, דער אומעט און די אײנזאַמקייט.

אין יענער נאַכט האָב איך שוין קיין אויג ניט פֿאַרמאַכט. ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ טיפֿע בענקשאַפֿט נאָך יעדן אײנעם פֿון מײַנע אײגענע מיט אַ פֿאַרדראָס אײנזאַמקייט. פֿאַרוואָס קען איך ניט זײַן מיט זיי אינאײנעם? פֿאַרוואָס מוז איך זײַן בסדר בײַ פֿרעמדע טישן? כ׳האָב זיך אײַנגעגראָבן אין קישן און ביטער געוויינט.

אויף מאָרגן האָט מ. ערנעסטינא מיך אַ פֿרעג געטאָן פֿאַרוואָס האָסטו געוויינט? ס׳האָט דיך עמעצער באַלײדיקט? דיר ווײ געטאָן?

ניין, זאָג איך, ווי אַזוי ווייסט איר אַז כ׳האָב געוויינט?

— דיין פנים דיינע רויטע פארשוואלענע אויגן זאגן עדות אויף דעם.

דאס ערשטע מאל אז כ׳האב דערפילט אז מ. ערנעסטינא האט א מענטשלעך הארץ. אז כ׳האב איר גרזאגט די סיבה. האט זי מיט א ווייך קול זיך אפגערופן: צוליב דעם דארפסטו זיך ניט זארגן, דו קענסט זיך שוין איינפארשטיין אויף רומעניש, וועל איך דיך באקענען מיט מיידעלעך פון דיין עלטער וועסטו מיט זיי קענען פארברענגען.

דער צוזאג האט מיך טאקע ניט געטרייסט. אבער איר קוש, איר אויפריכטיקער אינטערעס האט מיר פארגרינגערט, מיר אנגעוויזן אפילו דארט ווי קיינער פארדעכטיקט ניט געפינט זיך אויך א פונק אוןווארט אויף דער געלעגנהייט.

כ׳האב באלד באשלאסן אז אזוי גיך ווי די קופערמאן משפחה פארט אוועק וועל איך באלד צוריקגיין צו דער בערקאוויטש אכסניה. דארט האב איך חנהן, וועל איך ניט זיין אליין.

איטע איז געפארן מיט מיר צו בערקאוויטשן זונטיק ווען די ארבעטנדיקע ארבעטן ניט און די יונגע קלייבן זיך צונויף און מע פארברענגט אינאיינעם.

צום גליק האבן מיר אנגעטראפן יאשען מיט זיין חבר וועלכע האבן געהויבן די שטימונג בײַ די מיידלעך.

כ׳האב זיך זייער דערפרייט מיט חנהן און שוין ניט געוואלט צוריק פארן.

די גרופע יונגע מענטשן זיינען געווען פון אלערליי אידעאלאגישע ריכטונגען. יאשע, איז געווען א חלוץ, א שומר הצעירניק, און געפארן איז ער גאר קיין אמעריקע. זיינע חברים, די צעירי־ציונים, קלייבן זיך קיין ארגענטינע. היות קיין פאלעסטינע לאזט מען ניט אריין, פארן זיי כאטש אהין ווו ס׳קומען אויף קאלאניעס פון יידישע ערד־ארבעטער. יאשע מוז פארן מיט דער משפחה. אבער אזוי גיך ווי זיי ארדענען זיך איין, וועט ער שוין ווי ס׳איז געפונען א וועג קיין פאלעסטינע. ער רופט עס ארץ־ישראל.

איינער מיטן נאָמען עליע, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע קוטשערן און שוואַרצע אויגן – ער איז אַ לינקער פּועלי־ציון. אויך איך האָב זיך דערפילט אַז איך מוז אַוועקגיין פון אים. גוט, זאָגט ער, איך זע אַז דו איילסט זיך וועל איך דיך זען פאַרנאַכט ווען איך קער זיך אום פון מיין אַרבעט. איך לערן טאַקע דער דאַמעס צוויי יונגע מיידלעך טאַנצן, איך וואָלט דיך גערן געלערנט אינאיינעם מיט זיי.

ער רעדט אַזוי ווייך אַזוי "ווערזשליווע" פאַר וואָס זשע ווילט זיך מיר אַזוי אַנטלויפן פון אים? איך פאַרשטיי עס ניט.

"איך איל זיך, כ'האָב אַ סך אַרבעט צו טאָן". "אין דעם האַנדלט זיך עס טאַקע", זאָגט ער, "אַ יונג מיידעלע ווי דו טאָר ניט אַרבעטן גאַנצע טעג, דו דאַרפסט זיין מיט יונגע מיידלעך פון דיין עלטער. זיין פריי און פאַרברענגען".

כ'האָב אַנגענומען דאָס קינד ביי דער האַנט און מיר זיינען אַוועק.

ער האָט נאָכגעשריגן: געדענק איטע, איך וועל דיך אָפּוואַרטן.

יעדן טאָג האָט ער מיך אָפּגעוואַרט, מיר געבראַכט שאָקאָלאַד סיי פאַר מיר סיי פאַרן מיידעלע. כ'האָב עס זייער ניט געוואָלט אָבער כ'האָב ניט געוווּסט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען. ווען ער איז נאָך אַמאָל אַרויף אויף דער טעמע אַז די מאַדאַם פרעגט זיך נאָך אויף מיר, (ס'וועט דיר גאַרניט פעלן, אַ שיינע היים, שיינע קליידער פויגל־מילך אפילו), האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן: "איר ווייסט צוליב וואָס איך בין אַוועק פון דער היים? ניט נאָר אַז איך זאָל טראָגן שיינע קליידער נאָר איך זאָל העלפן מיין משפחה פאַרטרייבן דעם הונגער".

אַ איך ווייס, אָבער נאָר אַמעריקע, מיינסטו, קען דיר העלפן אין דעם? די ראַמע איז זייער אַ גוטע, זי וועט דיר אפילו העלפן אין דעם אויך.

דו דאַרפסט זיך נאָר באַקענען מיט איר, וועסטו שוין זען ווי גוט ס'וועט דיר זיין. כ'האָב שוין כמעט צוגעשטימט צו גיין מיט אים, נאָר עפעס האָט מיך אָפּגעהאַלטן: שפּעטער מיט דריטהאַלבן יאָר

ווען איך בין שוין געווען אין מאנטרעאל קאנאדע, האב איך געלייענט אין "קאנאדער אדלער" אז א 16־יאריק מיידל וועלכע איז געבליבן אין בוקארעשט אונטער דער השגחה פון פריינד פון איר פאמיליע, צוליב אן אויגן שוואכקייט וואס האט זיך געגוויטיקט אין באהאנדלונג. די משפחה האט געמוזט אפפארן און די טאכטער האט געזאלט נאכקומען אין 3 חדשים ארום. דאס יונגע מיידל איז פארשלעפט געווארן אין א "הייזל", ניט קענענדיק זיך ארויסרייסן פון דארט איז זי ארויסגעשפרונגען דורך א פענצטער און געבליבן ליגן אויפן טראטואר א טויטע.

די צייטונג ווארנט צו האלטן אן אויג אויף די יונגע טעכטער וויל ס'לויערט א געפאר אויף זיי אין דער גרויסער פרעמדער שטאט. אפילו צווישן די פליטים דרייען זיך ארום גליטשיקע פארשוינען.

דער וויכוח איז ארויף אויף אנדערע רעלסן. איינער פון די חברה האט געלייענט דאסטאיעווסקין. האט זיך אנגעהויבן א דיסקוסיע וועגן "פארברעכן און שטראף" איך בין פון די "שאינו יודע לשאול" ניט געלערנט, ניט געלייענט, ניט געהערט, ניט געזען. אבער כ'האב זייער געוואלט אויך עפעס זאגן, ניט בלייבן הינטערשטעליק.

אזוי ווי ס'האט זיך געהאנדלט וועגן כאראקטער, געוויסן, האט זיך פון מיר ממש ארויסגעריסן — וואס איז בעסער א שטארקער כאראקטער צי א ריינער געוויסן?

אלע אויגן האבן זיך א ווענד געטאן אויף מיר, צעשמייכלטע. אנדערע האבן געשמייכלט אויפן קול און איך בין געבליבן זיצן א פארשעמטע, זיך געגריזשעט. — א מצווה אויף דיר, האסט זיך געוואלט ארויסשטעלן האסטו דיין שכר, געמאכט זיך פשוט צום נאר.

יאשע האט מיך אבער ניט געלאזט פאלן — חברים, איטע האט געפרעגט זייער א וויכטיקע פראגע; זי האט ממש אויסגעשעפט דעם גאנצן אינהאלט דעם מוסר השכל פונעם ווערק.

איך הער זיך איין און הייב ניט אן פארשטיין וואס ס'קומט דא פאר, מיינט מען עס אויף אן אמתן צי מאכט מען פון מיר חוזק?

אבער אז יאשע האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און אַ זאָג געטאָן: מאַלאַדיעץ איטע! האָב איך דערהערט און דערפילט דעם ערנסט פון זיין טאָן און ס׳האָט מיך זייער דערפרייט, כאָטש מיר איז נאָך אַלץ ניט פאַרשטענדלעך.

יאשע האָט אויך געזאָגט נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין אויסגעזונגען אַלע רוסיש און העברעיש און יידישע לידער. חברה איך האַלט אַז מיר דאַרפן זיך "סנימאַיען" אַ סך פון אונדז זיינען שוין מיד געוואָרן צו וואַרטן אויף אַמעריקע און זיינען געפאָרן אין אַנדערע ערטער ווי אַרגענטינע, מעקסיקע. וואָלט כּדאַי געווען איידער מיר צופאָרן זיך מיר זאָלן זיך אָפּפאָרטרעטלען, ס׳זאָל בלייבן ביי יעדן פון אונדז אַן אָנדענק פון אונדזער זיין אינאיינעם, פון אונדזער פאַרבּרענגען.

אַלע האָבן איינגעשטימט און באַשטימט אַ טאָג צו גיין צום פאָטאָגראַף.

איך בין געווען אינגאַנצן אָן אויפגעהייטערטע. יאשע האָט מיר אַלע מאָל צוגעוואָרפן אַ וואַרעמען שמייכל, אַ מילדן בליק. און מיר האָט דאָס האַרץ געקוואַלן פון פרייד, ווען נאָר ניט דאָס שעמען זיך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן ביים פאָטאָגראַף אין סטודיע. ער האָט אונדז אויסגעשטעלט, אַ קוק אַרויף געטאָן אויף יאשען (ער איז געווען אַ נידעריקער) און אַ זאָג געטאָן: דו, מעטראַפּאַל, וועסט זיצן אויפן שטול קלייב זיך אויס אַ מיידל וואָס זאָל זיצן אויף דער פאַרענטש לעבן דיר. יאשע האָט באַלד מיך אַרויף געטאָן: קום איטע זיץ לעבן מיר. און מיר איז דאָס האַרץ שטיין געבליבן.

— ניין איך וויל ניט — חנה האָט זיך באַלד אונטערגעזועצט. די פיר ווערטער האָבן מיך געמאַטערט. פאַרוואָס? פאַרוואָס? נאָר צוליב דער שעמעוודיקייט מיינע...

# די אַמעריקאַנקע

ס'איז מיר גרינגער, בעסער געוואָרן. זי, די אַמעריקאַנקע האָט מיך ממש באַלעקט. מיך אַרויסגעשלעפּט פֿונעם ייִאוש וואָס איז מיך באַפֿאַלן זיצנדיק אויף די שטיינערנע טרעפּ און ניט וויסן צו וועמען זיך צו ווענדן. איר ווייך קול, איר וואַרעמער באַריר איז געווען אַ זאַלב ניט נאָר פֿאַרן גוף, נאָר דער עיקר טאַקע פֿאַר דער נשמה.

כ'האָב איבערגענעבטיקט ביי איר. זי האָט זיך די גאַנצע צייט פֿאַרנומען מיט די באַהאַנדלונגען, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ס'איז געווען ערבֿ איר אָוועקגיין קיין אַמעריקע מיט די קינדער.

ס'איז איר ממש געגאַנגען אין לעבן מיך צו איבערצייַגן אַז ערנעסטינאַ איז ניט קיין שלעכטער מענטש, זי האָט מורא געהאַט די קינדער זאָלן זיך ניט אָננעמען פֿון דיר. אַז מ'האָט קליינע קינדער האַנדלט מען ניט אַלע מאָל לויטן שכל.

אָט האָט איר אויך קליינע קינדער, און איר האָט מיך גאָר אַריינגענומען. פֿאַרשטיי, איטעלע, אַז נישט אַלע מענטשן זיינען קאַפּיעס איינער פֿון אַנדערן, נאָר דווקא פֿאַרקערט. יעדער מענטש איז אַ ביסל אַנדערש איך האָב ווינציקער מורא איז מיר גרינגער צו טאָן ווי איך טו. זי האָט ווינציקער צוטרוי צו זיך איז איר אַ סך שווערער. פֿאַרגעס ניט אַז זי איז אויך אויף דער צייט, טאַקע הייַנט מאָרגן. ווען די קינדער זאָלן חלילה קראַנק ווערן ווער וואָלט אויף זיי אַכטונג געגעבן?

ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו פֿאַרשטיין אַז אַ מענטש האַנדלט ניט תּמיד לויט דער לאָגיק, נאָר רופֿט זיך גאָר אָפּ אויף שווערע סיטואַציעס עמאָציאָנעל אונטערן דרוק פֿון פּחד און אומזיכערקייט.

ניט אלץ וואָס זי זאָגט איז מיר פֿאַרשטענדלעך, נאָר ס'איז מיר גוט איינצוהערן זיך צו איר וואַרעם קול און נאָכפּאָלגן אירע באַוועגונגען.

אויף מאָרגן בין איך שוין אַוועק צו חנהן און מיט זיך מיטגענומען נאָך אַ בענקשאַפֿט. די אַמעריקאַנקע איז אין אַ פּאָר טעג אַוועק מיט אירע קינדער קיין קאָנסטאַנצאַ און פֿון דאָרט מיט דער שיף קיין אַמעריקע.

מיט חנהן איז מיר גוט. טשאַרנע איז פֿול מיט שטימונגען, ביסט קיינמאָל ניט זיכער מיט אַ גוט מאָרגן, אָדער גאָר מיט אַ בייזן קוק אירן, אָן ענטפֿער אויף דיין גוט־מאָרגן.

אַרויפֿגענומען האָט מיך דאָס רויטהאַריקע מיידל צו דער אַרבעט אין אַ פֿאַבריק פֿון קאַרטאָנענע שאַכטלעך. מיך געוואָרנט: דער אויפֿזעער איז אַ בייזער דייטש. מ'דאַרף זיך גוט איינהערן צו אים אַניט ווערט ער מלא כעס. פֿאַרוואָס זיינען אַלע אינזשעניערן, וויכטיקע מעכאַניקער נאָר דייטשן? ווייל די טעכניק איז אין דייטשלאַנד זייער אַנטוויקלט, ענטפֿערט מיר די רויטהאַריקע מאַניע. פֿאַר וואָס זשע אַרבעטן זיי דאָ, און ניט אין דייטשלאַנד? ווייל דאָרט איז אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. קומען זיי אַהער אַרבעטן, קוקן אויף די רומענער פֿון אויבן אַראָפּ און לאָזן אויס זייער ביטער האַרץ פֿון זיין אין דער פֿרעמד צו די שוואַכערע, צו די פּליטים־אַרבעטער.

אַט האָט ער זיך גאָר אָפּגעשטעלט לעבן מיר און מיר אַ פֿרעג געטאָן צי בין איך אַ דייטשקע, ניין, איך בין אַ ייִדיש מיידל. האָט ער מיך באַטראַכט און מיר געלאָזט וויסן אַז איך דערמאָן אים אין דער טאָכטער פֿון זיינעם אַ פֿריינד. נו, לערן זיך גוט. ס'וועט דיר צוניץ קומען. געלאָזן זיך אַוועקגיין און אַ זאָג געטאָן: אויב דיר איז עפּעס ניט פֿאַרשטענדלעך קום צו צו מיר וועל איך דיר העלפֿן.

מאַניע האָט מיך גערופֿן: איטע, דו האָסט מזל צו אים. כ'האָב מיט גרויס התמדה געלערנט די תורה פֿון צונויפֿנאָגלען אויפֿן מאַשין די צוגעשניטענע קאַרטאָנען און וווּנדער איבער וווּנדער, ס'האָט זיך

באקומען א 4־עקיק שאבטל. כ׳האב זיך זייער דערפרייט און אזש געוואלט מאכן א ברכה איבער דעם.

די ארבעט איז מיר ניט אנגעקומען שווער. נאר די הייטיקע פראבלעמען, דאס ניט וויסן ווי אזוי אנצוגיין מיט די מאדערנע מכשירים, איינריכטונגען. כ׳האב קיינמאל ניט געזעען קיין וואסער קלאזעט, ניט געוווסט ווי אזוי זיך צו באגיין מיט אים. ס׳איז מיר גאר ניט איינגעפאלן אז ער באדינט ביידע מענטשלעכע באדערפענישן. פון פרעגן איז אפגערעדט. דאס שעמען זיך איז פארלאפן אלע וועגן. ביז כ׳האב צופעליק זיך דערוווסט ווי אזוי אנצוגיין איז עס פאר מיר געווען אן ערנסטער קוואל פון יסורים.

דער דײַטש איז געווען צופרידן מיט מיר, און מיר געלאזט וויסן אז ער וועט מיך לאזן ארבעטן אויף די מער קאמפליצירטע שאכטלעך. ווײַל איך טויג זיך אויס, וואס קען נאך זיין בעסער? געצאלט האט מען טאקע נאר וואסער אויף קאשע אבער אז כ׳האב געהאט 50 און א האלבן לעי פאר א בולקע און פאר טיי במעט יעדן טאג איז ניט צו פארזינדיקן.

איך קען זיך שוין ניט דערווארטן אויפן זונטיק ווען מיר וועלן זיך צונויפקומען און יאשע וועט זינגען, און מיר צוווארפן זיין ווארעמען שמייכל און מיך א גלעט טאן מיט די אויגן.

יאשע האט זיך אנידערגעזעצט לעבן מיר און מיך א פרעג געטאן: "פארוואס האסטו ניט געוואלט זיך זעצן לעבן מיר ביים פאטאגראף ווען איך האב דיך גערופן?" איך האב געשוויגן ניט געוווסט וואס צו זאגן. ער איז אבער צוגעשטאנען צו מיר: "זאג מיר פארוואס?"

"איך ווייס ניט", האב איך אים געענטפערט.

ער האט אויף מיר א קוק געטאן א ניט זייער פריינדלעכן און א זאג געטאן: "דו ביסט נאך אלץ א קליין מיידעלע. אבי איך האב דיך שוין געהאלטן פאר א גרויסער". זיך א ווענד געטאן צו די חברה און געמאלדן אז ער, מיט זיין משפחה האבן שוין אלע נייטיקע

פּאַפּירן און אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי זיך שוין אַרויסלאָזן אין וועג אַריין קיין קאַנאַדע.

אַלע האָבן געפּליעסקעט, געווינטשעוועט. איך בין געבליבן זיצן. כ׳האָב מער גאָר ניט געהערט. אין מיר האָט זיך אַלץ אָפּגע־שטעלט.

ס׳האָט מיך שוין באַציטנס אַרומגענומען אַ שאַרפע בענקשאַפט נאָך איידער ער איז אַוועקגעפאָרן, מיך געהאַלטן אין אַ מין קלעם בייטאָג, אָבער דער עיקר ביינאַכט געבענקט נאָך אים און געוויינט.

ווען דאָס ערשטע פּאָסטקאַרטל איז אָנגעקומען האָבן מיר אַלע זיך צוגעהערט מיט טויזנט אויערן צו חנהס לייענען. יעדער וואָרט האָט חנה געלייענט מיט גרויס כוונה. ווי ס׳וואָלט זיין אַ וויכטיקער דאָקומענט. געקומען איז דאָס קאַרטל פון גיבראַלטאַר אַדרעסירט געווען צו איטע, חנה, ראָזיקא און טשאַרנע.

כ׳האָב זיך שטילערהייט געפרייט. — איך בין פאַרט די ערשטע וועמען ער דערמאָנט ביים נאָמען. דאָס צווייטע קאַרטל איז שוין נאָר געווען צו מיר, איטע חנה און ריוון. דאָס דריטע קאַרטל איז אָנגעקומען איז עס אָנגעקומען צו מיר און חנהן – איטע פאַסמאַן און חנה כהן. דאָס 4טע נאָר מיר. חנה האָט מיר אַריינגעבראַכט דאָס קאַרטל און ניט מיט איר נאַטירלעכער ווייכן קול — נאַ, אָט האָסטו אַ קאַרטל פון דיין געליבטן. — דערהערנדיק די רייד האָב איך אַ נעם געטאָן דאָס קאַרטל און צעריסן אויף שטיקלעך...

ווען וועל איך שוין ווערן 16 יאָר? די צייט ציט זיך ווי דאָס יידישע גלות. יאָשע שרייבט ניט מער. איך בענק זייער נאָך אים, ס׳ריזעט מיך פאַרוואָס כ׳האָב אים געטריבן פון זיך ווען אויף דער אמתן האָב איך גאָר געגאַרט נאָך זיין נאָענטשאַפט. געחלומט האָב איך אַז אויך מיך וועט מען שיקן קיין קאַנאַדע ווו מיר וועלן זיך אָפּזוכן.

דערווייל האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ייִדן פון אַ דערבייִקן שטעטל, פון קיטאַרעד. ער פלעג קומען אויף די ירידים צו אונדז

אין שטעטל און קען גוט מיין גאנצע משפחה, דער עיקר טאקע מײַן טאטן.

ער געפינט זיך אין בוקארעשט שוין א פאר חדשים און איז אויך פון די "ווארטערס". דאס עלטערע מיידעלע זײַנס איז אין מײַנע יארן. זיי קלייבן זיך קיין אמעריקע ווו ער האט נאך 2 טעבטער און א זון א בן־יחיד.

ער, שמואל הינדעס, איז א ליבער ווארעמער מענטש. האט ליב יעדער קינד זײַנס ווי זיי וואלטן ביי אים געווען א בן־יחיד אדער א בת־יחידה.

און אז מ'האט ליב די אייגענע קינדער מיט אזא ליבשאפט ווי ר' שמואל האט ליב, האט מען שוין אין איין ווערגס אויך ליב אפילו ניט קיין לייבלעך אייגענע. ביי מיר איז געווען א גרויסע פרייד דאס איינטוליען זיך אין זיי.

זיי האבן מיר אויך אנגעזאגט וועגן די צוויי מיידלעך, שוועסטער פון זייער שטעטל וועלכע זײַנען מײַנע גליד־שוועסערקינדער. אויך "ווארטערס".

נו, איז מיר גוט.

ביי חנהן אין הויז וווינט א יונג פארפאלק, ערשט פון אונטער דער חופה אפיר. מאיר און אדעלא. האבן זיי א גרויסן חדר און וועלכן ס'שטייט א מאשין א פאפיר־ און קארטאן־שניידער. ער שטעלט צו דאס געשניטענע פאפיר צו די קראמען אויף שקארמיצן. דאס איז זייער פרנסה. דאס חדר שטייט אקעגן דעם אריינגאנג אין דער שמאלער קיך ארײַן. צו דער רעכטער זײַט איינס אין אנדערן זײַנען דא דרײַ טירן צו דרײַ חדרים, אין יעדן חדר וווינען צוויי מענטשן, דאס חדר איז גרויס ווי א גענעך. אין ערשטן חדר וווינען די מאירס, אין צווייטן ראזיקא מיט איר ברודער קארל. (צוויי אידעאליסטישע קאמסאמאלצעס), אינעם דריטן דער שניידער מיט זײַן פרוי. דער שניידער נאך א יונגער מיט רויטע ברעמען און וואנצעס איז פארווונדעט געווארן אין דער מלחמה, גייט ער אויף קוליעס. גוטע יונגע מענטשן נאר אומעטיקע.

אקעגן די וווינונגען נאך אמאל דריי טירן איינע צו דער קיך, די צווייטע צו דעם קלאזעט די דריטע צו א קאמער ווו אלע דריי לאקאטארן האלטן זייערע נייטיקע זאכן פאר ועלכע ס'איז ניטא קיין ארט אין חדר. ביים אריינגאנג אין דער קיך איז צוגעבויט א קליין חדרל – די "מאסטיערסקאיא" – דארט ווו ס'ארבעט דער שניידער פון גאנץ פרי ביז שפעט אין דער נאכט.

חנה מיט טשארנען זיינען סובלאקאטארן ביים שניידער. אזוי ווי קיין בעט איז ניט בנמצא שלאפן זיי אויף דער ערד. בין איך געקומען בין איך געווארן א סוב־סוב־לאקאטארין ביי חנהן און שלאף שוין מיט זיי אויך אויף דער ערד.

די 3 קליינע משפחות לעבן בשלום, האלטן זיך אינאיינעם. ווען נאר דער קלאזעט זאל זיך ניט לאזן הערן אזוי שטארק, באזונדערס אין די ווארעמע טעג...

אבער אלע זיינען צופרידן, א קלייניקייט, האבן אן אייגן ווינקל און ניט דארפן זיך בעטן ביי עמעצן צו פארדינגען א בעט. אדער אפילו א האלב בעט. אין בוקארעשט איז א מסוכנע ענגשאפט, באזונדערס זינט דעם אנגעלויף פון די אוקראינער פליטים. דאס יונגע פארל זיינען זייער גוט צו מיר. אדעלא איז היינט ארויסגעקומען מיט לשון: היות אין זייער חדר שטייען צוויי בעטן (איינגעטוליעט איינס איז אנדערן זען זיי אויס ווי איין בעט) וועלן זיי מיך אריינעמען צו זיך.

אלע זיינען צופרידן, חוץ מיר. מיך האט ניט געארט דאס שלאפן אויף דער ערד אבי נאר זיין אינאיינעם מיט חנהן.

ס'איז צוגעקומען נאך א פראבלעם פאר מיר, דאס יונגע פארל האט זיך זייער ליב, און זיך ניט דערוואַרט אויף מיין איינשלאפן. זייערע צערטלעכקייטן ווערן וואס אמאל אקטיווער. פאר מיר האט עס ניט געטויגט, אבער מיין בראקליאטע שעמעוודיקייט האט מיך אפגעהאלטן פון איבערריידן עס אפילו מיט חנהן.

איינמאל אין א זונטיק גאנצפרי ווען אלע זיינען נאך געשלאפן און איך האב מער ניט געקענט זיין אין בעט, בין איך ארויס

אינדרויסן. בדרך כּלל איז די מאַסטיערסקאַיאַ פּאַרמאַכט זונטיק. דאָס מאָל אָבער ערבֿ אַ חגא איז אונדזער שניידער געזעסן על התּורה ועל עבֿודה אַ גאַנצע נאַכט. דערזעענדיק מיך פֿאַרבײַ גיין האָט ער אַ עפֿן געטאָן די טיר און מיך שטילערהייט אַ רוף געטאָן: איטעלע קום נאָר אַהער!

כ׳האָב אַזוי געוואָלט זײַן אין דרויסן און דווקא אַליין, אָבער ס׳האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן. איך זיץ, זאָגט דער שניידער, אַ מידער, אַ שלעפֿערדיקער און פּלוצעם באַרירט מיך אַ וואָרעמער שטראַל, דאָס איז דאָך איטעלע מײַן חלום. און ס׳גיט זיך אַ גאָס אַ גאַנצער שטראָם מיט מליצה־ווערטער. ער נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט, גיט מיך אַ צי צו זיך און בעט זיך בײַ מיר ווי איינער בעט דאָס לעבן זײַנס בײַ אַ גזלן.

לאָז מיך איטעלע דיך אַרומנעמען דיך צוטוליען צו מײַן האַרץ, כ׳האָב דיך אַזוי ליב.

כ׳האָב זיך געלאָזט, ער האָט מיך געהאַלטן שטאַרק, שטײַף, אַז כ׳האָב ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, האָב איך זיך אויס געטאָן מיט אַלע כּוחות און ער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בענקל. ״ניט געהאַט בדעה דיר שלעכטס צו טאָן איטעלע; גלייב מיר, איך בעט דיך״. ער ליגט אָנגעשפּאַרט אויף איין האַנט מיט דער אַנדערער באַמיט ער זיך אויפֿצוהייבן און קען ניט. איך העלף אים. זײַנע אויגן פֿול מיט צער, ווי בײַם געבונדענעם קעלבל בעת דער שחיטה. איך וועל די אויגן שוין קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

# די מאַשלאַמס

ארויס בין איך פון דער מאַטיערסקאַיאַ מיט אַזאַ אימפּעט אַז כ׳האָב אַראָפּגעוואָרפן די וויזוויסקע פון דער טיר. ווי דערציט מען שוין די עטלעבע חדשים וועלכע פעלן מיר נאָך אויס צו די 16 יאָר. כ׳האָב זיך באַקענט מיט אַן אַמעריקאַנער משפּחה זיי זיינען געקומען באַזוכן זייערע אייגענע. מר מאַשלאַם איז געבוירן אין רומעניע געקומען איז מיט זיי זייער 18־יעריקע טאָכטער פאַר וועלכער זיי האָבן געזוכט אַ חתן.

די פרוי – אַ גוטע, אַ פּרימיטיווע – האָט מיך ברילאַנטשעט און פלעג אַפילו פאַרבעטן חנהן מיט טשאַרנען פּריזיטיק צו נאַכטס צו דער שבתדיקער סעודה. געוווינט האָבן זיי אין אַ האָטעל מיט אַ קיך וואָס זיי האָבן גערופן "קיטשן".

אַז איך האָב געזאָגט קיך האָט מיר מ. מאַשלאַם באַלד קאָרעגירט: זאָג קיטשן, ווען דו וועסט קומען קיין אַמעריקע וועט מען ניט דערקענען אַז דו ביסט אַ גרינע.

זי האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל איר לאָזן וויסן ווען איך קלייב זיך גיין אין האיאַס – זי וויל מיטגיין מיט מיר. מר פּאַלין איז איצט דער דירעקטאָר פון האיאַס, אַ זייער סימפּאַטישער מענטש, אַ הויכער, אַ שיינער, אַ וואַרעמער און באַציט זיך מיט דרך־ארץ צו קליין און גרויס.

אַזוי גיך ווי מ. מאַשלאַם האָט אויסגעפונען אַז מ. פּאַלין איז נאָך אַ בחור האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כּלים צו פאַרשדכנען זייער טאָכטער. האָט זי גענומען רעדן וועגן איר טאָכטער, זי לויבן אין הימל אַריין, זי איז מיט אַלע מעלות. פאַרענדיקט האָט זי מיט פאַרבעטן אים פּריזיטיק צו דער אָוונט

סעודה. איך בין שוין פארנומען פרייטיק האט ער איר גענטפערט. איך ווינטש אייער טאכטער זי זאל זיך באגעגענען מיט א יונגנמאן וואס איז ווערט א מיידל מיט אזוי פיל מעלות.

צו מיר האט ער זיך אפגערופן. איטע, איר זייט שוין כמעט איבערגעקומען אלע שוועריקייטן אין עטלעכע חדשים ארום ווערט איר שוין א פולשטענדיקע עמיגראנטקע.

אייער עלטער וועט מער ניט זיין קיין אפהאלט, קיין מניעה.

איר ווייסט שוין דעם וועג אהער. נויטיקט איר זיך מער ניט שוין קיין באגלייטער.

די לעצטע פאר ווערטער האט ער געזאגט בעת מ. מאשלאם איז ארויסגעגאנגען אין וואש־צימער. אגב, איז געקומען א ייד מיטן נאמען יאסל פאסמאן. אויף מיין פראגע צי האט ער א שייכות צו אייך, האט ער זיך אפגעטרייסלט און ניט געוואלט רעדן וועגן דעם. קענט איר מיר אפשר אויפקלערן פארוואס אזא אפרוף פון אן עלטערן מענטשן צו א יונג מיידעלע מיט דעם זעלבן נאמען? דאס איז מיין זיידע האט זיך פון מיר ארויסגעריסן אבער מער האב איך ניט געקענט ארויסברענגען קיין איין ווארט.

איך זע אז אייך איז שווער צו ריידן האט מר. פאלין זיך אפגערופן, איר האט עס ניט דערוואַרט, וועלן מיר מער וועגן דעם ניט ריידן ביז איר וועט זיך בארויקן און אליין זיין גרייט צו ריידן וועגן דעם.

מאראם מאשלאם האט זיך באוויזן, האט דערקענט אויף מיר אז ס'איז עפעס געשען, און מיך אנגעהויבן באווארפן מיט פראגעס. כ'האב ניט געענטפערט אפילו אויף קיין איינער פון זיי. מר. פאלין איז מיר געקומען צו הילף און זי אפגעשטעלט.

— זי וועט אליין איינזען אז ס'איז בעסער ארויסצוריידן ווי עס צו האלטן אין זיך — גייט געזונטערהייט ס'ווארטן נאך מענטשן אויף מיר.

מ. מאשלאם האט זיך צוגעבויגן צו אים און עפעס אריינ־געשושקעט אין אויער. פון מיר איז געפאלן שטיקער. כ'וויל ניט

מ׳זאל זיך שושקען אויף מײַן חשבון. איך וויל שוין מער דאָ ניט זײַן, אָבער דאָס האָב איך געטראָגט, ניט געהאַט קיין מוט עס צו זאָגן.

נאָכן אָפּסודען זיך האָט מר. פּאַלין אַ קוק געטאָן אויף מיר, און אַ זאָג געטאָן: איר דאַרפט וויסן איצטע, אַז דאָס ערגסטע האָט איר שוין איבערגעטראָגן. אַט נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש וועט זיך פֿאַר אײַך עפֿענען אַ נײַע וועלט. מיט דער צײַט וועט איר קענען העלפֿן סײַ זיך סײַ אַנדערע אייגענע, איר וועט נאָך אויך קענען לערנען. איר זײַט נאָך יונג גענוג, טאָרט אויך ניט פֿאַרלירן קיין האָפֿענונג.

אַז ס׳ווערט שווער קומט באַלד צו מיר. אַז מ׳רעדט זיך אַראָפּ פֿון האַרץ ווערט גרינגער. איר וועט אַפֿילו ניט דאַרפֿן וואַרטן אין רייע, איך וועל אײַך באַלד אויפֿנעמען, איר זאָלט שטענדיק געדענקען אַז מענטשן האָבן אײַך ליב. איר זענט זייער אַ ווויל מיידעלע. און ס׳וועט אויך נאָך גוט זײַן.

אַט רייד איך צו דיר אויף דו, דאָס ערשטע מאָל, ווייסטו פֿאַר וואָס? ווײַל דו ביסט מיר זייער גערן. טראַכט וועגן דעם, דאָס איז וויכטיק פֿאַר יעדן איינעם, דער עיקר פֿאַר אַ יונג קינד ווי דו אין דער פֿרעמד.

ער האָט זיך געזעגנט בײַ דער האַנט מיט אונדז ביידע און מיר זײַנען אַרויס. אויף דער גאַס האָט זיך מ. מאַשלאַם צוגעשטעלט צו מיר איך זאָל איר דערציילן וועגן אַלץ וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. כ׳האָב ניט געקענט. די ווערטער זײַנען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז. כ׳האָב זיך בײַ איר אָפּגעבעטן, אַן אַנדערש מאָל – איך קען ניט איצט.

ווייסטו פֿאַר וואָס פּאַלין האָט גערעדט צו דיר אַזוי? וועל איך דיר זאָגן. בײַ אונדז אין אַמעריקע האַלט מען אַז מ׳מעג זיך באַנוצן מיט אַ ליגן וואָס טוט קיינעם קיין שלעכטס ניט. ד. ה. אַ ליגן וואָס ברענגט קיינעם ניט קיין שאָדן. האָב איך אים געזאָגט אַז ס׳איז דיר דערגאַנגען אַזוי ווײַט דײַן זײַן אונטערוועגנס אַליין שוין דאָס דריטע יאָר. אַז דו האָסט געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צו נעמען דאָס לעבן. פֿאַרשטייסט איצטער, דאָס וועט אים אונטערטרײַבן צו האַנדלען

וואס גיכער פאר דיין טובה וועגן, מ׳דארף זיך אמאל ארויסהעלפן מיט א ״ווייסער ליגן״, פארשטייסט?

ניין, איך פארשטיי ניט, האב איך געענטפערט מיט ווייטיק.

ווי גערן כ׳וואלט איצט אויסגעפירט די אנצוהערעניש, די עצה מ. מאשלאמס ווען כ׳זאל נאר וויסן ווי אזוי.

כ׳האב זיך נאך קיינמאל ניט געפילט אזוי פארשעמט. אזוי דערנידעריקט.

ווען כ׳האב זיך נאכאמאל אנגעטראפן מיטן ליבן שמואל הינדעס טאקע אין ווארט־צימער אין האיאס האב איך זיך זייער דערפרייט. דערצו נאך אז ער האט איבערגעגבן פאליקן דעם פלאנטער פון מיין משפחה וועלכן ער האט געוווסט פון א ביז ת איז מיר א סך גרינגער געווארן.

ת. פאלין האט זיך באצויגן צו מיר מיט גוטסקייט און פארשטענדעניש.

כ׳האב אויף אן אמתן אנגעהויבן ציילן די טעג. ר׳ שמואל הינדעס האט מיר געלאזט וויסן אז ער האט אנגעגעבן אויף קאנאדע, ניט געקוקט אויף דעם וואס זיינע קינדער לעבן גאר אין אמעריקע. ס׳איז גרינגער זיך צו דערשלאגן קיין קאנאדע. ב׳פארשטיי אז אויך דו וואלסט גערארפט אויף דעם איינגיין. מ. פאלין האט מיר אפילו געזאגט אז ווען ס׳וועט קומען דערצו וועט ער זיך סטארען אז דו זאלסט פארן אינאיינעם מיט מיין משפחה.

יא, יא, איך וויל זייער פארן מיט אייך ווּהין איר פארט, האב איך מיט פרייד געענטפערט. די בשורה האט מיך אויפגעלעבט.

דערווייל ארבעט איך. מ׳האט מיר אפילו געהעכערט די שכירות, ניט נאר טראגט מיר אויף ברויט מיט האלווא נאר אויף א פלעשל לעמאנאד אויך.

די מייערס זיינען גוט צו מיר. פון חנהן איז דאך אפגערעדט.

נאר איין זאך קימערט מיך. אהיימקומנדיק פון דער באגעגעניש מיט שמואל הינדעס האב איך געטראפן די גרופע יונגע מענטשן, מ׳האט גערעדט, זיך געאמפערט, אזוי גיך ווי מ׳האט מיך דערזען

זײַנען זײ שטיל געבליבן. פֿאַר וואָס? זײ געטרויען מיר ניט ווײַזט אויס, איז׳ס צוליב דעם ווײַל איך בין ייִנגער פֿון זײ אַלע. נײן, כ׳האָב אַ חשד אַז זײ האַלטן מיך פֿאַר אַ פּלאַפּלערקע. איך וועל זײ באַווײַזן אַז איך קען האַלטן אַ סוד גלײַך ווי יעדן אײנעם פֿון זײ. לאָמיך שוין ווערן פֿולע 16 יאָר וועלן זײ זיך באַציִען צו מיר מיט מער דרך ארץ, אַלץ וועט ווערן בעסער דעמאָלט.

# מע פֿאָרט

מר. פֿאלין האט באפֿוילן אז איך זאל קומען אין האיאס, ער דארף מיך זען, ער האט מיר געגעבן א דאָקומענט אין נאָמען פֿון ב. וולאָדעק מיטן האיאס־שטעמפּל און געבעטן אז מ׳זאל אויף מיר האלטן אַן אויג. איך האלט דעם דאָקומענט עד היום.

ביז צום הײַנטיקן טאָג, אָבער, האָב איך קיין מאָל ניט אויסגענוצט זיך פֿאַרגרינגערן. כ׳האָב געוואָלט זײַן זעלבסטשטענדיק.

ס׳האָט מיך זייער געפֿרייט וואָס ר׳ שמואל הינדעס מיט זײַנע קינדער וועלן פֿאָרן מיט מיר אינאיינעם.

ס׳איז מיר ניט געווען גרינג דאָס געזעגענען זיך מיט דער גרופּע, דער עיקר מיט חנהן. זי מיט איר שוועסטער זײַנען געבליבן וואַרטן אויף דער וויזע קיין אַמעריקע.

אין דער באַן קיין קאָנסטאַנצאַ האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ טיפֿער אומעט. מענטשן אימיגראַנטן זײַנען געווען זייער אַ סך אָבער קיין איין באַקאַנט הײמיש פּנים האָב איך אין וואַגאָן ניט געזען.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען האָב איך דערזען ר׳ שמואלן מיט די קינדער. כ׳האָב זיך זייער דערפֿרייט און מער פֿון זיי ניט אָפּגעטראָטן.

אויפֿן וואָקזאַל ווו אַלע זײַנען געשטאַנען מיט פּעקלעך, רענצלעך און געוואַרט אויף ווײַטערדיקע אינסטרוקציעס איז געווען אַ גרויסער טומל, מענטשן האָבן זיך געוויצלט, געלאַכט, קינדער האָבן געוויינט. פּלוצים דערהערט זיך אַ קול — "איטע פּאַסמאַן ווו ביסטו?" — ר׳ שמואל האָט זיך באַלד אָפּגערופֿן: זי איז מיט מיר און מיט מײַנע קינדער. מיר זײַנען בײַם סאַמע אַרויסגאַנג פֿון וואָקזאַל. ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און מ. פֿאַלין האָט זיך באַוויזן. גוט וואָס

ביסט נאָענט צו דער מאַנרעלקאַרן משפּחה. איך בין געקומען אַרויס־באַגלייטן די עמיגראַנטן, כ׳האָב מורא אַז ס׳וועט אייך אויסקומען צו וואַרטן עטלעכע שעה. די שיף איז נאָך ניט גרייט אײַך אויפצונעמען.

געווען איז דאָס אַ גריכישע שיף מיטן נאָמען ״אַזיע״. מ׳וועט באַלד אַרויסברענגען פאַר יעדן איינעם עפּעס איבערצובײַסן. עס זײַנען פאַראַן וואַש־צימערן זיך צו מאַכן באַקוועם. אַוודאי דאַרפן די פרויען מיט קינדער זײַן די ערשטע זיך צו באַניצן מיט זיי.

רו איטע קום מיט מיר איך וועל זי צוריקברענגען אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן צו ר׳ שמואלן. מײַן סעקרעטאַרשע וויל זיך מיט דיר באַקענען.

מײַנע אַקציעס האָבן זיך אַ הויב געטאָן אין מײַנע אייגענע אויגן, מ. פאַלינס סעקרעטאַרשע אַליין, וויל מיך קענען.

דערזעענדיק זי האָב איך זיך געגעבן אַ ציי אויף קריק.

ווי זי וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט, אַ הויכע, אַ שיינע, עלעגאַנטע דאַמע.

זי איז דווקא געווען זייער פרײַנטלעך צו מיר. אָבער איך האָב דערפילט אַז ס׳וואָלט בעסער געווען ווען זי זאָל ניט געווען קומען.

זיי האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט אינטערעס, צו מיר האָט מען גערעדט ווי צו אַ קינד. זיי ווייסן דאָך אַז איך בין שוין פולע 16 יאָר אַלט, פאַר וואָס זשע באַציען זי זיך אַזוי צו מיר?

דער ווונטש אין האַרץ בײַ מיר האָט מיך געמאַטערט. הלוואי וואָלט זי געווען ניט אַזוי שיין, ניט אַזוי עלעגאַנט, און דער עיקר ניט אַזוי קאָקעטיש.

כ׳האָב מיט אַמאָל דערפילט אַז איך בין טאַקע מער ניט קיין קינד, איך בין שוין אַ דערוואַקסענע, אַ פרוי.

זי די סעקרעטאַרשע האָט מיר דערלאַנגט אַ שאַכטל שאָקאָלאַד, מיר געהייסן עס עפענען, דער שאָקאָלאַד איז געווען געפילט מיט ראָם. דאָס האָט זי דערקלערט איז צוליב טרינקען אַ לחיים פאַר אַ גליקלעכער נסיעה פאַר אײַך, איטע.

יעדער פון אונדז האט גענומען א שטיקל. איך בין געווען אין גאר אן אנדער וועלט. ניט וויסנדיק וואס איך טו האב איך ארײַנגעלייגט דעם שאקאלאד מיטן פאפירל אין מויל ארײַן.

כ׳האב זיך זייער פארלוירן. כ׳האב זיך דערזען ווי א קליינשטעטלדיקע, אפגעשטאנענער, א "נייע דאראס" (א נישט אויפגעוואקסענע). מ. פאלין איז געקומען מיך ראטעווען.

— איך זיט א מבין מירא, ווי איטע האט מיר נאכגעטאן פונקט וואס איך האב געטאן נעכטן? ניט טראכטנדיק האב איך ארײַנגעלייגט דאס שטיקל שאקאלאד מיטן פאפירל אין מויל ווי דו איטעלע האסט עס געטאן. ס׳איז מיר טאקע געווען ניט אנגענעם, אבער קיין אומגליק איז עס ניט געווען. אויסגעשפּיגן. און גענומען אן אנדער שאקאלאדקע.

יא דער ליבער פאלין האט זייער געוואלט מיר גרינגער מאכן. די בושה איז מיר אבער נאכגעגאנגען א לאנגע צײַט.

מ׳פארט קיין ריגע. מיר גייען שוין צו דער שיף, איך פיל גארנישט, איך בין ווי אין א טראנס. כ׳האלט זיך נאענט צו ר׳ שמואלס משפחה, אבער ס׳נעמט ניט לאנג און מ׳צעטיילט אונדז.

מ׳האט מיר אנגעוויזן אויף מײַן קאיוטע ווו ס׳האבן זיך שוין געפונען 2 יונגע פרויען, נאך איינע איז באלד אנגעקומען.

מײַן בעט אין איבער דער עלטסטער פון אונדז, פרומע האט זי געהייסן. אלץ וואלט געווען אין ארדנונג ווען איך זאל זײַן מיט ר׳ שמואלן מיט זײַנע קינדער אנשטאט מיט פרעמדע מענטשן.

אין עס צימער האבן מיר זיך אפגעזוכט און זיך אויסגעביטן מיט די נומערן פון די קאיוטעס. ר׳ שמואל א טראדיציאנעל, רעליגיעזער ייִד, האט מיטגעפירט שפּײַז פאר זיך, די קינדער האבן ווי אלע געגעסן אין עס־זאל. אז ר׳ שמואל האט צעשניטן א פרוכט אדער עפעס א לאקעטקע מיך געשיקט רופן זיך צו באטיילינגן אין דער סעודה.

ער האט מיך באהאנדלט ווי זײַנע אייגענע קינדער.

אויף דער שיף האב איך זיך בכלל געפילט גוט. כ׳האב ניט

געליטן פון דער אנשיקעניש, פון דעם ים־קראנקייט, כ׳האב זיך באקענט מיט עטלעכע יונגע מענטשן און בין געווארן איינע פון זייער ענגן קרייז. כ׳האב זייער הנאה געהאט פונעם ים וועלכן כ׳האב געזען צום ערשטן מאל, פון דעם זון פארגאנג – אן אמתע עקסטראוואגאנדזע מיט איין ווארט – ס׳איז מיר געווען גוט ארום און ארום. חוץ איין מענטש, דווקא דער וועלכער איז געווארן דער שיינדליק פון שיף האט אין מיר ארויסגערופן א געפיל פון אנגסט, פלעג איך אים אויסמיידן. אז כ׳האב געזען אויפן דעק א רעדל מענטשן, דערהערט א געלעכטער, האב איך שוין געוווסט אז משה לייב איז צווישן זיי, דערציילט וויצן, און דרשנעט פאר זיי, בין איך באלד אוועק אין דער פארקערטער ריכטונג פון דעם. ס׳האט מיר אבער ניט געהאלפן, ער האט מיך אפגעזוכט.

ווען די שיף איז אריין אין טיפע שטורמישע וואסערן זיינען די פאסאזשירן מיט ווייניק אויסנאמען געווארן זייער קראנק. מ׳איז געשטאנען אריבערגעבויגן, זיך אנגעהאלטן אין פארענטש פון שיף און געטאן וואס מ׳האט געמוזט. גערופן האט מען דאס טועבץ: "מ׳פארט קיין ריגע".

פרויען מיט קליינע קינדער אויפן אונטערשטן דעק האבן זיך קיין עצה ניט געקענט געבן, זיי זיינען געלעגן פארחלשטע. די קינדער האבן געוויינט. "פונעם פארן קיין ריגע" האט זיך געטראגן א ביטערער ריח.

כ׳האב צוגענומען די קינדער, א זויגלינג מיט זיין דריי־יאריקער שוועסטער, זיי ארומגעוואשן, און גענומען פון באדינער צוויי פלעשלעך מילך. דאס יינגעלע האט זיך באלד צוגעכאפט, דאס מיידעלע האט זיך געקווענקלט — "איך בין שוין א גרויסע, איך וויג ניט פון קיין פלעשל" — טאקע געדעבט.

כ׳האב אראפגעצויגן דעם גומי און זי האט געטרונקען און געשמייכלט. ווען דער ים האט זיך בארויקט איז די מוטער פון די קינדער ארויפגעקומען אויפן דעק, אונדז אפגעזוכט, און פאר יעדן פארגעשטעלט מיך, ממש באווארפן מיט קוויטן.

באלד איז אויסגעוואקסן משה לייב. מיר האט געגעבן א טיאק אין הארץ ווי כ׳וואלט באגעגנט א שונא. ער איז מיט מיר דווקא אדרבא־ואדרבא, און איך מיט אים קיזער־ווידער. דערקלערן די סיבה קען איך ניט נאר אזוי פיל איך ווען איך דערזע אים.

איך וואלט זייער געוואלט זיך אפטרייסלען פון אים און ווייס ניט ווי אזוי. אלע לעקן די פינגער פון אים. פון זיינע חסידישע מעשיות. דער עיקר מעשיות וועגן ר׳ נחמן בראצלאווער.

ער איז געווארן בארימט צווישן די הונדערטער פאסאזשירן, אויך צווישן קינדער, ווייל ער פלעג נאכמאכן די קולות און קלאנגען פון חיות און עופות. איין שיינעם פארנאכט ארויסקומענדיק אויפן דעק איז ער צו מיר צוגעקומען און מיר געלאזט וויסן, אז אויף מארגן שטעלט זיך די שיף אפ אין אלזשיר, אין אפריקע אויף א גאנצן טאג.

ס׳איז זייער אן אינטערעסאנטער קאנט. דער עיקר די שפורן וואס די יידן האבן דארט איבערגעלאזט. אגב לעבט נאך איצט דארט א יידישע געמיינדע.

אויב איר ווילט וועל איך זיין אייער מדריך, און וועל איך אייך אלץ דערקלערן, איר וועט זיכער הנאה האבן.

געוואלט האב איך זאגן ניין, נאר פשוט קיין מוט ניט געהאט. אזוי ווי מיר שטייען קומען אן צוויי בחורים פון קאמענעץ, פאדאליע, ביידע חלוצים. וואלטן זיי געהאט די מעגלעכקייט וואלטן זיי זיכער אויסגעקליבן פאלעסטינע; אנו, ווי אבער ס׳איז ניט ביי זיי די ברירה, פארן זיי ווהין עס לאזט זיך. מיר זוכן דיך ארום, רופט זיך אן ווייצע מיטלמאן: מיר ווילן דיר לאזן וויסן, און שלאגט פאר פונקט וועגן דעם וואס משה לייב האט ערשט גערעדט. משה לייב האט זיך באלד אפגערופן — איטע גייט מיט מיר. דאס מאל האב איך זיך ניט פארלוירן און געענטפערט: מיר וועלן אלע גיין אינאיינעם. און אזוי איז עס פארבליבן.

אויף מארגן האבן מיר זיך צונויפגעקליבן, אויך נאך א פריינד ווייערער. אלע בחורים הויבע, שטאלטנע ווי טאפאלן. איך בין איין

מיידל, ס׳איז מיר א ביסל פריקרע. יאנקל קושנער האט ווי געטראפן וואס איך האב געטראכט און א זאג געטאן: דארפסט זיך ניט פילן שלעכט איטע, אדרבא. דארפסט זיין ביי זיך אין גרויסן. אז אלע ווילן דווקא דיך באגלייטן אויף דער אינטערעסאנטער עקסקורסיע. כ׳האב געפילט אז איך בין רויט געווארן, נאר כ׳האב אים באדאנקט.

אלץ זעט אויס אנדערש, די בנינים מערסט אין מורישן סטיל (לויט יאנקלען, ער לערנט ארכיטעקטור), השפעות שפעטערדיקע פון די אייראפעישע לענדער. די חברה פרעגן אים און ער ענטפערט על אחת אחת ווי אן אמתער מומחה.

איך בין רוי, אומוויסנדיק, אן אמתער "שאינו יודע לשאול". ער באמערקט עס, און ווענדט זיך צו מיר און דערקלערט: אן צוגרייטונג איז אוודאי שווערער נאכצופאלגן. לויט אייער עלטער האט איר דאך קיין צוגרייטונג ניט געקענט האבן. זאלט איר ניט דערוואַרטן צו פיל. ס׳איז עקזאטיש, פרעמד און אינטערעסאנט אפילו נאר פארן אויג.

מיר גייען און רייסן די קעפ ארויף. משה לייב רופט זיך אן: די גאנצע תורה על רגל אחת קענען מיר ניט באוויזן אויסצולערנען. שלאג איך פאר: מיר זאלן זיך קאנצענטרירן אויף די יידישע שפורן, אויב מעגלעך, טאקע, זיך צו פארבינדן מיט א יידן. פונדערווייטנס שטייט א שווארצחנווודיק יינגעלע פון א יאר 10–11. ער גיט אים א רוף און ער קומט באלד צו.

זיי דינען גרייט צו לופטערן זייער גימנאזיע פראנצייזיש, נאר דאס יינגעלע פארלויפט זיי דעם וועג. עבריתן די חלוצים דערפרייען זיך. ביסט א יידיש קינד? ניין כ׳בין אן אראבער, ענטפערט ער. ווי קומט צו דיר עבריתן ראשית האב איך א יידישן חבר, רייד איך מיט אים נאר עברית. שנית ווייל איך וויל זיין ווי מיין טאטע א "גיד" א מדריך פאר טוריסטן.

איר ווילט גיין צו דער אלטער סינאגאגע? צי צום יידישן בית עולם? ער רעדט ווי א דערוואקסענער. אויף דער פראגע וווּ איז דיין טאטע? געשטארבן. איך בין דער בכור און דער ראש המשפחה איצט. לאזן מיר זיך פירן פונעם 10–11 יאריקן "ראש המשפחה".

# אין קאַנאַדע

אין מיינע 5 חדשים אין קאַנאַדע האָב איך כמעט ניט אַנגעזען קיין יונגן מענטשן חוץ אין שאָפּ. אַ סטעושקע האָב איך אויסגעטראָטן צו דער יידישער פּאַלקס ביבליאָטעק.

איך פלעג ממש שלינגען ביכער ביז שפּעט אין דער נאַכט.

קיין עלעקטריק פּריטיק אוונט האָט מען ניט אַנגעצונדן, פלעג איך לייענען ביז די ליכט האָבן אויסגעצאַנקט.

פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ נייע חברטע מיינע, מאַניע, און האָט מיר אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, מיך געבעטן קומען צו איר, איז מיר געוואָרן גוט.

איידער כ'האָב זיך באַקענט מיט מאַניען זיינען מיר געזעסן ביים טיש און גענעסן אוונטברויט, מיך איז דעמאָלט באַפאַלן אַ בענקשאַפט נאָך מיינע אייגענע, נאָך דער היים. מר. שעכטער האָט עס באַמערקט און אַ פרעג געטאָן: וואָס ביסטו היינט אַזוי פאַרטרויערט, ס'איז עפּעס געשען?

— ניין, האָב איך געענטפערט, ס'איז גאָרניט געשען.

— פאַר וואָס זשע אַזאַ אומעטיקייט?

— ס'בענקט זיך מיר נאָך מיינע אייגענע, כ'האָב ניט קיין חברים, איך קען נישט דאָס לשון.

— הער אַ מעשה, דו נאַריש קינד וואָס דו ביסט, זעסט דאָך אַליין אַז ס'גייט צום בעסערן. אָט האָסטו שוין געקראָגן נאָך אַמאָל אַ "רייז" (הוספה), ביז צום יאָר וועסטו מירטשעם פאַרדינען גאַנצע 10 ד. אַ וואָך. אַז מ'האָט דיר אַליין געגעבן אַ דאָלער "אַ רייז" איז דאָך אַ סימן אַז מ'האַלט פון דיר. ביזן יאָר, איך זאָג 10, פאַרוואָס טאַקע ניט גאַנצע 12? ווייל "פינישערס" פאַרדינען 15 ד. און מער.

וועלן מיר דעמאָלט אוועקגיין און קריגן אַ גמילות־חסד אויף שיפּסקאַרטן. ווען זיי וועלן מירטשעם קומען וועט איר אַלע אויסצאָלן צעביסלעך.

חברים? אַ דאָגה חברים, כ׳קען דיר ברענגען וויפל דו ווילסט אַליין (און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. זייענדיק אַ גבאי אין אַ שול האָט ער געבראַכט אַלע מאָל אַן אַנדער ייִדן — ״באַקענט זיך מיט מײַן מיזינקע״).

— דו קענסט נאָך ניט דאָס לשון, איז וואָס? אַט גייסטו שוין אין נייט־סקול, מיט אַזאַ קאָפּ ווי דו האָסט קיין עין הרע, ווי לאַנג מיינסטו וועט דיר נעמען זיך אויסצולערנען ענגליש? דאָס ייִדישע גלות זאָל אַזוי פּיל געדויערן.

ענגליש איז גאָרניט קיין שווער לשון. ס׳האָט אַ סך ייִדישע ווערטער נאָר אַ ביסעלע פאַרדרייט. למשל: ברויט איז ברעד. מילך איז מילק. זאַלץ איז סאָלט, פּוטער איז באַדער. אַ טייבל איז אַ טייבל, אַ טשער איז אַ טשער. אַ ווינדע איז אַ ווינדע, פיש איז פיש. טאָמער איז דאָ אַ שטיקל פלייש וואָס מע דאַרף זאָגן ״מיט״ וועסטו זיך אויסלערנען.

דער גוטער מר. שעכטער איז דערגאַנגען ביז לעבערלעכקייטן צו פאַרבעסערן, פאַרגרינגערן מײַן שטימונג.

ס׳דערמאָנען זיך די שווערע פּראַסטיקע ווינטערן, די שעכטערס האָבן געוווינט אין ״אַ בייסמענט״ ד.ה. מ׳האָט געדאַרפט אַראָפּגיין 4 טרעפּ צו זיי אין שטוב אַרײַן. כמעט אַ דריטל פון זייער וווינונג איז געווען אײַנגעגראָבן אין דער ערד. ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די שנייען (דעמאָלט האָט מען ניט גערייניקט די גאַסן פונם שניי) האָבן זיי אינגאַנצן פאַרדעקט די פענצטער ביז נאָכן ווינטער ווען ס׳איז וואַרעמער געוואָרן. אויך אויף די גאַסן איז דער שניי געבליבן ליגן גאַנצע בערג פון ביידע זײַטן גאַס און געוואַרט אויפן פרילינג.

אין די אָוונטן פלעג איך גיין אין שול ווו מ׳האָט געלערנט ענגליש די נײַ־געקומענע. ווען איך בין אַהיימגעקומען אַן אָנגעפרוירענע האָב איך געטראָפן מר. שעכטער וואַרטן אויף מיר,

און אונטער דער קאָלדרע אויף מײַן געלגער געפֿונען אַ הייסער פֿאַקרישקע אײַנגעוויקלט אין אַ האַנטעך צו דערוואַרעמען מײַן געלעגער.

איך בין געוווען זייער גערירט פֿון זײַן גוטסקייט צו מיר. די זקנה, פֿרוי שעכטערס מוטער, אַ פֿרוי אין די נײַנציקער יאָרן, איז געווען קראַנק פֿון קינאה צו מיר, פֿאַרוואָס נאָר איטע, איטע.

וואָס איר טאַכטער מיט איידעם (שוין אויך עלטערע מענטשן, אין די 50ער יאָרן), האָבן מיט איר אײַנגעטענהט, סטײַטש? — איר זינט דאָך אַ פֿרומע פֿרוי, איר דאַרפֿט גאָר אײַנזען די מצווה און אַרויסהעלפֿן אַן עלנט קינד אין דער פֿרעמד, איינע אַליין.

יאָ, זאָגט זי, אָבער וואָס צו איז איבעריק. טראָגן אַ הייסע פֿאַרקרישקע אָנצוואַרעמען דאָס געלעגער. האָסטו עס אַמאָל געטאָן פֿאַר מיר?

מאַמע, זאָגט פֿרוי שעכטער, דו ביסט דאָך אין שטוב אין דער וואַרעם, זי קומט אַרײַן אָן אָנגעפֿרוירענע.

זיי האָבן געמיינט אַז איך שלאָף, ס'איז זונטיק גאַנצפֿרי ס'איז נאָך פֿינצטער אינדרויסן. דער איבערייד צווישן זיי דרײַ האָט מיך זייער געערגערט, כ'האָב אָבער ניט געוווּסט ווי אַזוי דאָס אויסצומײַדן.

מאַניע איז אין יענעם טאָג מיך געקומען באַזוכן, כ'האָב זיך זייער דערפֿרייט מיט איר. מיר האָבן זיך באַקענט נענטער איינע מיט דער אַנדערער, זי האָט מיר דערציילט וועגן איר משפּחה, איך איר וועגן מײַנער. מיט אַמאָל גיט זי מיך אַ פֿרעג: ווי קומט עס וואָס איר וווינט דאָ? אַ יונג מיידל מיט דרײַ זקנים, אין אַ כּמעט־קעלער מיט פֿאַרקאַוועטע פֿאַרשנייטע פֿענצטער דורך וועלכע מ'זעט דעם דרויסן ניט אַן אַ גאַנצן ווינטער?

איז דאָס אַ פּאַסיק אָרט פֿאַר אײַך? איר דאַרפֿט אַנטלויפֿן פֿון דאַנעט וואָס גיכער, וויפֿל פֿאַרדינט איר? ס'איז טאַקע ווייניק אָבער איך וועל געפֿינען אַ צימער פֿאַר אײַך פֿאַר 7 ד. אַ חודש. כ'האָב זי

איבערגעשלאָגן, איך קען דאָס ניט טאָן. ס'וואָלט געווען אַ פּאַטש אין פּנים. צאָלן פֿאַר ברויט מיט שטיינער.

גוט, זאָגט זי, מיר וועלן זיך צו עפּעס דערטראַכטן.

זי האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען, אָבער מיך האָט עס שוין ניט געלאָזט רוען. כ'האָב זייער געוואָלט זײַן אויף אייגענע קעסט, וועלן מיר טראַכטן וועגן דעם, ווי מאַניע האָט געזאָגט, און אַז מ'טראַכט דערטראַכט מען זיך.

# יאָסעלע ראָזנבלאַט

ס׳איז דאָנערשטיק אויף דער נאַכט, פֿרוי שעכטער גרייט וועטשערע. איך האַק אײַן די פֿיש וואָס די פֿרוי שעכטער וועט נאָך הײַנט אָפּקאָכן לכּבֿוד שבת.

מר. שעכטערן האָט מען גערופֿן צום טעלעפֿאָן, אַט איז ער שוין דאָ צוריק. ער דערציילט: זײַן פֿרײַנד פֿון אָטאַוואַ לאָזט וויסן אַז דער ייִנגערער זון זײַנער וועט מירטשעם מאָרגן זײַן אין מאָנטרעאָל און ווי שטענדיק קומען זיך זען מיט אונדז.

דאָס איז אַ פֿרײַנד מײַנער נאָך פֿון אונדזערע פֿריִע חדר יאָרן, ער האָט זיך באַזעצט אין אָטאַוואַ. אַ טײַערער ייִד אַ בן תּורה, אַ שומר־שבת און אַ גרויסער נגיד מיט אַן אָפֿענער האַנט. דעראַבערט האָט ער ניט נאָר אַ פֿאַרמעגן נאָר דרך־ארץ, כּבֿוד און אָפּשיי פֿון דער גאַנצער ייִדישע עדה אין אָטאַוואַ.

ער האָט צוויי זין, דער עלטערער שוין אַ חתונה־געהאַטער אַדוואָקאַט. קיין פּרנסה וועט אים שוין ב״ה ניט פֿעלן.

דער ייִנגערער זון זײַנער פֿאַרענדיקט שוין זײַנע לימודים און וועט מיט גאָטס הילף אינגיכן אויך ווערן אַן אַדוואָקאַט, אויך אים וועט זײַן פֿאַטער חלילה ניט באַעוולען. אַ משפּחה צו גאָט און צו לײַט.

דער יונגערמאַן שטעלט זיך אָפּ אין דערבײַיִקן האָטעל, צו קענען גיין צופֿוס און קומען צו אונדז בלי חילול שבת, חלילה.

ס׳איז שוין פֿרײַטיק, איך בין שוין געקומען פֿון דער אַרבעט, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען העלפֿן פֿרוי שעכטער מיט די לעצטע הכנות פֿאַר קבלת־שבת.

פֿרוי שעכטער האָט אַ זאָג געטאָן: גיי שוין, גיי איטעלע, וואָס

זיך ארום, טו זיך איבער, טו אָן דאָס בלוזקעלע מיט דער קרוזשעווקע ארום האלדז. ס'פּאַסט דיר זייער.

ס'צעקלינגט זיך דאָס גלעקל און ס'שטעלט זיך אריין א ביז גאר סימפּאַטישער יונגערמאַן, אין שיינער שבתדיקער הלבשה. פרוי שעכטער באַקענט אונדז: דאָס איז איטע, אונדזער מיזינקע מיט וועמען גאָט ברוך הוא האָט אונדז געבענטשט אויף דער עלטער, דאָס איז הערשל הערמאַן. פרוי שעכטער לאָזט וויסן אז די זון האַלט שוין ביים פאַרגיין און ס'איז צייט צו גיין אין שול אריין.

דער יונגערמאַן גיט זיך א ווענד צו מיר: מיס איטע, מיר וועלן זיך נענטער באַקענען ווען מיר וועלן קומען צוריק פון שול בעזרת השם, און ביידע מאַנצבילן זיינען ארויס פון שטוב.

אָט זענען שוין דאָ די מאַנצבילן פון שול מיט א ברייטן "גוט שבת". מיר קומען זיי אַנטקעגן מיט "א גוט־שבת, א גוט־יאָר", מ'וואַשט זיך שוין צום עסן. די שטוב פערלט פון ריינקייט, די ברענענדיקע ליכט צעפינקלען די זילבערנע לעפל־גאָפל, דעם קידוש־בעכער, די ווײַן גלעזלעך, צוגערעקטע חלות מיט אויסגעהאַפטן טישטעך. פון די פרישע מאכלים טראָגן זיך מחיהדיקע ריחות. דער גאַסט קוקט אויף מיר מיט פריינדלעכע בליקן פאַר וואָס זשע בויטעט זיך אין מיר אַזוי?...

מיר עסן שוין, דער גאַסט לויבט זייער די פיש. פרוי שעכטער באַמערקט: איטע האָט א גרויסן חלק אין די פיש.

איך האָב זיי נאָר איינגעהאַקט. איר, פרוי שעכטער האָט זיי פאַרפּראַוועט, איר האָט זיי אָפּגעקאָכט.

— "צו איר עניוות איז נאָר קיין גליכן" — האָט מר. שעכטער א זאָג געטאָן.

מיט אַמאָל רופט זיך אָן דער גאַסט: זייט מיר מוחל, איטע, פאַר איבערשלאָגן אייערע מחשבותן, איר זיצט אַזאַ שטילע א פאַרקלערטע, ס'איז פאַרשטענדלעך, דער שבתדיקער טיש דערמאָנט אייך אוודאי אייער היים. מיס איטע, איר האָט ליב מוזיק? יאָ, חזנות אויך?

אוודאי! איך געדענק דעם פּרייטיק צו נאַכטס ווען מיין טאַטע מיט מיין ברודער זענען געקומען פון שול. ברומענדיק אַ נייעם ניגון. נאָכן "גוט־שבת" האָט מיין טאַטע באַלד אַ נעם געטאָן דעם סידור, אַט, האָבן מיר די תּפילה וואָס דער חזן האָט אַזוי שיין אויפגעזונגען.

אַז מיר וועלן איבערזינגען דעם ניגון אינאיינעם מיט דער תּפילה וועלן מיר עס שוין געדענקען לעולם ועד.

איך האָב זיך איינגעהערט פאַרגעדענקט און געזונגען מיטן טאַטן מיט מיין ברודער צו גלייך.

קיין חזן האָט אונדזער שטעטל נישט געהאַט דיר אַנצושטעלן, צו קליין און צו אָרעם.

דער חזן האָט זיך געיאָגט קיין אישיצע, אַ סך אַ גרעסער שטעטל פון אונדזערן.

ווי ס'געשעט אַמאָל האָט זיך דער וואָגן איינגעבראָכן, דער בעל עגלה האָט דווקא געאַרבעט אויף אַלע כּלים אים צוריקצושטעלן און טאַקע עס באַוויזן אָבער דער חזן האָט איינגעזען אַז ס'איז שוין צו שפּעט האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פויער צום אַנטרייבער: שטעפאַן, פיר מיך צו צום רב פונעם נאָענטסטן ישוב. קער זיך באַלד אום קיין אישיצע, גיב איבער דאָס קוויטעלע דעם גבאי פון שול. זאָרג נישט שטעפאַן, מ'וועט דיך שיין באַלוינען. גאָטס דרכים זענען פאַרהוילענע. ער האָט ווייזט אויס, געוואָלט צוטיילן אונדזער שטעטעלע אַ ביסל נחת־רוח האָט ער געטאָן וואָס ער האָט געטאָן...

דער גאַסט באַשטייט אויף זיינעם. פרעגט נאָך אַמאָל "איר האָט ליב חזנות, איטע? האָט איר דאָך אוודאי געהערט וועגן יאָסעלע ראָזנבלאַט און אפשר אפילו געהערט זיינע תּפילות".

יאָ, יאָ, ענטפער איך אַ צופרידענע, ווו האָט איר אים געהערט? אין אייראָפּע אוודאי.

ניין דאָ. מר שעכטער רופט זיך אָן: מאַכסט אַ טעות איטעלע, האָסט אים אוודאי געהערט אין בוקאַרעשט און צעמישט די יוצרות. ס'גייט דעם געטריַען מר. שעכטער ממש אין לעבן מיך אָפּצושטעלן

פון זאגן א ניט־אמת. איך כאפ זיך אין וואס ס׳גייט דא און דערצייל זיי דעם גאנצן אמת.

אהיימקומענדיק פון דער ארבעט האב איך זיך פארהאלטן אויפן ראג ארום 4 שטיבער פון דאנעט דערהערנדיק דאס ווארעמע קול, וואס ס׳האט זיך ארײַנגעזונגען מיר אין הארץ ארײַן. ווײַזט אויס אז ס׳ווינט דא א חזן וועלבער לערנט זיך פון יאסעלע ראזנבלאט אדער סתם א פארערער זײַנער. נאר שטענדיק אין דער אייגענער צײַט. כ׳האב זיך אפילו אויסגעלערנט די תפילה מיטן ניגון, כאטש איך פארשטיי נישט דעם פירוש המילות, ווייס איך אבער אז ס׳איז "ראש חודש בענטשן" און ס׳הייבט זיך אן מיט "יהי רצון". נישט געקוקט וואס איך קען שוין די תפילה, פארהאלט איך זיך סײַ ווי און הער זיך צו מיט גרויס הנאה.

כ׳האב באלד דערפילט אז כ׳האב זיך צו פיל צעגאלאפירט און בין מיט אמאל פארשוויגן געווארן.

זייער אינטערעסאנט זאגט דער יונגערמאן, דאס זאגט אן אז איר האט דאס געפיל און דעם אויער פאר נגינה. נאך א היפשן שטיל שוויַגן רופט ער זיך אן: אז איר האט אזוי הנאה געהאט פון א גראמאפאן־פלאטע שטעלט זיך פאר וואס פאר הנאה ס׳דערווארט אײַך צו הערן אים בפועל ממש. מירטשעם מארגן שבת צו נאכט גיט יאסעלע ראזנבלאט א קאנצערט, איך האב 2 בילעטן און כ׳וועל זײַן מער ווי צופרידן איר זאלט זײַ מײַן באגלייטערן.

הערן יאסעלע ראזנבלאט, ס׳האט מיר ממש פארכאפט דעם אטעם. ער האט עס אויסגעבאפט און א זאג געטאן, מירטשעם מארגן, האלב אכט וועל איך קומען נאך אײַך. כ׳האב געפיבערט מיט דערווארטונג, אבער אויך ניט אן אנגסט: "וואס וועט ער מיט מיר רעדן?" ער א קאנאדער געבוירענער, רעדט זיכער ענגליש ווי א וואסער, פארענדיקט שוין די לימודים...

אין דער טעקסי דערציילט מיר דער יונגערמאן אז ער קען זיך מיט יאסעלע ראזענבלאט פערזענלעך. זײַנע אקציעס האבן נאך א

הויב געטאָן אין מײַנע אויגן ביז צום הימל. אויב איר ווילט מיס איטע קען איך אײַך מיט אים באַקענען.

פון וואַנעט קענט איר אים? פרעג איך.

יאָסעלע ראָזענבלאַט ווערט אָפּט פאַרבעטן פון דער אַטאַוועד עדה יידן צו דאַווענען אין אונדזער שײַנער שול.

מ'יאָגט זיך נאָך אים, סײַ די אייראָפּעישע אָפּערע־הײַזער סײַ פון די אַמעריקעס. אַפילו מעגאָפּאָן האָט אים צוגעזאָגט הרים וגבעות אַז ער זאָל ווערן אַ טייל פון זייער אָפּערע. יאָסעלע ראָזנבלאַט האָט אָבער אויסגעקליבן צו בלײַבן אַ חזן אַ בעל־תפילה צווישן אייגענע, במקום ווערן אַ "באַרימטקייט" אין דער פרעמד.

היות יאָסעלע ראָזנבלאַט איז געוואָרן אַ וועלט רענדער צוליב זײַן אויפטרעטן אַלע מאָל אין אַן אַנדער עק וועלט, האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט יערן יידישן יישוב ווו ער האָט זיך געפונען.

דאָס ערגסטע איז די ביטערע אַסימילאַציע, זי רײַסט ממש שטיקער פון דעם יידישן גוף. זאָגט יאָסעלע ראָזנבלאַט.

קיין חידוש איז עס ניט. עס לעבט אַ פינגערוט ערה יירן צווישן אַ ים ניט־יירן. וואָס פרימיטיווער די באַפעלקערונג אַלץ אַנזעעוודיקער איז זי אויף פאַרבײַיקע. זייערע פּראַצעסיס מיט די פאַרביקע פענער, די איקאָנעס, די געזאַנגען וואָס טראָגן זיך אין דער ניטל־נאַכט, ווירקט אַפילו אויף דערוואַקסענע.

על אחת כמה וכמה אויף יוגנט, אויף קינדער. וואָלטן טאַטע־מאַמע געווען בכוח באַוואָפנט מיט יידיש ווײַסן, ווערטן, וואָלטן זיי געקענט זיך קעגנשטעלן די פרעמדע השפעות. זענען זיי אָבער נעבעך גרויסע אַרעמעלײַט.

זיי קומען פון די קליינע שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע. זיי, די שוסטערס, די שנײַדערס, די קירזשנערס וועלכע האָבן געלעבט אין אָרעמקייט אין דחקות, זענען דווקא באַרײַכערט געוואָרן. דער שטעטלדיקער שנײַדער איז דאָ געוואָרן דער בעל־הבית פון אַ קייט

קליידער־קראָמען, דער שוסטער — פֿון שוכרוואַרג קלייטן. אָבער פֿאַרבליבן אָרעמעלייט אין הלכות ייִדישקייט, אין ייִדישער קולטור.

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם, זאָגט דער יונגערמאַן. צעצאָלט זיך מיטן בעל־הטעקסי און מיר זענען אַריין אין טעאַטער.

דער עולם אַן אויסגעפּוצטער, אַ יום טובֿדיקער. אונדז פֿירט דער באַדנער צום סאַמע מיזרח צו אַ פּריוואַטער לאָזשע נאָענט צו דער בינע, דערלאַנגט אונדז פּראָגראַמען און ווינטשט אונדז גרויס הנאה. דער עולם איז שטיל געוואָרן, די בליצלאָמפּן האָבן זיך איינגעצויגן. אויפֿן ראַנד פֿון דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ מענטש וואָס האָט מודיע געווען: היות ס׳איז ראש חודש וועט דער ערשטער נומער אויפֿן פּראָגראַם זײַן ראש חודש בענטשן.

דער פּיאַניסט האָט אָפּגעשפּילט דעם אַרײַנפֿיר, ס׳האָט זיך באַלד דערהערט דאָס סאַמעט־וואַרעמע קול פֿון יאָסעלע ראָזענבלאַט. ס׳איז מיר אַריבער אַ ציטער איבערן לײַב, ס׳האָט מיך אָפּגעריסן פֿון דער ערד און מיך געטראָגן אַרויף, אַרויף אין די עולמות...

דאָס האַרץ אין מיר האָט מיטגעזונגען די תּפֿילה.

ערשט ווען דער עולם האָט זיך צעפּליעסקעט האָבן זיי מיך צוריקגעבראַכט צו דער ערד. כ׳האָב זיך אײַנגעשלאָסן אין די פּאַטשערס און גענומען פּאַטשן ביז די דלאָניעס האָבן זיך צעברענט ווי הייו.

מײַן קאַוואַליער האָט אַ שמייכלדיקער אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ זאָג געטאָן: איטע, כ׳האָב גרויס הנאה צו זען אײַך אַזאַ באַגײַסטערטע. — אפֿשר ווילט איר זיך באַקענען מיט יאָסעלע ראָזנבלאַט, ער וועט זײַן מער ווי צופֿרידן אײַך צו קענען, ער האָט אַ שאַרף אויג פֿאַר שיינקייט און פֿאַר צאַרטקייט...

ניין, ניין האָב איך זיך אָפּגערופֿן, ס׳איז צו פֿיל אויף אַמאָל.

נו, וועלן מיר אַרײַנגיין אין דער קאַנדיטאַרקע וואָס האָט אַ שם איבער גאַנץ קאַנאַדע, מיט אירע געבעקסן און נאַשערײַען.

צוקומנדיק צו דער אויסגעלויבטער "קאַפֿע" האָבן מיר געטראָפֿן ניט נאָר אַן אָנגעפּאַקטן רעסטאָראַן נאָר אויך אַ לאַנגע רייע וואַרטנדיקע.

אויך דאָס דאַרפֿן מיר איצט אויפֿגעבן, ווײַל כ'האָב צוגעזאָגט די שעכטערס אײַך צוריק צוברענגען באַלד נאָכן קאָנצערט — "זי דאַרף דאָך אויפֿשטיין ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, זאָגט פֿרוי שעכטער".

מיט שוועריקייטן האָט ער געקראָגן אַ טעקסי און אָט זענען מיר שוין אין דער היים. ער לאָזט וויסן אַז ער האָט זייער הנאה געהאָט פֿון קאָנצערט, און פֿון זײַן באַגלייטערין.

# חנה

כ׳האָב באַשלאָסן בעת כ׳האָב זיך געראַנגלט מיטן שלאָף אַז איך מוז אַרויס פון די שעבטערס. זייער געטריישאַפט לייגט זיך שווער אויף מיר, ציט מיך ממש צו דער ערד. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט מאַניען, זיך אָראָפּגערעדט פון האַרץ. מ׳דאַרף זיך גוט באַטראַכטן זאָגט מאַניע, קענסט דאָס ניט טאָן אין איילעניש. ס׳זאָל דיר שפּעטער ניט נאָכגיין קיין פאַרדרוס, קיין חרטה.

מיר וועלן נאָכטראַכטן. דערווײַל דאַרפסטו זיך באַפרייען פון דעם שידוך וואָס מ׳רעדט דיר.

זאָג מיר נאָך, ווילסטו זיך טאַקע אויף אַן אמתן באַפרייען פון הערשלען? לויט דײַן מיינונג וועגן אים איז ער זייער אַ סימפּאַטישער. דאָס וואָס ער קומט פון אַ רײַכער משפּחה, קומט אים דערפאַר ניט קיין שטראָף.

איך האָב איר איבערגעריסן די רייד. איך וויל נישט חתונה האָבן מיט אַ געריידטן שידוך. כ׳וועל עלטער ווערן, וועל זיך פאַרליבן, וועל איך דעמאָלט באַשליסן.

דאַרפסט זיך ניט בעסן. איך רעד דיר ניט קיין שידוך.

איך וויל נאָר זאָלסט זיך גוט דורכטראַכטן ווײַל דאָ האַנדלט זיך אין אַן ערנסטן ענין.

אַהיימקומענדיק האָט פרוי מרס שעכטער דערלאַנגט אַ בריוו פון בוקאַרעשט און אַ פּאָסט־קאַרטל פון חנהן. זי מיט איר שוועסטער האָבן שוין געקראָגן די וויזע און זײַנען שוין אויפן וועג קיין ניו־יאָרק.

ס׳האט מיך ארומגענומען א פרייד. כ׳האב אויסגעשריגן: חנה, איז שוין אויפן וועג קיין ניו־יארק? זייער גוט זאגט מר. שעכטער און דער בריוו פון וועמען איז? פון גרויס צעיורנקייט האב איך גאר פארגעסן אינעם בריוו. דער בריוו איז פון מיין ברודער ארקען. איך לייען פאר, ער געפינט זיך שוין אין בוקארעשט אויפן וועג קיין קאנאדע.

מיין ברודער וועמען איך האב שוין ניט געזען באלד 4 יאר, און ניט אויפגעהערט בענקען נאך אים, איז שוין כמעט 19 יאר אלט.

ווי לאנג ס׳וועט אים אויסקומען צו ווארטן אויף זיין וויזע קען מען ניט וויסן. מר. שעכטער האט מיר געהאלפן קריגן 15 ד. פון גמילות חסדים, ניט געקוקט אויף דעם וואס כ׳האב נאך דעם בריענדיקן חוב ניט געהאט אינגאנצן אפגעצאלט.

כ׳האב ממש געפיבערט מיט דערווארטונג, געבעטן גאט מיר זאלן זיך דערקענען איינער דעם אנדערן. זיך ניט פארלאזט אויף קיין נסים און געבעטן מיין ברודער מיר צו שיקן דערווייל א פאטאגראפיע.

ביז היינט צו טאג ווי נאר איך דערזע דאס פאספארט־בילדל זיינס אזוי דערפיל איך דער פיבערדיקן ציטער פון דער איבערלעבונג.

אויף דער וויזע וועט אויסקומען ווארטן א פאר חדשים אויב ניט מער. דערווייל קען איך מער קיין געלט פון זיי, גמילות חסדים, ניט דערווארטן, און ס׳איז שוין צייט צו שיקן אהיים.

ארויסקומענדיק פון דער ארבעט האב איך דערזען אויף א טיר פון א פאבריק פון קינדער מלבושים א מעלדונג אויףביידע לשונות.

דאס יידישע לייענט זיך אזוי — ״דא ווערט מאנופעקטשערט טשילדרענס קויטלעך. קיין עקספיריענץ ניט נויטיק. מיר דארפן ״הענט״ סיי אפערייטערס סיי פינדישערס. זיך מעלדן צו מר. געלמאן דעם פארמאן״.

באמערקט האב איך די מעלדונג בעת דער עלעווייטער האט זיך אפגעשטעלט אויפן דריטן שטאק. ארויסקומנדיק פון עלעווייטער

האב איך באלד אויפגעדרייט דעם רישעל און צוריק ארויף. געלאזט וויסן אז איך ארבעט אין דעם בנין.

— וואס זשע קומסטו אהער? איך בין א "ביזי מען".

— איך וויל ארבעטן פאר אייך נאך 6 אזייגער ביז אייער פאבריק פארמאכט זיך.

ביסט א גרינע איא? ניט לאנג אין אמעריקע.

יא, ענטפער איך דארפסט נאך אווודאי אויסצאלן דיין שיפסקארטע.

ס'האט זיך מיר זייער ניט געוואלט ארײַנגיין אין א שמועס מיט אים ער האט עס דערפילט און א זאג געטאן, קום וויל איך דיך באקענען מיט די מיידלעך. וואס ביסטו אן אפערייטערקע צי א פינדעשערן?

א פינישער, ענטפער איך. ווי רופט מען דיך? איטע.

ווי לאנג וועסטו הייסן איטע? ביסט אין אמעריקע! דא קענסטו הייסן יעטא, איידא. קלייב זיך אויס. אויב ס'איז ניט קיין מוז, ענטפער איך, וויל איך בלײַבן בײַ מײַן נאמען.

— הער נאר הער א בעטעך, בעסער צו בלײַבן א גרינע פון שניפישאק, איידער א מארערנע פרײַלין — זאל זײַן ווי דו ווילסט.

קום וועל איך דיר אנווײַזן דײַן "סיט" און דיך באקענען מיט די מיידלעך זיי וועלן דיר שוין ווײַזן וואס צו טאן.

איך מוז אבער לאזן וויסן מײַנע בעלי־בתים, זיי וועלן איבער־טראכטן. בעל־הבתים זאגסטו? נישט טאטע־מאמע? ביסט אליין?

יא, אבער מײַן ברודער איז שוין אויפן וועג ער וועט שוין איינגיבן דא זײַן ענטפער איך מיט פרייד. ווי אלט איז דײַן ברודער? פרעגט ער.

ער איז שוין דאס 19טע יאר. און דו? ביסט 15?

ניין, ענטפער איך, איך בין שוין באלד (אין 4 חדשים ארום) 17 יאר.

איך האב זיך באלד געכאפט אז איך פלאפל צו פיל. זיך פארשעמט און אנשוויגן געווארן. מר. געלמאנס בליק האט זיך פארהאלטן אויף מיר און ער האט א זאג געטאן: ביס א וויל מיידעלע, איטע.

נו, גיב מיר דעם טעלעפאָן־נומער וועל איך זיי „אָפּרינגען״. ביי די שעבטערס איז קיין טעלעפאָן ניטאָ, נאָר זייער טאָכטער פרוי זאַק וווינט איבער זיי, אויף קלאַרק סט. איר דאַרף מען טעלעפאָנירן און זי וועט זיי לאָזן וויסן. מר. געלמאַן האָט אַ רוף געטאָן די בוכהאַלטערין און זי האָט שוין אויסגעפירט די שליחות. אויך זי האָט זיך פאַרהאַלטן ביים נאָמען און ער האָט איר געהייסן פאַרשרייבן ווי איך וויל.

איצט זאָגט מר. געלמאַן, זיי וויסן איטע, דו וועסט קענען אַרבעטן אַרום 19–20 שעה אַ וואָך „אָווערטיים״. איך ווייס אַז ס׳וועט דיר צונוצקומען.

יאָ, יאָ, ענטפער איך.

איך פרעג אפילו ניט וויפיל מ׳צאָלט מיר.

איך וועל דיר צאָלן וויפיל איך צאָל די אַנדערע מיידלעך — זאָגט ער.

איין „דיפערענס״ איז, וואָס זיי אַרבעטן „סטעדי״ ד. ה. 49 שעה אַ וואָך. פון אינדערפרי ביז 6 אָוונט, מיט אַ שעה פאַר „לאַנטש״. און שבת 4 שעה. נאָך 49 שעה הייסט עס שוין „אָווערטיים״, און מ׳צאָלט „טיים־און־אַ־העלף״. דיר קען איך דאָס ניט צאָלן, ווייל דו וועסט אַרבעטן אפילו ניט קיין העלפט ווי ס׳פאַרערט זיך. אָבער ניט געזאָרגט. ס׳וועט נאָך גוט זיין.

ער האָט מיך באַקענט מיט די מיידלעך, זיי געהייסן מיר צווייזן: זי איז נאָך יונג און גרין, דאַרף מען איר אַרויסהעלפן.

די אַרבעט איז מיר ניט פרעמד, און איך בין געוואַלדיק צופרידן.

אין דער היים האָבן מיך די שעבטערס באַגעגנט מיט אַ וואַרעמען „גוד איווונינג״, באַלד אָנגעוואָרעמט די וועטשערע און מיך גערופן צום טיש.

זיי האָבן מיר דערציילט אַז משה לייב האָט געוואַרט אויף מיר, אויך מאַניע איז געווען, זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. „הערשל האָט געקלונגען צו אונדזער טאָכטער מרימען געבעטן דיך רופן צום טעלעפאָן. ער וועט מסתּם קלינגען נאָך אַמאָל״.

״און א האסטו א כריוו פון ניו־יארק״. מסתּם פון חנהן, טראַכט איך, אָבער ניין ס׳איז גאָר פון א פעטער אונדזערן, מיין טאַטנס עלטסטער ברודער וועלכער איז אַוועק קיין אמעריקע נאָך איידער מיינע עלטערן האָבן חתונה געהאַט.

מ׳פלעג דעם פעטער זעלטן דערמאָנען. ווען מ׳האָט אים יאָ דערמאָנט האָט מען ניט גערעדט, נאָר געסודעט זיך. א שאַפּקעלע א קליינטשיקס, א חנעוודיקעס וואָס ס׳האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט, און אַז מ׳האָט צעעפנט די טירלעך האָט זיך באַוויזן א שיינע שול מיט אַן אָרון קודש מיט שטענדערס און ישיבה בחורים. דאָס פּרוכת, א זיידענס, מיט העלע פאַרבן. יעדן יום־טוב האָט דער זיידע צעריקט דעם פּרוכת, און ס׳האָט זיך באַוויזן די וואונדער שיינע ספר תּורה, אַלץ אין מיניאַטור.

איך געדענק אַפילו ווי מיין טאַטע האָט מיך אויפגעהויבן איבער זיך איך זאָל גוט קענען זען די גאַנצע שול. כ׳האָב זיך זייער באַרימט פאַר מיינע חברטעס מיט דער זעלטענער שול. כ׳האָב געוווּסט אַז דאָס האָט דער פעטער נפתּלי געשיקט פון העט ווייט, פון אמעריקע.

פון צייט צו צייט פלעג קומען א יונג מיידל פון א יאָר 18–19 פון אושיצע, געהייסן האָט זי חייקע. זי איז דעם פעטער נפתּליס טאָכטער געווען.

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן האָב איך זיך דערוווּסט אַז דער פעטער האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי מיט א פּיצעלע קינד און איז אַנטלאָפן קיין אמעריקע.

דאָס קינד האָט זיך געבאַוועט ביי איר באָבען ווייל אויך איר מוטער איז אַוועק קיין אמעריקע, דאָרט חתונה געהאַט.

די חייקע איז קיין גרויסע בעל מזלניצע ניט געווען. ווען זי פלעג קומען האָב איך, נאָך גאָר א קליינע, שוין געפילט אַז מ׳האָט זי נישט גערן, אַז מע קוקט אַרויס אויף איר אַוועקפאָרן. ס׳האָט אַלץ געהאַט צו טאָן מיטן עסק ביש.

דאָס איז דער פעטער נפתּלי וואָס שרייבט אַז ער קען זיך ניט

דערוואַרטן מיך צו זעען, ער וועט קומען קיין מאָנטרעאַל אַזוי גיך ווי ער וועט זיך קענען באַפרייען פון זיינע געשעפטן.

איבערגעפילט מיט איינדרוקן מיט פריידיקע מיט ווייטיקדיקע האָב איך ניט געקענט איינשלאָפן.

געטראַכט און זיך דערטראַכט זיך, אַז מיין ברודערס קומען איז פאַר מיר אַ צווייפאַכיקע ברכה, איך וועל קענען אַרויס פון די טייערע שעבטערס אָן זיי ווייי צו טאָן.

איך דאַרף זיך נאָר זען מיט מאַניען, זי וועט מיר שוין העלפן מיט מיין פּלאַן. די שעבטערס שלאָפן שוין, איך אָבער רייד צו זיי ווי זיי וואָלטן געווען דאָ מיט מיר.

איר פאַרשטייט דאָך אַז איך דאַרף זיך איצט באַזאָרגן מיט אַ וווינונג ווו מיין ברודער זאָל קענען זיין מיט מיר. — אַוודאי פאַרשטייען מיר. איך בין זיך ממש מחיה מיט זייער ענטפער. ס'איז מיר גאָר ניט אָנגעקומען שווער. ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ קרעכצן פון דער זקנה (פרוי שעבטערס מוטער) אָבער אַזאַ קרעכצן אַז איך בין באַלד אַראָפּ פון בעט. זי האָט געדאַרפט אַראָפּגיין און ניט געקענט זיך אויפהייבן. די זקנה זי האָט מיך צוריקגעבראַכט צו דערווירקלעכקייט, ב'האָב איינגעזען, אַז איך בין טאַקע ניט געשלאָפן אָבער ב'בין סיי ווי ניט געווען וואַך. די שעבטערס ווייסן נאָך ניט וועגן מיינע פּלענער זיך אַרויסצוציען פון זיי וואָס גיכער. אָבער איצט מוז איך איינשלאָפן ס'איז שוין אַזוי שפּעט און איך בין זייער מיד.

# פאַר זיך, אַרויס פון די שעבטערס

קומענדיק אין ביבליאָטעק צו בעטן אַ בוך האָט מיר די פרוי מעלאַמוד געלאָזט וויסן אַז זי וועט איבערגעבן אָוועקפאָרן קיין ניו־יאָרק און איר אָרט וועט פאַרנעמען די אַרויסהעלפערין אירע.

ס׳איז מיר געוואָרן זייער קאַלעמוטנע אויפן האַרץ.

צו דער פרוי מעלאַמוד בין איך שוין געווען צוגעוווינט, זי האָט געוווּסט מיט וואָס זי קען מיר אַרויסהעלפן. פרוי מעלאַמוד האָט עס באַמערקט און מיר אויסגערעדט: „איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן. רחל אייזנבערג איז אַ פיינע, זי וועט אייך אַרויסהעלפן אין וואָס איר וועט זיך נויטיקן".

רחל איז באַלד אַריינגעקומען, און פרוי מעלאַמוד האָט אונדז באַקענט. געזען האָב איך זי שוין ביי דער אַרבעט נאָך פריער אָבער ס׳איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלן אַז דאָס חנעוודיק זשוואַווע מיידל וואָס לויט מיין חשבון מוז זי זיין אין מיינע יאָרן, זאָל קענען אויספּילן אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן.

דערלאַנגנדיק איר דאָס בוך האָב איך געבעטן אַ ווייטערדיקן באַנד פון שלום עליכם. זי האָט עס מיר דערלאַנגט מיט צופרידנקייט. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט און ווי מיר וואָלטן זיך שוין לאַנג האָבן געקענט, זיך פאַרלוירן און איצט זיך אָפּגעזוכט אויפסניי.

מאָניע איז אויף וואַקאַציע, איר שאַפּ איז פאַרמאַכט אין דער צייט אויף צוויי וואָכן, אַ צימער פאַר אונדז האָב איך שוין געדונגען, מיט אַ געלעגער אין אַנדער צימער.

די שעבטערס ווייסן שוין דערפון און זאָגן מיר, איך זאָל זיך ניט אָפּפרעמדן. חס ושלום, זאָג איך, מיר וועלן דאָך וווינען נאָענט צו אייך. שכנים.

ווי דערלאַנגען מיר אַ בריוו פֿון מײַן פֿעטער נפֿתּלין, אין וועלכן ער לאָזט מיט וויסן אַז ער קען זיך שוין ניט דערוואַרטן מיך צו זען. אַ קלייניקייט — זײַן ברודער מענדלס טאָכטער, "מענדל איז ראָך נאָך אַליין געווען אַ יונג יינגל בעת מײַן אָוועקפֿאָרן". אין די קומענדיקע צוויי וואָכן וועלן מיר מיט גאָטס הילף זיך שוין זען.

די אַרבעט אין דער הויפּט פֿאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט צווישן סעזאָנען. דערפֿאַר אָבער האָט דער צווייטער בעל־הבית מיך צוגענומען פֿאַר אַ גאַנצער וואָך. אין די אָוונטן בין איך פֿרײַ, קיין קורסן אין די זומערדיקע חדשים זײַנען נישטאָ. האָב איך אָנגענומען רחלס פֿאַרבעטן מיך, צו קומען אין ביבליאָטעק פֿאַר 10 אַזייגער. די ביבליאָטעק איז אָפֿן ביז 10 דערנאָך קלײַבן זיך צונויף עטלעכע חברים און חברטעס (די ביבליאָטעק איז האַרט בײַם פּאַרק, בײַם באַרג) מ'שפּאַצירט אָדער מ'לייגט זיך אויס אויפֿן גראָז, און מ'הערט וויכּוחים, מ'זינגט, מ'פֿלירטעוועט, ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט.

רחלע אײַזנבערג האָט מיך אַרײַנגענומען אין איר קרײַז און מיך באַהאַנדלט ווי אירס גלײַכן. כ'האָב זי ליב געקראָגן און זי זייער באַווּנדערט. אַ דריוונינקע, אַ מיניאַטורנע מיט אַ שטיל קול, האָט זי געווירקט אויף אַלע צו ריידן שטילער, ווי זי אַליין וואָלט געטראָגן אַ שילד אויף זיך אויף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות "דרך ארץ! דו ביסט אין דער ביבליאָטעק". און מענטשן האָבן זיך צוגעהערט מיט כּבֿוד און מיט אפֿשיי.

אַ שיינע גרופּע יונגע מענטשן האָבן זיך אָנגעקליבן אַרום רחלען. מערסטן פֿון די בחורים זײַנען געווען אײַנגעליבט אין איר. די מיידלעך האָבן זי באַווּנדערט. זי ליב געהאַט, און ניט אינגאַנצן פֿרײַ פֿון קנאה.

רחל האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך אַהיים. — "קום צוגיין, איטע, וועלן מיר פֿאַרברענגען אַ פּאָר שעה. וועסט ניט זײַן די איינציקע און ס'וועט דיר זיכער ניט באַנג טאָן".

איך האָב מיט פֿרייד אָנגענומען איר פֿאַרבעטונג.

אהיימקומענדיק האָט מ. שעכטער מיר אָקעגנגעטראָגן די ידיעה אַז מײַן ברודער אַרקע וועט שוין מיר־טשעם מאָרגן זײַן דאָ.

מיט אַזוי פֿיל געשעענישן איז מײַן האַרץ אָנגעפֿילט אַז ס׳שפּאַרט אַזש ביז ווייטיק.

צו דער אַרבעט בין איך שוין יענעם טאָג ניט געגאַנגען. זיך איבערגעצויגן אין דער נײַער וווינונג.

ברענגען מײַן ברודער וועל איך טאַקע צו די שעכטערס ווי צוגעזאָגט. אָבער דערנאָך וועלן מיר שוין זײַן בײַ זיך.

צו דעם וואָקזאַל איז מאַניע געפֿאָרן מיט מיר, באַגעגענען מײַן ברודער. זי איז ערשט נעכטן אָוונט אַהיימקומען פֿון איר וואַקאַציע אין די בערג אַן אויסגערוטע. האָט זיך באַלד גענומען צו מײַן קליידל און עס פֿאַרענדיקט ווי צוגעזאָגט.

שוין לאַנג האָבן מיר געוואַרט אויף דער באַן וואָס האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט. מאַניע האָט מיר איבערגעגעבן אירע אײַנדרוקן פֿון דער דאַטשע מיט אַלע פּרטים, זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט אַז איך הער קיין וואָרט ניט וואָס זי זאָגט.

איך זיץ אין שפּאַנונג און דערוואַרטונג.

ווען אַרקע האָט מיך דערזען אַרויסקומענדיק פֿון וואַגאָן האָט ער אַריבערגעשריגן דעם טומל: איטע אָט בין איך, שטיי ווי רו ביסט איך וויל באַלד צוקומען צו דיר.

מײַן האַרץ איז אַזוי צעוויגט, ס׳שפּרינגט ממש אַרויס פֿון מיר.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און געשטאַנען אַזוי אַ היפּשער ווײַל מיט פֿאַרטרערנטע אויגן.

ווען מײַן ברודער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן האָט ער אַ זאָג געטאָן: איטע, ביסט דאָך שוין אַ גרויסע! מיך נאָך אַמאָל אַרומגענומען און מיר האָבן זיך צעוויינט ניט געפּרוּווט אַפֿילו זיך אָפּצוהאַלטן. אויך מאַניע איז ניט אָפּגעשטאַנען פֿון לאָזן אַ טרער.

ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט האָב איך ערשט דערזען ווי אָפּגעצערט ווי אויסגעבלייכט מײַן ברודער זעט אויס.

ער האָט עס אויף מיר דערקענט און אַ זאָג געטאָן: ניט געזאָרגט.

אויף דער שיף האב איך געליטן פון ים־קראנקייט, מיט דער באן נסיעה איז אויך ניט געווען קיין גרינגע, רופט זיך עס אפ. אבער נאך אַ טאג צוויי זיך אפרוען און באַרויקן וועל איך קומען צו זיך.

באקענט אים מיט מאניען ווי מיין ערשטער הארץ־פריינד דא אין אמעריקע. זי האט געלאזט וויסן אז אויך זי דערוואַרט איר שוועסטער "אויך מיר האבן זיך שוין עטלעבע יאר ניט געזעען".

מיר האבן זיך אריינגעכאפט אין טראַמוויי. מאניע איז געפארן אהיים מיט מיר צו די שעכטערס.

די שעכטערס האבן ארקען באגעגנט מיט פריינדשאפט, אים פארגעשלאגן עפעס עסן, אבער חוץ א גלאז טיי האט ער גאר ניט געוואלט. מיר גייען שוין אין אונדזער נייער דירה.

איידער מיר זיינען ארויס פון שטוב האט מיין ברודער א זאג געטאן צו מ. שעכטערן, האלטנדיק זיין הוט וואס מר. שעכטער האט אים אויסגעשטריקט. "הער שעכטער, איר קענט זיך גאר ניט פארשטעלן וויפל אייער ערשטער בריוו האט דערפרייט אונדזער פאטער. ער האט אים נאך און נאך אמאל געלייענט, וואס איר האט געזאגט וועגן איטען האט ער איבערגעחזרט פאר אונדז א סך מאל, ער האט אייך געווונטשן דאס אייביקע לעבן".

— גאט צו דאנקען, זי געפינט זיך אין א בעל־הביתיש יידישער שטוב צווישן גוטע מענטשן, און זיי שרייבן אז זי איז א לייטיש קינד — ער האט געהאלטן אין איין איבערחזרן און ארויסגעקוקט צו הערן פון אייך נאך אמאל.

וואס כ'האב געשריבן איז אמת. כ'האב נאר ניט געשריבן אז זי איז אן עקשנעט.

מיר זיינען שוין ביי זיך, באקענט מיין ברודער מיט די בעל־הבתים. מר. און מרס. שיף. ארקע איז באלד אריין אין בעט און געשלאפן לאנגע שעהן.

איך האב געקוקט אויף אים ניט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן. וואס וועט ער טאן? קיין מלאכה האט ער ניט. איך בין שוין דעמאלט געווען א "באלעזענע", זיך אנגעלייענט מיט באַוושאַווערן, מיט

ראָזנפעלדן און געוווּסט אַז דער שאַפּ, די לאַנגע שעהן אין די פאַרשטיקטע שעפּער זײַנען דער הויפּט גורם פון דער פּראָלעטאַרישער קרענק, פון טובערקולאָז. כ׳האָב באַלד באַשלאָסן אַז אַרקע טאָר ניט גיין אין שאַפּ אַרײַן.

מר. אײבראַמסאָן מיט זײַן פרוי זײַנען די בעלי־בתּים פון אַ שפּײַז קראָם. ביידע אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט, 7 טעג אַ וואָך. זיי באַדינען די שכנישע פּאַר קוואַרטאַלן ניט נאָר מיט שפּײַז פּראָדוקטן נאָר אויך מיט ראָט און טאַט.

פון דער היים אַן אַקטיווער בונדיסט, אַ מענטש מיט אַ שאַרפן חוש פאַר יושר און גערעכטיקייט. האָבן די קונים זײַנע זיך געקלעפּט צו אים, געקומען נאָך אַן עצה, געקומען בעטן ער זאָל אָפּוואַרטן מיטן אײַנמאַנען דעם חוב פון דער וואָך. ס׳פלעג פאַרשריבן ווערן אין אַ ביכעלע בײַם קונה פאַר וויפל מ׳האָט אײַנגעקויפט. און אין טאָג פון "פּיידע" ווען דער מאַן האָט געקראָגן די שׂכירות, פלעגן זיי זיך צעצאָלן.

אַז ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער "סלעק" (די צײַט ווען די פאַבריקן אַרבעטן ניט, די צײַט פון די 7 מאָגערע יאָר) האָבן די בעל־הביתטעס ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן, זײַנען זיי געקומען צו מר. אײבראַמסאָן בעטן... מר אײבראַמסאָן איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג: ניט געזאָרגט, איך ווייס וואָס איר ווילט זאָגן, דער הימל איז ניט בײַ דער ערד. מיר זײַנען איבערגעקומען פריִערדיקע "סלעקס", וועלן מיר דעם "סלעק" אויך איבערקומען.

איך בין אַ נײַער קונה, אָבער מר. אַבראַמסאָן באַהאַנדלט מיך ווי ער וואָלט מיך שוין געקענט אַ לאַנגע צײַט.

"כ׳האָב געהערט אַז אײַער ברודער איז שוין געקומען. זײַער גוט". זײַן פרײַנדלעכער טאָן האָט בײַ מיר אַרויסגערופן צוטרוי און כ׳האָב זיך אין אים פאַרטרויט. וואָס ס׳קימערט מיך, איצטער אַמערסטן איז דאָס: וואָס איך וויל דורכאויס ניט, מײַן ברודער זאָל אַרײַן אין שאַפּ.

"ער איז אַ דעליקאַטער, אַן איידעלער. די פּראָלעטאַרישע קרענק,

ווי איך פֿאַרשטיי, זוכט אַפּ דווקא אַט אַזעלכע יונגע מענטשן און ברענגט זיי אום — זאָגט מר. אַבראַמסאָן. — וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל, מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט וועגן דעם צווישן זיך אַז מיר קענען לאַנג אַזוי ניט אָנגיין, מיר מוזן צונעמען עמעצן אַרויס צוהעלפֿן אין דער אַרבעט".

ס'זײַנען אַרײַנגעקומען אַ פּאָר קונים האָט מר. אַבראַמסאָן אַ זאָג געטאָן: קומט אַרײַן מיט אײַער ברודער אין אָוונט אין צײַט פֿון אָוונטברויט. דעמאָלט איז שטיל, וועלן מיר זיך דורכרייידן.

איך בין אַרויס פֿון קלייט אַ צופֿרידענע.

# אַרקע איז שוין דאָ

ווי שיפס זײַנען אויך געווען וועלט־מענטשן, פשוטע, ליבע מענטשן. געלעבט מיט דרך ארץ, מיט ליבשאַפט איינער פאַרן אַנדערן. געהאַט האָבן זיי צוויי יינגלעך אַ 12־יאָריקן און אַ 6־יאָריקן.

כ׳האָב ניט געוווּסט די סיבה נאָר כ׳האָב געפילט אַז עפּעס איז געשען מיט דער משפחה. איבער דער שטוב מיטן גאַנצן הויזגעזינד האָט געהויערט אַ שווערער אומעט. כ׳האָב זיך דערוווּסט אַז זיי האָבן געהאַט דרײַ יינגלעך; דער מיטלסטער איז דערהרגעט געוואָרן פון אַן אויטאָ, אַריבערגייענדיק דעם שליאַך צום פּאַרק. דאָס איז געשען מיט 2 חדשים פאַר מײַן אַרײַנציִען זיך צו זיי אין שטוב. די שטימונג פון די שיפס האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף מיר. מר. שיף האָט געהאַט אַ ״שאַפּקע״ פון מאַנטלען פאַר יונגע מיידלעך, פלעגט ער אַוועקגיין גאַנץ פרי, זיך צוכאַפּן אויף מיטיק און באַלד אַוועק ביז שפּעט אין אָוונט. די קינדער זײַנען געגאַנגען אין שול נאָר די פרוי שיף איז געבליבן אַליין מיט איר ווייטיק. אין אָוונט פלעגן מיר זי טרעפן אַ פאַרוויינטע. באַקלאָגט האָט זי זיך ניט קיינמאָל, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי אַ קלאָג־ווערבע.

מײַן ברודער קען זיך גאָר ניט אויסשלאָפן, שלאָפט לאַנגע שעהן. איך זיץ אויפן ראַנד פון זײַן בעט און וויל הערן פון אים באַריכות וועגן דער היים, וועגן יעדן איינעם פון זיי נאָך וועלכע ס׳בענקט זיך מיר שוין יאָרן. ער קען אָבער נישט האַלטן זײַנע אויגן אָפן.

הײַנט, דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז געקומען איז ער אויפגעשטאַנען, אויסגעזען בעסער.

איצט ארקע, לאמיר אפעסן און ארויסגיין אין פארק וועסטו מיר דערציילן וועגן אלץ און אלעמען. כ׳האב דאך נאך ניט אפגענומען קיין גרוס פון קיינעם פון זיי.

יא, זאגט ארקע, איך בין ניט געווען אין קיין מצב צו ריידן, כ׳האב זיך געגייטיקט אין רו און שלאף.

פאר דער נסיעה — די זארג, די שפאנונג. אויף דער שיף האב איך ניט געגעסן און ניט געשלאפן. כ׳האב זייער געליטן פון ים־קראנקהייט. אראפקומענדיק פון דער באן בין איך געווען ממש אויף אן עולם התועה.

וואס ס׳הערט זיך אין דער היים ווילסטו וויסן? אוודאי איז גרינגער ווי ווען דו ביסט געווען אין דער היים. ס׳קומט אן פון דיר דאס געלט פארטרייבט עס דעם הונגער אויף א שטיקל צייט, די מומע חיה איז ביי זיך שטארקער און גייט צום קצב נאך פלייש נאך איידער דאס געלט פון דיר קומט אן. מאנדל קצב גיט איצט אויף בארג, ער ווייסט אז היינט־מארגן וועט פון דיר אנקומען וועט מען אים גוט מאכן דעם חוב.

אלע זיינען צופרידן חוץ דעם טאטן. דער טאג ווען ס׳קומט אן דאס געלט פון דיר זיצט ער ווי זיין טבע איז אן שוויגנדיקער אן אומעטיקער און שאקלט מיטן פוס, אז די באבע זאגט אים: אנשטאט זאלסט זיין צופרידן, מיט איטעס אוועקפארן איז דאך פארט געווארן גרינגער. אן איר הילף, וואלט איר, דער עיקר די קינדער... איך וויל עס פארן מ׳וויל ניט ברענגען וואס ס׳וואלט חלילה געקענט זיין.

נו, נעמען מיר דאך אן איר הילף. אבער צופרידן?

ווי קען איך זיין צופרידן, שווייגער, אז אנשטאט זי אויסצוהאלטן, זי שיקן לערנען, האלטן אן אויג ווי דער דרך איז, אויף איר, איז זי פארשיקט געווארן איינע אליין אין דער פרעמד, עלנט, ארבעט עבודת פרך אויסצוהאלטן דעם טאטן מיט זיין הויזגעזינט. נו, זאגט אליין. איך זאל זיין צופרידן מיט דעם וואס כ׳האב אנגעטאן אן עול אויף אירע יונגע אקסלען און זי שלעפט דעם וואגן פאר אונדז אלע?

א טרייסט א גרויסע, איז געווען פארן טאטן דער בריוו וואס ער האט געקראגן פון מ. שעכטער. ער האט דעם בריוו ניט ארויסגעלאזט פון זיינע הענט. געלייענט נאך אמאל און נאך אמאל — איר הערט שוויגער, זי איז זייער א לייטיש קינד, שרייבט ער, א קינד מיט אלע מעלות. — איר דארפט וויסן אז מ׳ שעכטער איז א גבאי פון א שול. נו דארפסטו דאך זיין צופרידן, זאגט די באבע.

איך דאנק טאקע גאט פאר דעם חסד. און ווי איך וויל זי זען כאטש איינמאל א קוק טאן אויף איר, אויף מיין "לייטישער טאכטער" און האט זיך צעוויינט.

דערציייל זשע מיר ווי אזוי האסטו געקענט קומען איינס און צוויי. כ׳האב דאך דיר אפילו ניט געשיקט קיין "אפידייוויט", דעם דאקומענט וואס יעדער עמיגראנט מוז האבן.

דאס איז א צופאל, און אונדזער פעטער מאטלס חכמה און מי.

לאמיך אנהייבן פון אנהייב: נפתלי, לאהקע און זיאמע, נאכדעם ווי זייערע עלטערן זיינען געשטארבן, זיינען אריבער צו זייער שוועסטער מינדל און צו אונדזער פעטער מאטל. נאך א שטיקל צייט האט חיים, שוין א דערוואקסענער, דער עלטערער ברודער. חתונה געהאט מיט עטיע אברהם רודיעס, און געוואלט פארן קיין פאלסטינע, האט מען אבער אהין ניט אריינגעלאזט, זיינען זיי אוועקגעפארן קיין קאנאדע.

ס׳האט ניט גענומען, לאנג האבן חיים און עטיע ארויסגעשיקט די נייטיקע פאפירן נפתלין. ער האט זיך אבער איינגעליבט אין א מיידל און האט ניט געוואלט אוועקפארן אן איר.

אונדזער פעטער מאטל האט באלד געלאזט וויסן דעם טאטן אונדזערן וואס פאר א גאלדענע געלעגנהייט ס׳איז פאר מיר. ווי אזוי דער טאטע האט געפילט פארשפאר איך דיר צו זאגן. נאר ס׳האט אבער אים געפרייט וואס דו וועסט מער ניט זיין אליין.

און וואס מכוח הרצאות? און דעם קאנטראבאנשטשיק אפצאלן?

זארג זיך ניט מענדל, זאגט אונדזער ליבער פעטער מאטל. אלץ איז שוין באווארנט, דיין זון מיט פון היינט אן הייסן ניט ארקע

פאסמאן, נאר נפתלי לערנער. אויך וועגן דעם דארפסטו זיך ניט זארגן, ווייל נאך א פאר יאר ווען ער איז שוין בארעכטיקט צו ווערן א קאנאדער בירגער האט ער אויך א רעכט צו בייטן זיין נאמען. וועט ער ווערן אויפסניי ארקע פאסמאן, אנשטאט נפתלי לערנער.

מיין ברודער האט דערציילט און איך האב געהערט און געוויינט. אויך ער האט זיך געווישט די אויגן.

מיר וועלן זיך דא אפשטעלן און צוריקגיין אין שטוב. מיר דארפן נאך היינט אפשטעקן א וויכטיקן וויזיט. דארפסט זיך באקענען מיט די שעכטערס. און איך האב דערצבערט זייער טייערע פריינד מיט וועלכע מיר וועלן זיך באגעגענען.

אריינקומנדיק אין שטוב האט אונדז פרוי שיף באגעגנט א פריינטלעכע און אונדז פארבעטן צו עסן מיט זיי אוונטברויט.

אבער נאכן עסן מוזן מיר גיין צו די אבראמסאנס, האב איך איר געלאזט וויסן. נו וועט איר גיין געזונטערהייט.

די אבראמסאנס וווינען אקעגן אונדז, אריבער דעם וועג.

באלד נאכן אריינקומען, זיך באקענט מיט מיין ברודער, מיר זיצן שוין ארום טיש און פרוי אבראמסאן דערלאנגט כיבוד. איז מר. אבראמסאן ארויס מיט לשון.

אייער שוועסטער, ווענדט ער זיך צו ארקען, האט מיר געזאגט אז זי וואלט זייער ניט געוואלט אז איר זאלט גיין אין שאפ ארבעטן. זי וואלט געוואלט עפעס אן ארבעט ווי איר זאלט זיין אויף דער פרישער לופט ניט אין די פארשטיקטע שעפער.

מיר, מיין פרוי און איך ארבעטן זייער לאנגע שעהן, לאנג קענען מיר אזוי ניט אנגיין, האבן מיר באשלאסן צוצונעמען א יונגן מענטשן וואס זאל אונדז ארויסהעלפן אין קלייט, פארן אויפן מארק אייינקויפן גרינסן, און אויפמאנען די חובות פון די קונים. קענענדיק אייער שוועסטער האבן מיר באשלאסן אז איר ארקע וואלט געווען דער פאסיקער מענטש. טראכט זיך דורך און לאזט אונדז וויסן. צאלן

קיין גרויסע שכירות קענען מיר ניט. מיר וועלן אײַך צאָלן 5 ראָלאַר אַ וואָך מיט עסן און שלאָפן.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך אײַנפאַרשטאַנען אַז ס׳איז אַ גאַנץ גוטער שידוך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מײַן ברודער געוואָרן דער אַרויסהעלפער פון די אײַבראַמסאַנס.

# בײַ די שעכטערס

די שעכטערס האָבן אויפגענומען מײַן ברודער ווי אַן אייגענעם, אים געבעטן קומען צו זיי אויפמאָרגן. "איטשע וועט זײַן בײַ דער אַרבעט וואָס דאַרפסטו זײַן אַליין צווישן פרעמדע מענטשן, קום צו וועלן מיר זיך נעענטער באַקענען. אפשר אָנשרײַבן אַ בריוו צו אײַער פאָטער".

נאָך אַ קורצן שטילשווײַגן האָט אַרקע זיך אָנגערופן:

"מײַן שוועסטער באַשטייט אויף דעם אַז איך זאָל זיך אָפּרוען עטלעכע טעג איידער איך הייב אָן אַרבעטן, איך פיל אַז איך בין שוין אָפּגערוט און בין שוין גרייט צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט. מאָרגן האָב איך בדעה געהאַט אַזוי גיך ווי איטשע גייט אַוועק צו איר אַרבעט אַרײַנגיין צו די אַבראַמסאָנס אין קלייט, טאַקע נאָך ניט אָנהייבן אַרבעטן, נאָר זיך צוקוקן, זיך באַקענען, וועל איך וויסן וואָס מ'דערוואַרט פון מיר".

ס'איז מיר גאָר קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלן אַז אַרקע זאָל ווערן אַ געשעפטסמאַן. די שעכטערס אָבער האָבן אַ ווײַטן קוק. און אויף מיר הענגען זיי אָן אַלע מעלות פון דער וועלט, איז פאַר וואָס נישט די מעלה אויך?

איך זיץ אויף שפּילקעס. ס'ווילט זיך מיר אַזוי זײַן מיט אַרקען אַליין, און אָפּנעמען די גרוסן פון יעדן איינעם באַזונדער, גרוסן מיט אַלע פּרטים. אָבער ס'גיט זיך מיר ניט אײַן. די ערשטע פּאָר טעג איז אַרקע ניט געווען בכּוח צו ריידן אפילו.

און איצט צאָלן מיר חובות...

ב'האָב ראַפּטאָם אַ הויב געטאָן זיך און געלאָזט וויסן אַז מיר מוזן אַהיים גיין. איך מוז אײַנאָרדענען אונדזער חדר און ברענגען

אין ארדנונג ארקעס "באגאזש". זײַן רענצל איז נאָך אַפילו ניט צעפּאַקעוועט.

מיר זײַנען שוין בײַ דער טיר. שרײַט פרוי שעכטער: פאַרגעסן דיר זאָגן איטע אַז ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו צו דיר. — דער בריוו איז פון פעטער נפתלי. איך נעם לייענען מ'לאָזט וויסן אַז אין צוויי טעג אַרום וועט ער שוין זײַן דאָ.

— איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן — שרײַבט ער.

צוגעזאָגט די שעכטערס אים ברענגען צו זיי, און זיך באַלד געכאַפּט, ער וועט דאָך קומען צו אײַך דירעקט — ער האָט דאָך ניט קיין אַנדער אַדרעס.

דער בריוו האָט מיך צעטומלט. ס'קומט אַ מענטש וועלכן כ'האָב קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געזען. געהערט וועגן אים, אָבער גערעדט האָט מען שטילער ווי געוויינלעך ווען מ'האָט זײַן נאָמען דערמאָנט.

קומט ער דווקא איצט ווען איך בין איבערגעלאָדן מיט התחייבותן, ער ווייסט דאָך אַפילו ניט אַז אַרקע איז דאָ.

מיר גייען אויך איצט צום באַרג אויף אַ באַנק און איך הייב אָן פּאַמפּען מײַן ברודער, און ער קומט אָקעגן מיט וואָס ער געדענקט.

איך מאָן אָבער מער און מער, זאָגט מיר מײַן ברודער מיט אַ ביסל פאַרוואָרף אין קול. — דו מאָנסט בײַ מיר 4 יאָר איבער־לעבענישן, ניט נאָר מײַנע, נאָר דעם טאַטנס, די קינדערס, דער באָבעס, יעדן איינעם פון זיי — ווי קען איך עס באַווײַזן? מיינסט אַז איך וויל ניט וויסן וועגן דיר אויך? די 4 יאָר דײַנע אין דער פרעמד אַליין. נאָר איך וואַרט ווען מיר וועלן זיך אויסשמועסן, זיך באַרויקן וועלן מיר ריידן באריכות וועגן יעדן איינעם. דערווײַל וויל איך דיר איבערגעבן אויבנאויפיק וועגן וועמען דו וועסט פרעגן.

דער טאַטע, דערציילט מיר וועגן טאַטן.

דער טאַטע איז אין די 4 יאָר נאָך דײַן אַוועקפאָרן זייער פאַרעלטערט געוואָרן. ער האָט זיך געריכט פאַרוואָס ער האָט דיך אַוועקגעלאָזט — "כ'האָב ניט געדאַרפט זיך צוהערן צו קיינעם".

וואס פאר א פאטער לאזט עס א קינד זיך וואלגערן אין דער פרעמד איינע אליין? א מיידל נאך דערצו.

אזוי האט ער גערעדט צו זיך אליין.

דער בריוו פון מר. שעכטער האט אים אויפגעלייגט. ער האט גערעדט, זיך געוויצלט מיט די קינדער. ביי יעדער געלעגנהייט האט ער ארויסגעצויגן דעם בריוו פון זיין בוזעם־קעשענע און אויפסניי אים איבערגעלייענט. אין איין צייט האט ער זיך אזוי געפייניקט אז איך בין שוין געווען גרייט בעטן ביים פעטער מאטלען ער זאל אונדז העלפן מיט דער הוצאות מיך אריבערצושטעלן דעם עסטער כדי איך זאל פארן דיך אויפזוכן און אהיימברענגען.

ווען די באבע האט דאס דערהערט, איז זי געקומען צו לויפן מיט טענות: צו וואס ווילסטו זי אהיימברענגען? דו ווייסט דאך אפילו ניט ווו זי איז? די ערגסטע צייט, מענדל, איז זי שוין איבערגעקומען.

זי איז דאך שוין איצטער באלד 16 יאר אלט, זי קען זיך שוין אן עצה געבן. דו וועסט נאך האבן גוטע בשורות פון איר, מענדל. מיר וועלן נאך מירטשעם האבן נחת אין איר.

ער האט זיך אביסל באקוויקט, און נאך אמאל ארויסגעקוקט אויף א ידיעה פון דיר. דאס ערשטע בריוול פון דיר וואס האט זיך דורכגעריסן, איז געווען פון בוקארעשט, אז דו האלסט זיך נאענט מיט אברהם רייזנערס צוויי מיידלעך. אז דו ארבעסט אין א פאבריק פון פאפירענע שאכטלעך — און פארדיהס ניט קיין סך, אבער גענוג אויף דיין אויסקומעניש.

— דער טאטע האט דאס בריוול צוגעטוליעט צום הארצן און א זאג געטאן:

— איך דאנק דיר רבונו של עולם פאר האלטן אן אויג אויף מיין קינד, פאר פירן זי אויפן גלייכן וועג.

נו ווייטער, איז וואס אמאל געווארן גרינגער. ס׳האט אנגעהויבן קומען פון דיר בריוו מיט געלט. די קינדער האבן אויפגעלעבט. דער הונגער איז פארטריבן געווארן.

נאר אלע מאל וואס ס'איז פון דיר אנגעקומען געלט איז דעם טאטנס פנים פארכמארעט געווארן. געזאגט ווי צו זיך אליין:

— אנשטאט איך זאל זי אויפהאלטן, איז זי גאר מפרנס דעם טאטן מיט דער משפחה.

דערפרייט האט אים אויף אן אמתן מ. שעכטערס פאר ווערטער. זיי דינען געווארן א טרייסט פאר אים, א היילונג פאר זיין צעבראכן הארץ. צי האט ער זיך פארעלטערט? יא. ער האט זיך זייער פארעלטערט. ער איז געווארן גרוי, די בארד ביי אים איז שוין האלב גרוי. דער עיקר די אויגן זיינע. געדענקסט די אפענע גרויסע שיינענדיקע ברוינע אויגן, איצט דינען זיי פארכמארעט, קלענער געווארן און אומעטיק.

ווי אלט דער טאטע איז?

דעם אמת געזאגט, ווייס איך אליין ניט. אבער מיר קענען גרינג אויסרעכענען. דער טאטע איז געווען עלטער פון דער מאמען מיט 6 יאר. די מאמע איז געשטארבן איז זי אלט געווען 26 און א האלב יאר. געשטארבן איז זי אין יאר 1913. איז דער טאטע אלט געווען 32 יאר, איצט 12 יאר נאך דער מאמעס טויט, איז ער שוין ארום 45 יאר אלט.

טאקע ניט קיין יונגער מענטש, אבער זעט אויס נאך עלטער. נו, גענוג וועגן טאטען דערווייל.

מיך גייט זייער אן, זאג איך וואס דו טראגסט א פרעמדן נאמען. אין די אויגן פון געזעץ דינען מיר ניט קיין שוועסטער און ברודער נאר אינגאנצן פרעמדע מענטשן.

מיר וועלן וועגן דעם מיט קיינעם ניט ריידן. ווען די צייט וועט קומען פאר מיר צו ווערן א קאנאדער בירגער וועל איך צוריק קריגן מיין נאמען.

אויף מארגן אהיימקומנדיק פון דער ארבעט האט מיין ברודער מיר אנגעזאגט די נייעס, אז ער האט ווי געפלאנעוועט זיך צוגעקוקט וואס אים וועט אויסקומען צו טאן, און שוין אפילו באוויזן ארויסצוהעלפן מיט באדינען א פאר קונים.

באשלאָסן, זאָגט אַרקע, האָט ער אָנצוהייבן אַרבעטן באַלד מאָרגן. וואָס איז די אייַלעניש? איך בין אומגעדולדיק זאָגט ער. אויך לאָמיר זיך נישט נאַרן, ס'וועט אונדז צונויף קומען די שכירות פון דער וואָך.

מיר דאַרפן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פאַרטיילן אונדזערע פאַרדינסטן. אַהיים מוזן מיר שיקן ווי עס געטאָן ביז איצט, בלייַבט אונדז צו באַצאָלן דעם חוב פון 15 דאָלאַר וואָס דו האָסט געבאָרגט פאַר מיר און דאָס אָנהייבן אויסצאָלן די שיפסקאַרטע צו חיים און עטיע לערנער. אונדזער פאַרדינסטן ברענגען אַריין צו דער וואָך דייַנע 7 און מייַנע 6 דאָלאַר.

לאָמיר אויפרעכענען ווי אַזוי מיר זאָלן עס פאַרטיילן.

ראשית אויסצאָלן דעם חוב פון די 15 דאָלאַר וואָס דו האָסט געבאָרגט. לאָמיר רעכענען 2 דאָלאַר. איך צאָל נאָך 2 דאָלאַר אַ וואָך צו די גמילת חסדים פאַרן שיקן אַהיים. מיר דאַרפן אָנהייבן ציילן באַטש 3 דאָלאַר פאַר דער שיפסקאַרטע.

בלייַבט אונדז נאָך אַלץ 6 דאָלאַר. פון דעם גייט אַראָפּ 2 דאָלאַר אַ וואָך. 8 דאָלאַר פאַר דירה געלט. בלייַבט נאָך אַלץ 4 דאָלאַר פאַר דיר, אויפן עסן זאָגט מייַן ברודער, און נאָך קלייניקייטן ווי פּאַפּיר, מאַרקעס צו שרייַבן אַהיים.

וואָס קען זיין בעסער! רופט אויס מייַן ברודער מיט פרייד. און ס'גייט ערשט דערצו, מיר וועלן מיט דער צייַט פאַרדינען מער, און האָבן אויסגעצאָלט די חובות וועט אונדז זיין גוט ווי די וועלט.

דערווייַל דאַרפסטו גיין שלאָפן ווייַל דייַן טאָג שטעלט זיך זייער פרי.

ס'איז מיר אַזוי גוט מיט מייַן ברודער אינאיינעם צו פּלאַנעווען, ס'איז מיר זייער גוט האָבן מייַן ליבן ברודער מיט מיר... ס'איז מיר גוט, זייער גוט.

בעסער קען ניט זיין.

# דאָס באַגעגענען דעם פּעטער

מײַן ברודער אַרבעט שווין. די אַבראַמסאָנס זײַנען ניט נאָר צופֿרידן מיט זײַן אַרבעט, נאָר האָבן אים ליב באַקומען ווי אַן אייגן קינד, זייערע צוויי קינדער טרעטן נישט אָפּ פֿון אים. אויך די קונים לעקן די פֿינגער פֿון אים. מיט איין וואָרט ער איז צופֿרידן מיט זײַן אַרבעט און מיט זײַן סביבה. איין חסרון, ער אַרבעט לאַנגע שעהן, און האָט ניט קיין פֿרײַע שעה פֿאַר זיך. ער באַקלאָגט זיך ניט נאָר ווען ער קומט אַהיים אַן אויסגעשעפּטער און ווערט באַלד אַנטשלאָפֿן אַזוי גיך ווי ער לייגט זיך אַוועק. בלײַב איך זיצן אויפֿן ראַנד פֿון זײַן בעט און קוק אויפֿן גרויסן ברודער מײַנעם. ער זעט מיר גאָר אויס ווי אַ קינד. ס'נעמט מיך אַרום אַ געפֿיל פֿון רחמנות צו אים, איך וויל אַזוי אים העלפֿן, מאַכן אים גרינגער און ווייס ניט ווי אַזוי.

אַט ערשט ניט לאַנג האָט ער געזאָרגט פֿאַר יעדן פֿון אונדז, זיך ניט נאָר געטיילט מיט אונדז מיט זײַן ביסן, נאָר אים אונדז אײַנגאַנצן אַוועקגעגעבן. ער איז אַזוי שיין, איך וואָלט אויך געוואָלט זײַן אַזוי שיין ווי ער.

— וווּ איז די מאַמע איצט? טויבט אויף מײַן שאלה, אין דער וואָך פֿון דער שבעה.

— אין גן עדן — ענטפֿערט מײַן גרויסער אַלצוויסנדיקער ברודער.

— פֿאַר וואָס קומט זי ניט אַהיים צו אונדז?

— ס'איז זייער ווײַט — ענטפֿערט מײַן ברודער.

— וועט זי צו אונדז מער נישט קומען?

— פרעג מיך ניט אזוי פיל שאלות, איך ווייס אויך ניט.

ס׳איז מיר געוואָרן זייער ניט גוט. מיין גרויסער ברודער ווייסט אויך ניט.

ערשט אויף מיין געלעגער האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אַ ביטער געוויין, כ׳האָב זיך איינגעגראָבן אין קישן און דורכגעווייקט עס מיט טרערן.

5 אַזייגער פאַרטאָג פאָרט מיין ברודער אין "גרויסן מאַרק" איינקויפן גרינסן און פּרובטן אויף אַ פּאָר טעג.

אונדזער פעטער קומט אָן מאָרגן. געזאָלט האָט ער פאָרפאָרן צו די שעכטערס. נאָר צוליב דעם וואָס מאָרגן איז שבת, וויל איך פאָרן אים באַגעגענען, אים ברענגען צו אונדז און ערשט אין אָוונט גיין מיט אים צו די שעכטערס.

ס׳פרייט מיך נישט מיין פעטערס קומען איצטער. אַזוי פיל דרוק פון אַלע זייטן, אַזוי פיל שפּאַנונג. מיט איין וואָך שפּעטער ווען ער זאָל קומען וואָלט אוודאי געווען בעסער.

כ׳האָב געלאָזט וויסן אַז איך קום ניט מאָרגן צו דער אַרבעט. ס׳איז מיר אוודאי אַ שאָד די 5 שעה, אָבער איך דאַרף זיין אויפן וואָקזאַל 10 אַזייגער אינדערפרי.

דער וואָקזאַל רופט ביי מיר אַרויס אַ ביטערע דערמאָנונג: דאָס פאַריאָריקער שטיין אַ דערשראָקענע איינע אַליין און ניט וויסן צו וועמען זיך צו ווענדן. איך בין אין אַ סך אַ בעסערן מצב איצט, טראַכט איך; איך בין מער ניט אַליין, כ׳האָב מיין ברודער. איך אַרבעט, פאַרדין און האַלט זיך גרויס און העלף אַרויס אונדזערע אייגענע. ס׳וועט אונדז פון איצט אָן און ווייטער ווערן נאָך גרינגער. מיט מיין ברודערס קומען, מיט אונדזערע בשותפותדיקע פאַרדינסטן וועלן מיר זיי קענען העלפן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס.

וואָס נאָך קען איך מיר ווינטשן? איך ווייס שוין אויך ווו אַ טיר עפנט זיך. אַט בין איך געגאַנגען בעטן אויפן ריכטיקן אָרט, אַז אַזוי גיך ווי די פּאַסאַזשירן פון ניו יאָרקער באַן הייבן אָן אַרויסקומען

וויל איך זיך לאזן הערן דורך די הויכרעדנערס אז: "איטע פאסמאן ווארט ביי דער אינפארמאציע ביורא אויף איר פעטער נפתלי פאסמאן".

ס'איז מיר טאקע ניט גרינג אנגעקומען. כ'האב עטלעכע מאל איבערגעחזרט די פאר ווערטער, אבער כ'האב עס באוויזן. איך בין געוואלדיק צופרידן מיט זיך. ווען איך האב דערהערט מיינע ווערטער אפהילכן איבערן גאנצן וואקזאל האבן זיך מיינע אקציעס א הייב געטאן אין מיינע אייגענע אויגן. כ'האב זיך דערפילט, העכער, שענער און קלוגער...

און אט איז צוגעקומען צו מיר אן עלעגאנט געקליידעטער שיינער מאן און זאגט מיר אין ענגליש: "אר יו איטע פאסמאן? איי עם יור אנקל נפתלי. — כאפט מיך ארום און האלט מיך נאענט צו זיך און צעוויינט זיך. ער וויל עפעס זאגן אבער די טרערן שטיקן אים קען ער נישט ריידן. ער גלעט מיין פנים און וויינט.

פארשטייט זיך אז איך בין אויך ניט אפגעשטאנען... איך ווייס ניט ווי אזוי עס צו דערקלערן. כ'האב זיך פארגעשטעלט א גאנץ אנדערן מענטשן.

נו ווילן מיר איצט פארן צו די שעבטערס. ניין, דערקלער איך אים די שעבטערס זיינען פרומע מענטשן, דארפן מיר ווארטן ביז נאך הבדלה. פארן וועלן מיר צו מיר אהיים. איך ווין מער נישט ביי די שעבטערס, נאר ס'איז זייער נאענט צו זיי. איר, פעטער, האט געשריבן — אז איר ווילט קומען זען מיין ברודער מענדלס טעכטערל — איך קען זיך שוין ניט דערווארטן דיך צו זען. ווען איך בין אוועקגעפארן איז דיין טאטע נאך געווען גאר א יונג יינגל.

פעטער, האב איך אים געלאזט וויסן. — געקומען דינט איר זען מיך אליין, אבער אויך מיין עלטערער ברודער איז שוין דא מיט מיר. ער האט ניט געקענט זיך באפרייען פון דער ארבעט. שבת איז א שווערער טאג. וועט ער ערשט קומען אין אוונט.

דער פעטער האט פארגעשלאגן מיר זאלן אריינגיין אין א קאפע וועלן מיר עפעס עסן, ארער נאשן און קענען זיצן און שמועסן.

מיר האָבן אַזוי געטאָן.

ער האָט געהאַלטן אין איין פֿרעגן אַלע מאָל אויף עמעצן אַנדערש. פֿאַרשטייט זיך אויפֿן עלטערן דור.

ווען דעם פּעטערס רייד מיט זײַן וואָרעמער שטימע זײַנען מיר געוואָרן היימיש, כ׳האָב זיך דעפֿילט פֿרײַ מיט אים, האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן:

ווי קומט עס פּעטער וואָס איר האָט זיך אַזוי דערווײַטערט פֿון דער משפּחה, דער עיקר פֿון דער באָבען מיטן זיידן?

יאָ, זאָגט דער פּעטער מיט אַ זיפֿץ, ס׳איז אַ גוטע פֿראַגע אָבער זי לאָזט זיך ניט אַזוי גרינג פֿאַרענטפֿערן על רגל אחת. אָבער איך וועל זיך סטאַרען.

איך בין פֿון דער נאַטור אַ רעדל, איך קען ניט גיין אויף קיין פֿאַרויס אָנגעצייכנטע וועגן. זײַענדיק דער בכור האָט מען פֿון מיר דערוואַרט איך זאָל ציען דעם משפּחה־פֿאָדעם. מיך האָט אָבער געצויגן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן. זיי האָבן געוואָלט איך זאָל לערנען, אויך דאָס האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. מיט איין וואָרט איך בין פֿאַר זיי געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. דער לעצטער פּרווו זייערער איז געווען מיך חתונה צו מאַכן, וועל איך מוזן אָננעמען די אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן וואָס אַ חתונה געהאַטער ייִנגערמאַן טראָגט אויף זיך.

נו, אויך דאָס איז געווען אַ גרויסער דורכפֿאַל. די יונגע פֿרוי איז מיר געבליבן אינגאַנצן פֿרעמד, כ׳האָב זיך דערפֿילט ווי אין אַ שטײַג און באַשלאָסן אַז איך וועל אַנטלויפֿן אין דער וועלט אַרײַן. וואָס ווײַטער אַלץ בעסער.

אַמעריקע, אַהין דאַרף איך לויפֿן. כ׳האָב זיי צוגעטיילט אַלע עגמת־נפֿשן אין דער וועלט. ועל כּולם האָב איך צוגענומען דאָס געלט פֿון די חתונה מתּנות, דאָס ביסל געלט וואָס דער זיידע מיט דער באָבע האָבן אונדז געגעבן זיך אײַנצואָרדענען און געמאַכט אַ ויברח.

געלט האָב איך טאַקע גענומען נאָר פֿאַר דער שיפֿסקאַרטע,

מיט דער כוונה צוריקשיקן אזוי גיך ווי איך וועל קענען, און טאקע אזוי געטאָן נאָך מיט פראַצענט. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן.

דער שטאַלצער יאָסל פאַסמאַן האָט ניט געקענט אַראָפּשלינגען די חרפּה. ער האָט מיר קיינמאָל ניט געענטפערט אויף מיינע בריוו. מיט דער צייט האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ מיידל וועלכע כ׳האָב זייער ליב געהאַט, מיר האָבן געהאַט אַ מיידעלע, בויטעלע.

יאָ דאָס געדענק איך גוט. זאָג איך, ווי זיינען געווען ביי אונדז. בויטעלע אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוויי אַנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק. איך בין זי זייער מקנא געווען מיט אירע ווייסע שטיוועלעך און מיטן פרעמד קלינגנדיקן נאָעמן בויטעלע. ניט פּראָסט איטע. מיין פעטער האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, און אַ זאָג געטאָן: איטעלע קיין שענערע פלימעניצע ווי דו ביסט קען זיך קיין פעטער ניט ווינטשן.

נו און חייקע פרעג איך, וואָס מיר קינדער האָבן גערופן חייקע דעם פאַטער נפתליס. מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם איטעלע, איצט בין איך שוין מיד וועל איך צופאָרן צו אַ האָטעל זיך אַרומוואַשן און זיך אָפּרוען.

וויסן זאָלסטו אַז איך האָב געשיקט מיין פרוי שרה מיט אונדזער טעכטערל מיט דער כוונה ווייבער צו מאַכן דעם זיידנס האַרץ. ס׳האָט טאַקע געווירקט.

און וועגן חייקען וועלן מיר נאָך ריידן. ביסט נאָך צו יונג דאָס צו פאַרשטיין אַז קעגן דעם וואָס מ׳פילט זיך שולדיק, פון דעם אַנטלויפט מען.

מיר האָט זיך איינגעגעבן איבערצורעדן מיין פעטער ער זאָל קומען צו מיר און טאַקע בלייבן נעכטיקן. ס׳איז דאָך נאָר איין נאַכט. מאַנטיק מוז ער צוריקפאָרן צו זיינע געשעפטן, איר וועט זיך אָפּרוען זיך באַקענען מיט אַרקען און אין אָוונט וועלן מיר זיין ביי די שעכטערס.

# דער פעטער עפנט זיין הארץ פאר מיר

ווען ער האט זיך ארומגענומען מיט מיין ברודער האט ער מיך אויך א צי געטאן צו זיך, אונדז געהאלטן צוגעטוליעט, געוויינט און געמורמלט.

— מיין ברודער מענדלס קינדער, מיין ברודער מענדלס קינדער — ס׳גלייבט זיך מיר קוים.

מיין פעטער האט ארויסגענומען א קלייד פאר מיר פון זיין רענצל, און זיך פארענטפערט פאר ארקען: ווייל דיר האב איך ניט אנגעהויבן וויסן. "ס׳מאכט ניט אויס", האבן מירביידע געענטפערט מיט אמאל.

מיט דעם קליידל האט ער צוגעטראפן ווי ער וואלט האבן געגנומען א מארע פון מיר. דערנאך האט ער אנגעהויבן ציען סטענגעס. א בייטל א לעדערנעם, זיירענע זאכן, אפילו א פאראסאל.

גיי שוין, האט ער מיך געבעטן, טו אן דאס קליידל, איך וויל זעען ווי שיין ס׳ליגט אויף דיר.

ארויסקומענדיק האט ער מיך אויפסניי ארומגענומען און א זאג געטאן: אזא יאר אויף מיר ווי דו זעסט אויס. קענסט דאך געווינען "א ביוטי קאנטעסט".

ער האט א פלאן פאר מיר. איך דארף קומען צו אים קיין ניו־יארק און זיך אנהויבן לערנען. "ביסט נאך יונג גענוג".

איך בין שוין 17 יאר אלט זאג איך. חוץ דעם וויל איך ניט פארן אין ערגעץ אן ארקען. מיר זיינען געווען אפגעריסן איינע פון די אנדערע גאנצע 4 יאר.

ארקע האט זיך אנגערופן: לאמיר ניט באשליסן אויף דער הייסער מינוט. טראכט זיך דורך. מיר וועלן זיך נאך דורכריידן וועגן

דעם. מיר געפעלט דווקא דער פלאַן, זעצט פאַר מײַן שוויגנדיקער ברודער ווײַטער.

אויב דער פעטער וויל דיר אַרויסהעלפן טאָרסטו זיך ניט אָפּזאָגן פון דער געלעגנהייט, מיט דער צייט וועסטו דאָך אַרבעטן און פאַרדינען, וועסטו קענען באַדאַנקען דעם פעטער און אפילו אָפּצאָלן פאַר דער מעגלעכקייט וואָס ער גיט דיר איצט.

דער פעטער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף מײַן ברודערס אַקסל און אַ זאָג געטאָן: „ער רעדט דאָך ווי אַ פּאַלנער מענטש — אוי מענדל, מענדל ביסט דאָך אַ גרויסער עושר, צו האָבן אַזעלכע קינדער ווי דײַנע דאַרף מען זײַן אַ בעל־זכות".

בײַ די שעכטערס איז אונדז געווען זייער היימיש. זיי האָבן אויפגענומען מײַן פעטער מיט אָפענע אַרעמס, פון אונדז איז אָפּגערעדט.

נו מיר וועלן שוין ריידן בײַם עסן אַלע זײַנען שוין אוודאי הונגעריק, זאָגט פרוי שעכטער און רופט מיך — איטע קום וועסטו מיר צוהעלפן — איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז ס'גייט אָן אַ קאָנספּיראַציע ווײַל זי לאָזט מיך קיינמאָל נישט העלפן איר. ס'איז נישט געווען שווער זיך אָנצושטויסן אַז דאָ האָבן די שעכטערס אויפסנײַ אַרויסגעצויגן די סדרה אַטאַווע. אַבי כ'האָב געמיינט אַז ס'וועט מער ניט זײַן קיין רייד וועגן דעם. די שעכטערס לאָזן ניט אָפּ, זיי אַרבעטן אויף אַלע כלים. איצט ווילן זיי אַז מײַן פעטער און מײַן ברודער זאָלן אויף מיר ווירקן. דער אָוונט איז מיר פאַרשטערט געוואָרן.

ס'האָט מיך פאַרדראָסן פאַר וואָס די שעכטערס באַשטייען אויף זייערס, בײַ זיך האָב איך געטראַכט אַז איך וועל זיך ניט לאָזן פאַרשלייערן.

ס'ווערט שפּעט — זאָגט מײַן פעטער. מאָרגן וועלן מיר גיין צו אַ פאָטאָגראַפער זיך פאָטאָגראַפירן. גאָר אַ גוטער אײַנפאַל צו שיקן אַ בילד צו אײַער ברודער; איר וועט אים מחיה זײַן. די שעכטערס

האבן פאַרבעטן מײַן פעטער צו נעבעטיקן בײַ זיי. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט — איך וויל זײַן מיט די קינדער. — מיר האָבן זיך געזעגנט און אַהיים געגאַנגען.

אויף מאָרגן האָט מײַן פעטער אונדז גענומען צו "דעם בעסטן פאָטאָגראַף אין מאָנטרעאָל" — ס'איז זונטיק, איך אַרבעט ניט, אַרקע האָט זיך באַפרײַט פון דער אַרבעט אויף צוויי שעה. מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט.

דער פעטער האָט פאָרגעשלאָגן אַרײַנצוגיין אין אַ קאַפע עפּעס איבערבײַסן און שמועסן. אַרקע האָט אָבער געמוזט צוריקגיין צו זײַן אַרבעט. זיצן מיר און רעדן פאַר דעם נעבעטיקן שמועס. דאָס הייסט, דער פעטער דערציילט וועגן זיך, איך בין מלא־אויערן. כ'האָב דיר געזאָגט נעבכטן, אַז קעגן דעם ווערמען מ'פילט זיך שולדיק פון דעם אַנטלויפט מען. איך בין זיך מתוודה פאַר דיר, אַז איך פיל זיך זייער שולדיק פאַר חייקען. מײַן אייגן בלוט און פלייש, זי איז שוין אַ שטיק צײַט אין אַמעריקע און איך האָב זי נאָך ניט געזען.

פאַרוואָס, ווילסו מיך פרעגן — איך ווייס אַליין ניט. איך פיל אַז איך קען זי ניט זען.

געקומען איז זי צו איר מוטער. זי קלײַבט זיך אײַנגיכן חתונה האָבן פאַר אַ יונגן אַלמן מיט צוויי קינדער. מער ווייס איך גאָר ניט וועגן איר. נו און די "טאַנטע" מיט בויטעלען? פרעג איך.

אויך דאָ איז ניט געגאַנגען גלאַטיק. ווי כ'האָב דיר שוין דערציילט האָב איך זיי געשיקט מיט דער כוונה צו איבערצײַגן מײַנע עלטערן אַז איך בין ניט מער דער בראַדיאַגע וואָס איך בין געווען לויט זייער קוק.

נאָר איך בין גאָר ניט אַזוי זיכער איצטער אַז זיי, די באָבע מיטן זיידן, זײַנען אומגערעכט. איך בין זייער אַן אומרויקער מענטש. ס'איז מיר שווער זיך צו האַלטן אין די אָנגענומענע ראַמען. שרהן האָב איך ליב געהאַט און האָב זי ליב עדיין ווי דאָס לעבן. פונעם קינד איז דאָך אָפּגערעדט. זי איז שוין אַ גרויסע, שוין דאָס צוועלפטע יאָר.

ניט געקוקט אויף דער איבערגעגעבנקייט צו דער פאמיליע פלעג איך פארבלאנדזשען אין פרעמדע גערטנער פון צייט צו צייט. שרהן האב איך ווי געטאן פארשטייט זיך אבער דאס איז מיין פארשאלטענע נאטור.

ווייזט אויס אז א חשבון ווערט יא ערגעץ געפירט, און מ׳צאלט על אחת אחת: אהיימקומענדיק פון אייראפע האט זיך דיין טאנטע באקענט אויף דער שיף מיט א מענטשן און זיי האבן זיך איינגעליבט איינער אין אנדערן.

זייערע באגעגענישן טוען מיר זייער ווי, אבער וואס פאר א פתחון פה האב איך צו זאגן עפעס?

דער פעטער האט זיך מיט אמאל א הייב געטאן: דו ביסט א מבין איטעלע ווי מיין צונג האט זיך מיר צעבונדן. ווי איך האב זיך פאר דיר צעראסטעטע? כ׳האב נאך פאר קיינעם ניט גערעדט אזוי אפן, און ס׳טוט מיר לחלוטין ניט באנג. איך האב צו דיר פולשטענדיק צוטרוי.

אבער פון איצט און ווייטער וועלן מיר מער וועגן מיר ניט ריידן. דו און ארקעלע דארפן מיר אלץ דערציילן וועגן זיך אליין, וועגן דער משפחה, די שכנים, וועגן דעם גאנצן שטעטל. מער ניט וועגן מיר.

גוט, נאר ס׳זאל אייך ניט באנג טאן וואס איר האט זיך מיר פארטרויט. ביי מיר וועט עס בלייבן — האב איך געזאגט.

איך גלויב דיר, האט דער פעטער א שאקל געטאן מיטן קאפ מיט אזא ווארעמען ליבן שמייכל אז איך וועל דאס קיינמאל ניט פארגעסן.

מיר גייען שוין אהיים. אויפן וועג שטעלן מיר זיך אפ אין דער שפייז קראם ווו ארקע ארבעט. ארקע איז ניט געווען, די בעלי בתים זיינע זיינען געווען טרוד מיט די קונים. שטייען מיר אין א זייט אוןווארטן.

ווען ס׳וועט שיטערער ווערן וועלן זיי זיך באקענען מיט אונדזער פעטער.

ווי נאר מר. אבראמסאן האט אונדז דערזען האט ער א געשריי געטאָ: בעטי, זע נאר וואָס פאר געסט מיר האָבן, דאס מוז דאָך זיין מר. פאסמאַן, ארלס פעטער (פון ארקע איז געוואָרן ארל). אויך מיינער, מיש איך זיך אריין, אלע צעלאכן זיך. אוודאי אויך אייערער איטע, מ׳באַקענט זיך, גיט זיך אפּ שלום און זיי פארבעטן אונדז אויף וועטשערע. מיר נעמען ניט אָן, איך האָב אנדערע פלענער, זאל נאָר ארקע קומען און זאל ער נאר קענען אוועקגיין באַציִיטנס.

מר. אבראַמסאַן באַדינט זיינע קונהטעס און רעדט איינצייטיק וועגן ארלען וואָס פאר א טייער יינגל ער איז, ווי אלע האָבן אים ליב. די פרוי וואָס ווערט באַדינט כאַפּט אונטער — ס׳איז אַן ארל, ס׳איז א שטיק גאָלד! אויף אלע גוטע יידישע טעבטער אזעלכע זינדעלעך.

אמת, האָט צוגעגעבן פרוי אבראַמסאַן, מיר האָבן אים ליב ווי אַן אייגן קינד. אָט איז ער טאַקע דאָ אויפן אמת.

מיר זיינען אוועק צו ראַגאַטקען. הנאה געהאַט פון די מאכלים, הנאה געהאַט איינער פון אנדערן, א מחיהדיקער אָוונט.

איך טראַכט בײַ זיך אַז איך וואָלט זייער געוואָלט באַקענען אונדזער פעטער מיט מיינע פאַר פריינד. מיט מאַניען און מיט רחל איינזנבערג. זאָל ער זען אַז מיר זיינען נישט עלנט מער.

נו, וועלן מיר זיך באַמיען אויסצונוצן דעם מאָרגעדיקן טאָג, דער עיקר זיין שפּאַרעוודיק מיט דער צייט. כעת מיינע צוויי מענער ריידן צווישן זיך, טויכט אויף דאָס בילד אין מיין זכרון ווי איך שטיי אויפן וואָקזאַל א צעשראָקענע א פאַרלוירענע, ערשט פאַריאָרן. איצט איז מיר אַזוי גוט, אַז בעסער קען ניט זיין!

# פּעטער נפֿתּלי

ס'האָבן זיך אָנגעקליבן אַ צאָל פֿראַגעס וואָס איך וויל נאָך פֿרעגן מײַן פּעטער אָבער באַשלאָסן האָב איך ניט פֿרעגן אים מער, ס'וועלן זיך ווידער אויפֿמישן געשעעניש, איבערדלעבונגען וועלכע פֿאַרשאַפֿן אים עגמת נפש און חרטה, איז גלײַכער ניט פֿרעגן.

אַרקע איז געבליבן נעכטיקן בײַ די אַבראַמסאָנס. די שיפּס זײַנען גרייט געווען אַרײַנצונעמען די קינדער צו זיך אין שלאָפֿצימער און אָפּגעבן דאָס צימער פֿאַר אונדזער פּעטער, אָבער ס'איז ניט געקומען דערצו. זיי האָבן אַלעמען אויפֿגענומען מיט טיי און געבעקס און אויך זיי האָבן אונדז געלויבט אין טאָג אַרײַן.

דער פּעטער האָט זייער הנאה געהאַט פֿון די לויב־געזאַנגען אויף אונדזער אַדרעס און געלאַזט וויסן אַז ער איז שטאָלץ, זייער שטאָלץ מיט אונדז.

אַרקען און מיך האָט דאָס שירה זינגען געשטעלט אַ ביסל אין אַ פֿאַרלעגנהייט. אָבער דער פּעטער האָט אָנגעקוואַלן.

דער מאָרגנדיקער טאָג איז אַנטרונען געוואָרן איידער וואָס ווען. די אַבראַמסאָנס האָבן באַפֿרײַט אַרקען פֿאַרן גאַנצן טאָג. זײַנען מיר אַלע דרײַ אַוועק צו "האַרנס", דאָס איז דער רעסטאָראַן ווו אַרבעטער און סתּם פֿאַרבײַגייער לאָזן זיך דאָ וווילגיין און מ'עסט אַ דייניש (שטיקל געבעקס) מיט קאַווע פֿאַר 15 סענט אַז דער רעסטאָראַן איז ניט באַזעצט אינגאַנצן קענסטו זיצן ווי לאַנג דו ווילסט. היות דער רעסטאָראַן איז אויף "מײַן סטריט" אין סאַמע האַרץ פֿון דעם ייִדישן געדיכט באַזעצטן געגנט טרעפֿסטו דאָ באַקאַנטע וואָס פֿאַרדינען שוין אַ ביסל מער און קענען זיך פֿאַרגינען ניט נאָר קאַווע מיט קוכן, נאָר אַ גאַנצן מאָלצײַט. אַפֿילו פֿאַר

35 סענט זיצסטו בײַם פֿענצטער קענסטו דערוואַרטן אַ באַגריסונג פֿון אַ היימישן פֿאַרבײַגייער. מיט איין וואָרט האַרנס איז נישט סתּם אַ קאַפֿע־הויז, נאָר בפֿירוש אַן אינסטיטוציע.

כּשכנות מיט האַרנס געפֿינט זיך (די איינציקע לויט מײַן חשבון) ייִדישע טעגלעכע צײַטונג אין קאַנאַדע ״דער קאַנאַדער אַדלער״.

העכער זײַנען מיר שוין געווען בײַ ראַגאַטקען, נידעריקער געפֿינט זיך ״לאַזאַר״, אַ מוכר־ספֿרימניק. זײַן ביבער־געשעפֿט איז אַ שם דבר. ס׳האָט מיך זייער געחידושט ווי אַזוי קען ער באַלד געפֿינען דאָס בוך אויף וועלכן דער קונה פֿרעגט זיך נאָך, פֿון צווישן אַזאַ ים מיט ביכער.

נאָך נידעריקער, ייִדישע קראָמען, קליידער געשעפֿטן, קצבים, און אַ פֿיש־מאַרק.

מיט איין וואָרט דאָ שוויבלט און גריבלט מיט מענטשן.

הײַנט, זונטיק אין דער פֿרי, איז נאָך דער רעסטאָראַן כּמעט ליידיק. די קונים, בדרך כּלל יונגע מענטשן, שלאָפֿן שפּעטער אין טאָג פֿון רו.

זיצן מיר אין דרײַען און האָבן געוואָלדיק הנאה איינער פֿון אַנדערן, פֿון דעם זוניקן טאָג, פֿון דעם געשמאַקן קובן. מיט איין וואָרט ס׳איז מיר גוט ווי די וועלט.

לאַנג האַלט עס ניט אָן. דײַן פֿעטער קומט אַרויס מיט לשון: איטעלע, ס׳איז מיר ניט זייער צום האַרצן צו ריידן וועגן דעם, אָבער איך ווייס אַז ס׳איז די איינציקע געלעגנהייט, וועל איך דיר זאָגן מײַן מיינונג און דו וועסט האַנדלען ווי דו פֿאַרשטייסט.

די עלטערן פֿונעם בחור האָבן שוין צוויי מאָל די וואָך אַרויסגערופֿן מר. שעכטערן צום טעלעפֿאָן. געבעטן זיי, די שעכטערס, צו ריידן צו מיר אַז זיי דערוואַרטן גאָר ניט אַז איר זאָלט באַלד חתונה האָבן.

זיי ווילן דיך אַרויסנעמען פֿון שאַפּ. שיקן לערנען, זיך אײַנלעבן מיט דער משפּחה. אַרויסנעמען דײַן פֿאַמיליע, און דער עיקר איז אַז דער בחור וועט דיר געפֿעלן.

אמת? אמת זאָג איך. אָבער פּעטער, נאָך דעם וואָס איר האָט מיר דערציילט וועגן זיך, פֿאַרשטיי איך גאָר ניט ווי איר קענט מיך צווייִדן צו אַזאַ זאַך.

פֿאַרשטייסט, איך רייד דיך ניט צו, איך וויל נאָר זאָלסט זיך ניט אָפּוואַרפֿן פֿון אים. ער קלײַבט זיך קומען דיך זען, ער ווייסט ניט אַז זײַנע עלטערן דעראַרבעטן מעשים. טאָ נעם אים אויף און פֿאַרברענג מיט אים. דו זאָגסט דאָך אים גאָרנישט צו. אפֿשר וועסטו זיך פֿאַרליבן אין אים?

לויט מ. שעכטערן האָט הערשלס פֿאָטער געזאָגט אַז ער, הערשל, האָט זיך אײַנגעליבט אין מיר מיטן ערשטן בליק ווי יעקב אין רחלען.

אָבער ניט בײַ אַלעמען געשעט עס דווקא אַזוי.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום מ׳גיל אוניווערסיטעט, באַזוכט אַלע בנינים, די ביבליאָטעק, אָפּטיילן פֿון די וויסנשאַפֿטן, אַרומגעגאַנגען איבערן קאַמפּוס. פֿון דאָרט זײַנען מיר אַוועק אויף דער הויפּט גאַס פֿון די וויקטאָריאַ קראַמען. ס׳האָט אויפֿן פּעטער געמאַכט אַ רושם.

אין אַ דעליקאַטעסן גאָס זײַנען מיר אַרײַן אין ייִדישן רעסטאָראַן און דער פּעטער האָט באַשטעלט ווײַן. מיר האָבן זיך געמאַכט יום־טובֿ.

אַרויסגייענדיק פֿון רעסטאָראַן האָט דער פּעטער געבעטן אים ווײַזן דאָס אָרט וווּ איך אַרבעט. מיר זײַנען צוריק אַרויף אויף סט. קעטהרין גאַס, די צום מערסטן פֿאַרפּוצטע גאַס. צוגעגאַנגען צום בנין וווּ איך אַרבעט. אינעווייניק האָט מען ניט געקענט אַרײַן, זונטיק איז אַלץ אָפּגעשטעלט און אָפּגעשלאָסן.

ווען איר וועט נאָך אַמאָל קומען צו אונדז וועלן מיר אײַך נעמען אין אַ גאָר אַנדערן ייִדישן געגנט. מיר ווילן אײַך נעמען קיין וועסטמאַונט. דאָרטן וווינען די אײַנגעזעסענע, די אמתע לאַנגיאָריקע קאַנאַדער ייִדישע תּושבֿים, מערסטע אָפּשטאַמיקע פֿון דײַטשלאַנד, וויער לשון איז ענגליש.

פראפעסיאנאלן, אקאדעמיקער אדער גרויסע געשעפטלייט. אין אונדזער עמיגראנטישן יידיש־ריידנדיקן געגנט וועסטו זיי ניט באגעגענען.

אבער זיי העלפן ארויס. שאפן אינסטיטוציעס ווו ארעמע (בדרך כלל אונדזערע יידן) מענטשן קענען זיך ווענדן נאך ראט און טאט. זיי האבן זייער שול, א רעפארמיטע שול מיט גאר אן אנדער נוסח פון אונדזערן.

מיט איין ווארט זיי קוקן פון אויוון אראפ אויף יידן פון אונדזערע קאנטן, האלטן אונדז פאר פרימיטיווע, אפגעשטאנענע, און גלייבן אז מיט דער צייט וועלן מיר ווערן מיט מענטשן גלייך.

ווי אזוי ווייסטו דאס אלץ? פרעגט דער פעטער. איך מוז מודה זיין, אז איך אליין האב נאך "וועסטמאונט" ניט געזען. איך לייען דעם "קענעדער אדלער" יעדן טאג. די צייטונג שרייבט פון צייט צו צייט אויך וועגן פארשידענע עדות, פארשיידענע שטראמען אין יידישן לעבן.

דער פעטער און אויך מיין שוויגנדיקער ברודער זיינען געווען זייער צופרידן פונעם טור וואס מיר האבן געמאכט, מיר גייען שוין אהיים. וויל איידער וואס ווען דארפן מיר שוין פארן באגלייטן דעם פעטער. אהיים פארן מיר שוין מיטן טראמווי. מיין ברודער שלאגט פאר מיר זאלן עפעס איבערכאפן ביי "הארנס", וועלן מיר זיך אויך א ביסל אפרוען פונעם טאג ארומשפאנען, די פיס בעטן זיך ממש א ביסל רו.

אפגעגעסן גייען מיר אהיים. מ'פארהאלט זיך ביי די שעכטערס. דער פעטער געזעגנט זיך און מיר לאזן זיך גיין. מ. שעכטער וויל פארהאלטן דעם פעטער אבער ער זאגט אים אז: איך וועל אייך שרייבן, באדאנקען פאר אייער גאסטפריינטלעכקייט. און מיר זיינען ארויס.

פארבייגייענדיק די אבראמסאנס האבן מיר זיך אויך אפגעשטעלט. דער פעטער האט זיך געזעגנט מיט זיי און מיר זיינען שוין ביי דער טיר שרייט נאך מר אבראמסאן: א דאנק פארן

אריינקומען מר. פאסמאן, איך ווינטש אלע גוטע פעטערס אזעלכע טייערער פלימעניקעס.

דער פעטער האט געדאנקט, זיך צעשמייכלט און א זאג געטאן — איר הערט קינדער? איר האט מיר צוגעטיילט א סך נחת און כבוד.

מיר האבן זיך שוין געדארפט אונטערריאגן. ביי די שיפס בעת דער פעטער האט זיך געפארעט מיט זיין רענצל האט די מרס. שיף מיט דער הילף פון איר מאן אוועקגעשטעלט טיי מיט צובייסן אויפן טיש. מיר האבן אויף גיך אויסגעטרונקען, זיך געזעגנט און ארויס.

אויפן טראמוויי איז דער פעטער געווארן זייער עמאציאנעל, ער האט אפילו ניט געקענט זיך אפהאלטן פון לאזן א טרער.

געהאלטן אונדזערע הענט און געבעטן ביי אונדז אים צו שרייבן אפט.

איך וויל ניט איבערחזרן אז דו איטעלע זאלסט קומען קיין ניו יארק זעענדיק ווי נאענט איר זייט, ווי איר דארפט זיך איינע דעם אנדערן, טאר מען אייך ניט צעטיילן.

איך וועל זיך באמיען קומען אייך זעען אפילו נאר אויף א טאג־צוויי. איר זאלט מיר שרייבן אפט. איך וועל אוודאי שרייבן. אויך צו אייער טאטן. זאל ער וויסן ווי אלע האבן אייך ליב, זאל ער שעפן נחת דערוייל פון דער ווייטנס. מיר וועלן האפן אז אינגיכן זאלן מיר אלע זיין אינאיינעם.

אנגעקומען צו דער באן זיינען דא נאך 15 מינוט איידער די באן איז אפגעגאן.

ראס געזעגענען זיך איז געווען זייער פיינלעך. דער פעטער האט זיך גאר ניט געקענט אפרייסן פון אונדז. ער איז צו צום פענצטער געפאכעט מיט דער האנט. די באן איז אוועק, מיר האבן זיך ניט גערירט פון ארט, דערפילט זיך אויפסניי פאריתומט.

# סוף דבר

ארעם שטעטעלע מײַנס. ס׳וויינט אין מיר יעדעס פארטרערט אויג פון דײַנע תּושבים. ס׳ווייטיקט אין מיר יערעס צעווייטיקט הארץ פון די באבע אסתּרס, מומע זעלדעס, פעטער מאטלס. און אוי, ווי ס׳שטיקט און ווארגט דאס פארשטיקטע בליפען פון אונדזערע קליינע, צארטע ברכהלעך, וועלוועלעך, יאנקעלעך און שרהלעך.

ווו נעמט מען אזא שופר וואס זאל פון העכסטן בארג דײַנעם ארויסשאלן דײַן צער און צארן. זײַן שאלן זאל זיך צעטראגן איבער אלע עקן פון דער טעמפער וועלט. אן אנקלאג ווערן אויף אלע דורות. אן אנקלאג אויף איר שפלות, אויף איר אכזריות.

אבער שטעטעלע דו מײַנס, נאר די גאר ערשטע יארן מײַנע איז מיר באשערט געווען אין דײַנע דל״ד אמות צו זײַן, דערנאך האב איך דיך שוין מער קיין מאל נישט געזען. אוודאי זע איך דיך, אבער נאר אין חלומות. איך טראג דיך טיף אין הארץ, אין מײַן געמיט. אט שטייסטו איצט א לעבעדיקע פאר מײַנע אויגן. א צעבליטע אין די זומערס, א פארשנייטע, אן אײַנגעגליווערטע אין די ווינטערס. איך הער דאס רוישן פון דײַנע ארומיקע וועלדער אין די זומערס, און פיל דעם אומעט און דעם עלנט פון דײַנע ווינטערס. אוי ווי קלאר, ווי בולט דו שטייסט מיר פאר די אויגן. איך פיל ממש דעם אטעם, דעם ריח פון דײַן ווייכן שמעקעדיקן באדן. כ׳האב אבער הײַנט נישט מער ווי נאר מײַנע דרײַצן קינדערישע יארן, שטעטעלע מײַנס. וועל איך זיך אײַנגראבן אין זיי, אויפדעקן און ארויסבאקומען יעדן מינדסטן רושם וואס דו האסט פארט אײַנגעקריצט. זאל דאס באטש זײַן א מצבֿה דיר מײַן שטעטעלע, דײַנע תּושבים. פון אײַער אײנציקע פארבליבענער, איטע טאוב.

## פ. נ.

הונדערטער יארן האט דא געלעבט אן עדה פראסטע תמימותדיקע יידן, מיט זארג און מיט דאגות אבער אויך נישט אן פרייד און אן האפענונג, ביז די פארשאלטענע האנט פון דעם ימח שמו האט זיך אויף זיי אראפגעלאזט, אויף אנשים, נשים וטף, זיי פארטיליקט און אויסגעריסן מיטןווארצל.

א קללה, אן אייביקע קללה אויף די פארראארבערס. דיין זכר, מיין ליב שטעטעלע סטירעניצע, זאל זיין געבענטשט לעולם ועד.

# אינהאַלט


סטודעניצע, מײַן קלײַן,
ארעם שטעטעלע ... 3
די שריפה ... 4
די שארפע נעגל ... 8
א פארשטעטער פסח ... 11
מײַן זיידע יאסל פאסמאן ... 18
די חלוקה ... 24
בײַ מײַן זיידן יאסל ... 32
פאקן־מגפה ... 38
קבר־אבות ... 42
ווײַס ליים ... 46
איך קלײַב פלוימען ... 54
ערב מלחמה ... 60
מלחמה ... 64
דער מומע מרימס משפחה ... 69
רעוואלוציע מאניפעסטאציעס ... 73
מײַן מומע זעלדע ... 78
קלאסן צעטײַלונג ... 82
באבע אסתר די שדכנטע ... 86
אונדזער שטיפמאמע ... 91
מומע חיה ... 96
אסתר המלכה ... 101
מיר ציִען זיך איבער צום זיידן ... 106
קאשע בשותפות מיט דער
רויטער ארמיי ... 110
בזיעת אפיך תאכל לחם ... 117
דאס קנייטן ליים ... 121
א בשורה ... 126
וויכוח ... 131
קללות ... 135
צוויי בײַנגעלעך ... 139
שטאפעטן ... 143
דער סוד ... 148
גרענעץ ... 154
בײַ דער מומע עניע אין בריטשאן ... 159
אסתרל ... 164
ועק ... 169
א נײַע מלאכה ... 174
דאס זיסע און דאס ביטערע –
עסק ביש ... 178
דער אומגליק ... 182
נאכן אומגליק ... 186
א דינסט בײַ די ברענערס ... 190
א נס!... א סוד ... 194
רודיע עסלע ... 198
רודיע עסלס נומער צוויי ... 202
ר׳ אברהם ... 205
דער קאנווערט ... 210
ר׳ שלמה דער ישובניק
און זײַן ווײַב חיה פײַגע ... 215
מיר פארן שוין ... 220
אויפן וועג צו דער מומע
מרימען ... 225
איבערגעכאפטער אטעם ... 231
אנגסט ... 238
בײַ די לעבטמאנס אין טשערנאוויץ ... 242
באגעגעניש בײַ בערקאוויטשן ... 245
ארקע קויפמאן ... 249
ר׳ הערש מירצעס (אונדזער
סטאראסטע) ... 253
שוין נאך אמאל א דינסט־מיידל ... 257
די קופערמאנס פארן אויך אוועק ... 263
די אמעריקאנקע ... 268
די מאשלאמס ... 275
מע פארט ... 280
אין קאנאדע ... 286
יאסעלע ראזנבלאט ... 290
חנה ... 297
פאר זיך, ארויס פון די שעבטערס ... 303
ארקע איז שוין דא ... 309
בײַ די שעבטערס ... 314
דאס באגעגענען דעם פעטער ... 319
דער פעטער עפנט זײַן הארץ
פאר מיר ... 324
פעטער נפתלי ... 329
סוף דבר ... 334